STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00468

www.libtool.com.cn

# MAYN SHTETELE SLOVESHNE

Itzik Kipnis

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Eric Newman*
*in memory of*
*May Gepner*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

www.libtool.com.cn

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

איציק קיפּניס

# מײַן שטעטעלע סלאָװעשנע

באַנד אײנס

## קינדער־יאָרן

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל

תל־אביב תשל״א 1971

ITZIK KIPNIS

MAIN SHTETELE SLOVESHNE

VOLUME ONE — KINDER-YORN

www.libtool.com.cn

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby St. Tel Aviv

איציק קיפּניס / מיין שטעטעלע סלאָוועשנע
באַנד איינס, קינדער־יאָרן
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

©

Printed in Israel 1971

נדפס בישראל תשל״א

דפוס „אור״ בע״מ, תל־אביב, שדרות הר־ציון 104, טל. 822481

www.libtool.com.cn

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף
פון חוה שורעק — צו פאַראייביקן דעם
אָנדענק פון איר מאַן

**ישראל שורעק ז״ל** (שטאַמט פון קאַליש)

דעם געזעלשאַפטלעכן טוער און בויער פון
סאָציאַלע און קולטור־אינסטיטוציעס.

www.libtool.com.cn

דאָס בוך איז געווען געדרוקט אין המשכים אין „פאָלקסשטימע“, וואַרשע

מפי עוללים ויונקים
יסדת עז

(תהילים ח' ג')

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# איציק קיפּניס

...איך האָב ליב מענטשן, מענטשיכעס און קינדער... איך האָב ליב אַ שטוב... איך האָב ליב די אינעווייניקסטע וואַרעמקייט, וואָס גיט זיך איבער פון מענטשן צו זאַכן, פון זאַכן צו מענטשן... איך האָב ליב...[1].

אַזוי רופט אויס קיפּניס **אין זיך**, בשעת ער שפּאַנט איבער גאַסן און געסלעך אין דער ריכטונג צום יידישן בית־עולם. היינטער דער חרובער שטאָט קיעוו. עס איז ביים סוף פונעם צווייטן וועלט־קריג. גלייך נאָכן צוריקקער פון דער עוואַקואַציע. זייערע הייזער אין קיעוו האָבן די צוריקגעקומענע געפונען אויסגעקילטע, אויסגעליידיקטע. מיט אויסגעזעצטע שויבן און איבערגעדרייטע שלעסער פון די טירן... און זיי אַליין זענען געווען פול מיטביילן. אינעווייניקסטע און אויסערלעכע...

...בעצם, איז דער קורצער צעטל פון אויבן בלויז אַ מיליע־מיליאַסן טייל דערפון, וואָס איציק קיפּניס האָט ליב. טאָמער וויל עמעצער וויסן: וואָס און וועמען, וויפל און ווי אַזוי קיפּניס האָט ליב, וועט דער עמעצער דאַרפן איבערלייענען אַלץ, וואָס איציק קיפּניס האָט ווען־עס־איז געשריבן. און... און עס וועט זיין נישט גענוג!

נו, און דער סוף? נישטאָ קיין סוף. כמעט אין אַלע זיינע שאַפונגען, אין די ערשטע און לעצטע, אין די יאָ־ און נישט־געדרוקטע, — קומט פאַר דאָס זעלבע: קוים כאַפּט קיפּניס איבער זיין דערציילערישן אָטעם, רייסט זיך ביי אים אַרויס אַ שפּאָגל נייער, פרישער, זאַפטיקער: „איך האָב ליב!"...

עס האָט זיך זייער געגלוסט אָנהייבן די רייד וועגן איציק קיפּניס מיט זיין צויבערשפּרוך „איך האָב ליב!". האָבן די רייד

---

[1] פון י. קיפּניסעס דערציילונג „ווען־ניט־ווען", אָפּגעדרוקט אין בוך „צום לעבן". פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", מאָסקווע, 1969.

(פון די 16 דערציילונגען אינעם באַנד זענען 14 געשריבן אין די יאָרן 1924—1946. און די צוויי איבעריקע — אין 1957 און אין 1962 יאָר).

www.libtool.com.cn

ווען אים זיך אַזוי טאַקע אָנגעהויבן. איצט קאָן מען שוין איבערגיין צו קיפּניסעס **בראשית,** צו איציקס **חיים.** פון דאָרט קומען דאָך אַרויס די געזונטע סאָציאַל־מאָראַלישע יסודות פון איציקס פערזענלעכקייט; פון דאָרטן שטאַמט דאָך די צאַרטפּי־ליק־עמאָציאָנעלע אַטמאָספער פון קיפּניסעס שאַפונג.

און אויב שוין רעדן וועגן זיין היים, דאַרף מען פרווון איבער־דערציילן, ניט טרוקן חלילה, אַ קליין ביסל דערפון, וואָס קיפּניס דערציילט אין זיינע זכרונות. דער עיקר אין **„מיין שטעטעלע סלאָוועשנע"**[2], וואָס ברענגט אַרויס איציקלס פרי־יאָרן: פון דריי ביז בר־מצוה. און אין **„אונטערוועגנס"**[3], וואָס גיט צוויי תקופות אין איציקס פרי־דערוואַקסענעם לעבן: די ביטערע בהלה־טעג, בשעת דער רעוואָלוציע, אין די אוקראַינער יידישע שטעטלעך; און קיפּניסעס ערשטע שרייבערישע טריט אין קיעוו. זיכער, וועלן דערצו זיך אַסאָציאַטיוו אָנקייטלען נאָך און נאָך טיף־אייגענע, איינגעהיימישטע מאָמענטן פון איציקס יונג־לעבן, וואָס זענען, דאָ און דאָרט, אָרגאַניש אַריינגעוועבט אין כמעט אַלע קיפּניסעס ווערק.

ובכן — איציק קיפּניס איז געבוירן דעם 12טן דעצעמבער 1896, אינעם שטעטל סלאָוועשנע.

„אונדזער שטעטל צוזאַמען מיט סטאַרבעני און מיט סענדעריווקע, — **אַזוי דערציילט קיפּניס אינעם קאַפּיטל איינס פון „אונטער־וועגנס",** — זענען דריי לייבלעכע שוועסטער. אַלע דריי זענען זיי טעכטער פון קראַסנער אויעזד. אַלע דריי שטייען שוין נעענטער צו פּאָלעסיע, ווי צו וואָלין. בעסער געזאָגט — זיי זענען שוין כמעט אַליין פּאָלעסיע".

די הויפּט מלאכה אין סלאָוועשנע איז געווען גאַרבעריי.

---

[2] „מיין שטעטעלע סלאָוועשנע" — **געדרוקט אין פאָרזעצונגען אין דער וואַר־שעווער „פּאָלקס שטימע" (אין די יאָרן 1959, 1960).**

[3] „אונטערוועגנס און אַנדערע דערציילונגען". **איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1960, ז' 352.**

www.libtool.com.cn

אויך איציק האָט אַן אַכט יאָר אָפּגעאַרבעט אין עטלעכע גאַר־באַרניעס. ביי זיין פאָטער **נחום קיפּניס,** וואָס איז געווען אַ גאַר־בער בן גאַרבער, און ביי אַנדערע. אינעם אייגענעם און אין די שכנותדיקע שטעטלעך.

נחום קיפּניס, אַ מייסטער אין זיין פאַך, — איז געווען אַ האָרעפּאַשניק מיט יענע פּאָר קלוגע הענט, וואָס ווייסן ווי צו ביישטיין דעם מענטשן אין די גרעסטע נויטן. **דערצו איז ער** געווען געבענטשט מיט אַ מוזיקאַלישן און אויך מיט אַן עסטעטישן חוש. ער האָט ליב געהאַט, אין אַ שבת צו נאַכטס, אויס־שפּילן אויף זיין פידל דעם „המבדיל בין קודש לחול". און ער האָט מקפּיד געווען אויף זיין אויסערלעכן לבוש. אַ ייד אַ משכיל, האָט ער שטרענג אָפּגעהיט יידישקייט. ער האָט אַלץ געטאָן, כדי איציק, דער בכור צווישן זיינע פינף קינדער, זאָל זיין אַ געלערנ־טער מענטש, אַ גוטער ייד ; אַ גוטער אַרבעטער ; אַ געטרייער ברודער און זון. האָט ער ביז דער בר־מצוה געשיקט איציקן אין חדר. געהאַלטן פאַר אים פּריוואַטע לערער. און געקנעלט מיט אים, אַליין, די תורה פון גאַרבעריי. ער האָט איציקן פון קינד־ווייז אָן אומעטום מיטגענומען. אין קלויז, אויף אַ שמחה, אויף אַ יאַריד. אַ קליין ייִנגל נאָך, איז איציק שוין אַרומגעגאַנגען אין דעם טאַטנס אַ שליחות פאַר דער גאַרבאַרניע. און פאַרשטייט זיך, אַרויסגעהאָלפן דער מאַמען אין דער שטובאַרבעט. און אויך געזאָרגט פאַר די קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך. מיט איין וואָרט : דער פאָטער האָט געוואָלט מאַכן זיין בכור „פאַר אַ מענטש" — צווישן מענטשן.

נחום קיפּניס האָט, זיכער, געהאַט דערביי די בעסטע כוונות, אָבער ערגעץ־ווו האָט ער איבערגעטריבן אין דער פאָטערשער שטרענגקייט ; ערגעץ־ווו איבערגעכאַפּט די מאָס אין דער אַרויפ־געצוווּנגענער אויטאָריטעטקייט. האָט זיך אין דעם זונס באַוואָ־רענישן קעגן פאָטער אַריינגעכאַפּט אַ מיקראָב פון פאַרדראָס און פון מורא.

www.libtool.com.cn

יאָ, די באַציונגען צווישן טאַטן און זון זענען קיין מאָל נישט געווען און נישט געקאָנט זיין גלאַטיק.

אין איציקס פרי־יינגלשע יאָרן פלעגט דער טאַטע זיין אין כעס, וואָס ער לויפט אַרום אַ גאַנצן שבתדיקן נאָכמיטאָג, ווי אַן איוואַנקע און נעמט נישט קיין יידיש וואָרט אין מויל אַריין. בשעת איציקל האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן ווי אַזוי נעמט מען עס אַ יידיש וואָרט אין מויל אַריין און ווי אַזוי איז עס אויפן טעם.

אמת, שלאָגן האָט אים דער טאַטע נישט געשלאָגן, נאָר דעם טאַטנס רייד האָבן אים געשטאָכן ווי שפילקעס. נאָך מער — דער טאַטע האָט אויף אים געקוקט עפּעס ערגער ווי אויף אַ פרעמדן.

אַ פשיטא שוין, מיט פיל, פיל יאָרן שפּעטער, ווען איציק האָט פאַרלאָזט דאָס משפחה־פאַך און זיך אַ שאַרפן קער־און־ווענד געטאָן פון דעם דורותדיקן איינגעפונדעוועטן סלאָוועשנער־יידישן לעבנס־שטייגער.

דעריבער בליצן ביי אים אַזוי ליכטיק אויף אין זכרון די זעלטענע מאָמענטן פון דער אויסגעבענקטער נאָענטקייט מיטן טאַטן :

...עס איז פרייטיק פאַר נאַכט. דער טאַטע מיטן גאָר קליי־נעם איציקל אויפן אַקסל, שווימט אַוועק ווייט ביים באָדן זיך איך טייך, נעבן דער מיל. זיי ווערן ביידע שיער נישט דערטרונקען. אין אַ סך יאָרן אַרום לעבט ביי קיפּניסן אויף יענע שעה פון סכנה, פונקט ווי דאָס וואָלט געשען ערשט נעכטן. דעם טאַטנס זיין אַליין מיט אים און מיט גאָט, אונטער דעם פאַרכטיק־אָנגע־דראָלענעם און אָנגעכמאַרעטן הימל. ערב אַ פּלוצענדיקן שטורעם. און דער עיקר — דאָס זיין אַזוי נאָענט. **„איינס לעם איינס, איינס אַנטקעגן איינס"...**

...אין אַ לאַנגער צייט אַרום. עס איז אַ חיי־שעה צווישן איין ווילדער באַנדע און אַ צווייטער, נאָך אַ ווילדערער. אין סלאָוועש־

www.libtool.com.cn

נע. געשיקט און בריהדיק, רופט דער טאַטע אַרויס, אויף דער־וויַיל, צוריק צו אַ פּראָוויזאָריש לעבן זייער וויסט־פּאַגראָמירטע היים. פול מיט קוואַליקן שאַפעריש פאָלקס־חיות, ציט ער אַריין אין דער אַרבעט אויך איציקן, זיין דערוואַקסענעם זון, וואָס איז פונעם פאָטער שוין לאַנג דערווייטערט און אָפּגעפרעמדט. קיפּניס האָט אויף שטענדיק וואַרעם פאַרגעדענקט, ווי לייכט און גוט עס איז געווען אויפן האַרצן צו באַקומען פונעם טאַטן אַזעלכע קלוגע און קאָנסטרוקטיווע אָנווייזונגען. און ווי שטאַרק עס האָט זיך אים דעמאָלט געגלוסט פשוט אויסקושן דעם טאַטן...

עס האָט זיך נישט איין מאָל געטראָפן, אַז איציק האָט באַ־וווּנדערט דעם טאַטן, וואָס איז אין זיינע אויגן געווען „אַרום און אַרום פול מיט אַ שיינעם, מאַנצבילשן חן". אָבער עס האָט אים געאַרט, וואָס דער טאַטע פאַרקוקט זיך אויף אַ שיינער, פרעמדער פרוי ; וואָס ער פאַרגינט זיך אַפילו אָנשרייען אויף דער מאַמען. אמת, עס איז אַלץ שטענדיק געבליבן ביי גאָרנישט. סיי־ווי האָט אים קיינער נישט אָפּגעענטפערט : סיי־ווי האָט זיך קיינער מיט אים נישט געקריגט אויף צוריק. און איציק האָט ביי זיך אין האַרצן געקלערט :

„גוט, כ'וועל אַ מאָל זיין אַ טאַטע, אָבער צי וועלן מיינע קינדער האָבן אַ ז אַ מאַמע ?"

„ליבקע — הייסט זי, די מאַמע מיינע, — **אַזוי שטעלט זי פאַר איציק פאָרן לייענער**, — און אַז די גאַנצע שטאָט האָט זי ליב, וויים איך !"

די מאַמע. זי רעדט ווייניק. דאָ און דאָרט בלויז אַ וואַרעם וואָרט. העכסטנס טוט זי אַ גלעט, אַ געטרייען, ביים קאָפּ פון אירס אַ קינד. און שוין.

אויך קיפּניס רעדט וועגן זיין מאַמע מיט געציילטע ווערטער. אָבער ער קוויקט זיך דערביי מיט אָט־די קורצע רייד זיינע, ווי מיט אַ מאַגישן עלעקסיר־געטראַנק. און אַזוי, צו ביסלעך, אומ־באַמערקט, וואַקסט אויס, אין דעם דערציילערישן גאַנג פון זיינע

www.libtool.com.cn

זכרונות, — אַ װוּנדערלעך־לויטערע געשטאַלט פון איציקס מאַמע, וואָס הייסט ליבקע[4].

...אָט קלײבן זײ זיך פּאָר פּרי, דער טאַטע מיט איציקן, אויפן גרויסן, ווייכטיקן דעסיאַטעכע יאַריד (אין װעלעדניק). די מאַמע איז צוגעשטילט. נאָר זי איז אומעטום מיט זײ און לעם זײ. זי ענטפערט עפּעס. זײער שטיל. נאָר װער ס'דאַרף הערן — הערט...

...די מאַמע האָט ליב שײנע געזונטע מענטשן. און פרײלעכ־קײט בײ מענטשן איז איר אויך זײער צום האַרצן. אָבער װי גוט איז זי צו קראַנקע, פּאַרקריפּלטע, אומעטיקע מענטשן, וואָס קומען אַרײן צו איר נאָך אַ נדבה פרײטיק נאָך מיטאָג! זי הערט זײ אויס, שטילערהײט, און העלפט זײ, נאָך שטילער. יעדן אײנציקן אויף אַ נישט געװײנלעכן, באַזונדערן אופן... זי פלעגט דאָך זעלטן מיטגײן אויף שמחות. סײדן אויף אַן אָרעמער חתונה, אויף אַן אָרעמען ברית...

יאָ, דער פרײטיקדיקער טאָג. העלפנדיק דער מאַמען, קוקט זיך איציקל צו, שעה אײן און שעה אויס, װי די מאַמע פירט אַרײן דעם שבת. די מאַמע, קײן עין־הרע, האָט אַ ברכה אין די הענט און האָט אַ ברכה אין דעם, וואָס זי טוט... די מאַמע... איר פּנים איז פאַרפלאַמט און איר האַרץ איז פול מיט שטילן נחת פון דעם, וואָס אַלץ גײט זיך, װי עס דאַרף צו זײן, ביז... ביז זי צינדט אָן ליכט צום בענטשן און סײ די מאַמע, סײ די שטוב זעען אויס פון אַן אַנדער צויבערװעלט...

ערשט אין יאָרן אַרום, האָט קיפּניס פאַרשטאַנען: פאַר דער מאַמען איז די ערב־שבתדיקע אַרבעט געװען װי פאַרן כהן די עבודה...

...װאָס איז דער טײטש פון „עטה אור כשלמה", — זאָגט

[4] דינע ליבקיס — איז דער ליטעראַרישער נאָמען פון דינקע, איציקס ייִנגערע שװעסטער, אַ ייִדישע דיכטערין.
אויך איציקן, װאָס האָט געהײסן אין שטעטל „איציק, נחום דעם האַרבערס", — האָט מען אָפּט גערופן „איציק ליבקעס".

www.libtool.com.cn

די מאַמע איציקן, און דער קליינער זון פּילט, ער שטויסט זיך אָן, וואָס עס ליגט אין דעם פרעגן. די מאַמע קוועלט פון דער שיינער שבת־זומערדיקער רו. פון דער גרינער פרישער שיינקייט אין דרויסן. איציקס שטוב שטייט דאָך אַ ביסל ווייטער און העכער פונעם שטעטל. זעט מען אַרויס פון זייער פענצטער אַ העל־בלויען הימל אַנטקעגן אַ גרויסער סאַמעטענער רחבות. אין וועלכער זייט מען טוט אַ קוק, איז דאָס ליכט פאַר דער גערוימער זומערדיקער וועלט, — ווי אַ פּרעכטיק קלייד...

...און אָט איז חנוכה. מען בענטשט דאָס ערשטע ליכטל. שטייט זי, די מאַמע אַ וואַרעם שווייגנדיקע, מיט אַ סך לויטערע געדאַנקען, וואָס לייכטן אַרויס פון איר בליק...

...און נאָך... און נאָך... וואָס שייך די מאַמע זיינע ליבקע, איז ווידער די זעלבע מעשה, ווי מיט קיפּניסעס : „איך האָב ליב״ ! וויפל מען זאָל נישט איבערדערציילן, וואָס קיפּניס דערציילט וועגן זיין מאַמע, — וועט זיין נישט גענוג...

...עס איז שוין נאָענט צו ימים־נוראים. און איציק דער־ציילט :

„דער מאַמען האָבן מיר געקויפט אַ נייעם מחזור. אַזוי ווי אַ גמרא די גרויס. נישט גראָב. נאָר דאָרט זענען דאָ אַלע תפילות. מיט גרויסע ווערטער און מיט עברי־טייטש פון אונטן. ס׳איז אַ צירונג נישט קיין מחזור״...

און אָט איז שוין יום־כיפור, נאָך נעילה. אויפן וועג אַהיים פונעם קלויז, דעריאָגט איציק די מאַמע :

— אַ גוט יאָר, מאַמעלע טייערע

אַ „גוט יאָר״ — זאָג איך און „מאַמעלע טייערע״ — פיל איך, ווען איך נעם ביי איר דעם גרויסן מחזור״.

און שוין. נישט מער. אָבער פון די צוויי נישט אַרויסגעזאָגטע ווערטער : „מאַמעלע טייערע״, — גייט אויף אַ מאָדנע קוואַליקע צערטלעכקייט...

יאָ, די מאַמע מיטן זון רעדן צווישן זיך נישט קיין סך.

www.libtool.com.cn

אָבער זייביידע פירן אַ שטראַמיק אינעווייניקסטן געשפּרעך, וואָס רייסט זיך נישט איבער, אויך ווען קיפּניס איז שוין לאַנג און ווייט פון דער היים.

איציק האָט אַמאָל־אַמאָל פאַרלאָרן אין זאַמד אַ גריווינקע. און זי שפּעטער געפונען. די מאַמע איז געגאַנגען מיט אים זוכן. „וואַרט נאָר, וואַרט", — איז איין מאָל ביי נאַכט, אויף אַ קיעווער געלעגער, פלוצעם געוואָרן דעם זון, דעם בכור, קלאָר און ליכטיק אין קאָפּ און אין האַרצן. די מאַמע האָט דאָך, אַ פּנים, ספּעציעל מיטגענומען אַן **אַנדער** גריווינקע, כדי ער זאָל זי קאָנען געפינען. ס'איז דאָך געווען אַ פּעדאַגאָגיש־דערציערישער פּערל. און אפשר נישט קיין פּערל, — נאָר אַ גאַנצער אוצר.

„וואַרט נאָר, וואַרט!", — זאָגט צו זיך דער לייענער און נעמט זיך דערמאָנען נאָך און נאָך זאַכן וועגן דער מאַמען, וואָס קיפּניס דערציילט זיי, **איינציקווייז**, אין זיינע זכרונות: זי האָט ליב געהאַט צו קוקן, ווי פרעמדע קינדער שפּילן זיך אין גאַס, איינקוקן זיך, ווי שטאַרק און ווי **ערנסט** זיי פאַרטיפן זיך אין דער שפּיל; זי האָט שטענדיק געהאַלטן וואַך איר אויער און אויג פאַר דער מינדסטער ענדערונג אין אירע אייגענע קינדער; זי האָט זיי, די קינדער אירע, דאָס רוב איינגענומען מיט אַ שטילן מאַך פון דער האַנט.

„אַנדזער מאַמע האָט געקאָט טרעפלעך אַ ר ײ נ ז אָ ג ן, ווען מען האָט באַדאַרפט, — **האָט זיך איציק אין יענער קיעווער נאַכט דערמאָנט**, — און זי האָט געקאָנט ש װ ײ ג ן דאָרט, וווּ אַן אַ נ ד ע ר מוטער וואָלט אָנמאָלן צען זעק רייד".

יאָ, די שפּע פון צערטלעכקייט צו דער מאַמען האָט קיפּניסן געסטאַיעט אויף זיין גאַנץ לעבן, ביז איצט. גענוג און איבערגענוג אויף צו באַשענקען אויך **אַנדערע** מאַמעס אין זיין שאַפונג. באַזונדערס רירנדיק קלינגט ביי קיפּניסן, ווען די קרייודע פון די מאַמעס נעמען זיך אַן זייערע קינדער.

...פּרייטיק פאַר פרי לויפט אַרויס וויגדער דער שטערנזעערינס

www.libtool.com.cn

פון זיין פאַרשמאַכטער שטוב ; דער אויסגעלײדיקטער, דער אויס־געשאָבענער פון יעדן סימן, פון יעדן ברעקל עסן. די מאַמע, פריבע די לאַנגע, יאָגט אים נאָך מיט אַ שטעקן און, ווי דער שטייגער איז, מיט קללות אויף קללות. אין דרויסן איז די לופט זומערדיק־פריש. ווערט וויגדערן מיט אַ מאָל **דווקא** גוט אויפן האַרצן :

„דער דרויסן אָט דאָ, אין עק שטעטל, איז א י ט ע ל ע כ נ ס. דעם זומערדיקן לויטערן גאַנץ פרי פאַרשפּאָרט מען גיין אין קלייט אַריין באָרגן".

וויגדער דער שטערנזעעריגס, אָפּגעריסן און הונגעריק, דרייט זיך אַרום אין דעם וואַרעמען, ווילגענייגטן דרויסן און טראַכט זיך זיינע יינגלשע ווונטש־מחשבות :

„...און ווי ער שלאָגט זיך נאָר אויף עפּעס אַרויף, וואָלט ער זיך געקויפט אַ פערד... ער וואָלט באַוואָרנט די מאַמע מיט אַ שטיקל צושטאַנד, זי זאָל זיך פאַרשפּאָרן כסדר שילטן. זי טוט עס נישט פאַר ראָסקאָש...".

(פון קיפּניסעס דערציילונג „צום נייעם לעבן")

* * *

...אין יאָר 1920, ווען דער סאָוועטישער רעזשים איז אין די וואָלינער קאַנטן געקומען צו דער ענדגילטיקער מאַכט, — האָט דער סלאָוועשנער לעדער־פּאַראיין געשיקט, אָדער קאָמאַנ־דירט, איציקן זיך לערנען אין קיעוו. אין קיעוו האָט איציק געגעבן העברעישע שטונדן ; אַ שטיק צייט געהאַקט האָלץ אין די שטאָטישע הייף ; אין יעדער חי־שעה זיך געלערנט ; און דער עיקר : געשריבן און געשריבן...

אין יענע ווייטע טעג האָט אַ יונגע יידישע חברה, מיט דער שרייבערין פון די שורות צווישן זיי, געקאָנט שפּעט אין דער נאַכט, אויף אַ פּוסטער קיעווער גאַס, טרעפן דעם יונגן קיפּניס. ער האָט אַרומגעשפּאַצירט, אָדער געזעסן אויף אַ גאַניקל, — טיף פאַרטון אין זיך אַליין.

www.libtool.com.cn

מען האָט שוין דעמאָלט געוווּסט, אַז ער האָט, אינעם היימ־שטעטל, פאַרלאָרן זיין יונגעטשקע פרוי, וואָס מען האָט זי גערופן: בוזי. יאָ, **בוזי**, ווי ביי שלום־עליכם אין זיין „שיר־השירים". איצט דאַכט זיך, אַז מען האָט דעמאָלט אויך געוווּסט, אַז ווּ קיפּניס גייט און ווּ קיפּניס שטייט, — גייט מיט און שטייט מיט, — בוזי.

וועגן דער וווּנדערלעכער, אויסשטראַלנדיקער **מגילת בוזי**, אין רעכטן פייער און בראַנד פון בירגערקריג און מוראדיקע פּאָגראָ־מען, — דערציילט די סלאָוועשנע כראָניק **„כאַדאָשים און טעג"**[5], ווּ איציק קיפּניס, דער מחבר, זאָגט אָן אַלעמען אַזוי טרויעריק־פייערלעך:

„...דערנאָך... האָט מיר בוזי געהאַט אַ שיינינק מיידעלע. מיר האָבן געוויינט, מיר האָבן געלאַכט און מיר האָבן זי אַ נאָמען געגעבן: חיהלע"...

חיהלע, — אַ נאָמען נאָך בוזיס מוטער, וואָס איציק האָט זי צערטלעך גערופן „מאַמע חייטשיק". חיה הענדעלמאַן, 38 יאָר אַלט, אַ מאַמע פון זעקס קינדער, איז אַכזריותדיק אומגעבראַכט געוואָרן אין סלאָוועשנער פּאָגראָם פון 1919... צוזאַמען מיט נאָך פיל קדושים... צווישן זיי אירע צוויי יונגענקע זין: מלך, 12 יאָר, און יאָסעלע, 7 יאָר אַלט...

פונקט ווי מען זאָל איבערבלעטערן אַ ווייטערדיקן, אַ נייעם ווייי־קאַפּיטל, אין דער כראָניק פון שטעטל סלאָוועשנע, — קומט **„כאַיעלע און פיניעלע"**[6], וואָס הייבט זיך אָן מיט די פּאָר, אַזעלכע מענטשלעך־ריִרנדיקע, שורות:

---

[5] „כאַדאָשים און טעג" — אי. קיפּניס. אַ כראָניק. קיעוו, פאַרלאַג „קולטור ליגע" 1926. 148 ז'.

„חדשים און טעג" איז דערשינען אויך אויף רוסיש: „מעסייצי אי דני" איסאַאַק נאַכומאָוויטש קיפּניס — אויטאָריזירטע איבערזעצונג פון יידיש ב. מאַרשאַק. רעדאַקציע און אַריינפירן־אַרטיקל י. נוסינאָוו. מאָסקווע, מלוכה פאַרלאַג 1930, 149 ז'.

[6] „כאַיעלע און פיניעלע" אינעם באַנד „דערציילונגען" י. קיפּניס. מלוכה־פאַרלאַג כאַרקאָוו—קיעוו, 1930.

www.libtool.com.cn

„און מיין ווייב איז ביי מיר די ערשטע אויף מיין לעבן, און דאָס קינד איז ביי אונדז דאָס ערשטע אויף אונדזער לעבן, און אונדזער ביידנס לעבן אין איינעם געזומען באַטרעפט, הלוואי, צוויי צי דריי און פערציק יאָר, און מיט חיהלען אין איינעם איז נאָך דריי חדשים...״.

דער חשבון האָט זיך ווייט נישט פאַרצויגן. אויף דער פאָ־גראָמירט־אויסגעשעפּטער הויל־נאַקעטער, הונגעריקער טרויער־שטאָט, — איז באַפאַלן אַ טיפוס־מגפה. היינטן אַרום, קאַלט, גזלניש, האָט די מגפה, טאָג־איין און טאָג־אויס, אַרויסגעכאַפּט נייע קרבנות. אויך בוזי איז אַוועק: „אַזאַ יונגעטשקע, אַ שפּי־לעוודיקע, אַ באַכיינטע״. אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום איז איר נאָכגעגאַנגען דאָס קליין נפשל, דאָס פּיצינקע מיידעלע חיהלע...

מיט יאָרן שפּעטער האָט קיפּניס וועגן יענער צייט געשריבן:

„מענטשן! ווער איז נאָך אַזוי שטאַרק ווי מיר? מען זאָפּט אַריין אין זיך אַזוי פיל צרות און אומדערטרעגלעכע ליידן, און מיר טויגן נאָך אַלץ צום לעבן!״.

* * *

ווען מען קוקט זיך אַרום ווייט אויף צוריק; דער עיקר, ווען מען קוקט אַריין נעענטער אין די צוויי ביבליאָגראַפיע־בענדער וועגן יידישע פּובליקאַציעס אין ראַטן־פאַרבאַנד (אויף יידיש און רוסיש), דערשינענע לעצטנס אין ירושלים[7], — איז פּשוט שווער צו גלויבן נישט בלויז דעם אייגענעם זכרון, נאָר אויך און אַפילו די ביבליאָגראַפישע ידיעות. ווייל עס איז באמת, צו באַוווּנדערן: ווי גרויס און שטראָמיק־ברייט עס איז געווען די שפע פון קיפּניס־

[7] „פרסומים יהודיים בברית־המועצות, 1917—1960״. רשימות ביבלוגרפיות. ערך ח. שמרוק. סדרת „גלויות״ החברה ההיסטורית הישראלית ירושלים תשכ״א, 1961.
„פרסומים רוסיים בברית־המועצות על יהודים ויהדות, 1917—1967״. ביבליוגרפיה. ערך מרדכי אלטשולר, אגודה לחקר תפוצות ישראל החברה ההיסטורית הישראלית ירושלים תשכ״ל, 1970.

www.libtool.com.cn

שאַפונגען. געדרוקט אין זאַמלונגען און אַלמאַנאַכן אויך אין באַזונדערע אויסגאַבעס. אָנגעהויבן מיט קינדער־מעשהלעך אין 1922 און מיט זיין ערשטלינגבוך „אָקסן״, לידער, קיעוו, 1923, — ביזן סאַמען שוועל פון דער סאָוועטיש־נאַצישער מלחמה אין 1941. אין משך פון די צוויי יאָרצענדליקער האָבן נישט אויפגעהערט צו דערשיינען: מעשיות און מעשהלעך; געגראַמטע פּאָעמעס און לידער; פּיעסעס און פּיעסקעס; דערציילונגען און ראָמאַנען. פאַר דערוואַקסענע און דערוואַקסלינגען. און דער עיקר, — פאַר קינדער און קינדערלעך. געדרוקט און איבערגעדרוקט אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע און מלוכה־פאַרלאַגן. בראש מיט דער „קולטור־ליגע״ אין **קיעוו**, און מיט דעם „עמעס״ אין **מאָסקווע**. ווייטער גייען די שטעט: כאַרקאָוו, אָדעס, מינסק און, שפּעטער, אויך לוואָוו.

ווי עס גיט אָן ג. א. רעמעניק אין דער סאָוועטישער קורצער ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע (1966), זענען אייניקע שאַפונגען פון **איסאַאַק נאַכומאָוויטש קיפּניס** איבערגעזעצט אויף רוסיש, אוקראַיניש, ווייסרוסיש, טאַדזשיקיש, פּויליש און **עברית**[8]. קיפּניס אַליין האָט איבערגעזעצט **אויף יידיש**: דזש. לאָנדאָן, דזש. סוויפט און פ. ראַבלע. עד כאַן די סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע.

אין אַלגעמיין, האָט די יידישע ליטעראַטור, אין אַלע אירע היימען, זייער גוט אויפגענומען די פּראָזע־שאַפונגען און קינדער־מעשיות פון איציק קיפּניס. שוין אין 1923 האָט י. כעזין (דער פּעדאַגאָג ד״ר ישראל רובין) געשריבן וועגן אים אין דער וואַרשעווער „ביכער וועלט״, און זיך פּשוט געפרייט מיט איציק קיפּניסעס

---

[8] **איציק קיפּניס** „פון סניטקאָווקע קיין גרינשפּוליע״ (1936), **איבערזעצט אויף עברית פון יהושע גלבוע**, — איז דערשינען אונטערן נאָמען:
„נסיעה משונה״ ילקוט מספרות **עברית ומספרות יידיש** „גחלים לוחשות״ לוקט וסודר בידי **יהושע גלבוע הוצ. ניומן ת״א תש״יד.**
**איציק קיפּניס** — „...והשוחט שוחט״ (מתוך **„חדשים וימים״) עברית אברהם רגלסון. קובץ של כ״ד סיפורים מספרות יידיש בברית־המועצות** „לא אמות כי אחיה״. **ספרית פועלים לכל 1957.**

www.libtool.com.cn

מעשהלע: „אַ קינד, וואָס האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין טיפן וואַלד״, געדרוקט אינעם זשורנאַל „פריידי״ [9]. זאָלן אויך דערמאָנט ווערן, ווייניקסטנס, נאָך דריי נעמען פון די אַלע, וואָס האָבן האַרציק באַגריסט די דערשיינונג „איציק קיפּניס״: ש. ניגער אין דעם ניו־יאָרקער „טאָג״, 1927; זלמן רייזין אין זיין „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור״, ווילנע, 1929; און מערערע מאָל נחמן מייזיל, — פריער אין וואַרשע און שפּעטער אין ניו־יאָרק.

אַ פילזאָגעוודיקע סאָוועטיש־יידישע פּרשה, אַליין פאַר זיך — זענען סיי די נעגאַטיווע און סיי די פּאָזיטיווע אָפּשאַצונגען אינעם סאָוועטן־לאַנד.

עס איז שווער אויסצורעכענען די שרייבערס און פּאָליטיקער, פּעדאַגאָגן און דערציערס, וואָס האָבן דאָרט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות געשריבן וועגן קיפּניסן. זאָלן זשע אויך דאָ דערמאָנט ווערן בלויז דריי אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונגען: דער אַריינפיר (אונטערן נאָמען „אַ ווינקל אין יאָר 1919״) צו קיפּניסעס כראָניק „כאַדאשים און טעג״, — פונעם קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער **י. נוסינאָוו**; דאָס פאָרוואָרט צו קיפּניסעס „12 דערציילונגען״ (1922—1932), דערשינען אין כאַרקאָוו־קיעוו, 1933, — פונעם ליטעראַטור־היסטאָריקער **מ. ווינער**; און אחרון אחרון חביב — דער לענגערער וואַרעם־קינסטלערישער אַרטיקל פון **דוד בערגעלסאָן**, געדרוקט אין מינסקער „אָקטיאַבר״ און אויך (27 מערץ 1927) אין ניו־יאָרקער „פרייהייט״, — אונטערן נאָמען „אַ נייער טאַלאַנטפולער פּראָזע־שרייבער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד...״.

דער קינסטלערישער גורל האָט איציק קיפּניסן געבראַכט צו פירן קיין קיעוו אין אַ צייט פונעם אייגנטלעכן **בראשית** אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור. דאָרט, אין קיעוו, זענען

---

[9] „פריידי״ חודש זשורנאַל פאַר קינדער. דערשינען אין דער קיעווער „קולטור־ליגע״ אין די יאָרן 1922—1925.

www.libtool.com.cn

**דוד בערגעלסאָן** און **דער נסתר** אין איין שיינעם נאָך־רעוואָלוציע טאָג — פּלוצעם געוואָרן קלאַסיקער. דאָרט האָבן זיי זיך פּלוצלינג געפונען בראש פון אַ גין־גאָלדענער פּלעיאַדע פּלאַם־פייערדיקע סאָוועטיש־יידישע דיכטער. צווישן זיי — **פּרץ מאַרקיש**; צווישן זיי — **לייב קוויטקאָ**...

דעם 25סטן נאָוועמבער 1970 **וואָלט** פּרץ מאַרקיש געוואָרן 75 יאָר. דעם 12 דעצעמבער 1970 **איז** קיפּניס געוואָרן 74 יאָר. הייסט עס, אַז קיפּניס איז געווען ייִנגער פון מאַרקישן, — אין גאַנצן אויף איין יאָר און פון לייב קוויטקאָ, — בלויז אויף אַ פּאָר יאָר. און דאָך — הייבט אָן **נחמן מייזיל** זיין הקדמה צו קיפּניסעס „אונטערוועגנס" (1960), אַזוי: „איציק קיפּניס איז געווען דער אָנגעלייגטער בן־זקונים, דאָס מוזיניקל, אין דער יינגער שרייבער־משפּחה פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך ראַשיק אָנגעהויבן פּאַנאַנדערוואַקסן אין 1917, גלייך נאָך דער באַפרייונג פונעם צאַרישן רוסלאַנד".

אין וואָס זשע איז פּאָרט באַשטאַנען דער חידוש פון איציק קיפּניס? האָבן אים דאָך אַ טייל ליטעראַרישע דעה־זאָגערס אין סאָוועטן־לאַנד באַשולדיקט, אַז אין אַ צייט, ווען יעדער טאָג ווערט פון זיך אַליין אַ באַנייטער, איז ער, קיפּניס, גאָרנישט מחדש. נאָך מער, אַז זיינע סלאָוועשנע־שאַפונגען שטעקן אין מענדעלעס קאַבצאַנסק און אין שלום־עליכמס קאַסרילעווקע. איז פּאַר וואָס זשע, טראַץ אַל־די שאַרף־פּאָליטישע טענות פון די קעגנער און די פּאָרזיכטיק־אידעאָלאָגישע באַוואָרענישן פון אַ טייל אָנהענגער, — האָבן גרויס און קליין אין סאָוועטן־לאַנד אַזוי גערן און געשמאַק געלייענט און נאָך אַ מאָל געלייענט קיפּניסן. שוין אָפּגערעדט פון זיינע פיל חסידים אין דעם ברייטן יידישן אויסלאַנד.

זאָל עס זיין דערפאַר, וואָס דאָס רוב יידישע שרייבערס פון אַלע צייטן, שטענדיק פול מיט שפּאַנונג און אומרו, האָבן אומעטום געהאַט **אַזוי פיל** צו געבן פאַרשטיין; פּאַרענטפערן און באַ־

www.libtool.com.cn

רעכטיקן; צו פאַרריכטן, דערציען און מוסרן; אויך אָנקלאָגן, מישפּטן און אַנטשיידן; און אָפּט זיך קעגנשטעלן, ווידערשפּע־ניקן און קעמפן. אַזוי פיל... אַז זעלטן־ווער האָט זעלטן־ווען זיך געקאָנט דערלויבן צו זיין פּשוט ליב, פריינדלעך און גוט. ווי דאָס איז געווען, און איז ביז איצט, איציק קיפּניס.

אוודאי און אוודאי איז קיפּניס געגאַנגען אין שלום־עליכמס דרכים, אָבער געגאַנגען איז ער מיט אַן אייגענעם איציק־גאַנג. עס איז טשעקאַווע ביז גאָר: דוד בערגעלסאָן, דער גרויסער פּראָזע־מייסטער האָט גלייך, אין אָנהייב, דערפילט די עכטע **קינסטלע־ריש־אָסאָציאַטיווע** קרובהשאַפט צווישן דעם יונגן איציק קיפּניס און דעם ריז **שלום־עליכם.** אין דעם אויבן דערמאָנטן אַרטיקל פון 1927, האָט ד. בערגעלסאָן געשריבן: „ווי אַן אַראָמאַט דער־מאָנט אייך אין אַ צווייטן, אַן ענלעכן, וועלכן איר האָט שוין אַ מאָל געפילט, פּונקט אַזוי דערמאָנט אייך דאָס בוך „חדשים און טעג" אינעם גרונט־טאָן פון אַ צווייטן זעלטענעם און גרויסן בוך. מאָמענטנווייז גלויבט איר נישט אייערע אייגענע אויערן — אַזוי געראָטן איז די **אינעווייניקסטע** שטימע אין אָט דעם בוך צו דער שטימע פון אַ ליבן און האַרציקן באַקאַנטן. זיין נאָמען איז: — מאָטל פּייסי דעם חזנס...".

זיכער און געוויס, איז דעם לייענער זייער צום האַרצן, וואָס יעדע איינציקע פון איציקס מעשיות איז פאַר קיפּניסן, — ווי אַ בת־יחידה. עס קומט אים אָן שווער זיך שיידן מיט איר. פאַר־ענדיקט ער, דאָס רוב, זיינע אַ שאַפונג ווי בעל־כּרחו. מיט אַ סוף, וואָס קלינגט אַ מאָל אומגעריכט, ווי אַ קינדערשע חכמה; און טייל מאָל — פּילטייטשיק, ווי אַ רייפער זאָג פון אַלטיטשקע „מענטשן און מענטשיכעס". ווי ווייך און צערטלעך איז אָפּט דער נאָמען פון זיינער אַ שאַפונג פּונקט ווי ער זאָל איר מיטגעבן אַ גלעט איבערן קאָפּ, — איידער ער שיקט זי אַרויס אין דער וועלט...

פיר מאָל (און מעגלעך, אַז מער ווי פיר מאָל) איז, אין פאַר־

www.libtool.com.cn

שיידענע צייטן, געווען געדרוקט און איבערגעדרוקט איינע פון זיינע ערשטע רירנדיק־לויטערע קינדער־דערציילונגען, אָנגעשריבן אין 1924. פריער האָט די דערציילונג געהייסן „לאַנע״ ; שפּעטער: „אונדזער מיידעלע לאַנע״ ; און צום סוף **„אונדזער קליינינקע דינסטמיידעלע לאַנע״** (ניו־יאָרק, 1960 ; מאָסקווע, 1969) [10].

די לאַנע־געשיכטע פאַרענדיקט זיך מיט אַ פאָלקס־מעשהלע, וואָס דאָס צעניאָריקע דינסטמיידעלע דערציילט:

„ווי אַזוי דער זומער מיטן ווינטער האָבן זיך געקריגט צווישן זיך. זאָגט דער ווינטער צום זומער: זומער־זומער, וואָס טוסטו מאַכן אַזעלכע היצן? די יאָרעמעלייט וועלן דיר דיינע ביינער פאַרשמיצן. מאַכט דער זומער צוריק צום ווינטער: ווינטער־ווינטער, וואָס טוסטו מאַכן אַזעלכע קעלטן? די יאָרעמעלייט וועלן דיינע ביינער פאַר־שעלטן״.

„און אַן עק״.

דאָס מעשהלע, דערציילט פון אַ קינד, ווי דער ווינטער מיטן זומער נעמען זיך אָן, ביידע גלייך, די קריוודע פון די „יאָרעמע־לייט״ ; דער לאַקאָנישער סוף־פּסוק פונעם מחבר: „און אַן עק״, וואָס ווייזט, אַז די מעשה איז נאָך ווייט פון אַן עק, — וואַרפט אַ קלאָרן פאָרויסשיין אויפן ווייטערדיקן קינסטלערישן וועג פון קיפּניסן.

פון דער מעשה־לאַנע גליסט זיך אַריבערגיין צו דער, פריער דערמאָנטער, דערציילונג „צום נייעם לעבן״ (1939). צווישן זיי ליגט אַ צייט־מהלך פון 15 יאָר. זעט מען בולט, ווי קיפּני־סעס שרייבערישער גאַנג פעסטיקט זיך און שטאַרקט זיך. מען דערזעט, אָדער, ריכטיקער, מען דערפילט, ווי די ריי איינצלנע מעשיות אין דער לענגערער דערציילונג, פון העכער 100 זייטן,

---

[10] אין יאָר 1960, איז אינעם מאָסקווער מלוכה־פאַרלאַג פאַר קינדער־ליטעראַטור דערשינען אַן אילוסטרירטע רוסישע איבערזעצונג פון דער דערציילונג „דאָס מיידעלע לאַנע״. אין 90.000 עקזעמפּליאַרן.

www.libtool.com.cn

ווערן, אויף אַ ריין קיפּניס־שטייגער, אָרגאַניש פאַרבונדן אין אַן איינהייטלעכער גרויסער מעשה.

איין קליינע מעשה בתוך דער גרויסער מעשה, הייסט „ראָ־שעשאָנע באַטאָג". די יינגלעך פון שטעטל קלייבן זיך צונויף אין אַ ווייטן גוישן געסל, אָפּגעטרייסלט אַ סך באַרעלעך פון אַ פּאַר־לאָזטן באַרנבוים, זעצן זיך די יינגלעך אויס אויפן גראָז און נעמען זיך טיילן מיטן גוטס.

— איר ווייסט, יינגלעך, — רופט זיך אָן אין מיטן דרינען

יוינע די ליפּ, — פון וואָס כאַים־כאָנע דער אַלטער פאַרדינט

געלט ?... פון געפּייגערטע פערד.

יעדער איינער פו די יינגלעך ווייסט אַקוראַט. — יעדער עפּעס אַנדערש, אַז כאַים־כאָנע קויפט אויף אַלטע פערד און לאָזט זיי פאַרהונגערן אין גרויסן הויף נעבן דער מיל, ביז זיי פגרן ; ניין, ער דערשטיקט זיי דאָרט ; ניין, ער ברענגט זיי אום מיט אַן אַנדער מיתה משונה. און משה־בונים, דער „קאַהאַלשער מענטש", האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען 12 אַלטע פערד פאַשען זיך דאָרטן, אינעם פוסטן הויף.

צייט איז פאַראַן. אויפטון עפּעס גלוסט זיך — אַ שרעק ! לאָזן זיי זיך אַלע אַוועק ראַטעווען די פערד פון דעם רוצח, דעם היצל, — אַ כאַלערע אין זיינע ביינער ! אויפן וועג, באַגעגענען זיי כאַים־כאָנע מיטן בלינדן אויג, מיט די הויכע אויסגעבויגענע פלייצעס גיין פון דאָרטן. מיט די הענט פאַרלייגט פון הינטן, מיט נאַסע אָפענע ליפּן איבער דער קאָזענער באָרד און מיט דער רויטער פאַטשיילע אויפן האַלדז פאַרבונדן...

אינעם פוסטן הויף געפינען זיי נישט 12, נאָר אין גאַנצן איין פערד, אַ ווייסן, „מאַשיעך", אַ הויכן, אויסגעמאָגערטן, עפּעס אַזוי ווי אַ פאַרטשאַדעטן. פון גרויס רחמנות צום פערד, אַ שטומע צונג, נעמט די חברה זיך עסקן אַרום אים. ביז די „שטומע צונג" האָט עפּעס מאָדנע אונטערגעהויבן די הינטערשטע פיס און האָט דערלאַנגט וויגדערן, דער שטערנזעערינס. נאָך אַ נס,

www.libtool.com.cn

וואָס נישט אין די ציין, — נאָר אין קני אַריין. ווּיגדער האָט, אמת, געזאָגט, אַז ס'איז אַ ליגן, ס'טוט גאָרנישט ווײ. אָבער חברה האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר ווּיגדערס, און אויך פאַר זייער אייגענעם כבוד. און אַלע אין איינעם האָבן זײ אויסגעלאָזט דעם כעס און פאַרדראָס, וואָס האָט זיך ביי זיי אָנגעזאַמלט, — שוין פון לאַנג. זיי האָבן אים אָנגעלערנט, אַז נישט אַלע מאָל דאַרף מען זיך בריקעווען. דער עיקר ווען מענטשן קומען פון זיין טובה ווענן, און...

„...דאָס פערד איז אומגעקראָכן צווישן די ראַשעשאָנעדיקע יינגלעך
אַ נאַקעטס, אַ הוילס, אָן אַ שטאָל, אָן אַ דראָבינע און אָן אַ וואָגן...".

שפּעטער האָט זיך חברה דערמאָנט, אַז זיי זענען געקומען ראַטעווען דאָס אָרעמע באַשעפעניש פונעם מערדערס הענט. האָט משה־בונים, דער „קאָהאָלשער מענטש", אָפּגעזאָגט אַן אָפּשייד־הספד מיט אַ דאַוונענדיקן קול, ווי זיין יידע טוט עס אויף אַ רייכער לוויה ; יונה דער שפּרעכערינס האָט אונטערגעכאַפּט מיט אַ גאָר וואַזשנעם אָפּשייד־שפּרוך. אויסגעשפּיגן דריי מאָל, צעעפנט דאָס טויער, האָבן זיי פאַרטריבן דאָס פערד העט ווייט, — ביז צום קאַמינער וואַלד.

נו, און דער סוף פון דער מעשה ? דער סוף געפינט זיך שוין אין אַ צווייטער מעשה בתוך מעשה, — אינעם קאַפּיטעלע : „נאַפּ־טאָלי און זיינע שקאַפּעס". לאָזט זיך אויס, אַז דאָס ווייסע פערד איז גאָר נפתליס. פאַרלאָרן די פענטע איז „מאָשיעך" פאַרקראָכן אין פוסטן הויף און זיך דאָרט גענורעט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פערד אין טיפן עלטער.

בעצם, קויפט אויך נפתלי אַן אַלט פערד, אַן אַלטע שקאַפּע. אָבער ער פירט מיט זיי אַרום זאַמד אָדער ליים. טאָמער פאַלט ביי אים אַ פערד, פאַרקויפט ער די אָפּגעשינדענע הויט, — און קויפט אַ נייע לעבעדיקע נבלה. דער וואָגן איז ביי אים אַ צעשאָ־טענער, די רעדער, פון פאַרשיידענע גרויס, זענען אָן שינעס ; דער שפּאַן — צונויפגעשטוקעוועט פון בענדלעך און פון אַלטע ציצות.

www.libtool.com.cn

קורץ, ס'גייט אים גוט, נפתלין — דעם לץ און דעם וויצלער:
אַ גילדן — אַ וואָגן זאַמד; אַ גילדן — אַ וואָגן ליים.

קוים דערזעען די קינדער, פון דער ווייטן, נפתלי מיט זיין געשפאַן, — לויפן זיי זיך צונויף פון אַלע זייטן. נפתלי שרייט ביז לב השמים, און זיי קריכן דערווייל אויפן וואָגן. זיי רייסן ביי אים אַרויס אַפילו די ווישקעס פון די הענט, און ליאַרמען, קריגן זיך פאַרן זכות אָנצוטרייבן מיטן פערד.

„שטילער מאַמזיירים! — צעשרייט זיך נאַפּטאָלע איבערן גאַנצן מאַרק. — אַט וואַרף איך איך אין גאַנצן אַראָפּ צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

נאָר ס'אַ ליגן, די קינדער ווייסן עס"...

די דערציילונג „צום נייעם לעבן" האָט קיפּניס געשריבן מיט אַ לאַנגער שווערער קייט יאָרן פאַר „מיין שטעטעלע סלאָוועשנע", — אַט דער קרוין פון אַלע זיינע ווערק. אָבער דעם לייענער דאַכט זיך, אַז צווישן זיי איז כמעט נישטאָ קיין גרענעץ. עס דאַכט זיך אים אַפילו, אַז די צוויי קאַפּיטלעך, באריכות דאָ איבערדערציילטע, — זענען אַ מין אַריינפיר צום „שטעטעלע סלאָוועשנע". די קורצע „ראַשעשאָנעדיקע" קינדער־ממלכה; זייער צער בעלי־חיים, פאַרקערעוועט אויף קרומע קאַפּויר־וועגן; נפתלי, דער אוהב־קינדער; — און... דער עיקר: די זעלבע איינהייטלעכע אַטמאָספער; די זעלבע עמאָציאָנעלע הימל־און־ערד. און וואָס איז באַזונדערס אינטערעסאַנט: שוין דעמאָלט האָט קיפּניס געשילדערט, אָפּגעמאָלט אַ געשטאַלט מיט אַ פּאָר שאַרפע פּרעציזע שטריכן. חיים־חנא מיט די הויכע אויסגעבויגענע פּלייצעס, מיט דער רויטער פאַשטיילע אַרום האַלדז; דאָס ווייסע פערד צווישן די „ראַשעשאָנעדיקע" יינגלעך, — אַ נאַקעטס, אַ הוילס, אָן אַ שטאַל, אָן אַ דראַבינע און אָן אַ וואָגן; די ליאַרעמדיקע חברה־קינדער אויף נפתליס צעטרייסלטער, צעשאָטענער פור; זיי אַלע בלייבן אָפּגעהיט אינעם זכרון פונעם לייענער, ווי בילדער פון זעלטענעם קינסטלערישן ווערט.

www.libtool.com.cn

דאָס איז באַזונדערס אינטערעסאַנט, ווייל קריטיקער האָבן נישט איין מאָל, פריער און שפּעטער, געזאָגט און איבערגעחזרט: קיפּניס, דער שרייבער, זשאַלעוועט נישט קיין דערציילערישע רייד. מעגלעך, אַז דעם־אָ איינדרוק האָט אַרויסגערופן די שטראָמיקע שפע פון זיינע שאַפונגען. און אפשר, נעמט זיך אַזאַ איינדרוק דערפון, וואָס טיר און טויער פון קיפּניסעס שאַפונג זענען, פאַר גרויס און פאַר קליין, שטענדיק ברייט און גאַסטפריינדלעך אָפן. וואָס די סיבה זאָל נישט זיין, דאַכט זיך דעם לייענער, אַז קיפּ־ניסעס אַזוי גערופענע „באַרעדעוודיקייט" איז אַן איליוזאָרישע, אַ געדוכטע.

**באַרעדעוודיק!** סיי ווינטער, סיי זומער איז דאָך דער טאָג פאַר קיפּניסן צו קורץ; און די נאַכט קומט פאַר אים, שטענדיק, צו פרי. בלייבן שוין אָן אַ שיעור טיף־באַליידיקטע טאָג־איינדרוקן, וואָס קיפּניס באַווייזט נישט צו זאָגן וועגן זיי אַ וואָרט.

„ווינציק זאַכן פאַרשלאָפּט אַ מענטש אין דער נאַכט, און דערנאָך טוט אים באַנג?" — האָט איציקן נאָך יינגלווייז פאַרדראָסן.

אין די זעלטענע פאַלן, ווען איציק איז דעמאָלט געווען וואַך אויך אין דער נאַכט, — האָט ער געהאַט אַ שאַרפן געפיל, אַז די גאַנצע וועלט איז זיינע. עס האָט אים זייער געאַרט, וואָס די הענט זענען צו קליין און צו שוואַך, כדי ער זאָל קאָנען זי, די וועלט זיינע, אַרומנעמען. „ס'איז אַלצדינג אַזוי געשמאַק!", — האָט ער אויסגערופן. ווי ער האָט אָפּט אויסגערופן און רופט אָפּט אויס אין אַלע זיינע ווערק. אָט־די בליץ־אויסרופן, וואָס כוואַליען אַריבער מיט גוטסקייט אָדער פאַרדראָס, מיט פרייד אָדער טרויער, — זענען אומעטום פול, איבערפולט מיט נישט אַרויסגעזאָגטע רייד. און בכלל — **דערזאָגט נישט** קיפּניס דער שרייבער, אַ סך מער ווי ער **זאָגט**. און ער פאַרלאָזט זיך דערביי אויף זיין לייענער, ווי מען פאַרלאָזט זיך אויף זייער אַ נאָענטן פריינד.

דעם לייענער איז אָפּט אַ חידוש: פון וואַנען נעמען זיי זיך,

www.libtool.com.cn

אַזוי פיל ריינע ליכטיקע מענטשן, וואָס איציק באַגעגנט זיי אויף די פאַרשיידענע וועגן, אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען ? זאָל עס זיין, אַז אין איציקס אויג איז פאַרבאָרגן אַזאַ מין כישוף־לאָמ־טערן, וואָס זוכט אויס, אַליין פון זיך, — איין מענטש שענער און בעסער פונעם צווייטן ? זאָל עס זיין, אַז וואָס מער מענטשן ער טרעפט, — ווערט זיין האַרץ אַלץ גרעסער און ברייטער ? מן־הסתם איז דאָך אַ קלענערער אָדער גרעסערער טייל צווישן זיי געבוירן געוואָרן אין קאָפּ און אין האַרצן ביי אים, ביי איציקן טאַקע ; אויפגעוואָקסן אין זיין, אין קיפּניסעס, געדאַנק און גע־פיל. ווער פון זיי ?, — דאָס איז שוין דער סוד פונעם מחבר. אָבער סיי־ווי, פון וואַנען זיין ליכטיקער העלד זאָל נישט שטאַמען, — טוט איציקן באַנג זיך שיידן מיט אים. גיט ער אים מיט אַן אינעווייניקסטע ברכה אויף שפּעטער : „אַז אַ־ווו ער זאָל זיך קערן און אַ־ווו ער זאָל זיך ווענדן, זאָל אים שטענדיק וויל באַקומען !". און סיי־ווי זענען זיי, אַלע ווי איינער, אויך פאַרן לייענער פונקט ווי גלייך פונעם צאַפּלדיקן לעבן אַרויס.

...אָט טרעפט איציק אין אַ ווייטן דאָרף אשרן פון זיין שטעטל[11], וואָס פאָרט אַרום איבער די דערפער מיט אַ קאַסטן גלאָז אויף אַן אייגן פערד־און־וועגעלע. איצט איז שוין דער קאַסטן אויסגעליידיקט. נעמט ער מיט איציקן אויף זיין פור אַהיים.

אַ באָרד פאַרמאָגט אשר דער גלעזער אַ קליינע, נאָר זייער אַ פריילעכע. אויגן אויך זייער יונגע. כאָטש ער האָט שוין אויס־געגעבענע קינדער. און די אייניקלעך רייטן שוין ביי אים אויף דער פּלייצע. אויפן וואָגן צערעדט מען זיך, פאָרנדיק, וועגן גוטע און שלעכטע מענטשן. דערמאָנט זיך אשר אַ געשיכטע פון „צוריק מיט אַ יאָר פערציק אַוואַדע", מיט מענדלען פון זאַמיסלאָוויטש.

---

[11] „גאַסטפריינטשאַפט" (1938) — י. קיפּניס אינעם באַנד דערציילונגען „צום לעבן", „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", מאָסקווע, 1969.

www.libtool.com.cn

דאַכט זיך אַ פראָסטער דאָרפישער ייד, אָבער פאַר אים מיטן ווייב און קינדער, איז דער גרעסטער פאַרגעניגן אין לעבן, די גרעסטע פרייד און תאוה, שטענדיק געווען, — צו האָבן אַ גאַסט, ניין, אַ סך געסט ביי זיך אין שטוב...

...אין וועג האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. צעלייגט אַ פייער און געפּראַוועט אַ סעודה אין וואַלד. געזעסן אויף קישנס פון גראָז, געגעסן אויף טישטעכער פון פּאַפּיר; דער שייטער פון דער זייט האָט געקנאַקט מיט זיינע בייטאָגיקע בלויע פייערלעך; און אַלץ וואָס זיי האָבן אַריינגעפּאַמפּלט, האָט געהאַט דעם זיבעטן טעם...

און באַלד זיצן זיי שוין צוריק אויפן וואָגן. מיטן ליידיקן גלאָז־קאַסטן הינטער די פּלייצעס. פוןביידע זייטן ציען זיך גרינע זוניקעביימער; אין מיטן — אַ וועג, וואָס פירט דורך וואַלד, דורך פעלד, דורך דערפלעך... און נאָך אַ מאָל אַ וועלדל און ווידער אַ דאָרף... און אשר מיט זיין פריילעך־באַרעדעוודיקן בערדל, מיט זיין יונגן לעבעדיקן, פילזאָגעוודיקן בליק רעדט ווייטער וועגן אַ קייט אויסטערלישע פּאַרלויפּעניש, וואָס הייבן זיך אַלע אָן און לאָזן זיך אַלע אויס מיט דער ברייטער גאַסטפריינדלעכ־קייט פון מענדל דעם זאַמיסלאַוויטשער, און זיין גאַנצער משפחה...

די הנאה פון דער סעודה אין וואַלד און פון דעם זוניק־גרינעם וועג; די הנאה פון אשר דעם גלעזער, וואָס דערציילט און פון קיפּניס דעם שרייבער, וואָס הערט, איז אַזאַ געזונטע, קרעפ־טיקע און זאַפטיקע, — אַז דער מחבר איז זיך אַליין מקנא...

און פאַרענדיקן, פאַרענדיקט קיפּניס זיין דערציילונג, וואָס הייסט **„גאַסטפריינדשאַפט"**, — אַזוי:

„...קיין פורגעלט וועט שוין ביי מיר אשר ניט נעמען, איך זאָל אַפילו טאַנצן פאַר אים אויפן דאַך. נאָר וואָס?... איין זאַך וועל איך ביי אים פועלן, ער זאָל ביי מיר צונעמען דאָס מעשהלע פאַר אַ מתנה. ווי איך דרוק עס נאָר אָפּ, אַזוי שיק איך עס אים גלייך צו, און זאָל ער לייענען".

www.libtool.com.cn

געוויס, איציק האָט ליב געזונטע, פריילעכע מענטשן, אַזוי ווי די מאַמע. ווי דער טאַטע, — האָט ער גרויס פּיעטעט פאַר בעלי־מלאכות, וואָס זענען קלוג אין זייער פאַך. אָבער, ווי זיי ביידע, האָט איציק אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר מענטשן, וואָס זענען געקריוודעט פון גאָט און פון לייט; אָדער זיי האָבן סתם נישט קיין מזל און געבן זיך נישט קיין עצה אין לעבן. פון שטענדיק אָן ציטערט אין אים דאָס האַרץ פאַר זיי אַלע. מיט יענעם סאָרט געזונטן רחמנות, וואָס טראָגט אין זיך אַ געפיל פון מיט־שולד; און נאָך מער: אַ געפיל פון אחריות פאַר יענעם ביטערן גורל.

„איך ווייס ניט, ווי לאַנג וועט עס אַזוי זיין", — טראַכט יינגלוויז איציק, — „גרויסע שיינע הייזער און ווינציק קינדער; קליינע, נידעריקע שטיבלעך מיט אַ סך פאַרמורזעטע קינדערלעך אין שטוב און אַרום שטוב. און אַז מע דערלעבט דאָרטן אַ חתונה, איז עס אַ הונגעריקע, אַ קאַרגע, אַן ענגע און קיין מאָל נישט קיין אויס־געצאָלטע. דאַכט זיך, מען צאָלט און מען צאָלט און מען קאָן זיך אַלץ נישט אַרויסקאַראַבקען".

(פון „מיין שטעטעלע סלאָוועשנע")

ווי רייך, ווי ברייט, ווי טיף זענען שוין, דאַכט זיך, אויס־געשעפּט די שטופעס פון אָרעמקייט אין דער יידישער ליטע־ראַטור. און דאָך איז די אָרעמקייט פון „סלאָוועשנע און אומ־געגנט" (אַזוי הייסט קאַפּיטל איינס אין „אונטערוועגנס"), — פון גאָר אַ באַזונדערן מין. די ווערטער: אָרעמער מענטש, אָרעמאַן, קבצן; אָרעמע קינדער, אָרעמע־לייט; אָרעמע שטיבער, אַן אָרעמע גאַס; אַן אָרעמע חתונה און אַן אָרעמער ברית, — זיי חזרן זיך איבער, די „אָרעם"־ווערטער, אָן אַ שיעור אין זיין שאַפונג. עס טרעפט אַפילו עטלעכע מאָל אויף איין געדרוקט זייטל. אָבער די אָרעמע מענטשן גיסן זיך נישט צונויף ביי אים אין אַן איינהייט־

www.libtool.com.cn

לעכע מאַסע. און בכלל איז דער „אָרעמאַן" ביי אים קיין מאָל נישט קיין נעבעך. יעדער אײנציקער איז אַן אינטערעסאַנטע, אָריגינעלע געשטאַלט. מיט אַן אײגענעם, שאַרף אויסגעשפּראָ־כענעם כאַראַקטער. מיט אַן אינעווייניקסטן בונטאַרישן, ווידער־שפּעניקן חלום און טרוים. מיט איין וואָרט: אין קיפּניסעס אַרמיי פון „אָרעמע־לייט", דערוואַקסענע און קינדער, האָט יע־דער פון זיי אַ באַזונדערן הויכן מענטשלעכן ראַנג.

אויסגעטיילט צווישן זיי שטייען די משוגעים, וואָס האָבן ביי איציקן אין זיינע פרי־יינגלשע יאָרן אַרויסגערופן פיל אומרו. און בשעת קיפּניס, דער רייפער שרייבער, דערציילט וועגן זיי אין „מיין שטעטעלע סלאָווועשנע", — וויל ער בשום אופן נישט זיי זאָלן בלייבן סתם משוגעים. אָט קומט פון ערגעץ־ווו אַ סלאָוועש־נער חסר־דעה צוריק אַהיים. אויף אַ קורצער צייט. ער איז אַ שטילער. רירט קיינעם נישט אָן. לאָזט פון זיך נישט הערן קיין בייז וואָרט. פּאַרן אַוועקפאָר, גייט ער אַריין אין בית־מדרש, שטעלט זיך אויף דער בימה און גיט אַ קלאַפּ אין טיש: „רבותי, איך בין אייך מכריז און מודיע, אַז איך פאָר אַוועק פון דאַנען, און איר זאָלט זיך זוכן אַן אַנדער משוגענעם!" ווער עס האָט געלאַכט, און ווער עס האָט אַ טיפן קרעכץ געטאָן, — אַזוי פאַר־ענדיקט קיפּניס די מעשה, וואָס ער רופט זי אָן „דער ביטערער שפּאַס"...

און נאָך אַ משוגענער... קיינער פאַרשטייט נישט, וואָס ער רעדט... קיין אלף אין סידור קאָן ער נישט... אָבער דער מחבר באַוואָרנט זיך, אַז ער איז, חלילה, נישט קיין אומזיניקער. ער איז פּשוט אויסגעוואַקסן צו גרויס, טאַנצט ער אַרום, באָרוועסער־הייט, אין די גאַסן, לסוף, ווערט ער פאַרברענט צוזאַמען מיט דער שטוב. אייניקע סלאָוועשנער האָבן זיך שטאַרק געחידושט: „גיי, פרעג ביי גאָט, וואָס איז ער דאָ אויסן געווען?". אַנדערע האָבן געדרונגען, אַז אין דעם יינגל איז געזעסן די נשמה פון אַ גרויסן צדיק. כדי אַריינצוגיין אין גן־עדן ציכטיק און ריין, האָט דער

www.libtool.com.cn

צדיק געדאַרפט נאָך אַ קלייניקייט אָפּקומען אויף **דער** וועלט. ווער ווייס: אפשר איז די גאַנצע שרפה געווען, כדי צו רופן דעם צדיק אַרויף. נו, איז דען נישט מקנא זיין אַזאַ יינגל און אַזעלכע עלטערן, — אַזוי ענדיקט קיפּניס די צווייטע מעשה מיט אַ משו־גענעם. פּונקט ווי ער זאָל פּרווון דערמיט אויסקויפן די סלאָ־וועשנער זינד קעגן דעם אומגליקלעכן יינגל.

און אויב שוין אויסקויפן די סלאָוועשנער זינד, — טוען עס, מיט זייער ווערן אַליין, צוויי ווונדערלעכע סלאָוועשנער געשטאַלטן: **שמערעליכע** און **טוביה דער קעסלער.** זיי זענען, ביידע, צווישן די פּרייטיקדיקע אַריינגייער צו איציקס מאַמע. אָבער נישט נאָך אַ נדבה. ביידע קומען זיי נאָך צדקה־הילף.

מיט שמערעליכען האָט מען זיך געקאָנט טרעפן **פריער** אין קיפּניסעס דערציילונג „צום נייעם לעבן"; אין שמערעליכע דער־מאָנט מען זיך, שאַרף־אַסאָציאַטיוו, **שפּעטער,** ווען מען לייענט **אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצינס** „דער הויף פון מאַטריאָנאַ" (1963). וועגן דער אָפּגעלאָזענער, פאַרוואָרלאָזטער מאַטריאָנאַ, דער רו־סיש־דאָרפישער למד־וואָווניצע. **שמערעליכע** איז אַן עלטערע, ברייטלעכע יידענע, מיט אַ פּאָר געשוואָלענע פיס. זי וווינט מיט איר אייניקל אויפן שליאַך. אין אַן אָרעמער, פון אַלטקייט שוואַר־צער דירה. יעדן פרייטיק לאָזט זי זיך אַרויס אין שטאָט. באַ־האָנגען מיט סודותדיקע טאָרבעס און טאָרבעלעך, פאַר חלה, פאַר פאַרשיידענע סאָרטן פון שפּייז, פאַר קליין געלט; און אויך מיט אַ האַטשיק, — פאַר ליכט צום בענטשן. זי גייט אַרום פון שטוב צו שטוב; קלייבט צונויף אויף שבת און אויף אַ גאַנצער וואָך, — וואָס נאָר עס לאָזט זיך. פאַר זיך אַליין און פאַר אַ סך אַנדערע קבצנים. זיך נעמט זי, געוויינלעך, נישט מער ווי עס פאַלט אויס אויף איר חלק. דאָס רוב צעטראָגט זי, נאָך פרי פאַר נאַכט, אין באַשטימטע אָרעמע הייזער, ווו מען וואַרט, מען קוקט שוין אַרויס אויף איר מיטן מתן בסתר... צווישן זיי אויך די שטערנ־זעערין, פריבע די לאַנגע... איציקס מאַמע, מיט איר פאַרבאָרגענעם

www.libtool.com.cn

חוש צו דערקענען מענטשן, — איז גוט צו שמערעליכען. „דער מענטש, וואָס איז אַליין אָרעם", — זאָגט די מאַמע ליבקע, — „אים מעג מען גלויבן. ביי אים איז דאָס האַרץ ערלעכער און ריינער"...

און **טוביה דער קעסלער**? אַ פּשוטער בעל־מלאכה ווייט אַריבער די זיבעציק, אַרבעט ער נאָך אין זיין פאַך. אָבער פּרייטיק מאַכט ער זיך פריי, און גייט איבער דער שטאָט נאָך **תלמוד־תורה געלט**. קיין תלמוד־תורה איז נאָך דערווייל אין שטאָט נישטאָ. האָט מען עטלעכע אָרעמע תלמוד־תורה יינגלעך צעשטעקט ביי פאַרשיידענע מלמדים. טוביה אַליין קאָן קוים אַ קאַפּיטל תהילים זאָגן, אָבער עס איז אים טייער, עס איז אים שטאַרק טייער, אַז יידישע קינדער זאָלן זיך לערנען. אָרעמע נאָך בילכער פון רייכע. ער ווייסט אויפן קאָפּ וויפל קינדער ער האָט ביי די מלמדים. ער ווייסט, אַז דעם מלמד מוז מען באַצאָלן. יענער קאָן נישט וואַרטן. ער איז אַליין אַן אָרעמאַן. און טוביה דער קעסלער, ביי אַזעלכע אַלטע יאָרן, איז גרייט אין אַ האַלבן טאָג, אויסלויפן די גאַנצע שטאָט... „אַ קוק טון אויפן אַלטן פון דער זייט", — רופט קיפּניס אויס, — „וועט פאַר אים קיינער קיין דריי גראָשן נישט געבן. אָבער אַ קוק טון צו אים אין זיין טייער יידיש האַרץ: אוי, איז דאָרט ליכטיק און שיין".

אין אַ שאַרפער קאָנטראַסט־שיין צו שמערעליכע און טוביה דעם קעסלער, — דערשיינט מאַשקע, דער וואָכערניק, וואָס לויפט אויך אַרום פרייטיק. אמת, נישט נאָך תלמוד־תורה געלט.

ווען איציק פאָלגט דער מאַמעס אַ געמיטלעכן פרייטיקדיקן גאַנג, טרעפט ער אין מאַרק מאַשקע דעם סטאַראָסטע. יענער האָוועט אַרום נאָך וואָכער־געלט אין די אָרעמע שטיבער, וואָס שטעקן ביי אים מיט וועקסלען און משכנות. ער רייסט אַרויס ביים אָרעמען מענטשן „אַ שטיק לייב". אין איינעם מיטן בלוט, וואָס ער זויגט, ווי אַ שפּין, טראָפּנווייז. קיינער זאָגט אים דאָרט נישט קיין קרום וואָרט. מען באַגלייט אים בלויז מיט שטומע

www.libtool.com.cn

בליקן. און ווען די גוטע ברכות, וואָס מען שיקט אים נאָך, ווערן מקוים, — וואָלט ער, דער וואָכערניק, זיך גוט דערקוויקט...

משה דער סטאַראָסטע איז נישט דער איינציקער „בלוטזויגער" אין קיפּניסעס ווערק, וואָס ווייזן, אַז איציק איז גאָר נישט פון דעם מין ווייכע, ווילינקע באַשעפענישן, וואָס נעמען אָן פאַר ליב אַלץ, וואָס דאָס לעבן און די מענטשן טראָגן אים צו. איציק קיפּניס, דער געקרווינטער מייסטער פון ליב האָבן, קאָן זייער גוט די מלאכה פון האַסן. ווי ביטער און שאַרף, ווי הייס און ברייט איז זיין אָפענע שנאה צו די אוממענטשן אין די כלערליי פּראָגראַמען, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף זיין גורל מיטלעבן און איבערלעבן...

אַ באַזונדערע פּרשה זענען די נישטיקע, פּריקרע פּאַרשוינען, וואָס קיפּניס פּאַרטיקט זיך אָפּ מיט זיי זייער שנעל. אָבער ער טוט עס אַזוי קונציק, אַז ביים לייענער בלייבן זיי איינגעקריצט אין זכרון אויף זייער לאַנג.

...איציקן איז אויסגעקומען איבערצונעכטיקן אַ מאָל אינעם שטעטל סענדעריווקע ביים דאָרטיקן לערער, אַ געלן יונגערמאַנטשיק, וואָס זיין ווייב איז מיידלווייז געווען אַ פאָטאָגראַף. דער לערער איז געווען זיכער, אַז אים קומט עפּעס אַ סך העכערס און שענערס פון סענדעריווקע. די גאַנצע וועלט, האָט ער געטענהט, מוז שטיין אויף אמת. און אמת איז מאַטעמאַטיק, ווייל מאַטעמאַטיק איז פּינקטלעך. און פאָטאָגראַפיע איז דער שפּיגל פון דער וועלט, אין וועלכן די וועלט קאָן פון אַלע זייטן זען, — וואָס פאַר אַ פּנים זי האָט. האַלט זי זיך טאַקע, די וועלט, אויף מאַטעמאַטיק און פאָטאָגראַפיע. דערצו האָבן ביי אים קאָמוניסטן געהייסן „קאָמוניסטלעך"; פּאָעטן — „פּאָעטלעך"; און מענטשן — „מענטשעלעך"...

קיפּניס דערציילט וועגן דעם סענדעריווקער לערער **פּאַרביירעדנדיק**, אין „אונטערוועגנס". און שוין. עס דאַכט זיך, אַז מער דערמאָנט אים קיפּניס אין ערגעץ נישט. אָבער דער לייענער האָט

www.libtool.com.cn

אים, סיי אין לעבן און סיי אין דער קונסט, נישט איין מאָל געטראָפן. אים אָדער זיינעם אַ נאָענטן קרוב. זיך אָנגעשטויסן אויף אַ „דובליאָר" פון יענעם מאַטעמאַטיש־ און פאָטאָגראַפיש־פּינקטלעכן יונגערמאַנטשיק, וואָס אים איז נישט אָנגעשטאַנען סענדעריוּוקע; און וואָס פאַר יענעם האָבן אויך נישט געפּאַסט: קאָמוניסטן, פּאָעטן און בכלל מענטשן...

די שרייבערין פון די שורות האָט דאָ נישט צופעליק געמאַכט דעם פּרוּוו, אַרויסברענגען אַ גרעסערע צאָל פון קיפּניסעס פּער־סאָנאַזש, — ווי וויטאַלע, לעבעדיקע מענטשן. ווי פריער געזאָגט, — האָט מען טאַקע, ביים לייענען קיפּניסן, אַזאַ־מין געפיל. עס איז גענוג, דאַכט זיך, גוט אַרומקוקן זיך, וועט מען זיי, די העלדן זיינע, איינעם נאָכן אַנדערן, דערזען, אָדער ריכטיקער, דערפילן, נאָענט נעבן זיך.

דעם אויבנאָן צווישן זיי פאַרנעמען נאָך אַ מאָל און אויך ס׳ניי קינדער. אָפּט נישט דערוואַרט, איבערראַשנדיק. די חברה יינגלעך, וואָס זענען ביי קיפּניסן אומעטום פול, זענען די ריכטיקע בעלי־בתים פון שטאָט. און נישט סתם בעלי־בתים. זיי טראָגן אויף זייערע קינדערשע אַקסלען אַלטע, געניט־אויסגעפּרוּווטע קעפּ פון זייערע טאַטעס און זיידעס. זיי פילן די גרויסע אחריות, וואָס ליגט אויף זיי. און פירן אַ באַזונדערן יינגלשן חשבון מיט קהל. זעלטן־ווען דערוווּסט מען זיך ביי קיפּניסן ווי אַלט איז דער אָדער אַנדערער יינגל. 6—7, אָדער הונדערט יאָר? ער הייסט וויגדער, הערשל, בונים, אַזריליק... אַ מאָל הייסט ער „איך" און, פאַרשטייט זיך, — איציק. זיי זענען ביז גאָר פאַרשיידן צווישן זיך. יעדער איינציקער מיט זיין שאַרף־אויסדריקלעכן צונעמעניש. זיי קומען פון אַנדערע משפחות, שיכטן, ווינ־ערטער. אָבער אין משך פון דער צייט הייסן זיי אַלע ביים לייענער אין זכרון: **איציק**, וואָס איז אַלט 6—7 און גלייכצייטיק אויך 100 יאָר. אפשר גלייכט זיי אַלעמען אויס קיפּניסעס ליבע צום קינד, וואָס ער

www.libtool.com.cn

ווערט דערמיט קיין מאָל נישט פּאַרטיק. פּרוווט ער זי פּאַרטיילן צווישן זיינע דערוואַקסענע העלדן: זאָלן אויך יענע פילן דעם טעם, ווי גוט עס איז ליב האָבן קינדער.

עס דאַכט זיך, אַז ווו, ווען, ווי־אַזוי עס ווערט אין קיפּניס־שאַפונג דערמאָנט אַ קינד, — זינגען שטענדיק אין דעם מחברס געמיט ביאַליקס פּאַר ווערטער: „אוי! מיר זאָל זיין יידישע קינ־דערלעך פאַר אייערע כשרע אייגעלעך„"...

זומער 1966, — האָט די שרייבערין פון אָט־די שורות, נאָך אַן איבעררייס פון 45 יאָר, פאַרבראַכט אין מאָסקווע קנאַפּע 17 טעג און נעכט. קוים 408 שעה. מער קיין צייט האָט זי אין איר רשות נישט געהאַט, און נישט באַוויזן צו פאָרן קיין קיעוו, — איר געבוירנשטאָט, כדי דאָרט, נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט, אויפ־זוכן באַקאַנטע גאַסן און הייף; זיך זען מיט קרובים און פריינד פון אַמאָל; טרעפן זיך דאָרט מיט איציק קיפּניס.

אין אַ מאָסקווער יידישער שטוב האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף קיפּניסעס אַ קינדער־מעשהלע: „דאָס קעצל, וואָס האָט פאַרגעסן ווי אַזוי מען דאַרף בעטן עסן". איבערגעזעצט אויף רוסיש פון דער וווּנדערפולער דיכטערין רחל בוימוואָל[12]. די צע־שאָטענע זייטלעך פונעם ביכעלע זענען געווען, וואַרעמהאַרציק און זאַרגעוודיק, אונטערגענייט, פאַרלאַטעט, צונויפגעקלעפּט. אַ פּנים, אַ סך מאָל געלייענט, איבערגעלייענט און אויסגעלייענט.

„יאָ! — האָט שטאָלץ באַשטעטיקט די יידישע באָבע פון דעם האַלב־יידישן מיידעלע. דאָס איז איר אייניקלס ליבלינג־מעשהלע. אָבער די העכער אַ מיליאָן עקזעמפּליאַרן, דערשינען

---

[12] קיפּניס איסאַאַק נוכימאָוויטש — „דאָס קעצל, וואָס האָט פאַרגעסן ווי אַזוי מען דאַרף בעטן עסן"; מעשהלעך. איבער. פון יידיש ר. באומוואָל. צייכ. וו. סוטייעוו. מאָסקווע „דעטגיז" 1963. 24 ז', 350.000 עקז.

קיפּניס איסאַאַק נאַכומאָוויטש — „דאָס קעצל, וואָס האָט פאַרגעסן ווי אַזוי מען דאַרף בעטן עסן"; מעשהלעך, איבער. פון יידיש ר. באומוואל, צייכ. וו. סוטייעוו. מאָסקוואַ „פּראַוודאַ", 1964, 24 ז', 750.000 עקז.

www.libtool.com.cn

(1963 און 1964) אין צוויי מאָסקווער מלוכה־פאַרלאַגן פאַר קינדער־ליטעראַטור, זענען שוין לאַנג אויספאַרקויפט. קיין ניי ביכעלע קאָן מען אין ערגעץ נישט קריגן...

* * *

איציק קיפניס ענדיקט זיין הקדמה צו „מיין שטעטעלע סלאָוועשנע" אַזוי:

„מיר הייבן אָן — זאָל זיין אין אַ גוטער שעה. כ״א אדר שנת תשי״ז, 24סטער מערץ 1957. באַיאַרקע (מיט דער עלעקטרישער באַן אַ האַלבע שעה פאַרעכץ פון קיעוו)...".

אָבער אָנגעהויבן צו שרייבן וועגן „מיין שטעטעלע סלאָוועשנע" האָט דאָך קיפניס אַ סך, אַ סך פריער און האָט נאָך, מן הסתם נישט פאַרענדיקט ביזן היינטיקן טאָג. פון דאָרטן, פון סלאָוועשנע, און צוריק אַהין, ציען זיך פון קיפּניסעס ווערק אָן אַ שיעור שעפעריש־אַסאָציאַטיווע שטעגן און וועגן.

איציק קיפניס האָט מיט „מיין שטעטעלע סלאָוועשנע" זיך געשטעלט פאַר אַ ציל: „טאָמער וואָלט עס געווען כאָטש, אין אַבי וועלכער מאָס, אַ מצבה אָדער אַ סימן פון אַ מצבה פאַר מיין געבורט־שטאָט"... אָבער דער **פנקס־סלאָוועשנע** האָט זיך צעוואָקסן אין אַ ריזיקער קינסטלערישער רעקאָנסטרוקציע און רעסטאַווראַציע פון איציקס געבוירנשטאָט, ווו יעדער נאָמען, פּרט, איינצלהייט פונעם טיפן ים נעמען,פּרטים און איינצלהייטן, — ווערט הייליק אָפּגעהיט פון שיכחה. לייענט מען „מיין שטעטעלע סלאָוועשנע", —און עס קלינגט דערביי אַ ווייט־ווייטער קול וועגן איציק קיפּניס, דעם „שומר סלאָוועשנע":

„זע, עס שלומערט נישט און שלאָפט נישט דער היטער פון סלאָוועשנע"...

**גיטל מייזיל**

1טער יאַנואַר 1971.

www.libtool.com.cn

איציק קיפניס

# מיין שטעטעלע סלאָוועשנע

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn



www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אַפילו ווען דאָס שטעטעלע סלאָוועשנע, וואָס איז פֿאַרשטעקט צווישן פֿאָליעסער וועלדער, וואָלט נאָך געשטאַנען אַזויפיל וויפל עס איז אַלט געווען ביז איך האָב עס דערקענט, וואָלט עס אויך נישט געשטאַנען אויף איין אָרט און ווי אַלץ אין דער וועלט זיך געענדערט. נאָר אַזוי ווי עס איז אין דעם 1941 יאָר און אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן פֿון דער מלחמה אויסגעהרגעט, אָפּגעברענט און חרוב ונחרב געוואָרן, צו דיביידע הייליקע אָרטן, וואָס געפֿינען זיך אין איין עק שטעטל, איז צוגעקומען אין צווייטן עק שטעטל אַ פֿרישער הייליקער אָרט — דער ברודער־קבר פֿון די קדושים, וואָס איז אַפֿילו נישט אַרומגעצוימט און אַזוי ווי ער איז אויסגעגלייכט מיט דער ערד, ווער מען אים אין גיכן אפֿילו אונטערשיידן נישט קאָנען פֿונעם גאַנצן שטיקל פּיטער־פּלאַץ; בויט זיך סלאָוועשנע מיט שוועריקייטן. פֿאַר אַ פּאָר צענדליק יאָר וועט עס זיך אפֿשר אויסבויען, צוזאַמען מיט די 5—6 יידישע משפּחות, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט. נאָר פֿון דעם סלאָוועשנע, ווו איך בין געבוירן, אויפֿגעצויגן געוואָרן און אויסגעוואַקסן איז אַפֿילו קיין סימן און קיין זכר נישט געבליבן. וואָלט זיך וועלן, כל־זמן איך לעב און קאָן נאָך האַלטן אַ פּען אין דער האַנט, אַנוואַרפֿן עטלעכע בלעטלעך פֿאַרהעלטנישמעסיק לויט מיינע כוחות (וואָס איך ווער עלטער, ווער איך שוואַכער, ס׳איז פֿאַר קיינעם קיין סוד נישט). טאָמער וואָלט עס געווען כאָטש, אין אַבי וועלכער מאָס, אַ מצבה אָדער אַ סימן פֿון אַ מצבה פֿאַר מיין געבורטס־שטאָט.

פֿאַרצייכענען וועל איך עס, ווי ס׳האָט אויסגעזען אין די אויגן פֿונעם קינד און יינגעלע איציק פֿון האַרבאַרניע, זינט ער האָט עפּעס אין דער פֿריסטער קינדהייט פֿאַרגעדענקט ביזן 13־יאָריקן עלטער, ווען ער איז בר־מצוה געוואָרן.

מיר הייבן אָן — זאָל זיין אין אַ גוטער שעה.

כ״א אדר שנת תשי״ז, 24־טער מערץ 1957, באַיאַרקע (מיט דער עלעקטרישער באַן אַ האַלבע שעה פֿאַרעכץ פֿון קיעוו).

www.libtool.com.cn

(1)

דער ראַדאָמישלער ציידע, דעם טאַטנס טאַטע, איז געווען ביי אונדז צו גאַסט.

ביי דער מומען אינעם זייטיקן אַלקער איז ער געזעסן אויף אַ בעט. ס'איז אַזוי ווי געווען פאַרוואָרמעס־צייט. ער האָט מיך אַ פּושע געטאָן מיט דער גרויסער שטרויענער שליאַפּע, וואָס מען האָט קענטיק פאַר מיר געקויפט צו זיין קומען. איך בין אָפּגעלאָפן פון אים אין אַ זייט, כאָטש איך האָב זיך נישט דערשראָקן.

אַזוי ווי אַ זעונג פון אַ יונג בליענדיק גערטל, וואָס איז דורכגעשווומען פאַרביי דיר, ווען ביסט קליינינקערהייט דורכגעפאָרן מיטן טאַטן דורך אַ דאָרף, אַזאַ מין אָנדענק טוט אַ שווער דורך אין זכרון פון דער צייט, ווען דו ביסט נאָך קיין פולע דריי יאָר נישט אַלט געווען. דערנאָך גייט ווייטער אַ פּליטערל פון געדענקונג, ווען לייבאַ דער חריף האָט מיך גענומען אויף די הענט צו זיך און אַוועקגעטראָגן אין חדר אַריין. אַזוי ווי די בהמה גייט אין בוינע אַריין און זי ווייסט נישט וווהין און נאָך וואָס מע פירט זי, אַזוי האָב איך קיין אַנונג נישט געהאַט ווער איז דער מענטש מיט דער מיטעלער שוואַרצער באָרד אינעם אָרעמלעכן אָנטאָן? וואָס האָט ער צו אונדז פאַר אַ שייכות? וואָס דאַרף איך עפּעס זיצן ביי אים אויף זיינע פרעמדע הענט? און פאַר וואָס איז די מאַמע רוּיק? מיך ראַטעוועט זי נישט פון זיינע הענט? אויף אים שרייט זי נישט?... איך — האָב אָבער נישט געקאָנט און אפילו נישט געוואָלט זיין רוּיק. איך האָב געוויינט מיט ביטערע טרערן, כאָטש איך האָב זיך נישט געאַמפּערט, זיך נישט געבריקעט, זיך נישט אָפּגעשלאָגן.

לייבאַ דער חריף האָט געוווינט אויף דער ליסטווענער גאַס, עטלעכע מינוט גאַנג פון אונדז. דאָרט איז צווישן שמערלען דעם חריף און צווישן מאַטיע דעם שוסטער געווען זיין שטוב — זיין טונקעלע, אויסגעבלאָזענע שטוב מיטן חדר.

www.libtool.com.cn

ביים פערטן יאָר פון מיין לעבן האָט ער, ווייזט אויס, דער ערשטער מיר געדאַרפט ווייזן אַן „אלף" אין סידור. און באַלד נאָכן אַלף אָ „בית". אָבער מיר איז נישט געבליבן דערפון אפילו די מינדסטע געדעכעניש.

אַז אַ קאַראַמיסלע מיט צוויי עמערלעך איז אַן „אלף", און סיי דאָס קול סיי די פאָרם, סיי די שטויבעלעך, וואָס האָבן געשפּילט אין די העלע זוניקע פירעקיקע ליכט־פּאַסן האָבן זיך מיר פאַרגעדענקט גראָדע פון ישעיה־חיימס חדר, וואָס האָט זיך געפונען אין דער גרעאמער אַליקער קלויז. דאָרטן האָב איך זיך אויסגעלערנט צונויפלייגן ווערטער און זאָגן עברי און, זינגענדיק, לייענען פסוקים פון תהילים. שיין געזונגען. שיין געזאָגט. קיין גרויסע משא אויף זיך נישט געטראָגן. די משא איז געווען פּונקט לויט די פּלייצעס. ס'געדענקט זיך פון איר אָ גרינגשאָפּט, אַ לופטיקייט, אַ געזאַנג. און די קלייניקע מענטשעלעך, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען מיט מיר ביינאַנד ביים טיש, אָדער ביי די שטענדערס — כאָטש איך געדענק מערסטן זייערע טלית־קטנדלעך, זייערע הויזן־מייטקעלעך, זייערע קעפּלעך און בּאָרוועסע פיסלעך. די פּנימער מיט די אויגן — ווינציקער.

ביים טאַטן האָב איך אויך געקענט דריי ווערטער אויף אויסנווייניק און אפשר אַלע זעקס, נאָר אין קאָפּ זענען מיר געבליבן דריי: „בטרם הרים יולדו".

איך זאָל זאָגן, אַז די מאַמע ט'מיך נישט געניית איך זאָל פאַרזעצן מיין שטודיום ביי לייבען דעם חריף? זייער מעגלעך. אַ שאָד, וואָס איך האָב שוין נישט איצט ביי וועמען צו פרעגן וועגן דעם.

ווען איך פרעג ביי דער מאַמען און די מאַמע ענטפערט מיר, וויפל נייע זייטיקע דערינערונגען ס'וואָלטן צוגעקומען, איבערהויפּט ביי איר אַליין, ווען זי וואָלט זיך צוריק דערזען אין דעם געשטאַלט פון אַ יונגער מאַמען, אַ יונג צאַפּלדיק יידיש ווייבעלע פון סלאָוועשנע דעם „כרך"! און איר מאַן, וואָס זי האָט (אין דער שטיל) זיך נישט געקאָנט זאָט מיט אים אָנשפּיגלען זינט זי האָט אים רעכט דערקענט. מיין טאַטן — נונע דעם ראַדאָמישליער.

דוד דער סלאָוועשנער, וואָס ווינט שוין פון אַ סך יאָרן אין ראַדאָ־מישליע, האָט איר אים אויסגעשדכנט.

www.libtool.com.cn

ווּנדער איבער ווּנדער!

דוכט זיך, ווען מען קאָן עס זיין נויטיק צו פאָרן 150 ווערסט מיט דער אָקס אין אַזאַ העק ווי סלאָוועשנע, כדי אָנצוקוקן דאָרטן אַ מיידל? פונקט ווי ס׳וואָלט דאַן אויסגעפעלט מיידלעך און שיינע מיידלעך אין ראַדאָמישליע גופא אָדער אַרום ראַדאָמישליע?!

די באָבע, דעם טאַטנס מאַמע, איז געווען אַ יידענע אַן אשת חיל, אַ קלוגע, אַ געראָטענע, מיט אַ פּיסק אויף שרויפן און זייער שיין פאַר־מעגלעך. זאָל זי זיך עס לאָזן אַזוי „אָפּנאַרן"? זי האָט זיך עס דערנאָך אַלע יאָרן נישט געקאָנט מוחל זיין. נאָר גיי זיי אַ קלוגער, אויב אַ זיווג איז אַ באַשערטע זאַך?! טאַקע דאָ און נאָר דאָ אין סלאָוועשנע האָט אויף נונען אויף אירן געוואַרט זיין אמתער זיווג! גאָט זיצט אויבן און פאָרט אונטן...

(2)

דאָס יונגע מיידל, ליבקע, ט׳לאַנגע וואָכן, פונעם קנס־מאָל ביז דער חופה, געוויינט, געגאָסן טרערן. די אויגן האָבן זיך איר נישט אויסגע־טרוקנט. טאָמער ט׳מען איר אונטערגעשטעלט אַ בלינדלעכן חתן? (דער טאַטע ט׳אַ סך יאָרן געטראָגן ברילן) און אָנגעקוקט האָבן זיי זיך פאַר מענטשן אין די אויגן, אויב אַ האַלבע שעה איז אַ סך. פאַרשטייט איר דאָך, האָט זיך ליבקע דען געקאָנט דערלויבן כאָטש איין מאָל אויפהויבן די אויגן און אַ גוטן קוק טאָן אויפן ראַדאָמישליער בחור (אויך אַ האַרבאַרס אַ זון), מיט וועמען זי דאַרף איר לעבן פאַרבינדן אויף אייביק?! איצט גיי זיי אַ קלוגע און ווייז נישט. זי ווייסט אַפילו נישט אַ וועלכע אויגן זענען ביי אים, און צי ס׳זענען ביי אים דאָ אויגן בכלל אונטער די ברילן?!

אויב ליבקע איז אַלט געווען שוין אפשר אַלע צוואָנציק יאָר (שוין נישט גאָר קיין יונג מיידל), איז נונע (ביי אונדז געוויינלעך — נחום) אַלט געווען קוים נייַנצן. ליבקע איז געווען איידל און שעמעוודיק, נחום איז געווען שיין, געזונט, מיט פעסטע צוויי אַקסלען און פעסטע צוויי הענט. אמת, ער האָט ווינציק געוווּסט פון זיינע מעלות. ער איז געווען ביי

www.libtool.com.cn

זיך זייער באַשיידן. ער האָט ביי דער באָבע אין האַרבאַרניע ערלעך געאַרבעט שוין גוטע פיר יאָר און אַפילו קיין גוטן גאַרניטער זיך נישט אָפּגעשפּאָרט. נדן ט׳מען אים געגעבן פּאָר ליבקען, אין דער צייט, ווען דער גרעסטער נדן איז גאָר געקומען פון דער ראַדאָמישלילער באָבע (דער זיידע ט׳זיך נישט שטאַרק געמישט, ער וואָלט גאָרנישט געהאַט קעגן, ווען ס׳פירט זיך אַזוי ווי אין דער גרויסער וועלט).

אָקעגן וואָס רעדט זיך עס אַלץ? אָקעגן דעם אפשר — אויב איך בין שוין געגאַנגען אין חדר און בין שוין געווען גאַנצע 5 יאָר, וואָס פּאַר אַן אויסזען האָבן דאַן געקערט האָבן מיינע טאַטע־מאַמע, די „באַזעסענע״ באַלעבאַטים???

דינהלע איז שוין דאַן אָדער געבוירן געוואָרן, אָדער באַדאַרפט אין גיכן געבוירן ווערן... נחום און ליבקע שוין, קיין עין־הרע, עלטערן פון צוויי קינדער: אַ זון, זאָל לעבן און געזונט זיין, שוין אין חדר — צו מזל, און אַ טאָכטער אין וויגעלע!

* * *

אין חדר האָב איך געלערנט זומער און ווינטער.

„דאָס וואָרט „תם״ ווערט געוויינלעך אויסגעטייטשט אויף „נאַיוו״, „אָרנטלעך״. אָבער אין פאָלק, אַז מע זאָגט: דער און דער איז תמעוואַטע, הייסט עס, אַז ער איז חושימדיק, ווייסט נישט, ווער ס׳האָט אים געשלייערט.

מיך האָט מען, צו מזל, אין חדר (איך ווייס נישט, ווען ט׳זיך עס אָנגעהויבן און ווען ט׳זיך עס אויסלאָזן), נאָר מע האָט מיך מילד געקרוינט מיטן נאָמען „תמאָוויטש״. אַפילו מיט אַ רוסישער ענדונג — „טש״. דער נאָמען ט׳זיך צו מיר זייער גוט צוגעוואָקסן. ס׳האָט מיך נישט געגראָבלט פון אים, איך האָב נישט געהאַט קעגן אים קיין פּאַרדראָס. מעגלעך, אַז נישט ווויסנדיק, נאָר ערגעץ פילנדיק דעם פּירוש, דעם טייטש זיינעם, האָב איך געגלויבט, אַז ס׳איז ריכטיק און ס׳האָט מיך אין אים גאָרנישט באַליידיקט.

מיר ווינען הינטערן שטעטל — לעם האַרבאַרניע. איז קיין חידוש

www.libtool.com.cn

נישט, וואָס ביי מיר געדויערט לענגער דאָס גיין אין חדר אַריין און איך פאַרשפּעטיק מיך כסדר. אָבער, ווייזט אויס, אַז דערצו האָב איך נאָך געהאַט אַ מאָדע זיך פאַרטראַכטן. אמת, קיינער ווייסט נישט פון וואָס איך האָב געטראַכט. נאָך מער: איך אַליין ווייס איצט אויך נישט, פון וואָס איך האָב דענסטמאָל געהאַט אַזויפיל צו טראַכטן. און דענסטמאָל, ווען מע פרעגט מיך, וואָלט איך זיכער אויך נישט געוווּסט וואָס יענעם צו ענטפערן. אפשר איז ביי מיר דער געדאַנק אַזוי ווייך און אַזוי רויק געשלאָפן, וואָס ס׳איז געווען בעסער פון טראַכטן. וואָרום, וואָס האָב איך טאַקע געקאָנט אויסטראַכטן מיט מיין קינדערשן שכל און מיט מיין גרויס אַנטוויקלטקייט?

ביי איצלען נאָטעס האָב איך אַ צייט געלערנט. דאָס חדר איז געווען אויפן שליאַך... בין איך ווינטער נאָך מיטאָג געקומען שפּעט. טאַקע גאַנץ שפּעט, ס׳איז שוין געווען טונקל, אי אין חדר, אי אין דרויסן. מעגלעך, אַז איך אַליין וואָלט זיך נישט געשטויסן, אַז ס׳שוין שפּעט, ווען מע דערמאָנט עס מיר נישט. איז ביים רבין געווען אַ ייִנגל יאָסל, טאַקע דעם רבינס ייִנגל אַליין, און ער האָט געלערנט מיט אונדז אין איינעם ביי זיין אייגענעם טאַטן. איז ער, אָט דער יאָסל, געווען נישט פויל און האָט אַרונטערגעבראַכט ריטער פון דרויסן צי פון הייזל. ט׳זיך גענומען שפּילן מיט זיי פאַר איטלעכן אין די אויגן. ער האָט גאַרנישט געזאָגט, נאָר זיין בליק האָט גערעדט אַזוי פלייסיק און אַזוי גערן, אַז וואָס קאָן נאָך זיין בעסער און מער צו דער צייט, ווען מע נעמט מיך, דעם „תמאָוויטש״, און מע לאָזט מיר אַראָפּ די הייזלעך, אַדרבא — זאָלן זיך די ריטער באַקענען מיט די ווייכע ערטער פון מיין ייִנגלש קינדערש נאַקעט לייב.

מיר איז געוואָרן שטאַרק שווער אויפן האַרצן פון די דאָזיקע, צו אָפּענע, אַנצוהערנישן. אַפילו איך האָב שוין אַלץ פאַרשטאַנען.

נאָך דער רבי... ס׳איז אַ מלאך, נישט קיין רבי. ער האָט אַקוראַט געהאַלטן אין לערנען חומש מיט די ייִנגלעך, האָט ער געגעבן אַ ריס אַרויס ביי יאָסלען די ריטער, האָט מיט זיי אַ פּיטשקע געטאָן יאָסלען אַליין איבערן אַנטון און זיי אַ וואָרף געטאָן אין ווינקעלע צום אויוון צו.

אַ מלאך! אַ מלאך פון גאָט!

www.libtool.com.cn

איך שווייג, נאָר מיין האַרץ, מיין זעל און אַלע אברים מיינע פילן, ווי איך בין אויסגעלייזט, געראַטעוועט. מיין גאַנץ לעבן איז געראַטעוועט...

* * *

דער חדר איז געווען ביי רבקה דעם קונדס אין שטוב.

רבקה, אַ קליינע, שוואַכע עלטערע יידענע, איז געווען גוט צו אונדז.

משה־הערשל — ריווע־לאהס יינגל — ברענגט אין קעשענע עטלעכע רויע קאַרטאָפל און רבקה באַקט זיי אָפּ אין לעזשאַנקע, ווען ס׳הייצט זיך די ריבע. ס׳איז טאַקע נישט קיין אָרט פון עסן. אין חדר דאַרף מען לערנען. אָדער ס׳מאַכט זיך אַ מינוט, דער רבי גייט אַרויס, די יינגלעך צעשיטן זיך איבער דער שטוב, צערעשן זיך, צעטומלען זיך און משה האָט שוין פאַרטיקע עטלעכע קאַרטאָפל.

ווו האַלט מען זיי? ווייטער אין קעשענע! זיי באַקן, זיי בריען, זיי דערלאַנגען גיך צום לייב, אָבער זיי זענען געשמאַק. טאַקע ביז גאָר געשמאַק. אַמאָל קריג איך אויך אַ האַלבע קאַרטאָפליע, ווען — אַ האַלבע און ווען — טאַקע אַ גאַנצע!

ביי רבקהן איז די לעזשאַנקע געווען אין איין אָרט עפּעס אַזוי ווי דורכגעבראָכן. איין מאָל איז יאָסל געלאָפן נאָך עפּעס אויפן אויוון און דורכגעבראָכן דעם איבערדעק פון דער לעזשאַנקע שוין צום רעשטן, איז געוואָרן טאַקע אַ גאַנצע לאָך און דאָס פייער האָט בייזווילי‌ק און מיט ברענענדיקער רציחה אַרויסגעשטעקט אַ גרויסע רויטע צונג...

אַהאַ?! איז יאָסל אַוועקגעלאָפן צו ריווע־ליפען, אויך אַ קרובה... די מומע רבקה איז דאָרט געזעסן אַ רויקע און געפּליקט פעדערן. אָבער יאָסל איז אַריינגעפלויגן אַ פאַרסאַפּעטער און האָט נישט מיט זיין קול אויסגעשריגן:

— מומע! די לאָך ברענט!!!

איז זי אַוועקגעלאָפן אַהיים נישט טויט און נישט לעבעדיק און מע האָט זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געגעבן...

www.libtool.com.cn

(3)

ווי באַלד ס׳איז געקומען צו רייד פון ריווע־ליפען, דאַרף מען אין איין גאַנג עפּעס דערציילן פון ריווע־ליפּען אויך.

ריווע־ליפע ט׳זיך איין מאָל צעקריגט מיט דער שכנה, דאָבע דעם ליטוואַקס, פאַר דער ציג. ווייזט אויס, אַז די קריג האָט זיך צעברענט און ס׳איז דערגאַנגען צום פּריסטאַוו. אַז דער פּריסטאַוו האָט זיי אויסגעהערט, האָט די ערשטע גענומען טענהן מיט אַזעלכע ווערטער:

— סלוכייטע, פּאַנעטשקאָ — און זי ווייזט מיטן פינגער — יאָי ציג פּאַסקאַקאַלאַ נאַ מוי דאַך, יאַ יאָי פּאַשטאָפּאַלע, וואָנאַ מענע פּאַדראַפּאַלע!

ווייזט אויס, אַז די דאָזיקע טענה איז געווען די וויכטיקסטע, ווייל זי איז געבליבן אויף דורות, ווי אַ לידל און ווי אַ געזאַנג ביי קינד־און־קייט אין די מיילער און וואָס איז געווען דער סוף פונעם מחלוקת, ווייסט קיינער נישט און איך אויך מיט זיי.

רבקה די קונדיכע האָט געהאַט שיינע קינדער. לייוויק איז געווען אין קיעוו אַ שניידער. דיניע־רייזע איז אויך געווען אין דער פרעמד און נאָך אַ ייִנגערער בחור איז געווען, געדענק איך שוין נישט, ווי אַזוי מע רופט אים. דוכט זיך — אייזיק.

דער טאַטע פון די דאָזיקע קינדער — טאַקע דער קונד אַליין — יעקב־ישראל ט׳מען אים גערופן (אפשר פלעגט אים זיין מוטער אַמאָל רופן „דאָס קינד") — איז געווען אַ הויכער, אַ גרויסער, מיט לעפישע, נישט קיין געשיקטע אברים. און ווען אים ווייסט די שטאָט איין איינציקע געשיכטע:

ער האָט געדינט אין סאָלדאַטן און ס׳איז אים נעבעך אין אַלצדינג געגאַנגען זייער שלים. נאָר שלימער פון אַלץ איז ביי אים געווען מיט „סלאָוועסנאָסט". ווי אַזוי הייסט דער? ווי אַזוי הייסט יענער? דער קייסער — לאָמיר זאָגן — דעם קייסערס טאַטע!

מילא, אַז מען האָט נאָך געפרעגט אויף די קייסאָרים, האָט ער נעבעך ווו געטראָפן, ווו פאַרפעלט. פעטש זענען געפלויגן, ווי האָלץ. אָבער ס׳איז נאָך געווען צו דערליידן. נאָר אַז ס׳פלעגט קומען צום קייסערס מאַמע:

www.libtool.com.cn

— ווי אַזוי הייסט דעם קייסערס מאַמע?

פלעגט ער ענטפערן:

— דיניע־רייזשאַ.

אַזוי האָט געהייסן זיין אייגענע מאַמע, וואָס האָט אים געבראַכט אויף דער וועלט און אויסגעהאָדעוועט.

מע האָט אים אַ סך געשלאָגן, נאָר אַזוי ווי פון דער וואַנט ט׳מען פון אים גאָרנישט געקאָנט אַרויסשלאָגן, ביז מע האָט אים געמוזט פאַרבראַקעווען און אַרויסלאָזן פאַר דער צייט פון דער דינסט. דערנאָך ט׳ער חתונה געהאַט און איז זיך געווען אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. ער פלעגט אַרומגיין אין זשיטאָמיר איבער די הייזער און נאָר אויף פסח און ימים־טובים פלעגט ער פאָרן אַהיים.

זשיטאָמיר פלעגט צונעמען אונדזערע מיידלעך פאַר דינסטן און פלעגט באַזאָרגן מיט „הייזער" אונדזערע אָרעמעלייט. מאיר דער בלינדער פלעגט לעבן פון זשיטאָמיר און אַהיים פלעגט ער קומען אויף געציילטע וואָכן אין יאָר. יצחק דער קאַטשער האָט געקענט זשיטאָמיר, ווי זיינע צען פינגער. יעקב־ישראל דער קונד האָט געטאָגט און גענעכטיקט אין זשיטאָמיר, אַ גוטע שטאָט זשיטאָמיר. אפילו מיין עלטער־פעטער איטשאַ, דער מלמד, איז יאָרן לאַנג געווען מלמד און חזן אויך אין זשיטאָמיר.

* * *

פרייטיק האָט ביי מיר כסדר, פון אַלע יאָרן, זינט איך געדענק אים און זינט איך בלעטער אים — זיין אייגענעם ריח און קאָליר. אפשר טאַקע דער ריח און קאָליר פון אַ בלייכלעכן, גוט־שמעקנדיקן פרישן פידפאַלעך. אויף יידיש פלעגן מיר זאָגן „פלעצל".

דאָס ביסל טייג, וואָס די מאַמע האָט נאָך דאָנערשטיק פון אָונט פאַרראָשטשינעט אין מולטער מיט אַ ביסל וואַרעמע צעריבענע קאַרטאָפל פונעם טעפל, וואָס איז געווען נעבעכדיקער פון אַלע כלים אין שטוב, דאָס איז דער כּאַריוונִיק. אַ טעפל, וואָס איז, ווייל ס׳לעבט קיין מאָל נישט געווען נישט פליישיק, נישט מילכיק. קיין מאָל שמעקט עס מיט גאָרנישט

www.libtool.com.cn

און אויב ס׳האָט יאָ עפּעס אַ ריח, איז עס אַ ריח פון חלשות. אַ ריח פון פּעטשינע, אַש, געקאָכטע קאַרטאָפל אָן זאַלץ און אָן שמאַלץ... וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן? פאַרעוו און אַ סוף.

מיט דעם גרויסן הילצערנעם לעפל, אַ לעפל, מיט וועלכן מען קאָן גרינג פלעטן דעם מוח אפילו אַ געזונטן מאַנסביל. נאָר דעם דאָזיקן לאָף האָט מען אויף אַזעלכע זאַכן קיין מאָל נישט באַנוצט. מיטן דאָזיקן לאָף פלעגט די מאַמע צערייבן די פאַרעווע פּאָר קאַרטאָפל מיטן וואַרעמען ביסל וואַסער. זי פלעגט עס טאָן אין דער העלפט מולטער, ווו ס׳קיין מעל כמעט ווי נישט געווען. אַהער האָבן זיך אויך געפּאַקט די צעריבענע און אין וואַסער צעפּירטע הייוון (וואָס מיר קויפן דאָנערשטיק ביים רב) און ערשט דערנאָך קומט אַהער, אין וואַסער צעפּירטע, זאַלץ און די מאַמע פאַרמישט אַ שיטערע ראַשטשינע אינעם זעלבן האַלבן מולטער מיט אַ ווענטל פון מעל אָפּגעצוימט און פון אויבן אויף צוגעטרייסלט מיט אַ ביסל מעל.

פרייטיק אין דער פרי, אַז די מאַמע פאַרקאַטשעט די אַרבל און פאַר־קנעט דעם טייג אין מולטער, איז אַ חן און אַ ליבשאַפט צו קוקן. די ווייסקייט, די שיינקייט, די באַזונדערע מינים קלאַנגען, וואָס דאָס טייג גיט פון זיך אַרויס, פּונקט ווי אַ פּאָר גראַבע, געזונטע ליפּן וואָלטן אַ פּייפקע געטאָן מיט אַ דין קוויטשעלע. נישט איין מאָל טרעפט אונטער די הענט אַ שטיקל נישט צעריבענע קאַרטאָפל, טיילט זי די מאַמע אויס פונעם טייג און וואַרפט זי אַוועק אין פאַמעניצע. די בהמה וועט אויפעסן און נאָך זאָגן אַ דאַנק.

וואָס זשע טוען מיר מיטן טייג צום סאַמע אָנהויבס? צום סאַמע אָנהויב, ווי נאָר ס׳האָט זיך אַ ביסל צעברענט אין אויוון, נעמט די מאַמע און קאַטשעט אויס פון דער גרינג אייגע אָדער צוויי פלעצלעך. נישקשה אויף אַ סקאָוואָראָדע, אויב נישט איז אויפן הייסן אָנגעהייצטן טשערען, גייט אַרויס אַ פּלעצל אַ פרישס, אַ הייס מיט צוגעברוינטע אָפּגעשטאַנענע שטיקלעך קאָרע און ס׳צעגייט זיך פון אים אַ ריח איבער דער גאַנצער שטוב. ווינטער עסטו עס מיט שמאַלץ און אַמאָל מיט האָניק. זומער עסטו עס מיט פּוטער, אַז נישט איז מיט סמעטענע, אַז נישט איז מיט אַ ביסל

www.libtool.com.cn

פרישע זויערמילך. אָדער פוטערמילך (מאַסלינקע) און ווען דו עסט עס גאָר מיט געוויינלעכע רויע מילך אין אַ פּאָרצעלייען טעפּעלע, האָט עס דאָך אַוודאי אַלע טעמען! מעגסט אַפילו איצטער פּרוּוון איינטונקען אַ שטיקל הייס פלעצל אין אַ פּאָרצעלייען טעפעלע מיט מילך. נעמסט עס אַריין אין מויל, טוסט אַ זופּ פונעם פעכקן פלעצל אַרויס ס׳ביסל דער־וואַרעמטע מילך, וואָס דאָס פלעצל האָט נאָר וואָס איינגעזאַפּט אין זיך; טוסט עס אַ זופּ און אַ שלונג און אַ ביס אָפּ דאָס שטיקל פלעצל, און דו פילסט ווי פודן געזונט קומען דיר צו פון יעדן זופּ, וואָס דו טוסט.

(4)

אָוועק אַ גאַנג מיט די פלעצלעך. איצט נעמט די מאַמע אַראָפּ אַ חלק טייג, זי ווייסט שוין אַליין וויפל — צעקאַטשעט, צעשניידט אויפן מילכיקן טאַפּטשאַן און מאַכט פון דעם אויס קנישעס צום וואַרעמעס. קנישעס מיט הירזשינער זיסער מילכיקער קאַשע, קנישעס מיט קעז אויסגעמישט מיט אַ צוגעפּרעגלטער גרינער ציבעלקע... אגב, איך גיב אייך נאָך, אַז איינגע־מאַכטס, אין זיין צייט, איז אויך אַ געשמאַקער מאכל, נאָר אַ שטיקעלע זאַפטיק וואַרעמער קעז אין די קנישעס אינעווייניק, מיט אַ צוגעפּרעגל־טער גרינער ציבעלקע, ווען דו טוסט אַ זופּ די דאָזיקע זאַפטיקייט, דאַרף מען שוין נישט קיין איינגעמאַכטס דערצו. מ׳דאַרף נישט קיין ווייַן אַפילו! נאָר אַ ביסעלע סמעטענע, אָדער פּידסמעטענע, אָדער מאַסלינקע און אויב נישט איז אַן איינגעבריטע גלאָז מילך אַ קאַלטע. און עס און קוק אין פענצטער אויפן שיינעם זומערדיקן דרויסן. און קוק אויפן קליינוואַרג, וואָס שפּילט זיך אויפן מאַראַזשאַק אַנטקעגן דער זון, און ברעך אָפּ אַ שטיקעלע פאַרן קעצל, וואָס רייבט זיך ביי דיינע פיס, און עס און קלער דערווייל פון גאַרנישט. וואָרום איך זע, איך דערקען, אַז דו לעבסט און ווייסט פון אַ לעבן.

נו? טייג, ווי מיר האָבן גערעדט איז אין מולטער געווען נישט אַזאַ סך, נאָר די מאַמע, קיין עין־הרע, האָט אַ ברכה אין די הענט און האָט אַ ברכה אין דעם, וואָס זי טוט. ווי לאַנג איז אין דעם, אַז זי איז

www.libtool.com.cn


שוין אַליין אַ באַלעבאָסטע? און זעט — זי ווייסט שוין, קיין עין־הרע, אַזוי גוט, וואָס צו וועלכס ס׳געהער. אָט נעמט די מאַמע אַראָפּ פונעם זעלבן טייג אַ טייל, וויפל — ווייס זי אַליין. זי פּאַרפּראַוועט אים מיט בוימל, מיט אַן איי, און פּאַרקנעט אים פון סניי. דאָס וועט זיין אַ קיכל. ס׳רעדט זיך אַזוי — „אַ קיכל״. אין אמתן וועלן עס זיין צוויי בעקנס קיכלעך, וואָס מיר דאַרפן אויף שבת און אויף דער גאַנצער וואָך! די מאַמע קאַטשעט אויס פונעם טייג לאַנגע פלעכטלעך, וויקלט זיי צונויף, אָדער זי פלעכט זיי איבער צווישן זיך, באַשמירט מיט בוימל, שיט צו מיט צוקער און מיט צימרינג געמישט. האָבן מיר שוין קיכלעך אויך. איצט גייט טייג אויף קאָרזשיקעס, קליינע פּירעקעכיק צעשניטענע. זיי האָבן זיך זייער טעם, און זיי טאָר מען אויך נישט עסן — גלאַט אַבי עסן. וואָס הייסט עפּעס גלאַט עסן? דערויף איז דאָ שבת־קוילעטש און אין דער וואָכן ברויט מיט צום־ברויט. אַ קאָרזשיק עסט דער טאַטע אין דער פרי פאַרן דאַווענען מיט אַ ביסל מילך, אָדער אויף דער נאַכט פאַרן שלאָפן, אַז ס׳טוט אַ צי דאָס האַרץ, אָדער שבת בייטאָג מיט אַ ביסל באַרן־יויך. אָדער אַז ס׳קומט אַ גאַסט און מע שטעלט אים אַ גלאָז טיי מיט אַ שאָלעכל איינגעמאַכטס איז גוט, אַז מע שטעלט אַוועק אויף אַ מילכיקן טעלער עטלעכע פאַרברוינטע קאָרזשיקלעך. איך ווייס זייער גוט, אַז ווען מע לאָזט מיך צו צו די קאָרזשיקעס, וואָלט איך זיי געגעסן און געטאָפּטשעט אין זיך אָן אַ מאָס און אָן אַן אָפּשטעל. נאָר אַזוי טויג נישט. מע וועט דיר נישט זשאַלעווען קיין קאָרזשיק — ווען אַ פרישן און ווען אַן אַלט־געבאַקענעם, נאָר אויף יעדער זאַך איז דאָ זיין צייט. אמת, זייער זעלטן פלעגן די קאָרזשיקעס און די קיכלעך דערציִען ביזן קומענדיקן פרייטיק. נאָר דאָס איז גאָרנישט. אויף וואָס דאַרף מען טאַקע זיך האַלטן מיט די אַלט־געבאַקענע, אַז ס׳וועלן באַלד זיין פרישע?!

אַוועק אַ גאַנג מיט די פלעצלעך, קאַשניקעס, קעזניקעס, קיכלעך און קאָרזשיקעס. ערשט איצט צעמאַכט די מאַמע די חלה. די גרעסטע טייל חלות גייען אין פאָרמעס אַריין. יעדע חלה באַשטייט פון דריי טיילן: פון ביידע עקן פאָרמע — צוויי קליינינקע און אין מיטן — אַ גרעסערע בולקע. איצט ווען דו טוסט אויף זיי אַ קוק, זעען זיי זיך, דוכט זיך, נישט אַרויס

www.libtool.com.cn

פון דער פּאָרמע. וואַרט אָבער צו איין האַלבע שעה, וועסטו זען ווי שיין זיי גייען אויף און צעוואַקסן זיך. די פּאָרמעס האָט מען, פֿאַרשטייט זיך, פֿריער אויסגעשמירט פון אינעווייניק מיט אַ גרויסער געגדזענער פעדער. אין אַ שאָל האָט מען אָנגעגאָסן אַ ביסל בוימל און מיט דער געגדזענער פעדער אויסגעשמירט אינעווייניק אַלע פּאָרמעס. די חלות שטייען שוין אַלע אויפן טאַפּטשאַן און מען זעט בחוש, אַז זיי בעטן זיך אין אויוון אַריין, נו? איז אין וואָס די מניעה? אַז אַלצדינג יאָגט אָן איינס דאָס צווייטע! די בעקנס מיט די קנישעס שטייען שוין און קילן זיך אונטערן טיש, איין זייט בעקן איז אָנגעשפּאַרט אין דער לייסט פון טיש און איין זייט אָנגעשפּאַרט אינעם דיל. די בעקנס מיט די פֿאַרברוינטע קיכלעך און קאָרזשיקעס שטייען אַלע אויפן ברעג פונעם אויפן־אויוון. באַלד וועלן זיי אַרויס פון די בעקנס און קומען אויף זייער קילן דערוואַרטן פּלאַץ. נאָר איצט האָט זיך דער אויוון אָנגעברענט, אי דער אונטערשטער טשערען, אי דער אויבערשטער. שאַרט די מאַמע אויס די הייסע קוילן און דעם אַש. די קוילן — פון פֿאָרנט; דעם אַש מיטן פּריסעק אין יאַמקע אַריין און די פּאָרמעס מיט די אויפגעגאַנגענע חלות גייען אויף דער הילצערנער געשמאַקער לאָפּעטע. די לאָפּעטע איז גרינג ווי אַ פעדערל. אָט ליגט זי מיט איר לעפלדיקער זייט אויפן פּריפּעטשיק און מיטן צווייטן דינעם עק אָנגעשפּאַרט אויפן מילכיקן טאַפּטשאַן. די פּאָרמע מיט דער חלה קומט אַרויף אויף דער לאָפּעטע, די לאָפּעטע טוט אַ פּאָר אינעם „פּאַרטיקן" אויוון. אַ רגע — די לאָפּעטע איז שוין ווידער אויפן פּריפּעטשיק. אַ צווייטע פּאָרמע מיט אַן אויפגעגאַנגענער חלה — אַ פּאָר אינעם הייסן אויוון. אַזוי די גרויסע פּאָרמעס, אַזוי די קליינע פּאָרמעלעך, אַזוי די צוויי קײַלעכדיקע בילקעס אָן קיין שום פּאָרמע. ביז די לעצטע זענען אַריין, האָבן די ערשטע זיך שוין אַ ברוין געטאָן, ביי וועמען אַ בעקעלע, ביי וועמען ס'„פּעניצל". און ס'איז אַ יופי צו קוקן, ווי זיי וואַקסן, די קוילעטשן, טאַקע ממש פֿאַר די אויגן! די מאַמע שטעלט צו די זאַסלאָנקע. איר פּנים איז פֿאַרפלאַמט און איר האַרץ איז פול מיט שטילן נחת פון דעם, וואָס אַלץ גייט זיך דערוויל, ווי ס'דאַרף צו זיין. זי וואָלט שוין מעגן נעמען אַ שטיקל פּלעצל מיט מילך און אויך אַ ביסעלע

www.libtool.com.cn

איבערכאַפּן ס׳האַרץ. דאָס קליינוואַרג שפּילט זיך אין הויף און ביי יעדן איז אַ שטיק נאָך נישט דערעסענער קאָשניק אין האַנט... אָבער די בהמה איז שוין געקומען אויף „ראַנקעס״, דאַרף מען זי אַריינלאָזן אין שטאַל, איר געבן אַ טרונק און אין אַ פּערטל שעה אַרום דאַרף מען איבערשמירן די חלות מיט אַן איי און ווייטער אַריינשטעלן אין אויוון, און דערנאָך שוין אַרויסנעמען.

איין זאַך, וואָס איך האָב דורכגעלאָזן — איך האָב נישט דערזען, ווען האָט עס די מאַמע גענומען „חלה״, דאָס הייסט אויסגעטשיפּעט אַ קייקעלע טייג, געמאַכט אַ ברכה און אַריינגעוואָרפן עס אין ברענענדיקן אויוון אַריין. דאָס איז אַ מין קרבן צו גאָט, אַ טייל פון אונדזער עסן. אפשר איז אייך אויסגעקומען צו הערן, ווי אַ פויער־ווייבל, וואָס האָט געדינט אין אַ יידישער טשוב, האָט פאַרן זעצן די חלות אין אויוון, אָפּגע־געשטשיפּעט אַ שטיקעלע טייג, זיך אָוועקגעשטעלט מיט דעם אַנטקעגן פייער און בעת־מעשה אַזוי געזאָגט: „חלה, חלה חליצה! זשידיווקאַ נאַ באַזאַרי זאַבאַריטסיי, טאַ יאַ בערו חלו נאַ זשידיווסקו פּאַטרעבו״ — און האָט אַריינגעוואָרפן ס׳קייקעלע טייג אין פייער אַריין.

פרייטיק, אַז מיר עסן וואַרעמס אויף איין פוס, לאָמיר זאָגן אַ ביסל ראָסלפלייש, נישט איבעריקס קיין פאַרברויגטן, צעברעכט דער טאַטע אַ פרישע בולקע. ער צעשניידט זי נישט מיטן מעסער, ער צעברעכט זי. זי איז פריש און מיר טונקען די שטיקער פרישע בולקע אין דער יויך פונעם ראָסלפלייש. און ס׳פילט זיך, אַז נישט נאָר דער טאַטע פירט זיך אַזוי אויף פרייטיק ביים אָפּגעכאַפּטן מיטאָג, נאָר אַזוי האָבן זיך זיכער געפירט, ביי פאַרשידענע אומשטענדן, זיין טאַטע, זיין זיידע, זיין עלטער־זיידע. און אַזוי וועל איך אויך, מן הסתם, זיך פירן, ווען איך וועל זיין אַ טאַטע.

(5)

למאי זאָל איך לייקענען. שוין לאַנג, אַז מיר ווילט זיך שוין אַליין זיין אַ מאַטע און טיילן שבת איטלעכן קוגל און זיך איבערלאָזן אַ שיינעם

www.libtool.com.cn

בכבודיקן חלק. און פאַרוואָס נאָר ביים קוגל? ס׳איז סיי ווי גוט זיין אַ טאַטע. למאי זאָל איך כסדר דאַרפן איבערטראַכטן און מורא האָבן, טאָמער האָב איך נישט אַזוי געטאָן, טאָמער בין איך נישט אַזוי געשטאַנען. אַז איך וועל זיין אַ טאַטע, וועל איך קאָנען באַשטיין, אַז מע זאָל פאַר מיר מורא האָבן. נאָר אַזוי ווי ביז דענסטמאָל איז נאָך ווייט ווייט און איצט איז נאָך פרייטיק, עסן מיר אָפּ דעם וואַרמעס און יעדער גייט זיך צו זיין אַרבעט. דער טאַטע גייט אין האַרבאַרניע אַריין, דיניע גייט זיך צוואָגן, איך גיי צו דער רביצין נאָך ליכט. דערנאָך, אַז איך וועל ברענגען די ליכט און אָפּוואַשן די הענט פוגעם חלב — חלב איז טריף — וועט מיך די מאַמע שיקן נאָך עטלעכע גאַנגען: ביי דער באָבע קונציען קויפט מען אַלע פרייטיק אַ פערטל־פונט טוקענעם אָדער מנוסענעם רויען שמאַלץ אויפן קוגל. די קופּקעלעך שמאַלץ ליגן שוין ביי איר צעוויגענע אויפן האַלבן טיש, וואָס צו דער טיר צו. פּונקט ווי זי ווייס אויף געוויס, אַז איך און נאָך אַזעלכע דאַרפן קומען. מירן זיך אַן איר נישט קאָנען באַגיין... אין קלייט, צו בתיהן חייקלס שיקט מיך די מאַמע נעמען אַ פונט צוקער, אַ פערטל־פונט ראָזשינקעס און אַמאָל פעלט איס בוימל. דאָס פלעשל פון בוימל איז געווען ביי אונדז נישט קיין הויכס, אַ בויכיקס און מיט אַ סך ציגלדיקע לעקכלעך פּירעקעכיקע אויסגעקוועטשט אַרום און אַרום און צוויי ערטער, פון אויבן, לאָמיר אים אָנרופן דער ברוסט־טייל, אונטערן העלדזל און פון אונטן — מע קאָן אים אָנרופן דער אינטערבויך־טייל, און דער בויך אַליין איז געווען גלאַט. נאָר אַזוי ווי מיר נוצן דאָס דאָזיקע פלעשעלע אויף בוימל שוין אַ סך יאָרן, איז עס אין ערגעץ נישט גלאַט — עס איז געל און פאַרפּאַפּט מיט בוימל אי צווישן די פירעקעכיקע ציגל־לעקכלעך, אי אפילו אין זיינע גלאַטע טיילן. ווייזט אויס, אַז אַ פלעשל, וואָס מען נוצט אויף בוימל, דאַרף אַזוי זיין, ווייל אין אַלגעמיין איז ביי מיין מאַמען געווען ריין אי אין קיך, אי אין שטוב. דער טאַפּעטשאַן איז אַ ריינער, אַן אויסגעשאַבענער. די באַק־דייזשע — אַ ריינע, אַן אויסגעשאַבענע, יעדעס קלעפּקעלע בריגזלט. דער פּריפּעטשיק איז אַרומגעשמירט. פרייטיק פאַרנאַכט זענען די פאָלן אויסגעוואַשן. נאָר דאָס פלעשעלע פון בוימל — אויף אים דאַרף מען קיין קשיות נישט פרעגן. אַ פלעשל פון

www.libtool.com.cn

בוימל, וואָס מע נוצט אַלע ערב שבת אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר און אַ סך יאָרן נאָכאַנאַנד, איז גאָר אַ מצוה, אַז ס׳זאָל אַזוי אויסזען. מיר דוכט זיך, אַז אַזוי ווי דער שבת איז מצוה און ליבשאַפט און שיינקייט און הייליקייט אויף דורך און דורך צוזאַמען מיט אונדז, מענטשן, וועלכע האָבן ליב און היטן אָפּ דעם שבת, אַזוי זענען דער מולטער פון חלה, די פאָרמעס, די בעקנס, די גרינע הילצערנע לאָפּעטע, דער טשאָלנט־טאָפּ, דער מאַקעטערעץ פון קוגל, דער לאָקשן־טאָפּ, דאָס קריגל פון ציקאָריע, אפילו די זאַסלאָנקע, וואָס מען שמירט צו צום אויוון — אַלץ האָט אין זיך אַ ביסעלע שיינקייט, אַ ביסעלע שבתדיקע הייליקייט און אַפּשיטא — שוין אַ ביסעלע גוטמוטיקן שבתדיקן שמייכל. אַזוי אַז דאָס פלעשל פון בוימל מיט די פאַרפּאַפּטע ציגלדיקע קעסטעלעך האָט אויף זיך קיין פגם נישט. ס׳האָט אויף זיך אַ הויך און אַ חן פון משפחהדיקייט און פון ערב שבת.

אַז איך ברענג די איינגעקויפטע זאַכן אַהיים הייצט זיך שוין דער אויוון אויף טשאָלנט. אַזוי ווי אין שול שבת, אָדער יום־טוב, אָדער ראש־חודש זענען דאָ צוויי סאָרטן שמונה־עשרהס יעדן אין דער פרי ביי שחרית און ביי מוסף און ס׳קאָן אַנדערש נישט זיין, אַזוי הייצט זיך דער זעלבער נאָך נישט אויסגעקילטער אויוון אַזוי ווי פון אָנהויב — פון סניי — אַמאָל אויף טשאָלנט. אַז ער האָט זיך געהייצט אויף חלה־באַקן, ט׳ער געהאַט אַן אַנדער פּנים מיט אַן אַנדער ריח. איצט, אַז ער הייצט זיך אויף טשאָלנט, האָט ער אינגאַנצן אַן אַנדער פּנים מיט אַן אַנדער געמיט. פריער איז ער געווען שטיפעריש ליכטיק, יונג און ווי אַ שטיקל נאַשער. איצט האָט זיך אויף אים אָנגעצויגן גאָר אַן אַנדער ערנסט. מיר הייצן אים אי מיט האָלץ, אי מיט זדיביצע, געטרוקנטע „באַרלעך" פונעם געקלאַפּטן, אויסגעווייקטן דוב, וואָס מע וואַרפט ביי אונדז אַרויס פון די האַרבאַרניע־ביטן. דער דוב אָדער די זדיביצע פאַרמאָגט אין זיך צוויי גוטע מעלות: אי ס׳שפּאָרט איין האָלץ, אי ס׳האַלט אַ סך היץ. דער עיקר ביים הייצן אויף טשאָלנט, אַז מען וואַרפט אַריין אַ מולטערל דוב אין אויוון און פון אויבן האָלץ, ברענט עס מיט אַ געדיכטן ערנסטן פלייס און דעם טשאָלנט נעמט מען אַרויס אויף מאָרגן אַ הייסן. די ציקאָריע אין דער פרי — אַן איינגע־בריטע און איינגעפּריעטע. אפילו די טיקווע טיי, וואָס מיר נעמען אַרויס

www.libtool.com.cn

שבת בײַטאָג, נאָכן שלאָף, איז אויך הייס און דאָס פֿאַפּירענע פֿאַרשטעקעכץ אויבן אין פּיסקל פֿון דער טיקווע איז שטאַרק טרוקן און צוגעסמאַליעט.

נישט נאָר מיר האָבן הנאה פֿונעם הייסן מלאך, וואָס קאָכט די שבת־מאכלים, אויך די בהמה אונדזערע — אַ יידישע בהמה — שבת אין דער פֿרי, אַז מיר נעמען איר אַרויס דעם פּוילע־טאָפּ פֿון אויוון, איז די אָנגעבראָקטע מאַקוכע אַן אײַנגעפּריעטע און שמעקט מיט יאָדערן, פֿון וועלכע מען פּרעסט בוימל און דער ריח צעגייט זיך איבער דער גאַנצער שטוב.

האָבן מיר אָפּגערעדט, אַז איך בין צוריק אין קיך. יעדע זאַך אַוועקגעשטעלט אויף זײַן אָרט, כאַפּ איך אַ קוק, ווי דער אויוון דינט שוין זײַן מוספֿדיקע דינסט און ס׳שמעקט מיט לאָקשן־יויך. וואָס עפּעס לאָקשן־יויך? עפּעס איז עס. די מאַמע זייט אָפּ די לאָקשן אויפֿן קוגל און פֿרייטיקדיקע לאָקשן־יויך האָט אין זיך זייער אַ שיינעם ריח, אַפֿילו אַ געשמאַקן, און ס׳ווילט זיך נאָך נישט אַוועקגיין פֿון קיך.

די מאַמע טוט איר אַרבעט שטיל און ווי אַזוי באַווייזט זי אָפּצוטאָן אַזויפֿיל דראָט־אַרבעט אויפֿצוטאָן? אַז קיין איינס פֿאַרטשעפּעט נישט ס׳אַנדערע. און דאָך איז עס אײַנגעפֿלאָכטן איינס אינעם צווייטן און אַלץ איז אין זײַן צייט און אויף זײַן פּלאַץ. זי טוט נאָר אַ פֿרעג:

— איצעלע! דער פּאַסטעך האָט שוין אַרויסגעלאָזן די בהמה?

איך לויף אַוועק אויף־איין־פֿוס צום שטאַל. אין שטאַל איז קיל און פֿריי. דאָרט איז דופּטיק ריין — דעם חנוני ט׳מען נאָך וועסנע אַרויסגעפֿירט — און קיינער איז דאָרט נישטאָ. אָט וואָס הייסט זומער!

— יאָ. — שריי איך צו דער מאַמע דורכן אָפֿענעם קיך־פֿענצטער, און איך זוך זיך שוין צו אַ נייע אַרבעט. די אַרבעט איז נישט קיין גרויסע און נישט קיין שווערע. אין האַרבאַרניע־הויף, כמעט אויפֿן סאַמע מיט, טריקנט זיך זדיביצע. די זדיביצע האָב איך שוין עטלעכע מאָל איבערגעשאַרט און זי איז, דוכט זיך, שוין טרוקן פֿון אַלע זײַטן. וואָס־זשע טו איך מיט איר איצט? איצט נעם איך און קער איבער די הראַבליע מיט דער פּלייטשקע אַראָפּ, שאַר צונויף די זדיביצע אין בערגעלעך און מיטן זעלבן מולטערל, מיט וועלכן מיר טראָגן זדיביצע אין אויוון אַרײַן, מיטן זעלבן מולטערל, שיט איך צונויף די אויסגעטריקנטע זדיביצע

www.libtool.com.cn

אין הויף אין זאַסיק אַריין. ס׳איז אַ גוטע אַרבעט, וואָס ס׳ווילט זיך זי טאָן.

ס׳מולטערל שפּאַר איך אָן מיט איין ראַנד צו דער ערד לעם סאָמע בערגעלע, דעם אַנדערן, אויבערשטן ראַנד שפּאַר איך אָן מיט די קני, אָדער מיטן בויך; מיטביידע הענט טו איך אַ שאַר די וואַרעמע טרוקענע זדיביצע; אַ מאָל איז גענוג איין שאַר, אַ מאָל — צוויי און דאָס מולטערל איז שוין פול מיט אַ „ווערך״. דאָ גלייך איך זיך אויס — אַ כאַפּ ס׳מולטערל פאַר ביידע פּליטשקעס אָדער אויערן. צום זאַסיק איז צוויי טריט. אַ קער איבער און אויסגעשאָטן — אַ מחיה! דער זאַסיק איז שוין אָנגעשאָטן ביז האַלב. אויף ווינטער שיטן מיר אים אָן אַ פולן מיט אַ „ווערך״, שיר נישט ביזקעלן דעכל. דער ווינטער עסט אַ סך, — וויפל דו גרייטסט נישט אָן, שאַדט נישט, אַז מע גרייט אָן נאָך אַ ביסל. דער זאַסיק האָט צוויי ווענטלעך פון ביידע זייטן, די דריטע וואַנט — די פּלייצע — דאָס איז די וואַנט פון שטאַל. די פערטע, די פאָרנטע, איז פאַרבריט נאָר ביז העכער האַלב, כדי מע זאָל דורך דער עפענונג קאָנען שיטן, און אינעווייניק צעשאַרן אין אַלע ווינקלען.

צוויי בערגעלעך האָב איך שוין אַריבערגעטראָגן. ס׳נאָך דאָ צוויי. נאָר די מאַמע רופט פונעם אָפענעם קיך־פענצטער... דאָס מולטערל איבער־געלאָזן אין זאַסיק און איך בין שוין אַ פריילעכער, אַ פאַרפאַליעוועטער, ווייטער אין קיך לעם דעם מילכיקן טאַפּטשאַן, לעם דעם פליישיקן — איך ווייס נישט, וואָס איך זוך. אייגנטלעך, זוך איך גאָרנישט. איך וויל די מאַמע זאָל גיכער זאָגן, און איך וועל אַוועקלויפן צוריק אין הויף איבערטראָגן די געבליבענע צוויי בערגעלעך. ס׳איז מיר געפעלן די אַרבעט. אָבער די מאַמע זאָגט:

— דו ווייסט וואָס, איצעלע?...

אַ סך מאָל, אַז די מאַמע שיקט אונדז ערגעץ, הייבט זי נישט אָן מיט קיין באַפויל, נאָר מיט אַ פראַגע, אָדער אַ מין עצה־האַלטן־זיך. אפשר ווייל זי איז פּאַרטאָן מיט איר אַרבעט און וויל האַלטן קאָפּ, זי זאָל נישט איבערפּלאָנטערן גאָרנישט...

— דו ווייסט וואָס, איצעלע? — זאָגט זי, — ס׳וואָלט געווען גוט

www.libtool.com.cn

פונעם באַרג־ברונעמדל, אָדער פון דער „פאַבריקע״ ברענגען אַן עמער וואַסער אויפן סאַמאָוואַר! נאָר זאָלסט זיך נישט בויגן איבערן ברונעם, דו הערסט? און מעגסט זיך אַלע מאָל שטעלן אָפּרוען. דו הערסט?

די מאַמע שאַרט איבער דאָס פייער אין אויוון. זי שטעלט איבער דאָס פרייטיקצונאַכטיקע עסן. דאָס פרייטיקצונאַכטיקע עסן פאַרשטעקט מען נישט אין אויוון, מע לאָזט איבער אייניקע טעפּלעך לעם דער יאַמקע מיטן זשאַר און אייניקע פאַרשטעלט מען אין דער זייער הייסער פּראַמוגע.

— וווהין אויסגיסן די וואַסער פון קעסעלע?

— אין דייזשקע גיס אויס... וועסטו זיך נישט הייען, איצעלע? און זאָלסט זיך אַלע מאָל שטעלן אָפּרוען...

די דאָזיקע אַרבעט געפעלט מיר אי יאָ, אי נישט. ערשטנס, האָב איך זיך אָפּגעריסן פון אַן אַרבעט, וואָס איך האָב ליב. צווייטנס, דאַרף איך גיין אַליין מיטן עמער אין איין האַנט און מיטן קרוק אין דער אַנדערער האַנט און דאַרף זיין נישט שטאַרק ווייט, נישט שטאַרק נאָענט. בסך־הכל האָבן מיר אין הויף אייגענע צוויי ברונעמס — איינער דער האַרבאַרניע־ברונעם און איינער דער שטוב־ברונעם. נאָר אויף טיי אויף שבת איז יענע וואַסער טאָקע לויטערער און זיסער. אפילו אין דער וואָכן שאַדט אויך נישט ברענגען אויף אַ טרונק פון דאָרט אַן עמער וואַסער. נאָר אינעם באַרג־ברונעמדל מאַכט זיך, אַז די וואַסער איז שוין אויפן סאַמע דנאָ אויפן יאָמד. דאַרף מען שעפּן מיט אַ קווערטל אָדער מיט אַ בלעכענער פּושקע. און אין פאַבריקע־ברונעם — דאָרט איז כסדר דאָ אַ סך וואַסער, נאָר אַהין איז ווייטלעך, און מע דאַרף קריכן איבער אַ פּלויט, לעם דער וואָסקאָבוינע. אַהין איז פריילעכער, אַז מע גייט אין צווייען. אָבער, אַז מע דאַרף — דאַרף מען. גענומען דעם אייזערנעם עמער — ער איז פיל גרינגער פונעם הילצערנעם, גענומען דעם קרוק און אַוועקגעגאַנגען. איך הויב זיך אויף פאַרביי אונדזער שטוב, פאַרקערעווע לינקס, גיי אַ ביסל, ביז איך קום צווישן קילינעס און אוליטעס און האַרבאַטשעווסקיס הויפן. די פויערישע הויפן זענען ליידיק. די באַלעבאַטים זענען איצט אַלע אויפן פעלד. אַ פּאָר חזירים פּאַשען זיך פון דער נאָענט, ווו נישט ווו שפּילט זיך אַ קינד אויף דער ערד. אַז איך קריך אַריבער איבערן

www.libtool.com.cn

פלייטל פון זאַסאַווקעס, האָב איך לינקס די גרויסע וואָסקאָבוינע. אַמאָל פּאָרקעט זיך דאָרטן יהושע גדליהכעס, נאָר איצט איז דאָרטן שטיל. רעכטס איז די קאַנאַווע פון וואַסער מיט אַ סך בליענדיקע דריבנע קווייטעלעך באַוואַקסן פוןביידע ברעגן און האַרט לעם דער כוואָסע איז שוין דער פלויט פון די ניוּוקעס. דאָ איז דער וועג אַ שמאָלער. ווייטער צו וואַקסט תבואה פון ביידע זייטן, איז אויך דער וועג אַ שמאָלער. דאָס איז דער וועג, וואָס מען גייט פון אונדז צו דער פּאַראַזווער מיל. און אין מיטן וועג צווישן אונדז און דער מיל עפנט זיך אויף אַ שטיקל פעלד, וואָס איז פאַרזייט מיט לייַן אָדער מיט האָבער און נעבן פעלד שטייט אַ ברונעם אַ נידעריקער, אַ ברייטער, און מיט אַ סך וואַסער. כסדר איז דאָרטן דאָ וואַסער, און דעם אָ ברונעם רופט מען עס „די פּאַבריקע”, ווייל דאָ איז אַמאָל געשטאַנען אַ פאַבריקע, ווו מע האָט געלאַמצעוועט וואָל און געמאַכט פון איר גראָבן געוואַנט.

לעם ברונעם בין איך איינער אַליין. אַ ביסל האָב איך מורא, טאָמער איז אין אַזאַ אָפּגעזונדערטן ברונעם, מיט אַזויפיל לויטער שטיל וואַסער, טאָמער האָבן זיך באַזעצט אויפן דנאָ וואַסער־מיידלעך מיט רוסאַלקעס און זיי פירן זיך זייערע קאָראָהאָרן מיט זייערע שטילע געזאַנגען. אמת, צו מיידלעך ציט מיך שטענדיק. ס׳ציט מיך אַזוי שטאַרק, אַז איך מייד אויס צו קוקן אין זייער זייט, מע זאָל נישט דערקענען אויף מיר גאָרנישט. אָבער וואַסער־מיידלעך? די מוזן דאָך זיין שענער און באַצויבערנדיקער פון די היגע, מיט לאַנגע האָר, נאַקעטע בריסטן און זיסע שטימען. לעם וואַסער־מיידלעך איז אַ סכנה, ס׳איז אַ גרויס געפאַר.

איך דערנעענטער זיך פאָרזיכטיק צום ברונעם. פון איין זייט זענען דאָ אַרויסגענומען אַ פּאָר צעברינעס און איך זע, אַז קיין סכנה איז אַזוי ווי נישטאָ. נאָר אַכטונג געבן דער אייזערנער עמער זאָל זיך נישט אַראָפּ־גליטשן פון קרוק...

שוין. אָט האָב איך אים שוין פון אויבן. אַ שווערן, אַ פולן מיט אמת גוט דורכזיכטיק וואַסער. דאָס היגע וואַסער האָט אין זיך אַ גוטע געשמאַקע זיסקייט. דער קרוק — אין איין האַנט, די דוזשקע פונעם שווערן, פולן עמער — אין דער צווייטער. די תבואה צוויטעט, דער וועג

www.libtool.com.cn

איז אָנגעוואַרעמט, די זון זיצט ביי מיר אויף די הוילע אַקסלען. און מיט דער שווערער משא איז מיר גרינגער, ווי מיט דער ליידיקער, ווייל איך האָב אויסגעפירט דער מאַמען אַ גאַנג און וואָס אַ טריט ווייטער, ווערט מיר נעענטער די היים.

די וואָסקאָבוינע איז פאַרוועבט מיט שפינוועבס. ס׳גלוסט זיך דווקא אַ קוק טאָן אין אַ שפּאַרונע, אָבער איך בין פאַרנומען. אַריבערשטעלן דעם עמער איבער די זאַסאָוועקעס איז נישט פון די גרינגע זאַכן, כאָטש מע קאָן אַרויסנעמען אַ פּאָר זאַסאָוועקעס און דערנאָך זיי צוריק פאַרלייגן.

געקומען אין קיך. די מאַמע דערלאַנגט מיר צום סאַמע מויל אַן אָפּגעקאָכטע באַרן פונעם קאָמפּאָט. ערשט דאָ דערמאָן איך זיך, אַז איך וויל שוין טאַקע עסן. נעם איך פון דער געגלייזטער ריין אין קאָמער אַ קניש, אַן איינגעפּעטיקטער אין סמעטענע, איך בייס פונעם שטיק און פיל אין אים אַלע חיותן.

דער טאַטע איז עפּעס אויך געשטאַנען אין קיך, ער האָט צוגערויכערט אַ ציגאַר לעם אַ קויל אויפן פּריפּעטשיק. דער טאַטע איז אויך זומערדיק אָנגעטאָן אינעם זשילעט מיט די פאַרקאַטשעטע אַרבל, אַ סימן, אַז ער איז נאָך פאַרנומען אין האַרבאַרניע.

— ער טאַפּטשעט שוין די קנישעס? — טוט ער אַ פרעג. און איך ווייס נישט, צי ס׳איז מיט אַ קאַטאָוועס, צי מיט אַ בייזער.

— זאָל ער טאַפּטשען — זאָגט די מאַמע — ס׳איז אַ דאַנק גאָט פאַראַן, מיר דאַרפן זיי אין ערגעץ נישט טראָגן פאַרקויפן.

איך גיי אַרויס מיטן שטיקל קאַשניק אין הויף אַרויס. דער טאַטע איז אַ שיינער, דער טאַטע איז אַ גרויסער, דער טאַטע איז אַ גוטער, נאָר פאַר וואָס דאַרף ער אַזוי זאָגן?

איך זיץ לעם פּלויט אויף די קרוהליאַקעס. איך עס. ס׳איז מיר געשמאַק, נאָר אויב וועל איך וועלן נאָך אַ שטיקל, ווייס איך נישט, צי איך זאָל גיין פריי און נעמען, צי איך זאָל זיך גנבענען.

מיינע צוויי קופּקעלעך זדיביצע זענען מיר אי צום האַרצן, אי נישט צום האַרצן. אָבער איך הער די מאַמע רופט מיך ווייטער פון אָפענעם קיך־פענצטער.

www.libtool.com.cn

איך גיי שוין ווינציקער גערן.

— וואָס דאַרף מען דאָרטן נאָך? — קלער איך.

ערשט די מאַמע שטעלט מיר אַוועק אויפן מילכיקן טאַפּטשאַן א גלאָז איינגעבריטע מילך.

— נעם נאָך אַ שטיקל קניש — זאָגט זי — און עס מיט מילך.

— איך וויל דען מילך? — פרעג איך.

— נישקשה — זאָגט די מאַמע — מעגסט וועלן. ס'איז קאַלטע איינגעבריטע מילך, וועסטו זיך אָפּקילן און ס'וועט דיר זיין גוט.

גיי איך טאַקע אַוועק אין קאַמער, נעם פון דער געגלייזטער ריין נאָך אַ שטיק גוטן געשמאַקן עסן. ס'בייסט זיך גוט, ס'עסט זיך גוט.

— דינהלע, ווילסט אויך? — זאָגט די מאַמע.

דינה קומט צו איר אין קיך אָן אַ בלוזקע מיט אַ קליידעלע אויף דער איינער העמד, מיט שלייקעלעך אויף די אַקסלען, זי איז שוין אויסגעצוואָגן אויף שבת און זי קוקט צי זאָל זי אויך עסן. זי זעט, אַז איך עס מיט אַזאַ חשק, נעמט זי אויך אָן אַ חשק און זי הייבט אָן טרינקען פון מיין גלאָז און בייסן פון מיין קאַשניק, נאָר פון אַן אַנדער זייט.

די מאַמע זאָגט:

— ס'איז דען פאַר דיר נישטאָ, וואָס עסטו אויף ביי אים? איצעלע. גיב איר אויך.

איך מאַך נאָך אַ „רעיס" אין קאַמער און מיר עסן ביידע אין קיך אויפן נידעריקן מילכיקן טאַפּטשאַן. די זאַסלאָנקע לעם אויוון איז שוין, דוכט זיך, אַרומגעקלעפּט מיט אַ לאַנגער שמאַטקע און מיט נאַסער גרויער ליים אַרום און אַרום. אַזוי גיך?

* * *

פרייטיק האָב איך אַ גוטיקע אַרבעט. אַ ביסל אַ שווערלעכע, אַ ביסל אַ גרינגלעכע. פאַר דער באָד איז בעסער, אַז מע טוט דאָס אויף: אויפקלייבן אַלע שיך לעם קליינעם בענקעלע, אַרויסנעמען פון אונטער דער שאַפע די בערשטלעך מיטן שוואַקס און אויספוצן די שיך אויף שבת.

www.libtool.com.cn

דינהם זענען קליינטשיקע. דעם טאַטנס זענען גרויסע, דער מאַמעס זענען מיטעלע און מייגע וועלן נאָך אויסוואַקסן.

אפילו האָניק מיט ברויט עס איך נישט איבעריק גערן: ער שמירט זיך. איינגעמאַכטס קלעפּט זיך. נו, און שוואַקס פּאַטשקעט זיך. די הענט פּאַטשקען זיך אויך, און מען דאַרף נאָך זיך היטן נישט אויספּאַטשקען די הויזן, דאָס העמד, און אַ מאָל אַפילו די נאָז. דו טוסט זי דאָך אומגערן מיט די פינגער אַ וויש. אָבער איז מען שוין אַריין אין דער אַרבעט, גייט עס שוין. צום אַלעם ערשטן טוסטו אַ בערשטל אָפּ דעם שטויב פון אַלע שיך. דערנאָך עפענען דאָס קיילעכיקע פושקעלע שוואַקס. מיטן קליינעם בערשטעלע שמירסטו אָפּ אַלע שיך, לעם די נעזלעך — מערער, לעם די כאַליװוקעס — ווינציקער. און דערנאָך טוסטו אָן דעם שוך אויף דער לינקער האַנט, דאָס גרויסע בערשטל — אין דער רעכטער און אַוועקגעפּאָרן רעכטס־לינקס, אַרויף־אַראָפּ! אַראָפּ־אַרויף! פריער ווערט דער שוך שוואַרץ, מאַסקע און קלעפּיקלעך. ס׳נישט געשמאַק, עפּעס נאַסלעך. אָבער עס באַווייזט זיך אַ קליינינקער גלאַנציקער פלעק, און דו ווערסט גלייך פריילעך, אַ שמייכל צעגייט זיך איבערן גאַנצן פּנים. דער פלעק ווערט גרעסער, בלישטשענדיקער, אָט־אָט צעגייט ער זיך איבערן גאַנצן שוך. דו קאָנסט זיך שוין שפּיגלען אין אים. און אויב איין שוך איז שוין ביי דיר פאַרטיק, וועט דער צווייטער שוין אויך נאָכגיין. איך האָב זיך טאַקע אַ ביסל איינגעמידט, אָבער אָט־אָ שטייען שוין ביי מיר לעם דער קאַלטער ריבע אויף דער ערד אויסגעשטעלט אַלע 8 שיך, אַלע בליאַסקע־ווען און זענען ביי זיך גרויס געוואָרן. ס׳איז גאָר אַן אַנדער פריילעכקייט אויף זיי.

די בלעכענע, קיילעכיקע פושקע פאַרמאַכט, די בערשטלעך צוגע־פּאַטשט איינער צום צווייטן מיט דער שטשעטינע אינעווייניק, פּאַשאָל צוריק אונטער דער שאַפע, אפשר טאַקע ביז איבעראַכטאָג אין דער צייט.

אויסגעשמירט בין איך אַ ביסל, אָבער צי איז סדאי וואָשן די הענט דאָ? מירן שוין עס איבערלאָזן פאַר דער באָד! זאָל זיך שוין דאָרטן וואָשן אַלץ אין איינעם.

www.libtool.com.cn



* * *

אויף דער קאַנאַפּע ביי מיר, ווו איך שלאָף כסדר ליגן שוין גרייט צוויי פּאָרלעך וועש — מיינע און דעם טאַטנס.

דער טאַטע גייט צו דער באָד, ווי צו אַ יום־טוב. ביי מיר איז עס אָבער אויך אַן אַרבעט — אַ ביסל אַ שווערע, אַ ביסל אַ גרינגע. גיי, זוך זיך אָפּ אַן אָרט צווישן פרעמדע מענטשן. טו זיך אויס, פאַרבינד מיטן פּאַסעק ס׳אַנטון און מיט אַ טרוקענעם, נישט געוווינטן לייב הייבסטו אָן זוכן צווישן פרעמדע לייבער אַ הילצערן ראַשקעלע (אַ שעפּעלע). נו, גוט, דאַרף מען נאָך עס אַ שווענק טאָן. דו ווייסט נישט, ווער ס׳האָט זיך אין דעם נאָר וואָס געוואַשן. דערנאָך אָננעמען הייסע און קאַלטע וואַסער, דערנאָך אָפּזוכן לעם ווענען זיך וואַשן...

אַ נעץ געטאָן ס׳לייב דאָ און דאָרטן און איצטער, מעג מען זאָגן, הייבט זיך אָן טאַקע דאָס בעסטע פאַרגעניגן...

גיין אין באָד אַריין פלעגן מיר דורך די נאַוואָזעס, פאַרביי דער וואָסקאָבוינע, דורך שלום דעם ווערפיערס ציהעלניע און דורך משהלע דעם שוסטערס גאָרטן. ערשטנס, איז עס האַלב וועג, ווי מיר זאָלן דאַרפן גיין דורכן קליינעם געסעלע און דורכן שליאַך. צווייטנס, ס׳זאָל אפילו זיין אַן אָנגעלייגטער וועג, איז דאָ אַ סך באַטעמטער דאָס גיין. דריטנס, טוט דער טאַטע אויף זיך גאָרנישט אָן. אַזוי ווי ער גייט פון האַרבאַרניע מיט די פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט די שטעקשיך (די מעשטעס — די אָפּגעשניטענע שיך פון די כאַליוועס). אַמאָל נאָר אַמאָל כאַפּט ער אויף זיך אַרויף ס׳פּיזשעקל. מיר פאַרנעמען מיט זיך ס׳וועש. דער טאַטע האָט נאָך מיטגענומען צען גראָשן באָד־געלט און אַמאָל 20 גראָשן, זאָל שוין זיין פאַר מיר אויך באַצאָלט, זאָל עס הייסן, אַז איך בין שוין אויך אַ מענטש, זאָל יאָסל־חיים דער האָרבאַטער האָבן נאָך אַ גראָשן פאַרדינסט.

אין באָד אין הויף איז פרייטיק פאַר נאַכט פריילעך, ס׳טוט זיך אַ לעבן. מענטשן גייען אַריין, מענטשן גייען אַרויס, מיט קינדער און אָן קינדער און פויערים זענען דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן אויך ליב אַ באָד. נישט אַזוי די באָד, ווי דאָס אויסשמייסן זיך אין דער גרעסטער היץ אויף


www.libtool.com.cn

נחום דער האַרבאַר,

דער פאָטער פון איציק קיפניס

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

דער סאַמע אייבערשטער באַנק. דער פויער פון אונטערן טייך ט׳יאָסל־חיימען נישט געבראַכט קיין באָד־געלט.

— ווּעסט קומען — זאָגט ער — נאָך אַ בינטל היי.

יאָסל־חיים טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ. ער ווייסט. ער וועט קומען.

דער טאַטע לייגט אַוועק צוויי קופּערנע צענערס און אין הייזל לעם דעם גרויסן פאַרמויערטן קאַסטן קלייבט ער זיך אויס צווישן עטלעכע אָנגעוואָרפענע בעזעמער אַ גוט בעזעמל. דער טאַטע וועט נישט נעמען קיין גרויסן בעזעם. — שטעקנס — זאָגט ער — אויף אַ גרויסן בעזעם. און ער קלייבט אויס אַ בעזעמל אַ קוחצס נאָר אַ פּוכקענס מיט ווייכע ריטעלעך און אַ סך בלעטער.

— אָט דאָס — זאָגט ער — איז דאָס וואָס מען דאַרף. און מיר גייען אַוועק אין פאָדערהויז פון דער באָד. דאָ שטייען ברייטע בענק ביי די ווענט און דאָ איז טאַקע די מקווה אויך אין מיטן. אין מקווה איז דווקא פריילעך. דאָרט קערן חברה איבער די וועלט, נאָר איך בין נאָך ווייט פון דעם. איך האַלט נאָך גאָר פון פאָרנט. דער טאַטע האָט אויסגעקליבן צוויי ראשקעלעך, אַ שווערערס און אַ גרינגערס. ס׳גרינגערס ט׳ער מיר געגעבן. און מיר גייען אַוועק מיט טרוקענע, גאַנץ וואָכעדיקע לייבער אין דער צווייטער באָד אַריין. דאָ האָבן מיר אַלץ, וואָס מען באַדאַרף. אַ הויכע דייזשקע מיט קאַלט וואַסער. אַ קראַן מיט הייס זודיק וואַסער און יידן, קיין עין־הרע אַ באָד מיט יידן. און אַלע סודות זענען דאָ קיין סודות נישט. אַ קילע, אַ געבריך, מעג זי זיין ווי אַן עמער די גרייס, איז זי דאָ אויסגעפּאַרעט און אויסגעוואַשן און אָפּגעדעקט פאַר דער גאַנצער וועלט. אבי איך קריך אַריין אינעם וואַשן זיך, דערהער איך ערשט און דערפיל ממש די פריילעכקייט פון דער באָד. מע רעדט, מע שרייט, מע דערציילט, אַז ס׳הודעט ווי אין אַ בינשטאָק. מע אָכקעט, מע טיאָכקעט, מע גיסט אויף וואַסער אויף די הייסע שטיינער. ס׳גייט אַוועק אַ רויך ביזקל דער סטעליע. אַז מע וויל איז עס אַ רויך, אַז מע וויל איז עס אַ פּאַרע. יאָסל־חיים קומט אַריין מיטן אַנטאַן מיט ביידע האָרבעס אין באָד אַריין איגעווייניק אַ קוק טאָן, צי ס׳דאָ קאַלטע וואַסער, צי ס׳דאָ

www.libtool.com.cn

פאַרע. און איך קלער, אַז יאָסל־חיים איז קיין עין־הרע אַזאַ באַלעבאָס, וואָס קאָן געבן אַ שטאָט מיט יידן נחת און נחת בשפע און ס׳נאָר אין אים געוועגדס. ס׳איז דאָך אַ מחיה. דער טאַטע ט׳אויסגעפּאַרעט ס׳בעזעמל און בעט מיך אַרויף. ס׳איז מיר אַ ביסל סטראַשנע, נאָר איך ווייס, איך האָב שוין געפּרוּווט, אַז ס׳איז אָן סכנות. איך קריך אויף די גליטשיקע אָפּגע־וואַשענע בענק, וואָס העכער איז הייסער. דער טאַטע ט׳אָפּגעוואַשן מיט קאַלט וואַסער אַן אָרט פאַר מיר. איך ליג שוין און דער טאַטע ט׳אָנגעזייפט ס׳בעזעמל און געגעבן אַ פּאָר איבער מיר איבער די פּלייטשקעס און דערנאָך איבער די געזעסלעך און איבער די ליאַטקעס פון די פיס ביז די פיאַטעס. ס׳איז אַ ביסל אַ מורא, אָבער ס׳גוט. דו פילסט ממש דעם טעם פון עפּעס אַ טייערער עבירה. דער טאַטע נעמט אָן אויף אַ שמאַטקע קאַלט וואַסער און לייגט מיר אַרויף אויפן קאָפּ. דערנאָך הייסט ער מיר זיך איבערקערן. איז ווייטער סטראַשנע און ס׳איז ווייטער גוט. און פון ביידע זייטן שמייסן זיך יידן מיט חיות און מיט פרייד. יאָסל דער שניידער איז איינער פון די, וואָס קומט דער ערשטער אין באָד אַריין און גייט אַוועק דער לעצטער. ער שמייסט זיך אָן איילעניש און קלייבט טאַקע נחת, וואָס קאָן סטייען אויף דער גאַנצער וואָך. יצחק אייזיק דער קאַזשושניק, אַ שטילער, אַ שווייגער פון אַלע יאָרן, איז דאָ אויך אַ באַזעסענער מענטש. און מאיר דער בלינדער. די אויגן זענען ביי אים קליין, דער קאָפּ איז הויל, נאָר דאָס לייב איז ווי לייב, די באָרד איז ווי אַ באָרד.

— וועמענס ביסטו, ייִנגעלע?

— נחום דעם האָרבאָרס.

— נחום ליבקעס? — עהע. — גיי זשע, זונעלע, ברענג מיר אַ שעפּל וואַסער, נאָר נישט צו קאַלט, נישט צו קאַלט, און ער הערט זיך צו. איך האָב לעם אים איבערגעלאָזן מיין שעפּל. קיינער זאָל עס נישט צונעמען, און גיי טאָן אַ מצווה. איך זאָל אים נאָר צוטרעפן מיט דער הייסקייט. אויפן וועג שטייט חייקל און גיסט זיך אָפּ מיט אַ ראַשקע קאַלט וואַסער. דאָס וואַסער צעגיסט זיך אויף אַלע זייטן און טרעפט אין אַנדערע אויך און אין מיר אויך און ס׳איז גוט. מע דאַרף זיך נאָר היטן פאַרן גליטשיקן פאָל. דאָס איז איינס, און פאַר דער פאַרע. ווען עמעצער טוט אַ גאָס

www.libtool.com.cn

אַ ראָשקע וואַסער אויף די שטיינער, דאַרף מען שטיין נישט אָנטקעגן, מע זאָל זיך נישט אָפּבריען. מאירן איז דאָס וואַסער געפעלן. אַז ער טוט אַ נעם אַ שמאַטע וואַסער אויף זיך און די שמאַטע דערלאַנגט מיר אויך, וואָלט איך זיך בעסער מעגן אָפּרוקן. ס׳איז פון דעסט וועגן צו הייס. איך וואַש זיך און וואַש זיך, ס׳איז מיר גוט און ס׳איז מיר פאַרגעניגנדיק. דער טאַטע שמייסט זיך נאָך דאָרט פון אויבן. עפּעס מענטשן רעדן פון קייסאָרים, פונעם דייטשישן, פונעם טערקישן, וואָס איינער האָט פאַר אַ טענות צום צווייטן און ווי אַזוי ער איז גערעכט און ווי אַזוי ער איז נישט גערעכט. די קייסאָרים זענען ביי אונדז אין באָד אַזאַ פּראָסטע און אַזאַ היימישע זאַך, אַז די הינער, וואָס גייען אַרום ביי אונדז אין הויף, זענען נישט פּשוטער פון זיי. ביי איין קייסער איז דאָ אַ נאָסליעדניק, ביי איינעם איז דאָ אַ נאָסליעדניצע. ווער וועט טאָן אַ שידוך, ווייס איך נאָך נישט. דערוויל דערציילט מען עפּעס פון אַ וואַלד, פון אַ פריץ, פון אַ רייכן סוחר, וואָס איז אָפּגעשאָטן מיט גאָלד; פון אַ באַן, וואָס גייט נישט ווייט פון דאַנעט; פון אַ זאַוואָד, וואָס טרייבט בראָנפן. ס׳איז מיר אַלצדינג געפעלן, ס׳מיר פון אַלצדינג גוט. דער עיקר וואָס איך מעג אַלץ איסהערן באַגלייך מיט דער גאַנצער וועלט. נאָר אָט נעמט מיך דער טאַטע פאַר אַ האַנט. ווי אַזוי ט׳ער מיך געפונען? און מיר גייען. מיר גייען אַהין וווּ ס׳איז קילער, כאָטש ס׳איז קילער, נאָר ס׳איז וואָכעדיקער. דאָרט טוען זיך אייניקע יידן אָן. אייניקע טוען זיך אויס, אייניקע וואַשן זיך אויף דער נידעריטשקער באַנק לעם ווענטל פון מקווה.

מאַטיע דער שוסטער וואַשט זיך און לאָזט אונדז אויך אַן אָרט. ער וויל אונדז טאַקע עפּעס פרעגן, אָבער דער טאַטע זאָגט, אַז מירן זיך פריער גיין אָפּטונקן. אין מקווה איז גוט, אין מקווה איז פריילעך. אייניקע יינגלעך טאַנצן און האַלטן זיך פאַר די פאַרענזשעס, שווימען אַרויף מיט די פּיסלעך אַרויף. אָבער די מקווה האָט אין זיך אַ חסרון. עפּעס אויפן פּאָל פון מקווה איז אַ ברעט אויסגעבראָכן אָדער ס׳פעלט אַ ברעטל. אמת, איך דערלאַנג נאָך נישט ביזקעלן דנאָ. איך האַלט זיך נאָך אויף די טרעפּ אויך לעם דער פאַרענזשע. משה מרדכיס יינגלעך, איינער עלטער און איינער קלענער פון מיר, טוקן זיך אַ געוויסע צאָל מאָל. זיי

www.libtool.com.cn


טראָגן פּאות. קלעפּן זיי זיך שוין די פּאות צו די יונגע באַקן. אויף זיי געפעלן מיר די פּאות און איך וויל נאָך נישט קיין פּאות. דער טאַטע מיינער טראָגט אַ באָרד, נאָר קיין פּאות זעט מען ביי אים נישט, אַזוי קוים־קוים נאָר פון אַ סימן וועגן. איצט גייען מיר פון מקווה. מיר זוכן אָפּ אויף דער ברייטער באַנק ביי דער דרויסן־וואַנט אונדזער אָנטאָן. און אָנטאָן זיך איז שוין נישט דער פאַרגעניגן, וואָס מיר האָבן די גאַנצע צייט געהאַט.

אָבער אַזוי איז דער סדר פון דער וועלט. אמת, זומער פאַרנעמט נישט דאָס אָנטאָן זיך קיין סך צייט. מיר האָבן שוין אָנגעטאָן די קאַפּאָטקעס, מיר האַלטן שוין ס׳קויטיקע גרעט אונטער דער האַנט, דעם זייף פאַרוויקלט, ס׳בעזעמל איבערגעלאָזן אין באָד און מיר גייען אַרויס. לייזער דער שוסטער לויפט אויף זיינע הויכע קאַבלוקעלעך ערשט אין באָד אַריין. ס׳נאָך דאָ פאַרע? — פרעגט ער, און מיר זענען שוין אַריבערגעקראָכן דעם פּלויט צו משהלען דעם קורצן אין גאָרטן, און מיר גייען פאַמעלעך פאַמעלעך. די גרינע קאַװענעס מיט די פאַסאָליעס גלעטן אונדז דאָס אָנטאָן. אויף דעם ציהעלניע־פּלאַץ איז שטיל. די ציגל אויסגעלייגט אין שטייענדיקע פענצטערלעך טריקענען זיך, די פאָרמעס ליגן ביי דער זייט און דאָס ווייסע פערד, אַ געפענטעטס, פּאַשעט זיך. עס ועט שוין אויכעט האָבן רו אַ גאַנצן שבת.

אַ גלאָז טיי, אַ ביסל באַרן־יויך. וואָס איז בעסער? נאָך דער באָד איז גוט דאָס, אי דאָס. מיר טוען זיך נאָך אַ מאָל אַ וויש מיט אַ האַנטעך, די קויטיקע וועש, דאָס וואָכעדיקע אָנטאָן וואַרפן מיר אַוועק. אויפן געדעקטן טיש שטייען שוין ליכט און די לייכטער איבער די ביידע טישטעכער, מיט וועלכע דער טיש איז שבת געדעקט. מ׳גיט מיר טרינקען טיי מיט אַ ביסעלע פריש איינגעמאַכטס מיט אַ קיכל. אָנעסן דאַרף מען זיך נישט. ס׳וועט זיין וועטשערע.

די שטוב איז אַן אַנדערע, דער דרויסן איז אַן אַנדערער. אַז דו זיצסט אויפן גאַנעק און קוקסט איבערן שטעטל אין די ליפקעס אַריין, זעסטו דאָרטן, אַז די זון וואַלט זיך ווי געזוכט צווישן די גרויס־באַבלעטערטעביימער אַ געלעגער אויף ביינאַכט, נאָר דער זומערדיקער טאָג איז נאָך

www.libtool.com.cn

שפּאָרעװודיק. אָפּרוען װעסטו, זונעלע, מירן אויך אָפּרוען, נאָר ס'איז נאָך נישט צײַט. אויפֿן הימל זיצן שײַנע ראָזעװע און ליכטיקע כמאַרעס. צו זייער שײנקייט איז גאָר קיין שיעור נישטאָ. ס'נאָר, װאָס דערלאַנגען זיך צו זיי קאָנסטו נישט, אַ טאַפּ טאָן זיי, אַ גלעט געבן זיי קאָנסטו נישט. קוקן קאָנסטו. דו קוקסט און דו זעסט, אַז ערשטנס זענען זיי זױבער ריין. די זױבערקייט זייערע איז גאָר אָן אַ מאָס. צװייטנס, זעסטו, אַז די װעלט שטייט נישט אויף איין אָרט. פֿריער איז דאָרט װוּ דו קוקסט געװען אַ גרױסע משה רבינישע באָרד מיט אַ פּנים און אפֿילו אַ סימן פֿון הערנער אויפֿן שטערן, אָבער דאַרפֿסט עס אויפֿכאַפּן אין איין אויגנ־בליק, װײַל פֿאַר דײַנע אויגן ענדערט זיך עס. ס'ענדערט זיך נישט מיט אַ מאָל, נאָר איצט, אַז דו קוקסט זיך גוט איין זעסטו שוין אַ שיף ענלעך אויף אַ פֿויגל. יאָ, דער אויסגעבויגענער האַלדז איז פֿון אַ שײנעם פֿויגל, זייער עלאַסטיש, און איצט זעסטו בלויז אַ גרױסע העלפֿאַנטפֿעס, אַ לאַנגע. װאָס הייסט אַ לאַנגע? פֿאַר אַ ריז אַזאַ װי גלית איז עס אַפֿילו נישט צו גרױס. מיט אַזאַ פּעדער ט'משה געשריבן די תּורה? ניין. ער האָט געדאַרפֿט מיט אַ דאָלאָטקע אויסהאַקן אויף שװאַרצע מירמלשטיינער די לוחות. משה האָט געדולד און אַ סך מוט. ער שטייט אויפֿן װײַכן הימל און הריזנעט זיך איין מיט די פּיס און ער האַקט אויס שטאַרקע אייביקע אָנזאָגן אויף די שװערע מירמלשטיינערנע ברעטלעך. אייביקע צװײ ברעטלעך, װאָס די צװײטע זענען צו זיי נישטאָ: אנוכי, לא תשא... שבת. כּבד. מיר דוכט זיך, אַז װען משה זאָגט מיר נישט אָן, װאָלט איך אַנדערש גאָרנישט געטאָן מײַן טאַטן און מײַן מאַמען. אמת, דער טאַטע טוט אפֿילו אַמאָל אַ זאָג: ער טאָפּטשעט שוין... אָבער װיפֿל טאַטעס בײַ װיפֿל ייִנגלעך איך האָב געזען, איז צו מײַן טאַטן נאָך קיין גלײַכן נישטאָ, אפֿילו ביז צו האַלב דערגרייכן זיי נישט. איין ייִד איז נאָר דאָ אין שטאָט, װאָס איך האָב אים שטאַרק ליב אָן שום פֿראַגעס און דער טאַטע האָט אים אויך ליב און אַלע אין שטוב האָבן אים ליב. דאָס איז אונדזער סלאָװעשנער רב ברוך קאַפּסאָן. ער איז אויך אַ טאַטע בײַ זײַנע קינדער. נאָר צו האָבן אַזאַ טאַטן דאַרף זיך קאָנען פֿאַרגינען נישט אַבי װער. אַזאַ מענטש איז אי הייליק, אי פֿאַרכטיק, אי שיין, אי באַטעמט. מירן זיך מיט

www.libtool.com.cn

אים אַמאָל באַגעגענען, ער רעדט אַמאָל מיט מיר. דער טאָג, ווען ער זאָגט מיר כאָטש איין וואָרט, איז ביי מיר אַ באַזונדער מין יום־טוב.

ערשט איצט פאַרשטיי איך, אַז דער מאַמעס אַרבעט אינעם פרייטיקדיקן טאָג איז ממש ווי דער כּהן טוט די עבודה. אַ סך פּיזישע מי, אַ סך קאָפּ־אַרבעט, אַ סך אָנגעשטרענגטקייט. איין אַרבעט גייט אַריין אין דער אַנדערער, איין אַרבעט זאָל נישט פאַרטשעפּען די אַנדערע און די קיכלעך זאָלן זיין צוגענגלעך צום טעם און דער קאָמפּאָט זאָל זיין אויסגעזאָדן וויפל ס'פאָדערט זיך און די ציקאָריע אויבן זי וועט עטוואָס אויסלויפן ביינאַכט אינעם הייסן אויוון, זאָל זי נישט פאַרגיסן די פליישיקע כּלים מיט די פליישיקע שבת־מאכלים. זאָל זי בעסער שטיין לעם דער באַנקע אָדער טיקווע, זאָל זי בעסער שטיין ביי דער זייט פון דער בהמהס טשאַוונעס. און די קינדער מעגן זיין אויסגעצוואָגן אין דער צייט, און די בהמה צוגעזען און וואַסער אויף טיי זאָל טאַקע זיין דווקא פונעם פאַבריקע־ברונעם און דאָס שטיקעלע פלייש, וואָס מע גיט אויפן שטאָט שמערעליכען דער אַלטער, זאָל מען געדענקען צי ס'איז כּשר געמאַכט, צי ס'נאָך נישט געווייקט, יענע זאָל וויסן ווו עס לייגן. און געבן אָפּעסן דעם טאַטן און מיר וואָס אויף פרישטיק, וואָס אויף מיטאָג, וואָס צום טיי נאָך דער באָד. אַזוי ווי אין בינשטאָק זענען צעטיילט אינעווייניק די סטאַלניקעס אויף קעמערלעך און קעמערלעך, פענצטערלעך און פענצ־טערלעך, אַזוי גייען ביי איר די אַרבעטן פון טאָג צעטיילט און אויסגעצוימט איינע פון דער צווייטער און יעדע אַרבעט פון די כּלים צעוואַשן ביז דעם טשאָלנט פאַרפּראַוועון ביז דעם בלעטל אויפן קוגל אויסקאַטשען. אַלע אַרבעטן וועסטו אין קיין הונדערט גאָמענקלאַטורן נישט אַריינגעמען אָבער ווי אַזוי טוט זיך עס רויק אָן געשרייען, אָן הריזאָטעס, אָן אנטריי־בענישן. און ווי איז דער דין, אַז דעם זעלבן פרייטיק דאַרף נאָך די מאַמע גיין אין וואַסער אַריין (גיין און אַ ביסל זיך טובל זיין אין אָוונט אין מקווה, אַרומשניידן ביי דער בעדערין די נעגל, כּדי זיין ריין צום מאַן האָט געהייסן מיט אַזאַ שטיל און לייכט וואָרט גיין אין וואַסער אַריין און מען גייט אַזוי ס'זאָל זיך קיינעם נישט וואַרפן אין די אויגן). מיין יונגע מאַמע. און דענסטמאָל, דענסטמאָל האָב איך זיך פאַרגעשטעלט, אַז

www.libtool.com.cn

ס'איז אַלץ גרינג. איך האָב אין ערגעץ קיין סקריפּ נישט געהערט, אַזוי ווי ס'עטעמט זיך גרינג, אַזוי פירט זי גרינג מיט די ווילקעס און מיט דער לאָפּעטע פון אויוון און אין אויוון. בלויז פאַרנאַכט, אַ האַלבע שעה פאַר ליכט־בענטשן, פלעגט זי זיך אַוועקזעצן אויפן גאַניקל, די עקן פון דער ווייסער פאַטשיילע פאַרלייגט אונטער די אויערן און איך פלעג מיינען, אַז דאָס וואָרט זי אַזוי אויף דער בהמה. אויפן טיש שטייען שוין די אויסגעפוצטע לייכטער מיט צוגעשמעלצטע חלבנע ליכט, צוויי גרעסערע און צוויי קלענערע. איצטער זענען מיר ביי דער מאַמען פינף לעבעדיקע קינדער, אין איינעם מיט טאַטע־מאַמע זענען מיר געווען זאַלבעזיבעט. פלעגט זי טאַקע צינדן זיבן ליכט, צוויי גרעסערע און פינף קליינע. איצט, פון דער צייט, ביי וועלכער איך האַלט דאָ, פלעגט זי צינדן פיר ליכט. איצט פאַרשטיי איך עס שוין. מיר זענען געווען זאַלבעפערט — טאַטע־מאַמע, איציק, דיניא.

די מאַמע ט'ליב געהאַט נישט אַריינציען שפּעט מיטן ליכט־בענטשן. ציקאַווע, ס'איז נאָך נישטאָ קיין צען יאָר אין דעם, אַז זי איז אַ יונג מיידל געווען. ווי אַזוי איז זי עס אַזוי גיך געוואָרן אַן ערנסט ווייבל, נישט אָפּגערוקט אין קיין זאַך פון טיפער כשרער יידישקייט!

אַז די מאַמע גייט שוין בענטשן ליכט, גייען מיר מיטן טאַטן אין שול אַריין. די מאַמע טוט אָן דאָס זיידן טיכל, די ברייטלעכע מאַטינע מיט די ברייטע פראָשוועס לעם די מאַנקעטן. זי צינדט אָן די ליכט. בעת זי צינדט אָן די ליכט איז זי עפּעס גאָר אַן אַנדערע, פּונקט ווי די שטוב איז אין דער רגע אויך אַן אַנדערע, פּונקט ווי סיי זי, סיי די שטוב, סיי מיר אַרום איר וואָלטן גאָר געווען אין אַן אַנדער וועלט, אַ וועלט וווּ אַלץ איז צו ערנסט און צו רייך, אַז מע זאָל זי קאָנען פאַרגלייכן צו דעם, וואָס ס'איז געווען צוריק מיט אַ מינוט. ברוך הוא וברוך שמו, זאָגט די מאַמע דריי מאָל און דריי מאָל טוט זי אַ פיר אַרום די אָנגעצונדענע ליכט מיט די לייכטער מיט אויסגעשפּרייטע הענט, דערנאָך שטעלט זי צו די דלאָניעס פוןביידע הענט צום פּנים מיט די אויגן און בעט עפּעס צו גאָט. פאַרן טאַטן בעט זי, פאַר אונדז, פאַר כל ישראל און פאַר זיך. אין דער רגע פיל איך אויך דעם רבונו של עולם זייער נאָענט. טאַקע

www.libtool.com.cn

ממש פונעם זונען־ראָד אין די ליפּקעס ביז אונדזער דאַך מיט אונדזערע פענצטער ביז דער מאַמעס פּנים פאַרשטעלט מיט די יונגע הענט ביז די פלעמעלעך אויף די ליכט, וואָס זיי זינגען נאָך דער מאַמען איר געבעט. די מאַמע נעמט אַראָפּ די הענט פונעם פּנים און זאָגט אַ גוט שבת. אַז עמעצער פון אונדז איז דאָ אין שטוב, זאָגט זי גוט שבת, אַז מירן זיך צעגאַנגען יעדערער, זאָגט זי אויך גוט שבת. אַזוי דאַרף מען, אַזוי פּילט זי, אַזוי הייסט גאָט און גוטע לייט הייסן אַזוי און אַנדערש קאָן נישט זיין.

אין שול, צי אין קלויז זענען אויך אַלע יידן אַנדערש, נישט אַזוי ווי צוריק מיט אַ שעה. דער שוסטער, דער שניידער, דער קרעמער, דער קירזשנער, דער קצב, דער דאָרפס־הענדלער, דער באַלעבאָס, דער וואַסער־פירער — אַלע, יעדערער אויף זיין אָרט הערן, ווי מרדכי לייזער, כיטריקס יונגער איידעם שטייט ביים עמוד, אינעם טלית און טרובעט אויס מיט אַ מונטער הויך קול, זינגענדיק און שאלנדיק לכה דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה. אַלע בענק, אַלע ווענט, דער פרוכת אויפן ארון־קודש, דאָס טישטעך אויפן באַלעמער, די פענצטער, דער מזרח, די פענצטערלעך אין דער ווייבערשער שול — אַלץ איז באַנייט, באַהייליקט, און ס׳האָט אין זיך אַ נייע נשמה, אַ ברייטע נשמה, אַ צוגאָב־נשמה. ס׳נישט גלייך און ס׳קאָן נישט זיין גלייך צו בעכטן אויף דער נאַכט אָדער צו אַן אַנדער אויפדערנאַכט. מיר זענען אַלע אַנדערע. און אַז מען האָט אָפּגעזאָגט דעם קדיש נאָך עלינו, גיבן זיך אַלע אָפּ אַ גוט־שבת. עלטשיק דער שוסטער זאָגט מאָטלען ראַטנער אַ גוט־שבת, איך זאָג יחיאלן בנימין לייבס אַ גוט־שבת און ער ענטפערט מיר ווי זיינעם אַ גלייכן גוט־שבת.

איז דאָך טאַקע אַן אמת, אַז די מלאכים זענען צווישן אונדז און זיי קלייבן די אַלע גוט־שבתן און מאַכן פון זיי דערנאָך די בעסטע סאַמעטן און די בעסטע ווייןן־געטראַנקען, די בעסטע בשמים און פאַרפומען.

און אַז מיר קומען מיטן טאַטן אין שטוב אַריין מיטן גוט־שבת. די מאַמע מיט דינהלען זיצן שטיל און וואַרטן אויף אונדז און זיי ווייסן שוין, אַז שוין איידער עפּעס ווען מיר אָפּגעבן שלום די מלאכים. אויפן טיש ברענען די ליכט, אויפן טיש שטייט קידוש, אַ פלעשל מיט משקה, אַ גרויסער בעכער און אַ קליין בעכערל. דער טאַטע איז זייער אויפגעלייגט

www.libtool.com.cn

און זאָגט טאַקע צום סאַמע ערשט הויך און מיט אַ באַזונדער אָנגענעמקייט אין דער שטים „שלום עליכם מלאכי השלום" און איך זינג אונטער. ווייל אַז דער טאַטע איז מיט זיי באַקאַנט, בין איך אויך מיט זיי געוווינט שוין פון לאַנג.

אַז מיר מאַכן אָפּ קידוש גיט דער טאַטע פון זיין בעכער אַ טרינק טאָן דער מאַמען און דינהלען און מיר גייען זיך וואַשן און מיר דעקן אָפּ די קוילעטשן. לעם דעם טאַטן שטייען זיינע, די גרויסע, לעם מיר שטייען מיינע די קליינינקע. און ס'הייבן אָן קומען צום טיש דאָס שמעקעדיקע מאַסקע עסיק־פלייש. יעדערער עסט אויף זיין טעלער. דערנאָך די יויך, די פּאַסאָליעס, דאָס פלייש יעדערן צו שטיקעלעך. כל מקדש, זאָגט דער מאַטע, כל מקדש, זינג איך אים נאָך און די מאַמע גיט קאָמפּאָט. אויפן טיש איז שוין אָנגעברעקלט, אָנגעוואָרפן. די ליכט, באַזונדערס די קלענערע, גייען שוין אויס און מיר מיטן טאַטן בענטשן.

מיר האָבן ביים טיש טאַקע אָפּגעגאָסן די שפּיץ פינגער מיט מים אחרונים און מיר בענטשן כי הוא אל זן ומפרנס לכול ומטיב לכול ומכין מזון לכל בריותיו. ביי גאָט איז קיינער נישט הונגעריק, ביי גאָט האָבן אַלע וואָס צו עסן. די בהמה, דאָס פערד, די שעפּעלעך ביי שכנישע פּויערים אין שטאַל. און די מאַמע דערלאַנגט צום טיש אַ ביסל געטריקנטע נאָך פאַראַיאָריקע יאַדערן. דער טאַטע איז פאַרן גרויסן טאָג אָנגעהאָרעוועט און נאָך די פעטע מאכלים קלעפּן זיך שוין די אויגן. נאָר ער וויל נאָך אַרויסגיין אויף אַ רגעלע אין דרויסן. טאַקע אָננעמען אַ האַלבן עמער האָבער און אַן עמער סעטשקע און אַרויסטראָגן דעם פערד אין שאָפּע. פאַרשיטן אים אין זשאַלאָב זאָל מען. איך הער, ווי דאָס פערד טוט נאָך פון דער ווייטן אַ שטילן הירזשע, ד. ה. עס איז גערן, וואָס מע האָט טאַקע אָן אים נישט פאַרגעסן.

ביי דער מומען אויפן גאַניק זיצט מען נאָך און מען קנאַקט אויך יאַדערן. מען וואָלט קאָנען צוגיין אַהינצו און נאָך שטיין אַ פּאָר מינוט עפּעס רעדן זיך גלאַט אַזוי, נאָר ס'ציט שוין צום שלאָפן. פאַרלייגן מיר די טיר. אין לעמפּל איז ווינציק גאַזע, וועט עס באַלד אַליין אויסגיין. די ליכט לעשן זיך שוין. שלאָפן איז שלאָפן.

www.libtool.com.cn


ביי מיר אויף דער קאַנאַפּע איז שוין אויסגעבעט און דינהלע שלאָפט שוין אפילו אויף דער הילצערנער רויטער קאַנאַפּע. בין איך טאַקע אין גאַנצן איינער אַליין. דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען שוין אין אַלקער ביי זיך. דער אַלקער איז זייערער, די שטוב איז מיינע. די קאַנאַפּע די געבעטע איז מיינע. זאָל איך זיך אויכעט אויסטאָן און זיך לייגן?

ברכה דער מומעס, איז אַ דינסט ביים רב אין שטוב. צי זיי האָבן זי געדאַרפט אָפּגעבן פאַר אַ דינסט, צי ס'איז זיי געפעלן געוואָרן, וואָס זי וועט זיין ביים רב אין שטוב.

ברכה איז אַ פריילעכע, אַ לאַכנדיקע, זי הערט אויף זיך קיין וועלט נישט. אַז אַ מיידל קומט צום רב מיט אַ שאלה און זי קערט אַקוראַט די שטוב, קאָן זי זיך נישט איינהאַלטן, טוט אַ בויג דעם קאָפּ צו דעם צעוויקלטן שטיקל עוף מיט דער שאלה און זי טוט אַ הרימע אויף אַ קול: כשר. די רביצין האָט איר שוין דווקא געזאָגט אַ פּאָר מאָל, אַז ס'נישט שיין אַזוי צו טאָן. אַ שאלה איז אַ יידישע זאַך און מען דאַרף האָבן דרך ארץ. איך בין שוין העכער 15 יאָר דעם רבס ווייב און איך מיש מיך נישט אין קיין שאלות.

— ווייל איר ווייסט נישט — ענטפערט איר ברכה — און איך וויים, ווען ס'איז כשר.

די רביצין שווייגט אַ ביסל און דערנאָך זאָגט זי מיט אַ שמייכל: אין וועלעדניק האָבן זיי לאַנגלעך געזוכט אַ רב און זיי האָבן נישט געוווסט...

— אַז איך קען פסקנען שאלות? — האָט ברכה געענטפערט. — ס'מיין גליק, וואָס מען נעמט נישט קיין רב מיט קיין קליידל, אויב נישט וואָלט איך זיך שוין לאַנג אויסגעלערנט.

אַז ברכה קומט צו לויפן אַהיים אויף אַ האַלבער שעה דערציילט זי אַלץ און זי לאַכט. וואָרום זי איז טאַקע נישט קיין דינסט, זי איז אַ באַלעבאַטיש מיידל, נאָר זי האָט זיך געשטעלט צום רב אויף אַ יאָר צו־ אויף אַנדערהאַלבן, ווייל, ווייל ס'גאַרנישט. אפשר וועט זיך טאַקע אָנקלייבן עפּעס אַ קניפּל אויף נדן. נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר וועט מען שוין דאַרפן. כאָטש יענקל איז עלטער פון ברכהן, פון דעסטוועגן ט'ער געזאָגט דער

www.libtool.com.cn

מומען, אַז ער װעט צװאַרטן. מע װעט פֿריער תּתונה מאַכן ברכהן און דערנאָך װעט ער זיך אַלײן קנסן. ער איז אַ ביסל אַן עזות פּנים, יענקל, נאָר ער קען גוט די האַרבאַרסקע אַרבעט. אַפֿילו, אַז די באָבע, עליה השלום, ט׳געלעבט ט׳זי אים אַלץ געפֿרעגט און האָט אים געגעבן די שליסלען אין די הענט. איצט איז ער טאַקע אַלץ. די מומע קאָן אַמאָל אָנשעלטן, אָנשרײַען, אָבער װאָס װײסט זי אין האַרבאַרסקע זאַכן. זי װײסט גײן אויפֿן מאַרק אײַנקויפֿן, קאָכן, מאַכן שבת, נו, און אַמאָל אָנשרײַען, װעקן יענקלען צו דער אַרבעט. — שטײ אויף! — זאָגט זי — דער סטאַרעץ איז שוין אינעם צענטן דאָרף. װאָס הײסט עס דער סטאַרעץ? ד״ה אַ בלינדער בעטלער, װאָס גײט באַהאַנגען מיט עטלעכע טאָרבעס — אויף מעל, אויף גרויפּן, אויף אַ שטיקל ברויט, אַ שטיקל חזיר; מײנט זי, װײַזט אויס, אַז דער בלינדער בעטלער איז שוין אויסגעגאַנגען צען דערפֿער און דער באַלעבאָס פּאָפּט נאָך.

זי האָט שוין אַרויסגעטריבן די בהמה אויף דער פּאַשע, װײס איך, װען אליה דער אַרבעטער זײַערער איז שוין אויך געקומען און גענומען דעם שליסל. דער מומען קאָכט עס. טאָמער װעט דאָרטן אליה געגעצן, זיך קראַצן, און געלט נעמט ער דאָך אַ סך, 4 קערבלעך אַ װאָך. דאָס געלט זענען בײַ יענקלען אי אויף קויפֿן, אי אויף פֿאַרקויפֿן. פֿון אײן זײַט איז עס גוט, װײַל ער פֿאַרשטײט, װײַזט אויס, אין די זאַכן. די באָבע ט׳אים צוגעלערנט, אָה פֿון דער צװײטער זײַט איז עפּעס נישט קײן יושר: אַז ס׳דאָ אַ מאַמע אין שטוב װאָלט די מאַמע געדאַרפֿט װיסן... װער זאָגט דען, אַז זי װײסט נישט? זי װײסט, נישקשה! אַז אַ פּויער ברענגט אַ פֿעל אין דער אַרבעט, אָדער אַ פּאָר בינטלעך קאָרע, פֿאַרלויפֿט זי דעם װעג און שלעפּט אים צו זיך, ער זאָל נישט פֿאַרגײן צו נחומען מיט ליבקען, כאָטש נחום און ליבקע נעמען זיך װינציק פֿון דעם צום האַרצן. ער האָט זיך זײַנע קונדן און װער ס׳געװוינט גײן צו אים, װעט אים קײנער נישט אַריבערנאַרן. נאָר זי, די מומע, איז זײַער נישט רויִק טאָמער האָט זי אײַנגעלאָזן, טאָמער װאָלט זי עס אַרײַנגעכאַפּט צו זיך. דערפֿאַר איז זי אויך נישט פֿויל גאַנץ פֿרי אַראָפּכאַפּן אַ מולטערל גרויסע באַרלעך פֿון דער זדיביצע, װאָס טריקנט זיך בײַ אונדז אין הויף, פּונקט װי

www.libtool.com.cn

איר אייגענע זדיביצע וועט זיין פּאַר איר קאַרג. זי כאַפּט אַמאָל אַ שטיקל קלעצל, אַ שפּאָן אַ גרויסן און פאַרשלעפּט צו זיך אויף איר זייט הויף אָדער צו זיך אין שאַפע אַריין. זי איז נישט קיין גנבטע, ד. ה. פּאַר אַ גנבע טאָן שטיל וואָלט זי אויך נישט איבריקס נתפעל געוואָרן, נאָר דאָ האַלט זי, אַז וואָס זי וואָלט נישט צוגעשלעפּט איז אַ מצווה. נחום איז אַ ראַדאָמישלער, ליבקע איז אַ טאָכטער, נישט קיין זון. און מע האָט זיי אָפּגעגעבן אין ירושה אַ שטיק האַרבאַרגיע, אַ שטיק הויף, און אַ שטיק גאָרנישט, אַ קרענק וואָלט איך זיי געגעבן, אַ שטיין אין די ציין. בפרט זי איז אַן אַלמנה, אירע פיר קינדער זענען יתומים. מער גאָרנישט קיין אַנדערע חשבונות ט׳זי נישט געהאַט און וועלכע האַרבאַרגיע דאַרף זי אַליין האָבן, איז איר קיין חילוק נישט. זי האָט איצט אויך אַ גרעסערע, נאָר ווען זי האָט אַ קלענע, איז אויך גאָרנישט. קיין טיפע חשבונות קאָן זי נישט מאַכן. ס׳אַרט זי נאָר למאי יענער האָט. יענעם קומט נישט. איר קומט.

דער פעטער יחיאל ט׳געווען געהאַט אַ ווייב, וואָס האָט אים געוועזן אָפּגעגט, ט׳מען אים התונה געמאַכט, גענומען אַ שנור פון אַ פּראָסטערן אַרט, משה דעם כאמרולס אַ טאָכטער. איז זי טאַקע אַ פּראָסטע זאַך, נאָר אַזוי ווי זי ווייס, אַז זי איז אַ שנור אין אַזאַ שטוב, האָט זי זיך געמאַכט אַ מאָדע לויפן אין שול אַריין אַלע טאָג אין דער פרי און אויף דער נאַכט. דאַוועגען קען זי נישט, רעדט זי אַ ביסל, שנייצט זיך אויס די רויטלעכע נאָז און טוט אַמאָל אפילו אַ וויין. און אַזוי ווי דער גאַנג קאָסט זי גאָרנישט, זי האָט קיין מאָל אין לעבן נישט געקרענקט, איז ביי איר אַ לאָף טאָן אין שטאָט אַריין ראַז פּליונוט. דערווייל זעט זי מענטשן, דערווייל הערט זי זיך אָן מיט נייס.

ביי אונדז אין שטוב איז זי אויך צען מאָל אַ טאָג. זי איז אונדז אַ שונא, זי איז אונדז אַ פריינד. מיט אונדז אויף איין סטעזשקע און אין שטוב איז זי דאָך אַ ביסל געוווינטער ווי מיט עמעצן. אַז ביי אונדז איז שלאָף אַ קינד, איז זי דאָ מיט אַן שצה און איך גלויב איר, אַז זי איז יעדן קינד אונדזערן געטריי.

איך זאָל זאָגן, אַז אַן יחיאלן איז איר גרינגער ווי מיט יחיאלן?

www.libtool.com.cn

ס׳קאָן זייער זיין. ווייל מען זעט נישט זי זאָל זיך פילן אלמנהדיק. פיר קינדער, נישט קיין שלעכטע קינדער. 3 יינגלעך, איין מיידל. דאָס מיידל וועט זי אפשר אָפּהאַלטן ביים רב נאָך אַ האַלב יאָר, וועט מען זי חתונה מאַכן, דערנאָך יענקלען קנסן. און די קלענערע לערנען דערווייל אין חדר, אי מרדכי, אי ברוך. ביסט אַ מבין ווי דער עלטערער איז שוין אויף אַלצדינג אַ באַלעבאָס. אפילו שכר־למוד אויף די יינגלעך איז אויך ביי אים דאַרף מען נעמען און ער האָט דעם טייסטער ביי זיך. אַזוי מן הסתם דאַרף זיין. אַמאָל נאָר, אַמאָל טוט זי אַ קלער, אַז זי איז דאָ אַן איבעריקע. ברכה וועט חתונה האָבן, יענקל וועט חתונה האָבן, אויב מע וועט זי נאָך דאַרפן פאַר אַ דינסט, איז גוט, אויב נישט?

וואָס איז מיר אַזוי אַרויפגעקומען דער מומעס שטוב אויפן קאָפּ, ווייס איך נישט. נאָר איך שלאָף שוין, דאַכט זיך. עפּעס וויל איך וואָס מע טאָר נישט און ס׳איז מיר אַזוי זיס, אַזוי גוט פונעם ווילן, פון דעם גלוסטן אַליין. חזיר טאָר מען אויך נישט, נאָר חזיר גלוסט זיך מיר זעלטן. פון חזיר מיאוס איך מיך אַמאָל. איך וויל וואָס מע טאָר נישט און איך ווייס אַפילו נישט ווי אַזוי דאָס אָנרופן און ס׳איז מיר אַזוי גוט אויף מיין געבעטער קאַנאַפּע מיטן פּאַרענדזש. אַלע שלאָפן שוין ביי אונדז אין שטוב, אַלע שלאָפן שוין. די וועלט איז מיינע. איך האָב נאָר צו קליינע, צו שוואַכע הענט אויף זי אַרומנעמען... און ס׳איז אַזוי אַלצדינג געשמאַק...

* * *

די מאַמע איז שוין אויפגעשטאַנען צו דער בהמה. אוליטאַ איז געקומען און זי אויסגעמאָלקן און אפילו איבערגעזייט די מילך. די מאַמע ט׳איר געגעבן אַ האַלבע חלה. פון אונדז איז נאָך אוליטאַ אַוועקגעלאָפן צו דער מומען. שבת מעלקט זי ביי אונדז די בהמות, אוליטאַ, און טראָגט אַוועק די קינדער איר חלה פון די יידישע הייזער. צו אוליטען אין שטוב גלוסט זיך מיר גיין, ס׳גלוסט מיר צו איטלעכן גיין, נאָר איך גיי ווינציק. איך שעם זיך, איך בין ביי זיך אָפּהענטיק. אַז די מאַמע שיקט

www.libtool.com.cn

מיך אַמאָל צו אַרינען נאָך אייער, זי איז אונדז שולדיק פּאָר עפּעס, גיי איך. ביי אַרינען, זי איז פּאַוועל שערשענס ווייב, איז אַ גרויסע גערעמע שטוב פון איין חדר, מיט אַן אויוון אַ גרויסן, מיט בענק ביי צוויי ווענט גראָבע, ברייטע און שטאַרקע בענק, מיט איקאָנעס אין ווינקל. דער טיש איז אַ קלענער פון נישט קיין געפּאַרבטן האָלץ. ער שטייט אויך אין ווינקל.

פאַרן טיש, אַהער צו דער שטוב צו, שטייט אַ באַנק אַ לאַנגעכיקע און אַ באַוועגלעכע, זי זעט אויס קליין, נידעריק און נעבעכדיק אַקעגן די גרויסע פונדאַמענטאַלע בענק, וואָס זענען צוגעפּעסטיקט צו דער וואַנט, צו דער ערד, צו דער גאַנצער שטוב. אַרינאַ האָט איין מיידעלע, אַן איידלינקע, אַ שלאַנקענקע. אָדער אַרינאַ איז שלאָף אָדער עמעצער אַנדערש איז שלאָף. איין קינד אויף אַ גאַנצער שטוב, אויף אַ גאַנץ לעבן. איין קינד. ס'איז טאַקע זייער ווינציק. כאָטש גיי און קויף איר נאָך אַ פּאָר קינדער. חזירים האָט זי, אָקסן האָט זי, בהמות האָט זי, עופות האָט זי. זי ווייס, אַרינאַ, נאָך וואָס איך בין געקומען, נאָר די אייער זענען ווייט אין קוטשקע, פּאָדפּעטשיעם הייסט עס ביי די קריסטן. לייגט זי זיך אַוועק אויפן בויך, אויף דער סאַמע ערד ציט זי זיך אויס און שאַרט אַרויס פאַרזיכטיק מיט דער קאָטשערע אייער וויפל זי דאַרף מיר געבן. איך בין נאָך גאָר אַ קליינער, נאָר איך פועל ביי זיך קלערן, אַז אַרינאַ, וואָס ליגט איצט אויף דער ערד, איז מיין ווייב און איך בין איר מאַן און מיר דאַרפן האָבן נאָך קינדער. איין שיקסעלע איז ווינציק אויף אַזאַ ווירטשאַפט.

איך ליג אויפן געלעגער. די מאַמע האָט אַרויסגעלאָזן די בהמה אויף דער פּאַשע און זיך צוריק צוגעלייגט, שבת מעג מען אַ ביסל שפּעטער ליגן, און איך ליג זיך אויף מיין שטוב־געלעגער און קלער פון די שכנית־דיקע פּויערשע הייזער. ווי אַזוי ס'איז ביי זיי אין הויף, ווי אַזוי ס'איז ביי זיי אין שטוב. הײַנט האָב איך נאָך נישט געענדיקט קלערן פון אַרינעס שטוב. איך וואָלט דאַרפן זיין איר מאַן און מאַכן שענער איר לעבן. איך ווייס זייער גוט, אַז אַקערן קען איך נישט, איינשפּאַנען קיין אָקסן קען איך נישט, פירן האָלץ פון וואַלד קען איך נישט. פּאַוועל קען עס

www.libtool.com.cn

אַלץ זייער גוט. ער קאָסעט און טריקנט היי און ברענגט. ער איז אַ גוטער און פאַרמעגלעכער כאַזיאַין, האָט אפילו נישט קיין קינדער, ווער ס׳זאָל אים העלפן. אייגנטלעך זענען זיי נאָך יונגע. זיי קאָנען נאָך האָבן אפילו אַ סך קינדער. און איך ווער ווייטער אַנטשלאָפן, אָבער נישט אויף לאַנג. דער טאַטע גייט שוין אַרום. דער טאַטע הער איך לערנט אַ פּרק משניות, איצט איז ער מעביר די סדרה. געוווּנג ליגן, קלער איך, און דער טאַטע גייט אויך צו: טו זיך אָן, וועלן מיר גיין פויען דאָס פערד. גערעכט. איך וועל אַרויסטראָגן דעם טאַטן דעם עמער צום ברונעם, וועט דער טאַטע אַרויספירן דאָס פערד און מע ט׳אים אָנפויען. איך טרינק אויס אַ גלאָז ציקאָריע אָדער צוויי גלעזער. דאָס פערד טרינקט אויס אַן עמער וואַסער אָדער צוויי און שווענקט אויס די ציין. עס האָט ליב אויסשווענקען זיך די ציין מיטן לעצטן ביסל וואַסער אין עמער. פערד האָבן מיר געהאַט אין פאַרשידענע צייטן פאַרשידענע. אַז מיר האָבן געהאַלטן אַ פּראָסט פערד, אַן אָרעמס, אַ מאָגערס, אַן אַלטס אויף הויכע פיס ווי די זשערדקעס, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ס׳איז ריכטיק, קיין בעסערס פאַרמאָגן מיר נישט צו האַלטן. אַז מיר האָבן געהאַלטן אַ פערד פאַר 80 קערבלעך, אַ גרעסערס און אַ שטאַלטנערס פון די, וואָס ביי די פויערים מיט וועלכע זיי באַארבעטן ס׳פעלד, איז עס אויך געווען סאַמע נאַטירלעך. ס׳האָט גאָר אַן אַנדער פּנים, אַז מע פאָרט אַרויס אויף אַזאַ פערדל — דאָס עסן איז דאָס זעלבע, אַרבעטן אַרבעט עס מער און מען קאָן קוקן מענטשן אין די אויגן. וואָרום טאַקע אין דער אמתן, צו וואָס שלעפן אויף זיך דעם קבצן. אַמאָל פלעגט זיך מאַכן, אַז מיר האָבן אין גאַנצן קיין פערד נישט געהאַלטן, פלעגן מיר דינגען אויף קלאַפּן דעם דוב נפתלין דעם וואָלאַך אָדער יצחקן דעם וואָלאַך. מיר פלעגן אים צאָלן פונעם טאָג. דאָס איצטיקע פערד איז ביי אונדז אַ שיינס, אַ גביאַדע. אָט־אָ האָבן מיר מיטן טאַטן עס אָנגעפויעט און צוגעשטעלט אין הויף צום וועגל, צוגעבונדן צו אַ דראַבינע. איצט איז אַ צער־בעלי־חיים האַלטן דאָס פערד אַ פאַרשפּאַרטס אַ גאַנצן מעת־לעת, בשעת די פּאַשע אויפן פעלד איז פריש, ס׳קומט יעדן אַריין אַ געזונט. ביים טאַטן איז געבליבן, אַז מירן עס אפשר צושטעלן צו יעסיפס פערד, אַז פּעטריק פאָרט אויך

www.libtool.com.cn


ווסיענאָשטענע זאָל ער נעמען אונדזערס אויך. ס׳וועט אַ ביסל קאָסטן, נאָר דאָס פערד וועט זיך מחיה זיין. די וואָלאָכייעס פירן אַליין זייערע פערדלעך אויף דער פּאַשע, דער עיקר שבת גייען זיי אַוועק נאָך וואַרמעס אויף די געלעפּעס און זיי פּענטען דאָרט אויס די פערד און אַליין כאַפּן זיי אַ געשמאַקן שלאָף אויף דרויסן. אַלע מענטשן זענען דוכט זיך אַלץ איינע און אַז ס׳קומט צו עפּעס איז עס נישט אַלץ איינס. די וואָלאָכייעס פירן זייערע פערד און מיר פירן נישט אונדזערס. נאָר ס׳גאָרנישט. יעדער שטוב האָט זיך איר פּנים און געניג.

ביי אונדז אין שטוב טרינקען מיר באַלד ציקאָריע. מיר זעצן זיך אויס ביים טיש נישט ווי אין קיין געוויינלעכן פרימאָרגן. אין אַ געוויינלעכן פרימאָרגן עסן מיר דעם פרישטיק יעדערער, ווען ס׳קומט אים אויס. דער טאַטע גייט אויף דער אַרבעט פרי. איך גיי אין חדר אַרום האַלב ניין. די מאַמע, ווען זי קומט פון מאַרק. דינהלע, ווען זי שטייט אויף. היינט אום שבת זיצן מיר אַלע ביים טיש. די מאַמע נעמט אַרויס פון אויוון דאָס קריגל איינגעפּרעגלטע ציקאָריע. יעדערן וואַרפט מען אַריין צוויי שטיקלעך צוקער אין גלאָז. לעם יעדערן שטייט אַ קיכל מיט אַ קאָרזשיקל. אַזוי איז נישט איבריקס אָנגענומען צו עסן פאַרן דאַווענען, נאָר דער טאַטע איז נישט פאַרפרומט און מזונות איז נישט קיין איבערי־קער עסער, ס׳איז נאָר אַזוי זיך פאַרזוכט עפּעס, דאָס האַרץ זאָל נישט איבערחלשן און די זיסע ציקאָריע איז אַזוי פעט, אַזוי מאַסקע באַטעמט און צעגייט זיך אין יעדן אבר, אַז מיט דעם אַליין דינען גאָט און הנאה האָבן פונעם שבת איז שוין דוכט זיך אויך געניג. אין שטוב זענען די פאָרהענגלעך אַראָפּגעהאָנגען, די פענצטער זענען אָפן און ס׳איז טאַקע אַזוי גוט אויפן האַרצן, אַז מיר שווייגן אפילו, מיר רעדן פון גאָרנישט. ערשט איצט טוט דער טאַטע אָן דעם שבתדיקן סורדוט. אין דעם אויי־בערשטן העמד און איבעם זשילעט מיט די קייקלדיקע קנעפּלעך, אַזוי ווי מיט דימענטן באַשאָטן איז ער שיין געגאַנגען. ער גלעט זיך אויס די באָרד און ווייזט מיר אויפן טלית מיטן חומש לויט וועלכע סדרה ס׳גייט היינט, איצט האָבן מיר דעם חומש ויקרא.

איך האַלט שוין דאָס ביסל גוטס אונטער דער האַנט און פאַמעלעכן

www.libtool.com.cn

גאָר באַרוט אַזוי, אַז מיר ווייסן אַפילו נישט צי מיר גייען, צי מע ט׳זיך נאָך אומקערן. אָבער ווייזט אויס, אַז מיר גייען שוין יאָ. פון דער מומעס גאַניק זענען שוין אויך אַראָפּ אי יענקל, אי ברוך, אי מרדכי. יענקל האָט דער זיידנס אָרט אין מזרח. אַ גאַנצער שטאָט־באַלעבאָס. אָבער זיי זענען אַוועק מיטן קליין געסעלע און מיר זענען זיך אַוועק דורך מיטרעס געסל. דאָרט גייט שוין שאול בער אויך און פון שמואל יענקלען איז מען שוין אַוועק אַפריער. ווער ס׳גייט אין בית־המדרש אַריין, ווער אין דער טשערנאָבילער קלויז און מיר גייען אין קלויז. אין דער אליקער קלויז. יעדערער האָט זיך זיינס און יעדערער איז צו זיינס צוגעוווינט. אָט־אָ שאול בערס ייִנגלעך זענען גאַנצע איינגייער אין בית־המדרש און איך בין נישט געוווינט צום בית־המדרש. ביי מיר איז די קלויז אַזוי ווי מיין שטוב, אַלע ווינקלען זענען מיר באַקאַנט, אי לעם אייוון, אי לעם די שפּיגל־ווענט, אי לעם ארון־קודש, אומעטום איז מיינס און די ייִדן זענען אַלע מיינע און איך בין זייערער.

לעם עמוד דאַוונט אַ ייִד, וואָס האָט היינט יאָרצייט, שמריה אברהם דודס. ער דאַוונט נישט איבריקס גוט, אַ פּראָסטער חי וקיים. ווי אַזוי ער קאָן, אַזוי דאַוונט ער.

דער טאַטע האָט אַן אָרט נישט אין סאַמע מזרח, נאָר ס׳איז אַזוי ווי מזרח. אַ קליין קאַנאַפּקעלע, וואָס שטייט לעם סאַמע ארון־קודש. דאָרטן זיצט ער און אונדזער קרוב ישראל דוד, דעם פעטער זלמנס איידעם. ער איז אַ כייטשער אַליין, אַ פריילעכער יונגערמאַן. אַז מען דאַרף צוגיין צום ארון־קודש נאָך אַ ספר־תורה צום לייענען, הויבן זיך אויף די געזעס־ברעטלעך פון דער קאַנאַפּקע, איז דער צוגאַנג אַ פרייער.

נשמת כל חי, הער איך זאָגט שוין דער חזן. נשמת כל חי איז מיט גרויסע ווערטער אין סידור. אַ ביסל דאַוון איך און אַ ביסל פּאַרקוק איך זיך אויף לייטן, וואָס לייטן טוען, ווער ווי אַזוי ס׳איז אָנגעטאָן, ווער ווי אַזוי ס׳איז פאַרנומען מיטן דאַווענען. עלטשיק דער שוסטער פון שליאַך. ער איז אַן איידעלער שוסטער, טאַקע גאָר אַן איידעלער. ביי אים רוקן זיך אַלע מאָל אַראָפּ די זייטן פון טלית איבער די הענט. טוט ער אַלע מאָל אַ הייב די הענט און אַ פאַררוק די זייטן טלית נעענטער צום אַקסל צו,

www.libtool.com.cn

לאָזן זיי זיך באַלד ווייטער אַראָפּ, אָבער ס׳אַרט אים נישט. ער מאַכט גיך מיט די ליפּן און פּינטלט בעת מעשה מיט די אויגן גיך־גיך, און מע זעט ממש, אַז ער ווייסט וואָס ער טוט, ער ווייסט צו וועמען ער רעדט. ער מאַכט עס מיטן רבונו של עולם אַ שטיקל צעצאָלעכטס פאַר דער גאַנצער וואָך. ווייל אין דער וואָכן איז ער מערער פאַרנומען און דענסטמאָל, אַז ער מאַכט אַ ביסעלע אַ קירץ אינעם דאַווענען, דאַרף מען גלויבן, אַז קיינער וועט אים נישט מאַכן שולדיק. קיין עין־הרע אַ מטופל מיט קינדער. אסתר זיינע קינדלט, קיין עין־הרע, נישקשהדיק. אַלע יאָר אַ קינד. קליינינקע, אין העמדעלעך מיט דינינקע פּיסעלעך ווייסינקע. ס׳גאַרנישט, גאָט וועט העלפן. עלטשיק האַלט אין גאַנצן צוויי לערן־ייִנגלעך. איינער איצל דער טכאָרינערס שטומער. קלוג און שיין, נאָר נעבעך געשטראָפט. טאַבע, טאַבע, טאַבע, שרייט ער. טאַבע איז שבת. נאָר עטלעכע ווערטער קען ער אויסרעדן. ער האָט אַ גוטן קאָפּ און פּאָלגט אַלצדינג. אַ ווויל ייִנגל, און דער צווייטער שוין נישט אַזוי, נאָר אויך נישט שלעכט, אסתר מאיר דער שמירערירנס אַן אייניקל. אַזוי אַרבעט מען און אַזוי מאַכט מען די הוצאה און אַזוי קויפט מען אַמאָל ביי נחומען דעם האַרבער אַ יוכטל, אַ פּאַסיקל פּאָדעשוועס. אַ ביסל געצאָלט, אַ ביסל אין חוב. נישקשה, ס׳איז לייטישע מענטשן, זיי וועלן דיך נישט באַרייסן און מיר זענען אויך אַדאַנק דעם אויבערשטן נישט צו פאַרזינדיקן. דערפאַר דאַוונט ער אַזוי, עלטשיק, מאַכט גיך מיט די ליפּן און מיט די אויגן און רוקט אַרויף דעם טלית, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אַלע מאָל פון אַקסל אויף דעם העמד. און ס׳איז אַ סברה, אַז ער האָט זיך טאָקע נאָך נישט גוט אויסגעשלאָפן. ערשט איצט קלעפּן זיך אים די אויגן. ער וואָלט אָפּ־געגעבן מי יודע וויפל ער זאָל קאָנען אַ דרימל טאָן, כאָטש אַ פינף מינוט.

און אָט שטייט כיטריק און דאַוונט. ער האָט אַן אָרט אין מזרח־וואַנט. כיטריק האַנדלט אונטער מיט אָקסן און האָט שוין, קיין עין־הרע, שיינע איידעמס צוויי. מרדכי לייזער האָט נעכטן מקבל־שבת געווען ביים עמוד. מעגלעך, אַז מע וועט אים היינט בעטן דאַווענען מוסף. אַ גאַנצע וואָך האָט כיטריק ליב אַרומגיין איבער דער קלויז מיטן טלית און תפילין

www.libtool.com.cn

און ציקלען זיך מיט זיין אייגענעם נוסח. ער וואָלט איצט אויך אַרומגע־גאַנגען, ער האָט עס ליב, ער פילט מער טעם אינעם דאַווענען, ווען ער שפּאַצירט אַרום. ער פילט דאַן בעסער, ווי די קושאַרעס מיט די אָקסן געפינען זיך, וואָס די הײַדייעס טוען אין דער שעה. אָבער איצט איז שבת. די קלויז איז, קיין עין־הרע, פול. שבת זענען אַלע דאָ, אי די באַלמעלאָכעס, אי די באַלעבאַטים. אין דער וואָכן איז דערלאָזבאַר אַ מנין פריער, אַ מנין שפּעטער. שבת דאַוונט מען איין מאָל, איין מאָל און מיט אַלץ, וואָס ס׳פּאָדערט זיך. מיט עליות, מיט שישי, מיט מפטיר, מיט יקום־פורקן, מיט מוסף, מיט אַ נעים זמירות. שבת, מיין טייערער, טשעפּע נישט. אין שטוב וועסטו זיך פירן ווי אַ באַלעבאָס און דאָ, שטיי אויף דיין אָרט און דאַוון און לאָז יענעם דאַווענען.

אָפּגעזאָגט אַ נעים זמירות ביי אַן אָפּענעם ארון־קודש. די יידן לייגן צונויף די טליתים און די יינגלעך זענען שוין באַזונדערס פריילעך. יאָ געדאַוונט, נישט געדאַוונט, איצט איז שוין פאַר אַלעמען איין געצאָלטס. גוט־שבת, גוט־שבת, און מיר גייען איבער צום וואַרעמען דרויסן. די גאַס איז, קיין עין־הרע, פול מיט יידן. יידן, יידענעס, ייִנגלעך, בחורים. דער גאַנג איז אַ פּאַמעלעכער, אַ רויִקער, מיט הנאה פון זיך און פון יענעם. וווּ־נישט־וווּ גנבעט זיך אַריין אַ געדאַנק פון מקנא זיין, נישט פאַרגינען. פון אָנקוקן אַ פרעמדע יידענע, וואָס גייט פון שול און קלערן, אַז מיינע, נישט צו פאַרזינדיקן, איז שענער. טאָקע נאָר וווּ־נישט־וווּ, ווייל דאָס איבעריקע איז דער מוח פאַרגלייזט מיט דער שפע זונען־שיין איבער די גאַסן. אַ דאַנק גאָט, גאָט אָפּגעבן זיינס, איצט גייען מיר ביי די באַלע־באָסטעס אָפּנעמען אונדזערס, אויך, פאַרשטייט זיך, מיט אַ יידיש וואָרט, מיט אַ קידוש, מיט אַ ברכה מיט אַ ביסעלע זמירות, נאָר אויפן גומען פילסטו שוין דעם טעם פון שבתדיקע טשאָלנטיקע מאכלים.

אונדזער שטוב איז אַ ביסעלע ווייטער. ביז מיר קומען אַהיים איז שוין אין שטאָט ביי האַלב מענטשן דער קוגל אויפן טיש. אָבער ביי אונדז שטייט אַ ביסל ווישניק און אַ ביסעלע בראָנפן אויף קידוש, אַ קאָרזשיקל אויף מזונות, אַ ביסל מאַלינע־איינגעמאַכטס אין אַ שאָלעכל. און די מאַמע נעמט נאָך אַרויס אַ ביסעלע קאַרטאָפל פון טשאָלנט און צו שטיקעלעך

www.libtool.com.cn

קוגל. גוט־שבת, זאָגן מיר, ווען מיר קומען אַריין אין שטוב. די מאַמע איז גראָד נאָך נישטאָ אין שטוב, זי איז ביי דער בהמה. אוליטאַ איז געקומען זי אויסמעלקן. אָבער מע מעג מאַכן קידוש ביז די מאַמע וועט אַריינגיין. צו לעפּעלעך איינגעמאַכטס איטלעכן, אי מיר, אי דינהלען. דער טאַטע איז אויך שלעפּערדיק פון דער היץ, אָבער מיר דאַרפן דאָך פריער זיך וואַשן, אָפּעסן סעודת שבת, אָפּזאָגן זמירות, בענטשן און דער־נאָכדעם, ביטע, פאַרהענג די פענצטער אין אַלקער פון די פליגן און שלאָף זיך פּאַר אַ גאַנצער וואָך. דער טאַטע טוט אויס דעם סורדוט און אין די ווייסע אַרבל אינעם קאַמזויל זיצן מיר שוין ביים טיש און די מאַמע דערלאַנגט אַן איינגעהאַקט איי מיט אַ ציבעלקע, געשמאַק טעם גן־עדן, אַ ביסעלע רעטעך מיט גענדזן־שמאַלץ, דערנאָך קומט פּיציע, אָפּט פאַרוויסט מיט אַן איי. דו טונקסט די ווייכע חלה און ס׳קלעפּן זיך די פינגער, ס׳קלעפּן זיך די אויגן. נאָך דער פּיציע קומט דער טשאָלנט — פאַרברוינטע קאַרטאָפל געשמאַקע, די יויך איז געשמאַק, דאָס שטיקעלע פלייש, וואָס האָט זיך דיר אָנגענומען, איז געשמאַק. דער טאַטע שיט אַן אין אַ בעכערל צוקער ווייכן, גיסט אַן בראָנפן ביזן ברעג, טרינקט אַראָפּ דאָס שיטערע און נעמט אַן אויף דער זשעלע פון לעפל צו ביסעלעך געבראָנפטן צוקער דער מאַמען, מיר, דינהלען. קיינער זאָגט זיך נישט אָפּ, ס׳איז געשמאַק און ס׳איז גוט די שאַרפקייט נאָכן טשאָלנט. מיר זאָגן זיך ברוך ה׳ יום יום, און די מאַמע גייט שוין פון קיך און טראָגט. דאָס טראָגט זי אונדז דעם קוגל אויף אַ גרויסן טעלער. זי שטעלט אַוועק דעם קוגל לעם טאַטן. דער טאַטע צעשניידט דעם קוגל אין אלכסונדיקע ריפּטלעך, לייגט אַוועק דער מאַמען אויפן טעלער, מיר, דינהלען און עסט אַליין וויפל ער וויל. אין די מאַמענטן קאָן איך זיך נישט דערוואַרטן, ווען וועל איך שוין אויך זיין אַ טאַטע, איך זאָל עסן קוגל וויפל איך וועל וועלן.

מיר זענען, דוכט זיך, שוין אַלע אַזוי זאַט, אַזוי זאַט. נאָר דער קוגל האָט אין זיך אַזאַ רייץ און אַזאַ טעם, אַז ווי דו זאָלסט נישט זיין זאַט, וועסטו אים עסן און שלינגען און ווען נאָך. איך ווייס טאַקע נישט, צי נאָר אונדזער מאַמע ווייסט וואָסערע כוונות מ׳לייגט אַריין אינעם קוגל,

www.libtool.com.cn

צי אַלע באַלעבאָסטעס ווייסן און האָבן אַ געפיל אין אַ יידישן שבתדיקן קוגל.

אויף מיין לעבן האָב איך געגעסן מאכלים פאַרשידענע, נישט אויסגערעדט זאָל זיין, צי כשרע, צי טריפה, נאָר דעם טעם, וואָס מיר האָבן געפילט אין דער מאַמעס שבתדיקן קוגל, מעג ער זיין אַ פּראָסטער, אַ לאָקשענער, ס'רעדט זיך אַזוי אַ פּראָסטער. איר האָט נאָך אויף אייער לעבן נישט געהאַלטן אין האַנט און נישט פאַרזוכט מיט די ליפּן און נישט אַ קוועטש געטאָן צום גומען אַזאַ שפּייז פון די געטער. הייבט אַ קרעפּל־קוגל, אַ בלעטל־קוגל, אַ זיסן קוגל, פון געגנדזענער לעבער מיט גרייפּלעך. איך פאַרשווער נאָר דעם טעם און די הימלישע ריחות פונעם שבתדיקן קוגל, ווען איך רוף אָן די ווערטער גרייפּלעך, אָדער מעל, אָדער שמאַלץ. יענץ זענען טאָקע זאַכן, וואָס זענען געווען און האָבן אַנטייל גענומען אין דער באַשאַפונג פונעם קוגל. אָבער דאָ זענען מן הסתם פאַרגעקומען סודות און ווונדער. און איבער אַלצדינג איז טאָקע פאַרט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דער מאַמעס הענט און אירע כוונות. די הייליקסטע, די איידלסטע, די שענסטע. גוט, איך וועל אַמאָל זיין אַ טאַטע, אָבער צי וועלן מיינע קינדער האָבן אַזאַ מאַמע...

אין חדר גייען מיר שבת בייטאָג שוין העט נאָכן שלאָפן און מיר זאָגן אָדער מיר לערנען ביים רבין פּרק, ביים רבין אין שטוב איז שענער און ריינער און שטילער ווי אין דער וואָכן. אויפן טיש איז דאָ אַ טישטעך, דער פּריפּעטשעק פון אויוון איז ריינער ווי אין דער וואָכן. דעם רבין איז גרינג און אונדז איז גרינג. קיינער איז קיינעם גאָרנישט מחויב. אָט דאָס איז גוט. דאָס זאָגן פּרק איז אַ מין פאַרברענגען, דערצו זענען די ווערטער אין פּרק צי קלוגע, צי פאַרשטענדלעכע. דער אַריינגאַנג אין קראָם איז פריי, קאָנסט דיר באַרגן וויפל דו ווילסט, נאָר דאָס קאָנטע־בוך איז אָפן. אַ האַנט פאַרשרייבט און גבאים, די מאָנערס, זענען שטענדיק אויף דער וואַך, און רעד זיך נישט איין, אַז וועסט זיך אַמאָל ווי עס אַרויס־דרייען. דער רבי פאַרטייטשט עס אונדז אפילו נישט, מיר פאַרשטייען אַליין, אַז די קראָם, דאָס איז דאָס לעבן. דו קאָנסט זיך אָנכאַפּן פאַר־געניגנדלעך און עבירהלעך וויפל דיר ווילט זיך אַליין. עס, הלאמע, אויפן

www.libtool.com.cn

פולן מויל, אָבער גלאַט וועט עס דיר נישט אָפּגיין. געשענקט וועט עס דיר נישט זיין. און הלל זאָגט דאָרטן אין פּרק אם אין אני לי מי לי, וכשאני לעצמי מה אני? ואם לא עכשיו אימתי?? הלל וואָס ער זאָגט איז שיין.

און פון חדר, אַז מיר ווילן, גייען מיר אַוועק אין די ליפּקעס. אין אמתן זענען עס נישט קיין ליפּקעס, ס׳זענען קליאָנען. און דער נאָמען קליאָנען איז אמתער און צוגעפּאַסטער, אָבער די יידן אַלע רופן עס ביי אונדז ליפּקעס. די ליפּקעס זענען אַ שיינע זאַך, וואָס נאָר אַ פּריץ אין אַמאָליקע יאָרן האָט זיך אַזעלכעס געקאָנט פאַרגינען. דאָס הייסט דעם וועג קיין בעהון, אַ לענגלעכן און דעם וועג קיין טכאָרין, אין גאַנצן פון איין ווערסט, האָט ער אַרומגעפלאַנצט מיט קליאָנען פוןביידע זייטן. די קליאָנען האָבן זיך צעוואַקסן הויך, ברייט און טיף, מיט טיפע, גראָבע און שטאַרקע הונדערט יאָריקע ווערצלען. די ביימער האָבן אַ סך געזען פאַר זייערע יאָרן. נאָר דערציילן עפּעס דערציילן זיי נישט איטלעכן. אַזוי האָט מיר מיין חברל ראובן געזאָגט.

— וועמען זשע דערציילן זיי? — פרעג איך.

זאָגט ראובן, אַז ס׳זענען דאָ מענטשן, וואָס ווייסן אינערלעך אין וועלכן בוים איז אַן אוצר באַהאַלטן. און די דאָזיקע מענטשן, כאָטש זיי ווייסן, איז נישט אַלע מאָל באַגוצן זיי זיך מיט דעם...

— טאָ נעביי וואָלטן זיי אויסגעזאָגט אַ צווייטן מענטשן, ווער ס׳נויטיקט זיך מערער.

— ס׳איז נישט אַזוי — ענטפערט מיר ראובן, און אַזוי ווי ס׳וואָלט אים אפילו פאַרדראָסן, ווי אַזוי פאַרשטיי איך נישט אַזאַ מין זאַך — ס׳איז נישט אַזוי — זאָגט ראובן — די, וואָס ווייסן, זאָגן נישט אַ צווייטן און גראָבן נישט אַליין, נישט מחמת שלעכטקייט אָדער קאַרגשאַפט... ס׳איז פאַראַן אַן אוצר, וואָס זיין צייט איז נאָך נישט געקומען. דאָס איז איינס... די, וואָס האָבן אים אַהער באַהאַלטן, האָבן אים באַשווירן, ער זאָל זיך קיינעם נישט באַווייזן און צו קיינעם זיך נישט לאָזן ביז דער־און־דער צייט. דעמאָלסט מעגסטו גראָבן מיט רידלען און האַקן מיט העק און שלעפּן מיט שטריק, וועט דיר גאָרנישט נישט העלפן: דער אוצר וועט

www.libtool.com.cn

זיך אַראָפּלאָזן אַלץ טיפער און טיפער און דו וועסט זיך צו אים קיין מאָל נישט דערלאַנגען.

ווייטער דערציילט ראובן, אַז דער, וואָס ווייסט יאָ ווו דער אוצר ליגט, איז אַ מענטש נישט קיין פּראָסטער. ער מעג זיך זיין אַ באַוואַקסן אַלט פויערל ערגעץ אין אַ נאָענטן דאָרף, נאָר ס׳נישט וויכטיק, די נשמה איז ביי אים אַ געהויבענע. ער פילט, אַז דער אוצר קאָן אַמאָל אַריינ־פאַלן אין שלעכטע הענט. פאַראַן אַזעלכע שלעכטע מענטשן, אַז וואָס זיי ווערן רייכער, ווערן זיי ערגער און מערדערישער, ווילן זיי פאַרגיסן אַ סך אומזיסט בלוט. און אַזוי, אַז דער אוצר ליגט זיך, וועט ער נאָך אַמאָל צונויף קומען. ס׳קאָן אים נאָך אויסגראָבן אַ מענטש, וואָס וועט פאַר זיין געלט אויסבויען אַ וואַזשנעם קלויסטער, וואָס זאָל דערנאָך שטיין טויזנטער יאָרן.

— פאַר וואָס עפּעס אַ קלויסטער, פאַר וואָס נישט קיין בית־המדרש אָדער אַ ישיבה?

— דאָס קאָן אויך אַמאָל זיין — באַטאָגט מיר ראובן מיט אַ באַזונדער וויכקייט אין זיין שטים — אַ ייִד, לאָמיר זאָגן, פון דער וואָלאַכייסקער גאַס קאָן זיך אויך אַמאָל דערגראָבן צו אַן אוצר. אָט אַזוי, ווי נפתלי אָדער יצחק וואָלאַך פירן ליים, זיי פאַרקען זיך אין די גריבער, נאָר... גאָט האָט ליב, אַז די וועלט זאָל זיך גיין בדרך הטבע. די אומות העולם זענען דאָ מער ווי שטערן אין הימל. און מיר, ייִדן, מיר זענען דער־וויל נאָר איין טראָפּן אין ים. נאָר קיין סך אוצרות, פאַרשטייסטו דאָך אַליין, זענען נישטאָ. אַן אוצר איז אַ זעלטנהייט. קאָן ער אַריין אין אַ קלויסטער, אָדער אין אַ מאָנאַסטיר גיכער, ווי אין אַ שול אָדער אין אַ ישיבה. וועגן דעם — ענדיקט ראובן — זאָלסטו אַפילו נישט קלערן.

און מיר הערן צוביסלעך אויף קלערן פון אַזאַ ווייטער זעלטענער זאַך. מיר ליגן זיך ביידע אויפן גרויסלעכן גראָז אינעם שאָטן פון אַ ברייט־צעצווייגטן בוים. אַנטקעגן — איבערן וועג — שטייט פונקט אַזאַ געוואַלדיקער בוים ווי אונדזערער, נאָר אונטער אים, צווישן זיינע צווייגן, איז עפּעס אַזוי ווי אַ טיפע הייל. צי איז עס נישט קיין אויסגעליידיקטער אוצר? אַ קשיה אויף אַ מעשה! נאָר די הייל איז אויך אַן אַלטע און

www.libtool.com.cn

דערציילן דערציילט זי — ווי ראובן האָט געזאָגט — נישט יעדן איינעם. אַ פאַרשטאַנדיקער מענטש קאָן ביי איר עפּעס דערגיין. וועט זיין גענוג מיט די אוצרות. קאָנען מיר ליגן און קוקן, ווער ס׳גייט שפּאַצירן אי דאָ, אי דאָרט אין די טכאָרינער ליפּקעס.

יאָ, עפּעס גייט דאָרטן אַ גרויסע, אַ פריילעכע קאָמפּאַניע, מע רעדט רעשיק און מע לאַכט. יינגלעך און מיידלעך גייען. שבת (אָדער יום־טוב) זענען די ליפּקעס אונדזערע. יינגלעך און מיידלעך, יונגע און עלטערע. די ליפּקעס ווערן ביי אונדז אויסגעשפּאַצירט, ווו זיי האָבן נאָר אַ שטעג און ברעג.

ווער זאָל עס גיין דאָרט, אין יענער קאָמפּאַניע?

— איך ווייס שוין — זאָג איך צו ראובנען — דאָס זענען כיטריקס ביידע מיידלעך — חנה און לאַנא. און יאָסל דעם אָורוטשעוועס ביידע זין, שוין אַ ביסל פּאַרזעסענע — יודל און שמואליק. יודל איז, דוכט זיך, שוין חנהס אַ חתן און פאַר לאַנען רעדט מען מאָטל שלמה־שרהלעס זון. מאיר, דוכט זיך, רופט מען אים. ער איז אַ לערער אויף אַ קנעלונג אין דאָרף. דער אַלטער כיטריק גיט אים פיר הונדערטער נדן. פאַר פיר הונדערטער נדן קאָן מען שוין עפּענען אַ קלייט...

— קלייטן זענען ביי אונדז דאָ גענוג — זאָגט ראובן — זאָל ער בעסער האַנדלען מיט וואַלד.

— אויף האַנדלען מיט וואַלד דאַרף מען טויזנטער.

— טאָ זאָל ער האַנדלען מיט אָקסן. ער קאָן ווערן אַ שותף ביים שווער.

— און טאָמער האָט ער נישט ליב אַזאַ אַרבעט? אָקסן דאַרף מען טרייבן קיין וואַרשע און מען דאַרף זיי קוילען אין די גרויסע בוינעס.

— האָב איך אַ בעסערע עצה — זאָגט ראובן — זאָל ער אָפּדינגען ביים פּריץ אַ שטיקל ערד און זאָל ער זייען האָפּן ווי אברהמטשיק ראַטנערס טוט.

— דאָס איז טאַקע אַן עצה — זאָג איך. — אַ שאָד, וואָס יידן טאָרן נישט האַלטן קיין ערד. ערד קאָן ער האַלטן נאָר אויף אַ קריסטס נאָמען. אַ קריסט דאַרף ער זיך צוזוכן אַן ערלעכן און אים טאַקע אויסצאָלן אַ ביסעלע שותפותדיקע פּרנסה אויך.

www.libtool.com.cn

— און אַז מע װיל זאָגן — גיט ראובן צו — װײס איך נישט פֿאַר װאָס דאַרפֿן מיר אים מאַכן פֿאַר אויס מלמד? אויב ער קען גוט לערנען איז אַן עבֿירה זײַן קענטעניש זאָל פֿאַרפֿאַלן גײן. מיט קינדער קאָן ער זיך לערנען און דאָס געלט קאָן ער אָפּגעבן אויף פּראָצענט. פֿאַרן פּראָצענט װעלן זײ זיך אויסטראָיען אַ שטוב און אַז די קינדער װעלן בײַ זײ אונטערװאַקסן...

דערװײַל האָבן מיר פֿאַרזען, אַז די קאָמפּאַניע האָט זיך אויסגעקע־רעװעט פֿון טכאָרינער ליפּקעס אויף אונדזערע און זײ װעלן שױן באַלד זײַן לעם אונדז. ייִדל מיט חנהן זענען שױן חתן־כּלה. מיר בעטן גאָט זײ זאָלן זיך געפֿעלן כאָטש ביז דער חתונה, דער שידוך זאָל חלילה נישט קאַליע װערן. און לאַנא גײט עפּעס מיט אַ שליאַפּקע, אַ קלײנע, אַ שטרוי־ענע. און דאָ קלערן מיר שױן פֿון זײערע קינדער — אירע און מאירס, װען זײ װעלן אונטערװאַקסן. מאיר קען דאָרט, אין דאָרף, װוּ ער קנעלט, איצטער אויך שפּאַצירן מיט די דאָרפֿישע גרויסע ייִנגלעך. אין דאָרף איז דאָך איצט אויך שבת בײַטאָג...

— און װער זענען יענע, די איבעריקע — פֿרעג איך.

זאָגט ראובן, אַז דאָס זענען בערל־לײבעס און מירל אבֿרהם־בערס דעם שנײַדערס און זײַן, ראובנס, שװעסטער באַבל. און יענער איז יודלס ברודער שמואליק. יענער װעט שױן נישט חתונה האָבן — זאָגט ראובן.

— פֿאַר װאָס?

— איך װײס אויך נישט פֿאַר װאָס — זאָגט ראובן — פּרײַטיק קלײַבן זײ זיך אַלע אויף צו יאָסלען דעם אָװרוטשעװער. בײַ זײ איז אַ שטוב מיט אַ קיך און זײ שאַרפֿן אַלע אײן גאָלמעסער און זײ צעפּירן מילינעס און זײ גאָלן אײנער דעם אַנדערן די בערד, אַזױ װי די קאַלבאַס־ניקעס. פֿע — זאָגט ראובן — ס׳איז אַ מיאוסע זאַך אויף דעם צו קוקן.

— װאָס זשע זאָלן זײ טאָן? — פֿרעג איך בײַ ראובנען.

— איך װײס אַלײן אויך נישט — זאָגט ראובן, — נאָר בײַ מיר איז עס מיאוס, פּונקט, װי איך זאָל זען אַ ייִדן עסן חזיר און בײַסן פֿון שטיק.

— דו האָסט שױן אַמאָל געזען אַ ייִד זאָל עסן חזיר?

www.libtool.com.cn

— ניין. יידן עסן נישט קיין חזיר! אפילו צו אַ רפואה מיאוסט מען זיך. שמאַלץ פון אַ הונט נוצט מען צו סוכאָטע.

— און ווער קוילעט דעם הונט?

— זאָל איך אַזוי וויסן בייז — ענטפערט ראובן. — אפשר דינגט מען אַ פּויער... און איך זע, אַז ס׳איבלט אים, ראובנען, ווען מען רעדט פון אַזעלכע זאַכן. און אַזוי ווי אויף צו להכעיס, מאַכט זיך נישט אונטער דער האַנט קיין אַנדער שמועס אויף זיך איבערדריידייען. אמת, אנא, גייען לייזער דעם שוסטערס מיידלעך און דאָס ייִנגל אויך, דער בן־יחיד זייערער — אביגדור. זיי האָבן אים קוים אויסגעבעטן ביים אַליקער רבין. ביי זיי זענען כסדר געגאַנגען מיידלעך. און לייזער קען אַ ביסעלע אַ טייטש־וואָרט און האָט געלט און האָט אַ גרויסע שטוב. אַז דער רבי קומט צו פאָרן, שטייט ער ביי זיי איין סטאַנציע... נו, האָט ער אים די גאַנצע צייט נישט געלאָזן צורו ביז ער האָט טאַקע אויסגעבעטן דעם לעצטן — אַ ייִנגל, קוים־קוים איין ייִנגל. דערפאַר גיט ער אים אין חדר צו די בעסטע מלמדים און צאָלט פאַר אים שיין שכר־לימוד־געלט און ס׳קאָן זיין, אַז ער וועט אים אפילו נישט מאַכן פאַר קיין שוסטער.

— ווער גייט עס נאָך מיט זיי? — פרעגט שוין ראובן.

— דאָס זענען יעקב־למך דעם קירזשנערס צוויי מיידלעך מיטן ייִנגל, כייקל הייסט ער. און די עלטערע הייסט מעניא. ס׳וואָלט איר פאַסטן זיין אין אַ גרויסער שטאָט מיט אַזאַ שיינקייט.

— אין אַ וועלכער שטאָט?

— נו, אין אַ מין קיעוו!...

— אין קיעוו זענען גאַלע שיינע, צי ס׳זענען דאָרט דאָ מיאוסע אויך?

— איך מיין, אַז ס׳זענען דאָרטן דאָ מיאוסע אויך — זאָג איך — נאָר אפילו די מיאוסע זענען אַנדערע, נישט אַזוי ווי דאָ הי.

— און ווער זענען ביי אונדז, דאָ הי, מיאוסע?

— דאָ הי? — האָב איך געגומען קלערן — דאָ הי זענען ביי יידן קיין מיאוסע קיינער נישטאָ.

— און לאה די שוואַרצע? און הערשל דער שוואַרצער?

— לאה די שוואַרצע און הערשל דער שוואַרצער זענען קיין קאָפּ

www.libtool.com.cn

נישט קיין מיאוסע. פשוט, ס׳זענען פאַראַן מענטשן ליכטיקע און ס׳זענען פאַראַן מענטשן טונקעלע. און דאָס, וואָס מען גיט זיי דערפאַר אַ צונע־מעניש איז גלאַט אַזוי. ביי אונדז זענען קיין מענטשן אָן קיין צונעמעניש נישטאָ.

— אָבער חוה־פערל ?

— דו ביסט געדעכט... נאָר חוה־פערל איז פשוט אַ קאַליקע.

— וואָס איז זי פאַר אַ קאַליקע ?

— זי איז אַ קאַסאָקע.

— אויף איר קאָן מען קוקן !

— ניין, אויף איר איז אַ מורא צו קוקן !

— און די ייִנגלעך אירע זענען נישט קיין קאַסאָקע און קענען לערנען.

— דערפאַר האָט טאַקע באַטקע, דער מאַן אירער, פאַרדינט אַ גרויסע מצווה, וואָס ער האָט פאַר איר חתונה געהאַט. זענען טאַקע די קינדער נישט קיין קאַסאָקע און קענען לערנען.

— לאָמיר גיין צו אונדז — זאָג איך צו ראובנען.

— וואָס וועט זיין ?

— וועלן מיר עפעס אָפּעסן.

— דו ווילסט שוין אויך עסן ? איך וויל שוין אויך.

און מיר הייבן זיך אויף פונעם גראָז, מיר גלייכן אויס די אברים, מיר פוצן אַ ביסל אַרום די הייזלעך און מיר גייען. אין דער דאַלינע גייען מיר זיך פאַנאַנדער, ראובן צו זיך אַהיים און איך — צו זיך. פאַרנאַכט ביי מנחה וועלן מיר זיך ווייטער זען.

אַ ביסל שעם איך מיך, וואָס איך גיי איינער אַליין און נאָך אום שבת. איך ווייס נישט ווו די הענט אַהינצוטאָן. אייניקע זיצן אויף די טרעפּלעך פון די גאַנקעס, אייניקע — אויף דער פּריזבע. אַנדערע באַגעגן איך גיין. איך וואָלט וועלן די גאַס זאָל זיך גיכער ענדיקן. לעם אונדזער שטוב און אין שטוב איז מיר שוין בעסער.

* * *

בעסער ? ס׳רעדט זיך אַזוי „בעסער״, נאָר אַלע מאָל קום איך אַ ביסל

www.libtool.com.cn



צו שפּעט. ווען איך קום אויף איין מינוט פריער איידער דער טאַטע איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף? איז ביין — איז אַלע מאָל פאַרשפּעטיק איך און איך גנבע זיך אַריין, ווי אַ גנב. איך וויל שוין זייער עסן, ממש דאָס האַרץ פאַלט מיר אַרויס, נאָר דער טאַטע זיצט אויף מיין קאַנאַפּע ביים טיש און קוקט עפּעס אַריין אין אַ ספר און אויף מיר איז ער אין כעס, וואָס איך לויף אַרום ווי אַן איוואַנקאָ אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג און נעם נישט קיין יידיש וואָרט אין מויל אַריין.

ווי אַזוי נעמט מען אַ יידיש וואָרט אין מויל אַריין און ווי איז עס אויפן טעם און אויף דער ווייכקייט, הויב איך נישט אָן צו וויסן. ווען איך האָב אַ פּשוט שטיקל קוילעטש מיט מילך, אָדער מיט באַרן־יויך, אָדער מיט וואָס ס׳נישט איז, אַפילו אַ גלאָז טיי פון דער ערדענער טיקווע?...

שלאָגן וועט ער מיך נישט שלאָגן, דער טאַטע, נאָר די רייד שטעכן מיך, ווי שפּילקעס. ער קוקט אויף מיר עפּעס ערגער, ווי אויף אַ פרעמדן. ער נעמט ביי מיר אָפּ חשבון, וואָס איך האָב געטאָן אַ טאָג אַ טאָגיקן? גאָרנישט האָב איך נישט געטאָן. אין חדר האָבן מיר געלערנט פּרק. דערנאָך בין איך געגאַנגען מיט מיין חבר, מיט ראובנען אין די ליפּקעס שפּאַצירן.

— און קיין יידיש וואָרט אין מויל דאַרף מען שוין נישט נעמען אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג?...

איך זאָל כאָטשבי וויסן, וואָס ער וויל פון מיר? אין דער פרי האָבן מיר געדאַוונט: פאַר נאַכט וועלן מיר דאַוונען, זמירות האָבן מיר געזאָגט, פּרק האָב איך געלערנט. איך זעץ מיך אַוועק צום טיש, עפן אויף דעם סידור, טו אים אַ מיש... זאָגן תהילים? גוט, איך קען זאָגן תהילים. אָבער איך וויל זייער עסן...

די מאַמע איז פון ערגעץ אַריין. אַ מאַמעס האַרץ פילט. די מאַמע דערלאַנגט ביידע מאַנצבילן צוויי גלעזער טיי פון דער טיקווע, אַ ביסעלע פּאַראַיאַריק איינגעמאַכטס און צוקער און אַ קאָרזשיק. גוט איז אַ קאָר־זשיק. איצט מעג מען, דוכט זיך, איך גיי אַרויס פון פאַרן טיש, איך עס אויף אין קיך אַ שטיקל בולקע. איצט קאָן מען זיך זעצן צוריק צום טיש.

www.libtool.com.cn

איך טרינק אויס מיין קילע גלאָז טיי און איך פיל, אַז איך בין שוין צוריק אויף „דער״־וועלט. איצט קאָן מען שוין דעם תהילים אויך פאַרדייען. אויב נישט קיין תהילים, וועט מיך דער טאַטע אפשר פאַרהערן אַ פרשה חומש, וואָס מיר האָבן פאַריקע וואָך געלערנט אין חדר.

דאָ בין איך גראַדע נישט דערשראָקן, איך ווייס אין חומש, איך ווייס אין רש״י. דאָרטן זענען ביי מיר קיין סטרופּעס נישטאָ. אָבער גאָר גיך ווערט עס דעם טאַטן אַליין דערעסן. ער גייט אַרויס אין דרויסן אַ קוק טאָן צום פערד, אָדער גלאַט אַזוי אַ ביסל זיצן אויפן בענקעלע לעם גאָרטן. בין איך שוין ווייטער אַ פרייער מענטש, אי אין דרויסן, אי לעם גאָרטן. און די מאַמע לאָזט מיך אַ ביסעלע זיצן לעם זיך.

— וואָס איז דער טייטש — זאָגט זי — עוטה אור כשלמה? די מאַמע ווייסט, ווייזט אויס, דעם טייטש פון די דאָזיקע טייערע ווערטער. ס׳הייסט אויך נישט, אַז זי וויל מיך פאַרהערן, צי איך קען עפּעס. ניין, דאָ מוז זיין אַן אַנדער סוד. און איך פיל, דוכט מיר, וואָס אין דעם ליגט. איך שטויס מיך צו ביסעלעך אָן: די מאַמע האָט ליב די שיינקייט פון דרויסן, די גרינקייט און פרישקייט פון די געוויקסן, די הויכקייט און געראַנימקייט פון דער זומערדיקער וועלט. אָנרופן מיטן נאָמען דאַרף זי נישט. מע האָט עס שוין אָנגערופן ביז איר, ס׳זענען געווען אַזוינע. און אַז זי פרעגט מיך: וואָס איז דער טייטש פון „עוטה אור כשלמה״, וואָלט מען עס מעגן פאַרשטיין אין דער ריכטיקייט, אַז די מאַמע קוועלט אָן פון דער שיינער שבת־זומערדיקער רו; אין וועלכער זייט מען טוט אַ קוק, איז די וועלט באַגאָסן מיט ליכט. אַז די ליכט פון דער וועלט איז ביי אים אַ פּרעכטיק קלייד, איז עפּעס אַלץ אין איינעם אַ שיינער גאַרניטער.

— טו אַ קוק, ווו איז ערגעץ דינהלע — זאָגט די מאַמע. און זי זיצט זיך אין דער זעלבער רויִקער פאַרטראַכטקייט.

* * *

משה־אפרים יענקל דעם וואָלאָכס ווייסט אַליין, אַז ער איז אויפגעקלערט, אַז ער איז אַ משכיל, אַז ער קען, אַז ער האָט אייגענע שאַרפע קריטיק אויף דעם אַלטן, פאַרשימלטן שטעטל מיט די חסידים, מיט דער

www.libtool.com.cn

מקווה און מיט... מיט... אָבער ווען ער וויל אין דער שטיל זיך אַליין אויסזאָגן דעם אמת, איז ער ווייט נישט אָוועקגעגאַנגען פון די, וואָס וואָלטן מעגן פילן, אַז ס'איז דאָ, ווער ס'זאָל זיי קריטיקירן. ער שערט אונטער די באָרד זייער ווינציק. מיט די ייִנגלעך אין חדר ביי זיך לערנט ער דאָס זעלבע, וואָס אַלע מלמדים לערנען: חומש, גמרא, תנ"ך, העברעיש, דקדוק. אין בית־המדרש אַריין גייט ער שבת אין דער פרי און פאַר נאַכט, אַזוי ווי אַלע. אָבער איין מאָל איז מיטן שול־גיין פאָרגעקומען אַ זאַך, ווו משה־אפרים איז געווען אַ געליטענער און אויב אַזוי, קומען אים טאַקע אַלע זכויות, וואָס ס'פאַרדינט אַן אויפגעקלערטער.

מיר זענען געגאַנגען שבת פאַר נאַכט מיטן טאַטן מנחה דאַווענען. ביי טאָג, ד. ה. אין דער פרי, האָבן מיר „ישמח משה", פאַר נאַכט, ביי מנחה, האָבן מיר „אתה אחד ושמך אחד". געווען איז נאָך דאַן אין קלויז, וואָס וועלוול בנימין־לייבס האָט אויסגעבויט. דאָס איז נאָך געווען פאַר דער שריפה. אַ הויכע, אַ ריינע קלויז מיט שיינע הענגלאָמפּן מיט אַ שיינעם אַריינגאַנג. אַזאַ קלויז האָבן מיר פאַרמאָגט זייער אַ קורצע צייט. ביז איר איז נישט געווען אַזאַ און נאָך איר האָבן מיר אָנגעהויבן וואַרטן, קאָן מען שוין נאָר וואַרטן.

שבת פאַר נאַכט, דאָס קלייבן זיך צו מנחה גייט צו לעטקאָ, פריי, קיין מורא, קיין איבעריק געפיל פון פליכט. ס'איז עפעס אַלץ ווי נאָך אַן אָפּגעשפּילטער חתונה. ס'איז שוין באַלד נאָך אַלע היומס. אפשר אייניקע חסידים האָבן נאָך אַ ביסל אַרבעט, אַ ביסל געזאַנג בעתן שלוש־סעודות. נאָר מערסטנטייל זענען שוין די לייצעס אָפּגעלאָזן.

ווער ס'שפּאַצירט ערגעץ אין גאַס ווייטלעך פון זיין אייגעווייגטער שול, פאַרגינט זיך אַריינצוגיין צו מנחה אַהין, ווו ס'איז נעענטער, מעג עס זיין אַן אַנדער קלויז. אַזוי איז זיך משה־אפרים לעטקע אַרומגעגאַנגען מיט משהקע דעם רבס. זיי האָבן אויסגעטייטשט איינער דעם צווייטן געוויסע אָפּשפּיצלעך פונעם „הזמן", אָדער אויב נישט איז גאָר אַ שטיק אַלטן אבן עזרא. אַז זיי זענען דורכגעגאַנגען פאַרביי אונדזער נייער אַליקער קלויז און ס'איז שוין אַקוראַט געווען מנחה־צייט, זענען זיי אַריינגעגאַנגען אָפּדאַווענען ביי אונדז, אָדער זיך מאַכן, אַז מען דאַוונט.

www.libtool.com.cn

ביי אונדז אין שול מעג מען זיך גלאַט פֿאַרגינען אַן עטעם טאָן מיט פרייער קלויזנער לופט.

איז ווער ווערט זיך גאָר ריכטן, אַז ס׳וועט זיך פֿאַרלויפן אַ מעשה, וואָס פֿאַרלויפט זיך בכלל קיין מאָל נישט און נאָך אין אונדזערע ערטער. אין מיטן דעם רויקן מנחה־דאַווענען האָט מען באַמערקט, אַז ס׳בורעט זיך עפעס. לייזער דער שוסטער, וואָס האָט די שענסטע שטוב אין שטאָט, וואָס האָט אַן אָרט אין מזרח־וואַנט, און וואָס צו אים פֿאַרפֿאָרט און ביי אים שטייט איין דער אָליקער רבי, לייזער איז געוואָרן אש־להבה. ווי ער האָט נאָר דערזען משה־אפרימען:

— נאָך וואָס איז ער אַהער אַריין? און ווי אַזוי האָט ער זיך גאָר דערוועגט, דער רשע מרושע עזות מחוצף פנים, גיין און קריכן אַהער, אין דער בייער קלויז אַריין? ס׳טייטש? ס׳דען נישט זיין אַרבעט מיט די בריוו און מיטן אויף פּיץ פּיצלעך צעריסענעם שטריימל?

ווי קליין און ווי נישט דרייסט דער דאָזיקער געלער לייזער איז, איז ער גלייך אויסגעוואַקסן לעם יחיאלן בנימין־לייבס און לעם מאָטלען ראָט־נער, די חשובסטע באַלעבאַטים פון קלויז. מע זעט, ווי ער טענהט איין און ס׳פאַלן פון אים שטיקער פאַר כעס. ווי ער האָט נאָר געקריגן זייער הסכמה, איז ער צוגעלאָפן אויף זיינע הויכע אָפּצאַסן צו משה־אפרימען:

— אַרויס, שגץ, פון קלויז! דיין זוואַניע זאָל דאָ קיין מאָל נישט זיין! דיין סליאַד זאָל איך נישט אָנקוקן!

משה־אפרים האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, אָבער לייזער האָט ווי אַ צערייצט געל הינטל זיך געדראַפּעט ביי די פּאָלעס פון יענעמס זומערדיקן מאַנטל און משה־אפרים האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳גליי־כער אַרויסגיין פון שול מיט ווינציקער טענות, ווען זיין קלענער די בזיונות.

ס׳איז נישט שיין, ס׳איז שפיכות דמים. נאָר לייזער איז צעיושעט, ער איז גרייט אָנהויבן אַלץ פון ס׳ביי.

דער סקאַנדאַל האָט זיך נישט צעפלאַקערט. אַ געשטאַנק האָט זיך דערהערט, נאָר קיין פייער האָט זיך נישט צעברענט.

מיר האָבן אָפּגעדאַוונט מנחה. איך בין געגאַנגען מיטן טאַטן אַהיים,

www.libtool.com.cn

אָבער די מעשה, אויף וויפל איך האָב שוין יאָ עפּעס פאַרשטאַנען, האָב איך אַ גאַנצן וועג געקייט אין געדאַנק און עבירהדיקע אָנצוהערענישן האָבן זיך בשעת־מעשה צוגעמישט, ד.ה. עמעצער אַ יונגער נישט פאַר־גינער. אַלע מיינען, אַז ס׳איז משהקע ישעיה־חיימס, וואָס האָט חתונה געהאַט קיין אָוורוטש, האָט פאַנאַנדערגעשריבן צו די באַלעבאַטים בריוו, דעם ערשטן, פאַרשטייט זיך, צו לייזערן דעם שוסטער אַליין. אַז נישט דער רבי ט׳געמאַכט פאַר לייזערן דעם „בן־זכר״ (טאַקע דעם מיזינעק — וויגדערן) נאָר די טבע און די אינסטרומענטן, וואָס די טבע האָט אונדז דערצו געגעבן. ט׳ער זיך נישט געפּוילט און נאָך אָנגעמאָלט אינעם זעלבן בריוו דעם פּירוש דערפון מיט נישט קיין ציכטיקע געמעלן. דאָס איז געווען ווינטער. אינעם שבת פון דער זעלבער וואָך האָט פּאַסירט אַ צווייט אומגליק. שבת גייט לייזער אין שול אַריין מיט אַ ווינטערדיק היטעלע. וואָס איז האַלב־קיטשמע, האַלב־שטריימל, טאַקע אַ מתנה פונעם רבין אַליין. האָט עמעצער אין דער פריביים דאַווענען דאָס שטריימעלע אַרויס־געגנבעט און דערנאָך האָט מען געפונען איינגעריכטע שטיקער פונעם דאָזיקן היטעלע אין פאַרשידענע ערטער. איין שטיקל טאַקע ביי לייזערן אין שטענדער אַליין. איינס — ביי לייבען חוזהס לעם שלאָס פון קלייט און נאָך שטיקלעך — ווייטער ערגעץ. אָט האָסטו זיך אַ פאַרלויפּעניש. אויפן קאָנווערט פונעם בריוול איז נאָך געווען אָנגעמאָלט אַ לעמעשקע פון אַ רבילע און ס׳איז געווען אָנגעשריבן אין דער גאַנצער ברייט פונעם מענטשעלע „אלה אלהיך — ישראל״, אַ סימן, אַז פאַרנאַרישטע מענטשן גלויבן אין צעקראָכענע „גוטע־יידעלעך״. גיכער פון אַלץ איז עס משהקע ישעיה־חיימס. ער האָט געוואָלט לייטשקען לייזערס פאַר אַ כלה. פאַר אַן איידעם ט׳ער אים געמעגט אָנשטיין. אי מיטן יחוס, אי מיטן לערנען. נאָר לייזער האָט געהאַט אַ קאָנטראַקט מיטן רבין און מיט די גבאים, אַז איידעמס פאַר די טעכטער שטעלן זיי אים צו און זיי האָבן טאַקע מקיים געווען: פאַר לייטשקען האָבן זיי אים געגעבן אַ יונגנמאַן אַזש פון ריזשישטשעוו, און בפרט אַן איידעלער, אַ ווילער, מיט ברילן און מיט שוואַכלעכע לונגען. אָבער ער האָט געקענט לערנען, געווען אַ גוטער בעל קריאה. ס׳איז בפירוש צופיל פאַר אַזאַ לייזערן מיט זיינע אַלע נישט


www.libtool.com.cn

**ליבקע**

**די מוטער פון איציק קיפניס**

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

קיין שיינע מעלות, וואָס ער פאַרמאָגט. און אַזוי ווי משהקע פלעגט זיך באַגעגענען מיט משה־אפרימען, איז אַ סימן, אַז משה־אפרים האָט אַ חלק אין די דאָזיקע אַלע טועכצן.

היינטיקער שלוש־סעודות האָט שוין נישט געהאַט דעם זעלבן פּנים וואָס אַלע מאָל. כאָטש סיי ווי זענען די קוילעטשן געשטאַנען אויפן טיש, און מיר האָבן זיך געוואַשן.

וואָס גיט אונדז די מאַמע אויף שלוש־סעודות? אַ ביסעלע קעז מיט סמעטענע צעריבענע. אַמאָל אַ פּאָר טעלער קאַלטן שטשאַוועל־באָרשטש. איך ווייס נישט, וואָס איז וויכטיקער ביים שלוש־סעודות: צי דאָס איבער־בייסן, צי דער אתקינו סעודתא.

דער שבת איז שוין אַוועק. די וואָך איז נאָך נישטאָ. וואָס זשע איז דאָ? ס'איז דאָ אַ ביסל אומעטיקייט, אַ ביסל נישט צופרידנקייט. מען ווייסט נישט, צי מיט זיך, צי מיט עמעצן.

די מאַמע טראָגט אַרויס דער בהמה דעם טרונק. איך העלף איר עס טאָן. אַ מאָל נעמען מיר אָן די פּאָמיניצע ביי די אויסגעבויגענע אויערלעך, אַ מאָל שטעלן מיר אַריין אַ שטעקן פון אַ ווילקע, צי פון דער קאָטשערע — איז גרינגער צו טראָגן. די בהמה שטיפּט שוין דאָס גראָבלעכע פּנים אין צעבער אַריין.

— שטיי — זאָגט די מאַמע און העלפט מיר אַרויסשלעפּן דעם שטעקן. די בהמה גיט אַ מיש מיט דער מאָרדע דאָס שיטערע אין פּאָמיניצע, כדי אָנכאַפּן עפּעס געדיכטערס. אַז זי נעמט אַרויס די מאָרדע איז ווי פון אַ זייער גיסן זיך די שיטערע שפּריצעלעך אין דער לענג און אין דער ברייט. ס'איז שיין. די בהמה איז שיין, איר פּנים פריילעך, דער בליק איז אַ ליבער, זי איז מיט אונדז פריינד, זי איז די ליבסטע פון אַלע בהמות אין טשערעדע. אַז ס'וועט ווערן אַ ביסל טונקל, וועט די מאַמע אָפּזאָגן „גאָט פון אברהם" און וועט שוין נישט וואַרטן אויף אוליטען. זי וועט שוין אַליין נעמען ס'מעלק־שעפל און אויסמעלקן די בהמה. די קאָץ פילט שוין, אַז מע גייט באַלד מעלקן די בהמה. זי זעצט זיך, ראָסטעט זיך און רייבט זיך אַרום דעם מילכיקן טאָפּטשאַן.

די מומע לאה וועט נאָך לויפן אין שול אַריין מעריב דאַווענען.

www.libtool.com.cn

וואָס מעריב, ווען מעריב, איז איר קיין חילוק נישט. דער עיקר, וואָס זי איז גרינג אויף דער פּור. זי טוט אַ כאַפּ ס׳שאַלעכל און איידער ס׳שאַלעכל קומט איר אויפן אַקסל, זעגען די פּיס אירע שוין אין מיטרעס געסל. פון איין עק שטעטל ביזן צווייטן דערפילט זי אפילו נישט ווי אַזוי זי איז דורכגעפלויגן. דערווייל זעט זי מענטשן, דערווייל הערט זי אַ נייסל. מיר ווינען דאָך פון דעסטוועגן הינטער דער שטאָט. פּאַראַן קלייניקייטן, וואָס טוען זיך אָפּ אין שטאָט און צו אונדז זאָל עס דערגיין ערשט איבעראַכטאָג שבת אָדער איבעראַיאָר פּורים, אויב נישט, זאָל עס אין גאַנצן פאַרטויבט ווערן. אָבער דערויף איז שוין דאָ די מומע לאָה. זי וועט שוין גאַרנישט דורכלאָזן. די מומע לאה איז אייביק אַן אַלטע און אייביק אַ יונגע. זי טראָגט אַ טשיפּיק איבער די געשוירענע גרויע האָר. איך וואָלט אַ בעלן זיין וויסן, ווען שערט זי זיך? און ווער שערט זי? ס׳איז אַ סוד. אפשר בעט זי ברכהן זי זאָל פון מאָל צו מאָל אָפּשערן.

איך מיטן טאַטן דאַווענען נאָענט. ביי שמואל־יענקלען דעם שוסטער אין שטוב איז צוויי מאָל אין וואָך אַ מנין. פרייטיק צו נאַכטס און שבת צו נאַכטס. שבת צו נאַכטס קום איך אַריין אַהין מיטן טאַטן, טרעפן מיר דאָרטן אַלע נאָענטע שכנים אונדזערע, אי שאול־בערן דעם שוסטער, אי כאַיעניכעס יינגל לייזער, אי איצלען דעם חריף, אי אַרלען דעם חריף, און מאָטל דעם שוסטער. דאָס איז טאַקע שמואל־יענקלס איידעם. איצט גייט שמואל יענקל אַליין און זיין אָוורוטשעווער איידעם — חיהס מאַן הערשל. היה איז אַזאַ שיינע און בנעימותדיקע, זי רעדט נישט געאיילט און גייט נישט געאיילט און אַלץ פּאַסט איר.

צום „עמוד״ שטעלט זיך ווער ס׳נישט איז. אַ מאָל שמואל־יענקל. אַמאָל שאול־בער. וואָס איז מעריב? באַזונדערס אַ וואָכעדיקער מעריב? מען גאַרטלט זיך אַרום מיט אַ פּראָסטער צונויפגעדרייטער פאַטשיילע, מע שטעלט זיך אַוועק צום טיש און מיר הייבן אָן פון והוא רחום. גייט עס אַוועק.

אָפּגעדאַוונט מעריב, געזאָגט אַ גוטע וואָך, צינדט אָן חוה שמואל־יענקלס דעם לאָמפּ, ווייטער אַ גוטע וואָך. מען רעדט נאָך אויס אַ פּאָר

www.libtool.com.cn

ווערטער פון דאָס פון יענץ און מען צעגייט זיך, ביזן קומענדיקן שבת צו נאַכטס.

* * *

דאָס איז אמת, אַז קיין סך זאַכן קאָן איך נישט וועלן און קאָן נישט באַשאַפן... אַלץ איז גרייט פון הונדערטער יאָרן צוריק. מיין טאַטע ט׳אויך געטראָפן אַלץ גרייט: יינגלווייז גייט מען אין חדר, צו בר־מצווה קריגט מען תפילין מיט אַ תפילין־זעקל, יונגערמאַנווייז טוט מען אָן דעם טלית און אַזוי גייט עס און ס׳גייט ביזקעלן שטאַרבן.

געקומען אַהיים, מאַכן מיר הבדלה. הבדלה מאַכן מיר מערסטנס אויף בראָנפן. אפשר דערפאַר, וואָס בראָנפן ברענט שיין. די געפלאָכטענע קאָלירטע הבדלה האַלט איך, אָדער דינהקע. אַז דער טאַטע מאַכט בורא מאורי האש, טוט ער אַ פיר די ברענענדיקע הבדלה פאַר די אויגן. אַז ער זאָגט שוין אָפּ המבדיל בין קודש לחול, טרינקט ער אויס דעם שיעור, גיסט אויס אַ ביסעלע בראָנפן אויפן הילן טיש און צינדט אים אָן מיט דעם הבדלה־פייער. דער בראָנפן צינדט זיך אָן און די הבדלה־קנויטן לעשן זיך דערביי אויס. דאָס פייערל אויפן טיש ברענט ליכטיק־בלוי און שיין און פאַרשפּרייט זיך איבערן טיש. דער טאַטע טוט אַ וויש מיט די וויַיז־פינגער פוןביידע הענט ס׳פייערל און טוט מיט זיי אַ וויש די ווינקלען פון די אויגן. ער טוט נאָך אַמאָל אַ וויש און לאָזט אַריין ביידע הענט אין די הויזן־קעשענעס. די פּאָלעס פונעם סירדוט צענעמען זיך מיט הרחבה. צי איך האָב זיך דערוווּסט, צי איך האָב זיך אָנגעשטויסן פון זיך, אַז דאָס אויסווישן די רעשטלעך פון הבדלה־כּוס און אַריינלייגן אין די קעשענעס איז אַ סגולה צו פרנסה.

ערשט איצט נעמט דער טאַטע אַראָפּ די פידל פון וואַנט, ער בלאָזט אַרום דעם שטויב, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אויף איר פאַר דער וואָך, ער טוט אַ פרווו דעם טאָן און הויבט אָן שפּילן המבדיל־בין־קודש־לחול. דעם ניגון קען איך. ער שוועבט ביי מיר אין געדאַנק זייער פעסט און זייער פריילעך.

www.libtool.com.cn

די מאַמע שטעלט דעם סאַמאָוואַר.

ס׳קומען אַריין כוועדער קולינעס, די מומע לאה. זי זאָגט אַ גוטע וואָך און זי לאַכט. פון וואָס לאַכט זיך איר? ווער ווייסט? ס׳גייט אַ פולע וואָך. ס׳קומט אויך צוגיין נפתלי. צי איז ער ערגעץ באָענט דאָ דורכגע־גאַנגען, צי גייט ער פון ווייט, איז קיין חילוק נישט. ס׳ווילט זיך אים אַ ביסל ביי אונדז זיצן.

אַרום גלעזל פון לאָמפּ שלאָגן זיך מיט אימפּעט עטלעכע נאַכט־באַבעלעך, וואָס זענען זיך אַנגעפלויגן אַהער פון די צעעפנטע פענצטער. דער טאַטע הענגט אויף אויף דער וואַנט די פידל און נפתלי זאָגט: — שפּילט נאָך. די נאָז טוט זיך ביי אים בעת־מעשה אַ קנייטש אויף מיט אַ סך ליבע, געשמאַקע שטראַלעכלעך.

נפתלי...

אַלעכע נפתלים זענען אין ערגעץ נישטאָ. טאָקע אין ערגעץ. איצט איז ער שוין אַלט. איינער איז ער נאָר דאָ אַזאַ. געפינען קאָן מען אים נאָר ביי אונדז אין סלאָוועשנע אויף וואָלאַכייסקער גאַס.

פינף ברידער זענען זיי ביי אונדז דאָ. אַלע אַלצאיינע און נישט קיין אַלצאיינע. זיי וווינען אין זייערע פינף הייזער אויך אַלצאיינע און נישט קיין אַלצאיינע. די דאָזיקע הייזער שטייען אויף איין זייט פון איין געסעלע, עטוואָס אָפּגערוקט איינס פונעם צווייטן. מיטן ראָג פון אַנטאָנאָוויטשער גאַס הויבט זיך אָן די שענסטע שטוב, טאָקע אַ שטוב אַ באַלעבאַטישע, כמעט אַ שטאָטישע. אי הויך, אי מיט גרויסלעכע פענצטער. דאָס איז גראָדע מאיר דעם בלינדנס שטוב, אָט דער מאיר, וואָס גייט אַרום אין זשיטאָמיר איבער די הייזער. דערנאָך גייט לייב דעם וואָלאַכס שטוב, שוין עטוואָס נעענטער צו אַ דאָרפישער, נאָר אויך אַ גרוימלעכע. דערנאָך גייט יענקל דעם יאַבעדניקעס שטוב, נעענטער צו אַ שטאָטישער, ווי צו אַ דאָרפישער. דערנאָך גייט יצחק דעם וואָלאַכס שטוב, שוין אין גאַנצן אַ נידעריקע. דערנאָך גייט די לעצטע און די קלענסטע. פאַר אַ דאָרף איז זי אויך שוין צו קליין און צו נידעריק. אַז מען גייט אַריין, דאַרף מען שטאַרק איינבויגן דעם קאָפּ. דאָס איז נפתלים אַליין. די דאָזיקע „מויער" שטייט שוין אויפן ראָג פון פּאָדאָלסקער געסל, אַזוי, אַז אַ גאַנצער

www.libtool.com.cn

קוואַרטאַל איז פאַרנומען מיט די פינף זין, די וואָלאָכייסקע. אַלע פינף שטייען מיטן פּנים צו יוכבדס סאָד צו, צום פּלויט פון יוכבדס סאָד. אַלע ברידער (אויסער מאיר דעם בלינדן, וואָס זיין פּרנסה איז באַוואָרנט האַלטן פערד.

לייבאָ דער וואָלאַך — אַ מין דאָרפסגייער. ער פאָרט אַרום מיטן פערד און וועגעלע איבער די דערפער און בייט עפּעס אויף עפּעס. רויטע בייוועלעך צום אויסנייען, פינגעריטן, נאָדלען, שפּילקעלעך, אַ פּאָר בלע־כענע אוירינגלעך אויף אַן איי, אַ ביסל מעל, גרויפּן, אַ פּעלעכל, אַ שטי־קעלע וואַקס און דאָס גלייכן.

יענקל דער יאַבעדניק האָט אויך אַ פערד און וועגעלע. ער איז מער בעל־גופיש. פירט געהילץ, מאַכט מיטן זון אויוונס אין די דערפער און פירט זיך שיין זיין אויסקומעניש.

יצחק דער וואָלאַך האָט אַ פערדל אַ יידישס. קיין שווערע משאות קען עס נישט שלעפּן, נאָר אַ וועגעלע זאַמד, אַ וועגעלע ליים, אַז מען מאַכט ערגעץ אַן אויוון, מען שיט איבער אַ ריבע. אַמאָל קאָן מען אים אַפילו דינגען צו פאָרן קיין וועלעדניק. גיין צופוס וואָלט אפשר לענגער נישט געדויערט, אָבער פאָרט אַ פור. און... לעצטנס, גייט נפתלי. נפתלי, מעג מען זיין זיכער, איז אויך אַמאָל געווען אַ פּיצל קינד, אַ יינגעלע, אַ בחור, אַ יונגערמאַן. און קיינער האָט צו אים קיין טענות נישט. אַלע זענען פון אים צופרידן. נאָר ווי אַזוי שפּייזט זיך אַזאַ נפתלי? ווי אַזוי האַלט ער אויס אַ ווייב מיט קינדער? דאָ קאָן מען ענטפערן איינס — קאָרג מענטשן לעבן מיט ניסים?

יינגערהייט, דערציילט מען, האָט אַמאָל נפתלי געהאַט אַ צוזאַמענ־שטויס מיט מיין פעטער יחיאלן. יחיאלן האָבן אַ סך זייערע געהאַלטן פאַר אַ צעדרייטן. אַלנפאַלס, פאַר אַ מענטשן אַ טשודנעם, וואָס פאַרשטייט נישט קיין תכלית. אַ מענטש נישט פון דער היגער וועלט. אָבער ער האָט קיין מאָל קיינעם נישט פאַרטשעפּעט. דערציילט מען — ס׳איז געווען נישט פאַר מיינע יאָרן — אַז איין מאָל ט׳נפתלי באַגעגנט אויף אונדזער שיניצע מיין פעטער יחיאל. נפתלי האָט פּונקט געפּאַשעט „איינעם" פון זיינע „פערד". דערזען יחיאלן אַ פאַרטראַכטן, ט׳זיך נפתלי נישט געקאָנט

www.libtool.com.cn

איינהאַלטן און אים נאָכגעוואָרפֿן אַ שטיקל ליים, אוודאי, און עפּעס אַן אָפּשפּעטונג. האָט יחיאל זיך אויסגעקעקערעוועט און געזאָגט בייז און ברוגז: בישקשה, וועסט שטאַרק חרטה האָבן!...

נפתלי האָט זיך ווינציק וואָס צוגעהערט צו דער דראָונג, כאָטש ס'האָט אים אַ ביסל פֿאַראַרט. ער האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען אַזאַ מינע, ווי ער האָט נאָר וואָס באַמערקט אויף יחיאלס פּנים.

אַ קיצור, וואָס טויג אונדז אַ סך דערציילן — נפתלי ט'אָפּגעפּענטעט דאָס פערד, פֿאַרן גיין אַהיים שטעלט ער זיך צו לעם אַ ביימל און וויל זיך אָפּפּאַרטיקן אויף קליינס... — ע־הע? אַן אייזערנע וואַנט! ער גייט אַוועק אַהיים, אַריין אין שטאַל שטעלט זיך אַזועק לעם זשיראַוועל — ס'גייט נישט. ס'האָבן זיך ביי אים אָנגעהויבן שטעכענישן און גרויסע ווייטיקן, וואָס ער האָט זעלכעס אויפֿן לעבן נישט געהאַט. דאָס ווייב זיינס, ס'דוכט זיך געהייסן רייזל. דערציילט ער איר מיט גרויס בושה און ווייטיק, וואָס ס'האָט זיך פֿאַרלאָפֿן. און ער וויקלט אויס פון דער קויטיקער פֿאַטשיילע אַ זילבערן האַלב־קערבל, ווי מען שיקט צו אַ רבין, אָדער צו אַ טרעפֿער און ער בעט זי, זי זאָל גיין איבערבעטן יחיאלן. דער פעטער יחיאל איז נאָך דענסטמאָל געווען אַ בחור.

געקומען, האָט זי אים געטראָפֿן ביים ווערקשטאָט מיט די זייגערס (ווו האָט ער זיך אויסגעלערנט, דער פעטער יחיאל, מאַכן זייגערס איז אויך אַ גאַנצע געשיכטע). גייט זי צו און צעוויינט זיך פֿאַר אים מיט ביטערע טרערן און דערלאַנגט אים דאָס זילבערנע האַלבע קערבל.

דער פעטער יחיאל האָט אויף איר נישט געקוקט. דאָס האַלבע קערבל האָט ער נישט גענומען, ער האָט געשווייגן אַ ביסל, דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— הײנטיקס מאָל שענקט מען אים, נאָר אויף ווייטער מעג ער זיין לייטישער.

זי האָט אים באַדאַנקט, איז אַוועק אַהיים מיט אַ פֿאַרגרינגערט האַרץ און אין דער היים איז שוין נפתלי געהאָלפֿן געוואָרן ביז איר קומען. נפתלי דערציילט וועגן דעם זעלטן ווען, נאָר יחיאלן האָט ער שוין נישט געהאַלטן פֿאַר קיין צעדרייטן.

www.libtool.com.cn

— ווען יעגער וויל — ט׳נפתלי איין מאָל געגעבן אָנצוהערן — קאָן ער ווערן רבי אין דער גרעסטער שטאָט.

נפתלין האָבן אין שטאָט אַלע ליב געהאַט. מיט נפתלין האָט מען זיך געגרויסט. אייניקע האָבן אים גערופן „דעקאָלטע״, ווייל סיי זומער, סיי ווינטער, איז ער געגאַנגען מיט אַ צעכראַסטענער ברוסט. אויב ווינטער איז שוין געווען גאָר קאַלט, פלעגט ער מיט וואָס עס מאַכט זיך אַרומוויקלען דעם הוילן האַלדז. דאָס סאַמע באַקוועמסטע דערויף איז געווען אַן אַלטע פּאָר הויזן, וואָס עמעצער ט׳אים געשענקט... זיין מאַנטל איז געווען אַן אַ קאָלנער, נישט ווייל ער האָט זיך געבייט לויט זיין אייגענער מאָדע, נאָר פּשוט דער מאַנטל איז שוין זייער אַלט. זומער פאַרשיט מען אים נישט מיט קיין באַפּטאַלין, נאָר ער וואַלגערט זיך אין הייזל אין ווינקל, צווישן אַנדערע שמאַטעס, נישט ווייט פונעם כאָמוט מיטן שפּאַן.

מעגלעך, אַז ער גלויבט, נפתלי, אין אייביקן זומער. דערפאַר לייגט ער ווינציק אַכט אויף די ווינטערדיקע בגדים. וואָס זשע מיינט איר? איז אים טאַקע ווינטער גוט קאַלט. קומט ער אָבער נאָר אַריין אין אַ שטוב — אַ יידישע, נישט קיין יידישע — אַזוי ווערט זיין פּנים צעשמייכלט און אַלץ אויפן פּנים שמייכלט: די גוטע אויגן, די קנייטשעלעך אַרום די אויגן, די נאָז, וואָס איז ווי אַ נאָז פון אַ לייב, דאָס הייסט, די נאָז־לעפּעלעך זענען צעשפּרייט ברייט איבערן פּנים און גיבן צו דעם גאַנצן פּנים אַ באַ־זונדער מין חן.

ביי נפתלין, פּונקט ווי ביי אַלע יידן פון שטעטל, איז שבת — שבת, יום־טוב — יום־טוב, וואָך — וואָך, נאָר דאָך איז ער אייגער. קיין צווייטער איז צו אים נישטאָ.

ער האָט געפּרוווט אַ שטיקל צייט אַרומגיין אין זשיטאָמיר איבער די הייזער, נאָר די דאָזיקע אַרבעט האָט ביי אים נישט שטאַרק אויסגענומען, ער קריגט זיך זיין חיונה בעסער פון אַ פערד און וועגעלע. נאָר אָנקוקן זיין וואָגן — איז דער צווייטער צו אים אין דער גאַנצער וועלט נישטאָ. איין ראָד איז נישט גלייך צום צווייטן, איין דראָבינע דערקענט נישט די אַנדערע. אומגליקס־פאַלן טרעפן זיך אויף יעדער קער. נאָר גאָט צו

www.libtool.com.cn

דאַנקען, מען פאַרדינט. אַ שטריקל, אַ בענדל, אַ שטעקל, אַ ציצה. יינגלעך פון דער גאַנצער שטאָט קלייבן זיך צו נפתלין אויפן וואָגן. ער האָט ליב קינדער. ער טרייבט זיי נישט. דערפאַר, אַז ס׳ווערט עפּעס צעבראָכן, ווו ס׳זאָל נישט פאַרקומען, זענען אַלע יינגלעך גרייט צו העלפן. דער ברענגט אַ צוואָק, דער אַ פלעקל, אַ בענדל, אפילו אַ ברעטל, אַ שטיקל דראַניצע, אַ שטיין צום פאַרקלאַפּן און איין גאָט ווייסט, ווי אַזוי די עגלה איז שוין פאַרריכט, מען קאָן שוין פאָרן. אַלע יינגלעך זענען שוין צוריק אויפן וואָגן. דער סאַמע בראַוווער פון די יינגלעך האַלט שוין די לייצעס אין די הענט, שטריקלדיקע לייצעס, און מע נוקעט און מען שרייט. אמת, דאָס פערד איז נישט דערשראָקן — אָדער עס רירט זיך אין גאַנצן נישט פון אָרט, אָדער עס רירט זיך און שטעלט פיס גיכער פון אַ טויטן. פאַר צעטראָגן זיך דאַרף מען קיין מורא נישט האָבן, נפתליס פערד צעטראָגן קיין מאָל נישט. גיכער קאָן דאָס פערד אַליין פאַלן און דער וואָגן זאָל וועלן אויף אים אַליין אַרויפפאָרן אַראָפּ באַרג. ביי נפתלין האַלט זיך אַ באַזונדער סאָרט פערד. ער האָט שוין איבערגעהאַלטן פאַר זיין ביטנאָסט פערד, וואָס ס׳איז גאָר שווער זייער צאָל אויפשטעלן. זיי האָבן אַלע כמעט איין מראה. דינע פערד, מאָגערע פערד און שוין צופיל גלייכגילטיקע פערד, גלייכגילטיקע צו יעדן מין וועטער, צו יעדן מין באַלעבאָס. ביי אונדז אין שטאָט איז דאָ נאָך אַ נפתלי, נפתלי יאַשקעס פון אונטערן טייך, מיט איין אויג און מיט אַ רויטן געקאַרבטן האַלדז־אין־נאַקן, שוין אַ זיידע פון אייניקלעך, דווקא אַ סטאָליגער חסיד, וואָס באַשעפטיקט זיך אויך מיט אַזאַ מין סאָרט „פערד״, נאָר דאָרטן איז עס שוין אַ הורט געשעפט. און דאָ איז פראָסט. דאָ פירט זיך אַזוי, אַז ביי נפתלין פגרט אַ פערד, ווי ס׳מאַכט זיך אַמאָל אויף דער פאַשע, אַמאָל אין שטאַל און אַמאָל גלאַט אין אַ פרעמדן הויף. וואָס זשע טוט נפתלי? שינדט ער אָפּ דאָס געפגרטע פערד, פאַרקויפט די פעל און מיטן צווייטן פערד, וואָס ער האָט שוין צום קויפן, פירט ער אַרויס די אָפּגעשינדענע נבלה הינטער דער שטאָט.

נפתלי בורטשעט אַ ביסל, ער איז ברוגז, אומצופרידן פון דעם, וואָס דאָס איז דער סוף פון אַלץ דאָס לעבעדיקע. נאָר אַזוי פירט זיך שוין אויף דער וועלט.

www.ifbtool.com.cn

די פערד זייגע קויפט נפתלי כסדר מיט אַ קערבל דערינטער ווי די ווערט פון דער פעל. פירט ער מיט אים שטיינדלעך, פירט וואַסער, זאַמד, וואָס ס׳מאַכט זיך, וואָס מען באַשטעלט ביי אים. אַזוי לאַנג, ביז די חיה זעגנט זיך אָפּ מיטן לעבן.

— נפתלי? — פרעגן באַקאַנטע פויערים אין גאַס — שוין אַ נייער קאַשטאַן ביי דיר?

— אַ נייער איז ער, אַ נייער — ענטפערט נפתלי — נאָר איך בין שוין אַן אַלטער!

— וווהין זשע פאָרסטו עס, נפתלי, אַזוי פרי?

— ווייט — ענטפערט נפתלי — איך פאָר צום דוניי און דערנאָך קיין טערקיי.

— זאָלסטו זשע ברענגען גוטע נייעס, נאַכטול — פאַרענדיקט דער פויער. אין מערסטנטייל פוילט זיך גישט דער פויער און הייסט אים קומען ווער ער אים געבן אַ בינטעלע היי.

— נאַכטול, — פרעגן אַמאָל אַנדערע — דע סטאַרי קאָני דיוואַ־יוטסיאַ?

— אובאַהי קויפויוט — ענטפערט נפתלי — טאַ סאַבאַקאַ האָדויוט.

ביי אונדז איז נפתלי אַן אָפּטער איינגייער. ביי אונדז קלאַפּט ער אַמאָל אויף אַ כּטעמפּל דוב, ווען מיט זיין פערד, ווען מיט אונדזערן. דאָס ראָד אין שאָפּע דרייט זיך, די טוקאַטשעס העפּקען זיך און קלאַפּן און נפתלי זינגט די גאַנצע צייט. ער אַרבעט, מישט מיט אַ פלעקל די קאָרע אין סטאַמפּ, טרייבט אונטער ס׳פערדל און די איבעריקע צייט קאָן מען הערן, ווי ער זינגט אָדער ער זאָגט תהילים אויף אויסנווייניק, נישט צוליב גאָט־בעטן. קיין בעסערס, ווי ער פאַרמאָגט, קלייבט ער זיך שוין נישט אויסבעטן. ס׳איז אים אַזוי אויך נישט שלעכט. דעם תהילים זינגט ער פשוט, ווייל ס׳זינגט זיך שיין און מען באַמערקט נישט ווי אַזוי די צייט גייט אַוועק.

אַמאָל זינגט ער מיטן זעלבן ניגון: „יאַק יע כליב, טאָ נעמאַ סאָקו, אַ יאַק יע סאָק, טאָ נעמאַ כליבאַ!״...

אָט דעם ביטערן אמת פונעם אָרעמען מענטשן ווייסט ער מיט אַלע

www.libtool.com.cn 

פּיטשעווקעס. כאָטש הונגעריק איז ער נישט — ווו ער קומט אַריין, עסט ער עפּעס אָפּ, נאָר... ער זינדיקט אַ ביסעלע. ער דערלויבט זיך אַ ביסעלע: ס׳טרעפט, אַז אונטערן טיש, אין עס־צימער, שטייען אַ ביסל נעכטיקע אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל אין אַ שיסעלע, וואָס מע האָט אָוועקגעשטעלט פאַר די הינער. איז ער נישט פויל, בייגט זיך אָן מיט אַ קרעכץ — די עלטער, די עלטער — דערלאַנגט דאָס שיסעלע קאַרטאָפל פון אונטערן טיש און הויבט אָן לייגן אין מויל איינציקע קאַרטאָפל. אַז ער זעט, ווי מע קוקט אויף אים, טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ ווייז אויפן גאַרגל:

— אַבי טוט פּראַליזע!...

הייסט עס, אַז דאָס וואָס ס׳קריכט אין מויל און לאָזט זיך אַראָפּ־שלינגען וועט שוין דער מאָגן ווי עס איז איבערקאָכן.

צו קיין דאָקטוירים און אין די באָלניצעס איז ער נישט קיין איבעריקער איינגייער.

מיט דעם איז ער שוין פאַרטיק, דערלאַנגט אים די מאַמע אַ טעלער הייסן קוליש, שניידט אים אָן ברויט, עסט ער ווייטער. אַז מען גיט אים אַ שטיקל צוקער אָדער קיכל, קוקט ער אויף דעם, באַטראַכט עס פון אַלע זייטן, וויקלט עס איין אין אַ שמאַטקע און באַהאַלט אין בוזעם.

זיין זון וועלוול איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. מלחמה־צייט זענען קיין בריוו נישט געגאַנגען, איז די שנור, דבורה־יענטע רופט מען זי, ביי אים. אַ לייביקע, אַ גרויסלעכע, אַ שטילע און אַ ווילע. חכמה פעלט איר נאָר. מיט איר נאַרישקייט איז זי קיינעם נישט צו שווער. צוויי קינדער זענען דאָ — אַ ייגעלע מיט אַ מיידעלע. קוטשקעט מען זיך אין איינעם אין דעם קליינעם שטיבעלע מיטן שווער, מיטן זיידן. אַמאָל בורטשעט ער, אַ מאָל שרייט ער, נאָר נישט קלאָר, נישט אויסדריקלעך. פאַרשטייט זיך, ס׳נישטאָ, ס׳פעלט אַ סך. נאָר ער איז דערוויל דער איינציקער שפּייזער. שרייט ער, זי זאָל אַרויסטראָגן דעם פערד פון הייזל אַ ביסל שטרוי, זי זאָל נעמען דעם עמער און אַרויסטראָגן דעם פערד אַ טרונק. ער שרייט ווען מען דאַרף און ווען מען דאַרף נישט, נאָר אין האַרצן איז ער צופרידן. זיין וועלוול איז אַ מלמד דאָרטן אין אַמעריקע. אַ מלמד

www.libtool.com.cn

ביי קינדער. אַז ס׳וועט ווערן שטיל אויף דער וועלט, וועט ער זיי אַרויס נעמען צו זיך אי די שנור, אי די קינדער. ער וועט נישט פאַרן, נפתלי. ס׳איז אים אַ שאָד זיך צו שיידן מיט די אייניקלעך, מיט דער שנור, נאָר די שטוב און די גאַס וועט ער אויך נישט אַוועקוואַרפן. מען וואַרפט נישט אַוועק קיין שטאָט מיט קיין שטוב מיט קיין אַלץ מיט אַנאַנדער. רעדן רעדט ער פון דעם ווינציק.

ביי דער שנור איז אַ יונג פליישיק פּנים אַ שיינס, בפירוש אַ שיינס. די האָר קריכן ביי איר אַרויס פון דער פאַטשיילע. אַ גאַנצער סטויג מיט האָר, אויך יונגע און די פאַטשיילע זיצט שוין אַן אַראָפּגערוקטע אויפן אַקסל... זי הייצט דעם אויוון און איז פאַרטאָן. גאָט ווייסט מיט וואָס זי איז דאָרט פאַרטאָן. נפתלין ווערט שווער זיצן און צו קוקן אויף דער יונגער געזונטער פליישיקער „שקאַפּע״, ווי ער רופט זי ביי זיך אין האַרצן און ער הייבט זיך אויף און גייט גאָר אַוועק אין האַרבאַרניע אַריין.

ס׳איז אים גאָר אַ רחמנות אַפילו אויף וועלוולען אויך, אויפן זון זיינעם, דאָרט אין אַזאַ ווייטעניש. ער וועט זיך קיין אַנדער זשענשטשינע נישט זוכן, גאָט באַהיט און קיין אַנדערע קינדער אויך. איז טאַקע אויף אים אַ רחמנות אין אַזאַ עלנט. און ער, נפתלי, איז אויך אַליין. יצחק, דער ברודער זיינער, האָט חתונה געהאַט אויף דער עלטער פאַר דער ווערפיוועקע, און איז פאָרט נישט אַליין. אָבער אַז ער גייט אַרויס אין דרויסן, גייט אים יעדע זאַרג אַראָפּ פונעם האַרצן. וווּהין גייט מען איצט? מען גייט אפשר אין האַרבאַרניע. דאָרט זענען די מענטשן יינגע, נישט קיין שלעכטע. דער ראַדאָמישליער איידעם שפּילט אַ מאָל אויפן פידל, דער סאַמאָוואָר זידט, אַ גלעזל אָקראָפּ גיט מען דאָרט כסדר.

דער זונטיק האָט זיך זיין מראה, זיין קאָליר, זיין ריח. איך זע אים נישט ביי די שכנים, ביי די פויערים אין שטוב. איך זע אים מערער אויפן מאַרק, אין שטוב ביי זיך, אין שטוב ביים רבין אין חדר. דער רבי מיינער, שמואליק דער מלמד, האָט אַ סך שיינקייט אין זיך, אי אינעם לערנען, אי אינעם דערציילן מעשיות, אי אין דעם ווי אַזוי מע רופט אים אין שטאָט שרייבן תנאים, און דער עיקר קומען צו אים פויערים און פויערטעס שרייבן בריוו און פּראָשעניעס. פון וואַנען פאַרשטייט ער,

www.libtool.com.cn


וואָס מען דאַרף שרייבן, ווייס איך אַליין אויך נישט. איך ווייס נאָר, אַז דער כתב איז ביי אים שענער און האָט אַ פנים נישט פון מיין ווייכקייט, נאָר פון אַנטשלאָסנקייט, פעסטיקייט, וואָס קאָן באַשטיין זיין שטעטל.

אַזוי, אַז דער זונטיק־טאָג איז ביי אונדז אין חדר נישט קיין שטרענגער, נישט קיין באַלעסטיקטער, מיר טוען זיך אין חדרביים טיש, וואָס ס׳טוט זיך. מיר דערציילן איינער דעם אַנדערן אַלע שטאָט־נייס און שפּילן זיך אין מאָלן אויף פּאַפּיר און דעם רבין רופט מען אַלע מאָל אַרויס אין קיך אַריין. אַ פויערטע, אַן אויסגעבונדענע מיט אַ זונטיקדיקער פּאַטשיילע, איז געקומען. זי האָט געבראַכט אַן אַרבעלע אייער אָדער מאָן, אָדער פּשוט צוויי זילבערנע פּערציקער. און דער רבי לייענט איר איבער די פּראָשעניע אויף אַ גלאַטן בויגן פּאַפּיר אַ ווייסן, אַ מאָל קלעפּט מען נאָך אַן צום פּאַפּיר גערבאָווע מאַרקעס. און ווהין וועט עס אַזאַ פּראָשעניע אַוועקגיין? ווער וועט זי לייענען? מען וועט זיך אַנשטויסן, אַז דאָס איז אונדזער מלמד הערשל דעם שוסטערס זון, חיים רייזלס אַן איידעם, דעם אַליקער רבינס אַ חסיד שרייבט אַזעלכע האַרטע, איינגעשפּאַרטע פּראָשעניעס?

די רביצין אונדזערע איז שוין דאָס אַנדערע ווייב דעם רבינס פון דער אַזעראַנער רודניע. די נאָז איז ביי איר אַ ביסעלע אַ גרויסלעכע, פון אויבן צוגעפּלעטשט, אַזוי ווי פּירעקעכיק, נאָר דאָס פּנים איז אויך נישט צו קליין און איר וווקס איז אויך גרעסער ווי מיטל און דאָס קול איז אַ ווילדס, אַ פּריילעכס. דער שמייכל אַ גוטער.

מיר האָבן פון איר קיין הויך וואָרט נישט געהערט. און, אַז ס׳קומט זונטיק, די פויערטעס הייבן אַן גיין, באַזעצט זי זיי אין קיך לעם דעם קליינעם פּירעקיקן טישעלע און זי גייט אַריין צו אונדז אין חדר אַריין און טוט אים שטיל אַ רוף.

— שמואליק — זאָגט זי — גיי נאָר. קיין סך זאָגט זי נישט. איין וואָרט, צוויי ווערטער און ער ווייסט שוין אויף וואָס מען רופט אים.

דער מאַרק איז איצטער נאָך נישט קיין גרויסער, ווייל ס׳איז נאָך פרי זומער. קיין ווייגשל נאָך נישטאָ, קיין פּרוכטן נאָך נישטאָ. ס׳שטייען

www.hbtool.com.cn

נאָר אייניקע פורן מיט ביסלעך גרינעם גראָז אין די דראַבינעס, אַ סימן, אַז זיי פאָרן פון קאָנסאָוויצע.

אין דער היים טרעף איך אַן אַנדער בילד. אַ פּאָר פויערים, אַ פּאָר פויערטעס. דער טאַטע איגעם זשילעט מיט די פאַרקאַטשעטע אַרבל, נאָר וואָס פון דער האַרבאַרניע, נעמט צו אַ פּאָר פעלעכלעך אין דער אַרבעט. ער דינגט זיך אויס, מאַכט אַ צייכן מיטן שאַרפן שפּיץ פונעם מעסערל, פאַרשרייבט אין בוך דעם נאָמען פונעם פויער, דעם טאָג און דעם פּרייז. אַן אַנדער פויער האָט ליב אַן אייגענעם סימן. אויף דער פעל בינדט ער אָן אַ האַרט שטעקעלע. דאָס שטעקעלע איז אָנגעקאַרבט ביי דער פאָדערשטער העלפט, פון דער פאָדערשטער העלפט שפּאַלט ער אָפּ אַ פערטל, דאָרטן, ווו די קאַרבן זענען. בלייבן אַ ביסל קאַרבן אויף דער בירקע, אַ ביסל קאַרבן אויפן טייל, וואָס ער האָט אָפּגעשניטן. אַז ער וועט קומען אָפּנעמען די פעל, וועט ער צושטעלן דעם סימן. אויב ס'גיסט זיך צונויף צוזאַמען איז אַ סימן, אַז ס'זיין פעל. דער טאַטע זאָגט:

— מעג די פעל דיינע זיין מיט גאָלדענע ברעגן וועט זי זיין דיינע. קיין פרעמדע דאַרף איך נישט. איך דאַרף נאָר געבן גוטע אַרבעט, אַז ווער ס'איז ביי מיר איין מאָל, זאָל וועלן קומען אַ צווייט מאָל.

— טאָ פּראַוודאַ — גיט צו דער פויער.

פויערים קומען צו אונדז פאַרשיד'ענע. פון אַלערליי דערפער. פון ליסטווען, פון פּעטרישי, פון באַקעיעוושטשינע, פון מאַזשאַרי, ווערפּי, און ליוואָקאָוויטש. כאָטש די ליוואָקאָוויטשער פויערים פאָרן אַ טייל אַהער און אַ טייל קיין וועלעדניק. ס'איז ביי זיי כמעט איין וועג. אַז דער פויער קומט, כאָטש ער האָט שוין אָפּגעטאָן, וואָס ער האָט געדאַרפט, זיצט ער נאָך אַ ביסל גלאַט אַזוי. כ'זונטיק, האָט ער צייט. דער פויער, וואָס האָט אין זיין באַלעבאַטישקייט אָקסן, איז בכלל זייער רויק. ער האָט אַ סך צייט. קיין מאָל כאַפּט ער זיך נישט, איך זע אים נישט ער זאָל זיין אין כעס, כאָטש דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, און דאָ דאַרף איך זיך נישט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזעם. ווייל איך זע אים נישט אין דער היים און איך זע אים זעלטן, ווערט ער ביי מיר צופיל אויסגעפּוצט אין ריינקייט און אָרנטלעכקייט און אין גוטסקייט.

www.libtool.com.cn



אין פֿריען זומער שײַלט זיך גוט די קאָרע פֿון די ביימלעך. אַן אַנדער פֿויער פֿירט צו אַ צוואַנציק סנאָפּעס קאָרע, נאָך נאַסע, פֿרישע, נישט קיין געטריקנטע.

מיר האָבן אין איר אַ גוטן געפֿיל, ממש ווי מיר וואָלטן פֿילן אַ טעם אין דער געשמאַקער, פֿלײשיקער קאָרע. אויב דער טאָג איז אַ שײנער, צעלאָזן מיר די בינטעלעך, לייגן אָפּ די פּערעוויסלעס באַזונדער און דאָס גאַנצע הויפֿל פֿאַר דער שטוב, ווי אויך פֿאַר דער האַרבאַרניע איז אויס־געשפּרייט מיט פֿרישער קאָרע. אי זי שמעקט גוט, אי ס׳איז עפּעס אַ געזונט אין האַרצן. דער זומער זאַמלט און גרייט פֿאַרן ווינטער. אַז די קאָרע וועט זיך פֿאַר אַ פּאָר טעג אויסטריקענען, וועלן מיר זי צונויפֿבינדן אין די זעלבע פּערעוויסלעס און די שאָפּע וועט זי אַרײַננעמען, וועט געבן פֿאַר איר פּלאַץ.

קאָרע דעמבענע איז אפֿשר דאָס סאַמע רײנע, וואָס די האַרבאַרניע מיט איר אַרבעט פֿאַרמאָגט אין זיך. זי איז ריין און איז געזונט.

די מאַמע זאָגט, אַז ס׳איז שוין אפֿשר צייט זיך וואַשן עסן. דער טאַטע טוט אַ קלער. ער האָט נאָך די האַרבאַרניע נישט פֿאַרשלאָסן.

* * *

אין דאַלינע, וווּ מיר לערנען ביי שמואליקן דעם מלמד אין חדר, איז גוט. די דאַלינע, כאָטש זי איז, דוכט זיך, איינע, האַלט איך זי די גאַנצע צייט פֿאַר צוויי. איינע דאָרט, וווּ מיר לערנען, וווּ דאָס בית־המדרש שטייט, וווּ ס׳איז דעם פּעטער איטשעס שטוב, ברוך דעם מאַזשאַרוּוטשיקס סאַד, און די צווייטע דאַלינע איז אַרל דאַברישעס שטוב, שלמה־שרהלעס שטוב, יודל דעם שוסטערס שטוב, די שענק, די מיל, די אָזערע און די הייליקע אָרטן. ס׳איז טאַקע איין דאַלינע, נאָר אַרײַנגאַנגען אין איר זענען דאָ צוויי, איינע פֿון מאַרק, פֿון דער זייט קלויסטער לינקס, פֿאַרביי דעם הויפֿל און איינע פֿון מאַרק, פֿאַרביי דער זייט קלויסטער רעכטס, פֿאַרביי דעם גלחס סאַד און צווישן מיכאל דעם סופֿרס שטוב און ברוך דעם מאַזשאַרוּוטשיקס שטוב. אָט איז דער הויף פֿון בית־המדרש, אָט איז יענקל דעם כהנס שטוב, לינקס איז אברהם־יצחק דעם מלמדס

www.libtool.com.cn

חדר, אַנטקעגן איז יחיאל דעם מלמדס חדר און פון רעכטס, אין סאַמע ווינקעלע, אונדזער חדר און נאָך רעכטער, אין ווינקעלע צווישן חיה־רחלס שטוב, אסתר־מאירס שטוב און קאַפּלס שטוב, איז חיים רייזלס חדר.

חיים רייזלס איז אַמאָל געווען אונדזער רבינס שווער. וועגן דעם רעדט קיינער נישט. ביי חיימען רייזלס זענען שוין קיין אייגענע קינדער נישטאָ. נאָר ער און חיימיכע, אַ קליינע יידענע, נאָר זי האָט פּאָר קיין זאַך אין דער וועלט קיין מורא נישט. אַז ס׳שטאַרבט אַ ווייבל, איז ווער וואַשט זי — חיימיכע, אַז ס׳שטאַרבט אַ קליין קינד, איז ווער טראָגט עס אָפּ — חיימיכע, זי איז גאָרנישט געראָטן אין איר מאַן חיימען מיט די פּאַהקעלעך. ער גייט אין שטעקשיך מיט ווייסע זאָקן ביז די קני. ער לייענט די תורה ביי אונדז אין קלויז. אַז ס׳קומט צו פאָרן דער אַליקער רבי, זיצט ער אַלע מאָל די רעכטע האַנט פון אים, און זי איז אַזאַ דער רוח ווייסט וואָס. בעתן רבינס קומען זעט מען זי נישט. איר גיב טויטע — און געבוג. ווייזט אויס, אַז דער הויף, וואָס איז איינגעקלעפּט צווישן אונדזער חדר מיט חיים רייזלס חדר, איז אַ שותפותער. גראָדע אַ ריין הייפּעלע, מיט אַ ריינעם אויסגעבויטן פון ברעטלעך בית־הכסא. איך האָב אפילו געזען, וואָס פּאָר אַ רוסיש ביכל דער רבי לייענט, אַז ער ריכט זיך דאָרטן אָפּ. פּאַראַן אַ סך אַזעלכע פאַלן, ווען אַ ייד, וואָס האָט ליב אַריינקוקן אין אַ טריף־פּסול, קוקט ער טאַקע דאָרטן אַריין. דעם טריף־פּסול האַלט ער אויף אַ רייבער פּאַליטשקע און לייענט און לייענט וויפל ס׳ווילט זיך אים. איך האָב זיך גיך אַרויסגעגנבעט צוריק פונעם ריינעם מיטן טויער פאַרשפּאַרטן הייפל און האָב אפילו די ייִנגלעך קיינעם נישט געזאָגט, ווייל מע וועט אָנהייבן אַלע קריכן אַהינצו, און צו וואָס איז דאָס קריכן? אַז מענטשן ווילן האַלטן ריין, זאָל זיין ריין. מיר, די ייִנגלעך, האָבן אָן אָפּטרעט אָן ווענט און אָן אַ דאַך, ברייט און גרויס אונטער יעדער ווערבע. פון יענער זייט טייך שטייען פּלויטן און ס׳וואַקסן ווערבעס, און ס׳איז דאָ זאַמד מיט יונגע ווערבעטשקעס. קענסט זיך אויספלעכטן די בעסטע בייטשלעך.

ווי אַזוי אויספלעכטן אַ בייטשעלע אָדער אַ קאַנטשיקל, איז עס זייער אַ פּראָסטע זאַך, טאַקע פּראָסט שבפּראָסט. ס׳איז נאָר, וואָס די פינגער

www.libtool.com.cn

ווערן אַ ביסל נאַס און געל. נאָר דאָס איז גאָרנישט, מען קאָן טאַקע דאָ אין טייך אָפּוואַשן. איז די בייטשעלעך מאַכן מיר אַזוי: מיר ברעכן אויס אַ גרויסע פּאַלקע פון דער ווערבע, נו, אַ רוט אַזאַ אַ גרויסן, דערנאָך שיילן מיר אָפּ מיט די נעגל פון סאַמע שפּיץ די הויט, די קאָרע לאָקשנווייז, און מיר מאַכן עס געהיט, דער לאָקש זאָל נישט אָפּרייסן. אַזוי שיילן מיר אָפּ ביז העכער האַלב. אַז דאָס שטעקעלע איז שוין אַרומגעשיילט אַרום און אַרום, ברעכן מיר אָפּ דעם אָפּגעשיילטן טייל און דאָס שטעקעלע, וואָס בלייבט נישט אָפּגעשיילט, רעכנט זיך פאַר דעם הענטל פון דעם בייטשעלע. די פּייכסטע אָפּגעשיילטע לאָקשן, וואָס האַלטן זיך נאָך לעם דעם הענטל פון דער בייטש, פאַרפלעכטן מיר אין אַ צעפּל. דאָס הענטל האַלט צו אַ צווייט ייַגל, אַז נישט זעץ איך זיך אַוועק אויפן פלויט און פאַרדריק ס׳הענטל צווישן די קני און פלעכט אַליין אויס דאָס צעפּעלע. האָבן מיר אַ בייטשל אַן אַנטיק. מען קאָן זיך אַנידערזעצן אויפן פלויט רייטנדיק, מע שמייסט מיטן בייטשל און מע פאָרט. אָבער דער חכּרון, וואָס לאַנג קאָן מען נישט פאָרן. דער רבי שיקט אַ ייִנגל זאָל רופן די איבעריקע ייִנגלעך, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען אויפן גאַס און שוין צו לאַנג זענען זיי נישטאָ. דאָ קאָן מען קיין קלוגער נישט זיין. די בייטש אַוועקגעוואָרפן, אַראָפּגעקראָכן פונעם רייט־פלויט און מע גייט מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ אין חדר אַריין.

דאָס טייכל איז מילקע. מען זעט דאָס זאַמד אונטער דעם וואַסער זייער גאָענט. דאָס הייסט, אַז דאָס וואַסער איז דיק אפשר אַ האַלבן ארשין די גרעב. אַמאָל „כאַפּן" מיר דאָ פיש אָדער מיר זוכן „פערל", נאָר איצטער איז שוין נישטאָ קיין צייט. איצטער גייען מיר איבער דער קלאַדקע און מיר זענען שוין אויף דער באַזעסענער זייט פון טייך. גיי דערצייל יענעם, אַז אויף יענער זייט, אויף דער נישט באַזעסענער, איז אַ סך בעסער, לייטישער, פרייער. ס׳ווילט זיך גאָר אַנדערש, אַז די צייט זאָל זיך ציען לאַנג, נישט אַזוי ווי אין חדר, ווו ס׳ווילט זיך, אַז די צייט זאָל גיכער אַנטלויפן.

איין מאָל האָב איך גאָר דערלייגט צו דער נישט באַזעסענער זייט פון טייך. ס׳איז אַפילו אַ ביסעלע נישט שיין צו דערציילן, נאָר איך

www.libtool.com.cn

ווייס? אַז מע דערציילט שוין, דאַרף מען דערציילן אַלץ. איין מאָל האָט דער טאַטע, ווען ער איז געקומען צו פאָרן פון יאַריד, מיר געבראַכט אַ פּאַסעקל, אַזאַ פּאַסעקל האָב איך זינט איך לעב נישט געהאַט. ס׳איז געווען אַ נייס, מיט אַ נייענקער ספּראַזשקע, מיט לעכעלעך אויסגעפּיקטע קיילעכדיקע אַזוי ווי פון אַ פאַבריק, אַ רויטינקס און מיט גלאַטע ברעגן איבער דער גאַנצער לענג. דאָס האָט מיר דער טאַטע געבראַכט איך זאָל עס אָנטאָן איבער די הויזן. און איך האָב אַזוי געטאָן. איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַלעמאָל געהויבן די פּאָלעס פון פּידזשאַקל און געקוקט ווי ס׳ליגט שיין. אָבער לאַנג איז מיר נישט אויסגעקומען זיך פרייען מיט אַזאַ שיין טייער שטיק פון מיין קליידונג. הינטערן טייך בין איך געגאַנגען נאָך אַ געוויסער באַדערפעניש. ס׳פּאַסעקל האָב איך אויפגעהאָנגען אויפן פּלויט און דערנאָך, ווען איך בין דאָרט געזעסן וויפל געדאַרפט און אָפּגעטראַכט וויפל ס׳איז אַריין אין קאָפּ, בין איך אויפגעשטאַנען, מע האָט שוין גערופן אין חדר אַריין. און, ווי איר קאָנט זיך אַליין אָנשטויסן — דאָס פּאַסיקל פון פּלויט נישט אַראָפּגענומען.

שפּעטער, ווען מיר האָבן געלערנט פּסוק — שמשון האָט זיך געלאָזט פאַרבינדן מיט נייע, נאָך נישט קיין גענוצטע שטריק. ער האָט זיי, פאַר־שטייט זיך, צעריסן ווי אַן איבערגעסמאַליעטן פאָדעם בין איך אַ בעלן געווען אַ קוק טאָן צו מיין פּאַסעקל. אינטערעסאַנט, צי אַזאַ פּאַסעק וואָלט ער אויך צעריסן ווי אַן איבערגעסמאַליעטן פאָדעם. נאָר קוקן האָב איך נישט געטאָרט, דער רבי וועט דערזען, קוקן דאַרף מען אין פּסוק. האָב איך כאַטש מיט די הענט אונטערן טיש צעשפּיליעט ס׳פּידזשאַקל און גענומען כאַטש אָנטאַפּן ס׳פּאַסעקל מיט די פינגער. נאָר ס׳פּאַסעקל האָט זיך באַהאַלטן, אָדער וואָס איך טאַפּ אַהער און אַהין — נישטאָ קיין פּאַסעקל. איך טאַפּ שוין די גלאַטע באַנק לעם מיר. אויך נישטאָ גאָרנישט. מיר איז אַוועק אַ קילקייט איבערן האַרצן. איציקל, איצעלע, ווו איז דיין נייע שייבע זאַך, וואָס דער טאַטע האָט דיר געפירט אפשר 200 ווערסט פון כוואַסטאַוווער יאַריד; צי דען איז שוין פאַרפאַלן אויף אייביק? אויף שמשונס ווייב בין איך געווען אין כעס. און אויף שמשונען אַליין אויך נישט ווינציקער. אין אמתן, אַ פרעמד ווייב פון אַ פרעמד פאָלק. וואָס

www.libtool.com.cn

וואַלגערסטו זיך דאָרט אויף אירע בעטן, קאָנסט נישט זיין אין דער היים ביי דיינע טאַטע־מאַמע? זיי וועלן דיך נישט פּייניקן מיט די אויספרעגעכצן, פון וואַנען נעמט זיך דיין כוח און מיט וואָס מע קאָן דיך בייקומען. וואָס איז, אַ נאַר איז ער, ער קאָן זיך שוין גאָרנישט אָנשטויסן, אַז די האָרן פון די פלשתים האָבן זי אונטערגעקויפט?

און איך בין אין כעס אויף זיך און איך בין אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט. שמשונען האָט כאַטש דאָס פאַלשע ווייב געוואָלט אָפּנאַרן, אָבער ווער האָט מיך אָפּגענאַרט? איך אַליין. איך ווייס שוין ווו דאָס פּאַסעקל קען זיין, ס'הענגט דאָך דאָרטן פון יענער זייט טייך אויפן פּלויט לעם די ווערבעטשקעס. פּלויטעלע, היט מיר אָפּ מיין שיינינק פּאַסעקל, איצט טאָר מען פון טיש זיך נישט אויפהייבן. ווען איך שעם זיך נישט זאָגן דעם רבין, אַז איך דאַרף, איך דאַרף אַרויסגיין. און פאַרפאַלן. די יינגלעך זענען געגאַנגען פריילעכע אַהיים עסן וואַרעמס און איך בין אַוועק אַ פאַרקרומטער הינטערן טייך אין אַ שעה, ווען קיינער גייט נישט אַהין, ווען ס'איז שטיל, ס'איז אומעטיק און דער פּלויט ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן, די ווערבעס ווייסן נישט פון וואָס צו זאָגן. פּאַסעקל, פּאַסעקל, ווו ביסטו אַנטרונען געוואָרן? צי האָט דיך אַ פויגל נישט אַוועקגעטראָגן צוריק קיין כוואַסטאָוו און אים אַוועקגעלייגט אויף די פּאַליצעס צווישן זיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך, צווישן אַלע בייע און בלישטשענדיקע זאַכעלעך.

דינהלע פרעגט פאַר וואָס בין איך געקומען שפּעט? די מאַמע קוקט פאַר וואָס בין איך עפּעס אומעטיק. איך קריך צום טיש, איך רוק זיך אויף דער קאַנאַפּע, רייב די קאַנאַפּע, רייב די הויזן. וואָס זיצסטו נישט איין? — פרעגט די מאַמע — באַלד גיב איך עסן. די קאַץ רייבט זיך לעם מיין זייט. איך וואָלט זי אַ שמיץ געטאָן אויף דער ערד, וועל איך שוין זיצן שטיל. דערציילן דאַרף איך, אָבער ווו וועל איך זיך אַהינטאָן מיט מיין חרפּה? און וועמען דערציילט מען פריער: דעם טאַטן, ער איז בילכער. ער האָט געפּירט דאָס פּאַסעקל צוויי הונדערט ווערסט, צי דער מאַמען? די מאַמע וועט מיך זשאַלעווען. די מאַמע וועט מיר אפשר העלפן זוכן.

www.libtool.com.cn

* * *

— קום אין חדר אַריין! — רופט מיך ברוך דער מומעס. ער לערנט מיט די עלטערע ייִנגלעך. איך לערן מיט די קלענערע. דאָס איז גוט, וואָס ברוך איז דאָ. אים וואָלט איך מעגן דערציילן. נאָר די מאַמע זאָגט, איך זאָל נאָך צוּוואַרטן, מע דאַרף נאָך עסן קאַשע. איך האָב ליב הרעטשענע קאַשע מיט מילך. מיט מילך און נאָך מיט אַ ביסעלע צוקער. אָבער ווי אַזוי געשמאַק וואָלט מיר די קאַשע געווען, ווען איך פיל אויף די הויזן מיין רויט פּאַסעקל, מיין נייענק פּאַסעקל, וואָס איך האָב זינט איך לעב נישט געהאַט נאָך אַזאַ. איך וועל עס שוין ווייזט אויס, קיין מאָל נישט האָבן.

* * *

דאָס איז געווען דענסטמאָל, ווען ברכהלע איז שוין אויכעט ביי אונדז געווען. ברכהלע איז שוין אַרומגעגאַנגען אַ קליינינקע אַזוי ווי אַ קייקעלע און זי האָט אַליין גערעדט און האָט געוווסט וואָס מיר רעדן צו איר. איך געדענק נישט, צי ס׳איז סוף חודש, צי אָנהויב חודש, נאָר אַלע מאָל איז עס געווען דעם טאַטנס אַרבעט. ער זעצט אונדז אויס גאַנץ פרי ביים טיש אויפן ניכטערן האַרצן. קיין אָנבייסן גיט מען אונדז נישט, און ס׳גרייט זיך פאַר אונדז אַ סטראַשנע זאַך. דער טאַטע רייבט אָן מיט די האַרטע זייטן פון זיינע דלאָניעס ווערעמקרויט אין אַ שאָל, דערנאָך נעצט ער צו דאָס צעריבענע ווערעמקרויט מיט סאָק פון ווייבשל־איינגעמאַכטס און אין אַ צווייטער שאָל שטייט ריין איינגעמאַכטס צום פאַרבייסן און אין אַ גלאָז שטייט ריין וואַסער צום פאַרטרינקען.

— ווער וועט איינגעמען ווערעמקרויט דער ערשטער? — זאָגט דער טאַטע — וועלן די ווערעם אין בויך צעפגרט ווערן, וועט דער בויך נישט וויי טאָן. ברכהלע וויל גיכער אַוועקגיין פון טיש, עפנט זי ס׳מיילעכל און קוקט נישט אויף דעם לעפעלע, וואָס דער טאַטע שטעקט איר, נאָר זי קוקט צו דער שאָל מיט איינגעמאַכטס. דאָס ביסל ווערעמקרויט איז שוין

www.libtool.com.cn

ביי איר לעם שלינג. ס׳איז ביטער, פּאַסקודנע, ס׳ווילט זיך נישט אַראָפּ־שלינגען. אָט־אָט ברעכט זי עס אויס. אָבער דער טאַטע פּאַטשט איר אין פּלייטשקעלע און דערלאַנגט איר וואַסער צום פּאַרטרינקען. ברכהלע טרינקט אַראָפּ, ביי איר שטייען טרערן אין די אייגעלעך. נאַ נאָך... איינ־געמאַכטס. ברכהלע גלויבט שוין נישט דאָס איינגעמאַכטס זאָל זיין געשמאַק און וויל שוין אַראָפּלויפן פון קאַנאַפּע, אָפּגעפּטרט, פּאַרפּאַלן. אָבער דער טאַטע בעט זי אויך, זי זאָל זיצן קוקן, ווי שיין מיר וועלן איינגעמען דאָס ווערעמקרויט. דינהלע דינגט זיך נישט, זי בעט נאָר דאָס לעפעלע, אַז זי וועט אַליין איינגעמען. זי האַלט אין איין האַנט דאָס לעפעלע מיטן געדיכטן ווערעמקרויט און אין דער צווייטער אַ לעפעלע מיט אַ גלאַנציק רייצנדיק ווײַנשעלע. איינס, צוויי, דריי — זאָגט דער טאַטע. דינהלע ט׳אויך שיר נישט אויסגעבראָכן, אָבער זי האָט אַראָפּגע־שלונגען און פאַרביסן מיט דעם ווײַנשעלע און פאַרטרונקען מיט וואַסער. איצט וואָס זאָל איך טאָן? אַז עלטער בין איך און איך חדר גיי איך און לערנען קען איך ... איך ווייס, איך וואָלט אָפּגעגעבן מיין גאַנצן חלק קוגל שבת, איך זאָל פאַרשפּאָרן איינעמען דעם ווערעמקרויט. אָבער ס׳וועט, ווייזט אויס נישט העלפן.

— די וועסט אַליין נעמען? — פרעגט דער טאַטע.

איך ווייס נישט וואָס צו טאָן. מיר קערט זיך שוין לעם גומען דאָרט צום ברעכן. איך שטעל זיך אַנידער און איך פאַרמאַך די אויגן און זאָג צו זיך שטיל, אַז איך וועל נישט שטאַרבן פון דעם חלק ווערעמ־קרויט, כאָטש מיין חלק איז אַ גרעסערער. איך שטעל איין און זאָג דעם טאַטן, אַז פריער זאָל ער מיר געבן אַ ריין ווײַנשעלע. די ווערעם וועלן דערהערן עס, וועלן זיי זיך אַ צי טאָן אַרויף און גלייך וועלן מיר זיי אַריינשטופּן דעם ווערעמקרויט. וויבאַלד דאָס ווערעמקרויט וועלן גאָר עסן די ווערעם און נישט איך, וועט דאָך עס זיין בעסער, און איך האָב אַראָפּגעקוועטשט אין האַלדז אַריין דאָס ווערעמקרויט. אָט־אָט ברעך איך אויס, אָבער דער טאַטע האָט מיר אויך געפּאַטשט אין פּלייצע און אַראָפּגעשלאָגן און געגעבן פּאַרטרינקען. ווען ברכהלע קוקט אויף מיר, ביי איר איז שוין דורכגעגאַנגען, זשאַלעוועט זי מיך און זאָגט: גיב מיר

www.libtool.com.cn

נאָך, ד. ה. זי וועט עסן, ס'זאָל מיר זיין גרינגער. אָבער דער טאַטע נעמט גיך צו פון טיש די אַלע פּריטשינדאַלן, און די מאַמע קומט אַריין אין שטוב. די מאַמע זשאַלעוועט אונדז. ביי איר איז אַ ווייך האַרץ. זי קויפט פאַר אונדז דאָס ווערעמקרויט, זי וויל נישט, אַז ס'זאָל ביי אונדז זיין ווערעם, אָבער זי זאָל אים אונדז איינגעבן, קאָן זי נישט. דער טאַטע ווישט אויס מיטן לעפעלע דאָס ווערעמקרויט פון דער שאָל און נעמט אַליין איין. מיר קוקן, ווי אַזוי ער פאַרקרימט זיך אַפילו גישט, און מיר וואַרטן שוין אויף אָנבייסן.

— באַלד גיב איך — זאָגט די מאַמע: — איר קאָנט אַרויסגיין אין דרויסן. איך וועל אייך באַלד אַריינרופן. די מאַמע האָט נישט געזאָגט, אַז ס'וואָלט געווען גוט אויפן ניכטערן האַרצן זאָלן זיך די ווערעם צוכאַפּן צום ווערעמקרויט. דערים איז גוט, אַז פונעם איינגעמען עס ביזן עסן זאָל דורכגיין אַ צען, פופצן מינוט. זי האָט נאָר געזאָגט, אַז באַלד וועט זי אונדז אַריינרופן און מיר זענען אַוועק אינעם קליינעם גאָרטן קוקן, צי ס'זענען שוין דאָ פלוימעלעך אויפן פלוימען־ביימל.

יאָ, ס'זענען דאָ קליינינקע. ברכהלע ט'געפונען אַ געל ציאַצקעלע אונטערן בוים און האָט זיך מיט דעם פאַרשפּילט און איך האָב געקלערט עפעס אַנדערש: אַ טאָג, ווען מען גיט ווערעמקרויט, וואָלט מען נישט דאַרפן גיין אין חדר.

* * *

ביי אונדז אין סלאָוועשנע איז נישטאָ קיין בלאָט. אַ בלאָט גייט אַרויס אין פּייטערבאַרג, אין מאָסקווע, אין קיעוו, אין זשיטאָמיר. אָבער נאָר ביי אונדז ווייסט מען אַלצדינג, וואָס ס'טרעפט זיך אין שטאָט, פּונקט ווי מיט אַ פויק ווערט צעפויקט יעדע געשעעניש. ביי טעמען משהס איז געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע. אפרימען, דעם מאַן אירן, וועלן שוין פריייטיק די יידן שמייסן אין באָד. דוכט זיך, אַ שפּאָס, אַ גאָרנישט און עפּעס שטעקט אין דרינען. אַז ס'וועט געבוירן אַ יינגל, שמייסט מען נישט דעם מאַן און אַז אַ מיידל — נאַ דיר שמיץ! וואָס איז עס

www.libtool.com.cn 

אַ מין דערלייגעכץ? שעיה דער סטאָליער, מאָטל דעם סטאָליערס זון, שלאָגט דאָס ווייב ווען זי האָט אים מיידלעך. צי איז ער אַזאַ כעסן, צי אַ משוגענער אָדער פּשוט אַ גראָבער יונג?! וואָס הייסט מע שלאָגט אַ ווייב און נאָך אַ קימפּעטאָרין! ציפּע לייבעס, די רייכסטע אין שטאָט, איז שווער געגאַנגען צו קינד, האָט מען פאַר איר געזאָגט תהילים, געמאָסטן קברים און לאַנג דעם איינבינדערס איז געלאָפן צוליב איר אין אַלע בתי־מדרשים און געשריגן לעם ארון־קודש. איך האָב זיך אַזש דערשראָקן. מיר האַלטן שבת אין מיטן דאַוונען. קיין ווייבער קומען צו אונדז אין דער מאַנסבילשער שול אַריין אויסער שמחת־תורה קיין מאָל נישט. און טאָמער דאַרף אַ ווייבל אָדער אַ מיידל אַרויסרופן אַ מאַנס־ביל, שטייט זי אַ רגעלע אין הויף. אַז ס׳גייט אַרויס אַ ייִנגעלע בעט זי אים, ער זאָל אַריינגיין און אַרויסרופן דעם און דעם, און דערים האָבן מיר זיך טאַקע אַלע אַזוי דערשראָקן, אַז ס׳טוט זיך אַן עפן די טיר און אַ גראָב ווייבל מיט אַ שאַלכל אויף די פּלייצעס, טאַקע לאַנג אַליין, רייסט זיך אַריין, פרעגט קיינעם נישט און קוקט אויף קיינעם און גלייך צום ארון־קודש און צעעפנט אים מיט אַ געוויין, מיט אַ געשריי. ס׳איז אַפילו אַ ביסל אַ העזה. נאָר אויב אַזוי, איז די נויט אויך אַ גרויסע. אַז זי איז אַרויס, האָט זי אויך נישט געקוקט צו קיינעם, נאָר געזאָגט מיטן זעלבן הויכן קול, ווי אין דער וועלט אַריין: בעט אַלע גאָט פאַר ציפּען. זי איז אַ גרויסער בעל־צדקה. זי וועט עס נישט פאַרגעסן.

און ציפּע איז טאַקע געבליבן לעבן. מיר איז נאָר געווען אַ חידוש אַן אַנדער זאַך: די רייכסטע קלייט אין שטאָט און זי טאַקע, ציפּע, פאַרט אַליין אַרום קיין קיעוו, קיין באַרדיטשעוו און איין מאָל איז זי אַפילו געווען אין מאָסקווע, אַזאַ רייכער מענטש און אַזאַ אויפטוערין, וואָס ליגט עס איר אינמיטנדרינען אין זינען פאַרגיין און טראָגן, גיין צו קינד, און נאָך שווער גיין צו קינד, זי קאָן דאָך אוודאי ליגן אין בעט. אַ פאַרנומענער מענטש. וואָס, ווער, ווען, בפרט זי האָט נאָך קינדער פון פריער, אַפילו שוין גרויסלעכע קינדער, אי שטיפקינדער פונעם פריער־דיקן ווייב פון לייבעס, אי אייגענע, שוין אויך גרויסלעכע קינדער, אי באַסל, אי חיים.

www.libtool.com.cn

* * *

ביי אונדז אין סלאָוועשנע איז יעדע נייס גלייך באַוווּסט אין יעדער שטוב. ס׳ווייסן זי די גרויסע, ס׳הערן זי די קליינוואַרג. ביי דודן זיידע־לעס (דוד דער גלעזער) איז פּלוצעם געפּגרט דאָס פערד. טאַקע אַ ווייס פערד געווען. ער פלעגט מיט אים אַרומפאָרן איבער די דערפער. דאָס איז מיר טאַקע אַ חידוש און קיינער ווייסט עס נישט און קיינער קאָן עס נישט פאַרשטיין. פאַרוואָס פאָרט אַרום דוד דער גלעזער פון אונדזער שטאָט, וואָס ווינט אַלע יאָרן אין דאַלינע, פאַרוואָס פאָרט ער אַריינשטעלן טאַפליעס איבער די דערפער און ביי אונדז אין שטאָט, אַז מען דאַרף אַריינשטעלן אַ טאַפליע, קומט צו פאָרן אַרטשע דער גלעזער אַזש פון נאַרינסק? און אַז ער קומט צו פאָרן איז ער אַ גאַנצער שטאָט־באַלעבאָס. דאָס פערד און וועגעלע שטעלט ער אַוועק לעם קלויסטער, אַז נישט, איז נאָר לעם אונדז און אַליין גייט ער זיך אַרום איבער דער שטאָט.

ווו ער הערט נייס, ווו ער עסט אָפּ וואַרעמס, ווו ער פאַרברענגט גלאָט אַ ביסל. אַמאָל פאַרקויפט ער אַ פּוד מעל, וואָס ער האָט פאַרדינט אין די דערפער און ס׳טרעפט, אַז פאַרן גאַנצן טאָג האָט ער קיין טאַפליע נישט אַריינגעשטעלט. ער האָט נאָר אויסגעקוקט אַלע ווינקלען, אי די האַרבאַרניעס, אי די דאַלינע, זיך אַזוי אַרומגעגאַנגען נישט געכאַפּט. דאָס בעסטע איז, ווען עמעצער בויט זיך אַ שטוב. דאַרטן דינגט ער זיך אויס, נעמט אַראָפּ אַ מאָס און ברענגט אַ נייעם קאַסטן גלאָז און מאַכט טאַקע די גאַנצע שטוב, ד. ה. אַלע פענצטער, אי די גרויסע, אי די קליינע און אפילו דאָס בוידעם־פענצטערל שטעלט ער אַריין. און ביי דודן ביי אונדזערן איז געפּגרט דאָס ווייסע פערד. ס׳איז אַ קלאָג אין שטוב, ס׳איז אַ טרויער אין שטאָט. און ס׳זוכט זיך אָפּ אַ ייד, וואָס מאַכט אים צונויף עטלעכע און צוואַנציק קערבלעך אויף קויפן אַ ניי פערד. קויפן וועט מען קויפן, אָבער דערווייל האָט זיך אַ האַלבע וואָך צעדרייט אומזיסט און אומנישט. און ווו וועט מען נעמען אויף ברויט? ווו וועט מען נעמען אויף גאַזע, אויף זאַלץ, אויף שכר־לימוד־געלט? אַ נייס אַ גרויסע, מיט וועלכער די גאַנצע שטאָט איז אומגעגאַנגען כאַדאַראָם, איז געווען דאָס,

www.libtool.com.cn

וואָס אַ דונער האָט געהרגעט ברויטן דעם דייטש. אַ מאָדנע פֿאַמיליע: זיין מיל מאָלט מעל אויף ברויט און זיין פֿאַמיליע איז ברויט. אַ מענטש פֿון אַ יאָר פֿופֿציק, אַ ברייטער, אַ פֿעסטער, נישט קיין הויכער, רויכערט כסדר אַ ליולקע. דאַרף זיך טרעפֿן, אַז זיין ווינט־מיל, וואָס געפֿינט זיך אין פֿעלד פֿון יענער זייט שיניצע, האָט דעם טאָג נישט געמאָלן און ברויט האָט זיך אַרומגעדרייט, באַטראַכט זיין באַלעבאַטישקייט. פּלוצעם האָט זיך אָנגערוקט אַ שוואַרצע כמאַרע. ברויט מיט דער ליולקע אין מויל ט'אַ הייב געטאָן די אויגן צום הימל, אַהיימגיין איז נאָך פֿרי, אויב ס'וועט אַוועק אַ רעגן, וועט ער איבערזיצן אַ ביסל אין מיל. די שטאָט ווייסט פֿון אַלצדינג, די שטאָט הודעט ווי אַ בינשטאָק. אונדזערע זעגען שוין אַליין געגאַנגען אַהין קוקן. נו, וואָס, ס'האָט געדונערט און געבליצט. יאַקימס אַ פֿערד איז דערהרגעט געוואָרן אין פֿעלד און אַ בליץ איז אַריין אין מיל. אָט דאָס ווייס איך שוין נישט אַקוראַט, צי אַ בליץ, צי אַ בליץ מיט אַ דונער אין איינעם. און אַן עק, אַ סוף! די מיל איז צעבראָכן, ברעטער וואַלגערן זיך פֿון איר, און ברויט איז טויט. ס'גייט דורך אַ מורא איבערן גאַנצן לייב. ער איז דאָך געווען אַ פֿריילעכער, אַ זאַרגלאָזער. איצט דאַרף קומען דער פּריסטאַוו מאַכן אַן אַקט און דערנאָך וועט די משפּחה ווייבען און מע וועט אים באַגראָבן אין דער ערד. דאָ איז גאָרנישטאָ קיין דייטשי־שער בית־עולם. ווו וועט מען אים אויסגראָבן אַ קבר? אין חומש שטייט: אויסהאַקן אַ קבר. מן הסתם איז דאָרטן האַרטע ערד.

אַ נייס איז ביי אונדז געווען נישט גאָר קיין איינגענעמע, אַפֿילו אַ טרויעריקע. ווו־נישט־ווו קיצלט אַזאַ נייס, אָבער זי איז אַ טרויעריקע. ביי ברוכן דעם קאַוואַל מיט חיה־שרהן זענען אַלע קינדער אַזוי ווי קינדער, ווער ס'לערנט זיך אין חדר, ווער ס'העלפֿט אַרבעטן אין קוזניע, נאָר דאָס עלטערע מיידל, אויך אַ מיידל חלילה אָן חסרונות, נאָר אַלע ווייסן, די גאַנצע שטאָט ווייסט, אַז ביי איר זענען שוין דאָ דריי גרויע האָר אין קאָפּ. ביי אַנדערע קינדער האָט די מאַמע שכל און רייסט אויס די עטלעכע גרויע האָר.

הערסט אַ מעשה, וואָס טוט זיך עס דאַרט אַ ביסל. ס'דאַך אין גאַנצן מער נישט ווי דריי האָר?! ניין. גייט עס אַרום איבער דער שטאָט. נאָר

www.libtool.com.cn

אַ גאַט איז דאָך עפּעס דאָ אויף דער וועלט, שיקט ער איר צו אַ חתן אַ גוטן מענטשן פון איסקערעסט, אַ חתן וואָס האָט עלטערן און אַ משפחה, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ חתן און די חתונה איז געווען אָפּגעשטעלט אויף שבת־נחמו. דער פאָרשפּיל איז געווען, די חופּה דאַרף זיין דאָנערשטיק, אַזוי ט׳מען אָפּגערעדט. האָט שיינע די סאָרווערין זיך צעלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, האָט אָנגעבאַקט לעקעכער און טאָרטן און שטרודלען און טאַקע בולקעס צו דער חופּה־וועטשערע מיטן שליייער־וואָרמעס אין די מיני טעפּ, וואָס ס׳קאָכן זיך אין זיי די ראָסל־פלייִשן, ס׳איז גאָר אַ סברה, אַז די טעפּ און די רייִנען און די בעקנס און די פּרוזשינקעס אויף אָנשלאָגן ווייסלעך פון אייער, איז אַ סברה, אַז דאָס אַלץ האָט די סאָרווערין אירס אייגנס און אַז זי גייט צו עמעצן פּראָווען אַ חתונה, האָט זי איר רעמאַנענט. האָט זי טאַקע אָנגעבאַקן און אָנגעקאָכט און ערשט געשטעלט קאָכן מיטן גאַנצן גוטן האַרצן. פאַר וואָס? ערשטנס, זענען די עלטערן דער כלהס ווילע, שטילע, פאַרהאָרעוועטע מענטשן, דערצו וועלן זיי שיין באַ־צאָלן און דער עיקר, דער עיקר ליגט איר דאָס האַרץ צו דער כלה, צו דער כלה אַליין. סטייטש, דריי גרויע האָר האָט מען שוין ביי איר אָפּגעזוכט אין קאָפּ און איצט האָט גאָט געהאָלפן, מיר גיבן זי שוין אויס! נישקשה, אַז זי וועט זיין אם ירצה השם ביי זיך, וועט זי זיין אַ שיין, אַ געראָטן ווייבל מיט קינדערלעך קיין עין־הרע און די גרויע האָר וועלן איר גאָר פּאַסן. איז טאַקע גוט, איז טאַקע איטלעכן גוט אויפן האַרצן. אַנטקעגן ביי אברהם־בערן דעם שניידער איז אין שטוב דער חתן־מאַל. אַזש ביי אונדז איז האַרבאַרגיע הערן מיר דעם טראָמבאַם און דעם פּויק. ס׳טוט אַ ריס דעם טראָמבאַם, ס׳טועון אַ קלינג די טאַצן, איז אַזש דאָס האַרץ פאַרגייט זיך. מיינע שוועסטערלעך זענען ביידע אַוועק אויפן חתן־מאַל. אַזאַ חתן־מאַל, אַזאַ כלה. די גאַנצע שטאָט וועט גיין און ס׳איז טאַקע גוט, ס׳איז טאַקע דער גאַנצער שטאָט אַ געזונט אין האַרצן פון אַזאַ ליבער חתונה. אין וועלכע פענצטער ס׳דערהערט זיך נאָר נישט די שפּיל פון די וועלעדניקער קלעזמער, מעגן דאָרטן זיין אַלטע, מעגן דאָרטן זיין מיטעלע, צעגייט זיך אַ שמייכל איבערן פּנים און אַ חיות אין האַרצן. ס׳פעלט נאָר איין קלייניקייט: פּורן אויף אַרויספאָרן אַקעגן דעם חתן

www.libtool.com.cn

און מענטשן. פֿאַרשטייט זיך, אויך. דער חתן וועט אײַנשטיין נאָענט, בײַ מנחמען דעם שוסטער אין די הייזער. נאָר ס׳דאַרף קומען אַ רײַטער פֿון חתנס צד אָנזאָגן, אַז מע פֿאָרט שוין. און אויפֿן רײַטער קוקט מען שוין אַרויס. פֿריער האָט מען זיך צוגעהערט לעם שטוב, דערנאָך האָט מען געשיקט ייִנגלעך קוקן אויפֿן שליאַך. דער שליאַך איז נאָענט. די כּלה זיצט זיך אויף איר געבעטן בענקל מיט דער ווײַסער פּיטאַ אויפֿן קאָפּ. פֿריש געקומענע מיידלעך קומען און גיבן איר אָפּ מזל־טוב און גייען טאַנצן דער כּלהס טאַנץ. די כּלה פּאַסט, פֿאַרשטייט זיך. זיצט זי טרויעריקלעך אַ ביסל, און ס׳קאָן זײַן, אַז זי פֿילט אַז עפּעס פֿעלט, עפּעס איז נאָך נישט אין גאַנצן. די קלעזמער פֿילן אויך, וואָרים ווען דער חתן איז שוין דאָ, רופֿט מען זיי אַרויס אויף אײנע 5 מינוט אָפּשפּילן דעם חתן מיט חתנס צד אַ מזל־טוב. אַזוי איז שוין אײַנגעפֿירט. ווערדליק די צײַט, וואָלט מען זיי שוין געמעגט רופֿן. ישׂראליק דער קלעזמער, וואָס אים הערט די גאַנצע קאַפּעליע, וויל נישט לײַדן, אַז צווישן דער קאַפּעליע זאָל פֿאָרקומען אַן אָפּשוואַכונג. גיט ער אַ פֿיר מיטן סמיטשיק איבער זײַן ערשטן פֿידל, גיט זיך אַ פֿלאַקער, אַן אויפֿלעבונג. טאַנצן טאַקע די מיידלעך און אַמאָל מיידלעך מיט ייִנגלעך און אַמאָל יונגע ווײַבלעך. טאַנצט מען טאַקע מיט מער פֿלאַם, אָבער דער פֿלאַם ווערט גיך צוגעלאָשן. ייִנגלעך שלענדערן אַרום צווישן די טאַנצנדיקע אָדער די וואָס קלײַבן זיך ערשט טאַנצן, אָדער די, וואָס האָבן שוין געטאַנצט און פֿאָכערן זיך מיט די פֿאָכערס און קילן זיך אָפּ לעם טיר. די יאָטלען טוען אַ זאָג קורץ, אַמאָל צוויי ווערטער, אַמאָל איין וואָרט, נאָר די אויגן, דאָס גיבן זיך אַ הייב אויף די שפּיץ פֿינגער און אַ מאַך טאָן מיט די ליפּן אָן אַ קול: — טאָ ? —

— — דאָס הייסט — נישטאָ, נאָך נישטאָ. איצט ציט זיך שוין אויס יעדע מינוט פֿאַר אַ שעה. און די שטאָט, די גאַנצע שטאָט פֿון עק ביז עק, פֿון ווינקל ביז ווינקל ווייסט שוין ווי אַ שטוב, אַז דער חתן פֿון איסקערעסט און גאַנץ חתנס צד איז נאָך נישטאָ. וואָס הייסט עס, אַ ראַד זיך צעבראָכן ? אַ רעגן ט׳פֿאַרהאַלטן ? בכל זאת ; פֿון דעסט וועגן, מ׳איז דאָך עפּעס ייִדן. זיי וועלן דאָך נישט גיין אומגליקלעך מאַכן אַ ייִדישע טאָכטער, אי זי, אי די עלטערן, אי די גאַנצע שטאָט.

www.libtool.com.cn

יינגלעך זענען שוין געלאָפן ביזן סוף שליאַך. ביז דער מיל און ווייטער ביז משה וואָלטשעס האַרבאַרגיע. ניין, ס'איז עפּעס אַזאַ שטילעניש, אַז ס'וואָלט כאָטש ווער ס'איז דורכגעפאָרן. קיינער פאָרט נישט. ס'איז שטיל, די שטיינער שווייגן. מע האָט זיך נישט געפּוילט אויפזועצן איינעם אויף אַ פערד, אָנשטאָט דעם רייטער, אויף וועלכן מע וואָרט פון חתנס צד, זאָל שוין זיין אַ רייטער פון כלהס צד. וואָס הייען זיי זיך דאָרט אַזוי פיל? צי דען זענען זיי דאָרטן אַזעלכע שלעכטע מענטשן? אַזעלכע בלוטיקע באַטריבערס?

דער חתן־מאל שפּילט זיך, נאָר אויף אַלע יידישע שונאים אַזאַ שפּילעכץ. לעם דער כלה שטייט שיינדל, מנחם דעם שוסטערס שנור, אויך אַן אויסגעפּוצטע און רעדט צו איר, זי זאָל זי מיט וואָס ס'נישט איז פאַררעדן. יענע קאָן דאָך נאָך, נעבעך, חלשן, ס'איז אַ צער־רחמנות צו קוקן אי אויף איר, אי אויף דער מחותנטע — אַ שענערע לייגט מען אין גרוב אַריין. ישראליק דער קלעזמער ווייסט נישט וואָס צו טאָן. ס'גייט אים נישט אין דעם פאַרדינסט, ער איז גרייט צוצאָלן פון זיין אייגענער קעשענע. ער האָט שוין אַ סך געשפּילט אויף חתונות, אַ סך קאַרטינעס געזען אַלערליי, נאָר אַזאַ קאַרטינע שניידט ביים האַרצן. ס'איז גאָר שווער צונויפקלייבן מיידלעך אויף אַ שער, אָדער אַ קאַדריל. די מיידלעך האַלטן זיך קוים איין מע זאָל זיך נישט צעוויינען. און טאָמער טוט דיך אַ שטופּ דער נישט־גוטער און דו קאָנסט זיך גאָר אין אַזאַ עת־צרה צעלאַכן?... מע שעמט זיך קוקן איינע די אַנדערע אין די אויגן...

די שטאָט איז דערשלאָגן. מען וואָלט דאַרפן אַריינגיין צום רב. אויף אַלץ, וואָס טרעפט זיך אין שטאָט, וואָלט דער רב דאַרפן עפּעס זאָגן.

ביי אַ סך מענטשן שטייען טרערן אין די אויגן. און מער גאָרנישט. שיינע, די סאַרווערין — ביי איר ווערט דאָס האַרץ צעריסן! אַזעלכע לעקעכער! דאָס מין אויפגיין זייערס! אַזעלכע ראָסל־פליישן, ווי אַזוי די ריחות זייערע צעגיסן זיך אויף אַ האַלבער וועלט! און די מאַסקעקייט פון די קאָמפּאָטן, ווי איז מיר! און וויפל גרויע האָר וועלן נאָך איצטער צוקומען פונעם שיינעם נחת? אין קאָפּ און אין האַרצן? כאָטש גיי וואַרף

www.libtool.com.cn


זיך, מיינע שונאים, אין טייך אַריין. אָבער מיר האָבן אַ שטאַרקן גאָט. איצט מעגן מיר שוין אַלע צוריק זיין פריילעך.

אפילו די יינגלעך, וואָס זענען געגאַנגען ביז ווערפי און דער רייטער, וואָס איז געפאָרן ביז מאַשזאַרי. ס'איז שוין גוט, ס'איז גאָרנישט. אַ דאַנק גאָט, וואָס ס'איז גאָרנישט. ס'איז דאָ אַ טעלעגראַמע פונעם חתן, פון די מחותנים: „בלאַגאָפּאָלוטשנאָ. ווסטרעטשייטע נעפּרעמעננאָ פּיאַטניצאַ פּאָלדען".

— גאָט! — אָכצן אַלע אין איין קול — שרעק, אַבי נישט שטראָף! אַלע פּנימער גייען אָפּ, אַזוי ווי נאָך אַ שווערן חלשות, שיינדל מנחמס האָט צוגעקאָמאַנדעוועט מע זאָל שוין, די רגע, געבן אַלע מיידלעך כיבוד, מע זאָל געבן די קלעזמער צו ביסלעך בראָנפן, און דער כלה עפּעס טועם זיין. און מע זאָל זיך נישט צעגיין — שרייט זי שוין אַ הייזעריקלעכע — מע זאָל זיך נישט צעגיין. איצט ווען מיר ערשט טאַנצן.

און די קלעזמער האָבן טאַקע איבערגעכאַפּט. די מיידלעך האָבן געגעסן לעקעך, געטונקען מיט די שפּיץ פינגער אין גלעזעלע אַריין און מע האָט פון ס'ניי געשפּילט און געטאַנצט. און ביים זעגענען זיך צוגעזאָגט מאָרגן ווייטער קומען.

די שטאָט איז אויפגעלעבט געוואָרן. דאָס איינציקע נאַר, וואָס מע האָט געוואָלט איז שוין גיכער דערלעבן און איבערלעבן דעם מאָרגן, מע זאָל שוין איבערציילן. די גאַנצע שטאָט, גרויס און קליין, האָבן שוין געוואַרט אויף מאָרגן. וויפל ס'האָט זיך געצויגן? זענען דאָך די מינוטן, לויטן זייגער, געווען די זעלבע, וואָס שטענדיק. און פרייטיק איז, געלויבט דער אויבערשטער, חתנס צד טאַקע געקומען און אפילו זייער פרי. די חופּה האָט מען אויך געשטעלט פרי. אַ דאַנק גאָט, די מיזינקע אויסגעגעבן!

פונעם טיפן האַרצן האָבן אַלע געווונטשן די חתן־כלה, מאַן און ווייב, אַ גוט געזונט לעבן ביז די קינדער און קינדס קינדער.

די דריי גרויע האָר ביי כאַסקען אין קאָפּ דאַרפן איבערוואַרטן אַ וואָך, אַ חודש, אַ יאָר און זיי האָבן שוין קיין שום ווערט נישט, מע זאָל פון זיי רעדן, מע זאָל זיי געדענקען.

www.libtool.com.cn

* * *

נישטאָ אין שטאָט קיין בלאַט־צייטונג, נישטאָ קיין טעלעפאָן, אָבער סיי ווי וועט קיין שום נייס, פון דער גרעסטער ביז דער קלענסטער, אין ערגעץ נישט פאַרפאַלן ווערן, מע וועט זי נישט איינזאַלצן, מען וועט זי נישט באַהאַלטן.

צו לייזערן דעם שוסטער קומט דער חתן רבקהס אויף שבת צו גאַסט, ווייסן מיר אַלע, אַז ער קומט, ווייסן מיר אַלע פון וואַנעט ער איז. מיר ווייסן, פאַר וואָס ער איז נישט געגאַנגען אין סאָלדאַטן און פון וואָס זיין מאַמע, די אלמנה, לעבט און אַפילו וויפל קאָן אַזאַ חתן וועגן, אויב ער איז אַ לאַנגער, אַ דינער און גייט אין אַ האַרטער שליאַפּע! מפטיר וועט מען אים שבת געבן ביי אונדז אין קלויז. איינשטיין וועט ער טאַקע ביי לייזערן אַליין, ד. ה. ביי דער כלה. שלאָפן וועט ער אין סטאָלאָווע.

אַז גדליה זיידעלעס ט׳זיך, נישט־דאָ־געדאַכט, אויפגעהאַנגען, דאָס איז קיין נייס נישט. דאָס איז קיין רייד נישט. דאָס איז אַן אומגליק און אַ חרפה פאַר דער גאַנצער וועלט. באַלד אויף מאָרגן וועט מען זיך דערוויסן אַפילו אין די אַנדערע שטעט. פרווו מאַכן, אַז מען זאָל זיך נישט דערוויסן!

און איבער וואָס?...

אָט דאָס איז טאַקע שענער פון אַלץ. „איבער וואָס?” — ווייסט קיינער נישט. צי איבער דעם, וואָס ער האָט זיך געלערנט פאַר אַ שוסטער און האָט ליב געהאַט לייענען ביכלעך... און ווייטער אַ פראַגע: וואָס פאַר אַ ביכלעך האָט ער ליב געהאַט לייענען? ווען האָט ער צייט געהאַט לייענען?

און אפשר האָט ער זיך אין עמעצן געליבט און זיך נישט דערוועגט רעדן פון דעם, ווייל צו דער דאָזיקער ליבע איז נישט געווען מעגלעך צו דערגרייכן? אפילו פאַר מויל צו ברענגען?!

איך וויל אייך נאָר זאָגן, אַז די דאָזיקע נייס וואָלט געווען גוט וואָס גיכער פאַרגעסן. אַזאַ נייס שרעקט. באַגראָבן האָט מען אים. ווינציק, זייער ווינציק יינגלעך זענען געלאָפן קוקן, ווי אַזוי זעט אויס אַ געהאַנ־

www.libtool.com.cn

גענער, .זייל ס׳איז אַ מורא. אויך זיינע ברידערלעך האָבן מיר זעלטן ווען געפּרעגט, צי גדליה קומט זיי אַמאָל צו חלום.

ביי טאָג, אַז ער קומט אַ מאָל אויפן געדאַנק, ווילט זיך אַ ביסעלע קלערן, זיך דערמאָנען, אַז ער איז טאַקע געווען אַן איידעלער, אַ שטילער אין דער נאַטור און אַ שווייגנדיקער. מען זאָל געווען פּריער וויסן, וואָלט מען זיך באַמיט מיט אים פון עפּעס רעדן, צושטיין צו אים מיט רייד.

און איצט איז פאַרפאַלן.

דער מאַמען זיינער קער זיין אַ ביטערע חרפה און אַ ווייטיק?...

שפּעטער האָב איך זיך פאַרשעמט, וואָס איך האָב אַזאַ נויטיקע זאַך אַרויסגעלאָזן פון געדאַנק: זיין מאַמע, רבקה זיידעלעס, אַ פול גרויסלעך ווייבל, אַ מאַמע פון קינדער, איז דאָך שוין לאַנג געשטאָרבן. און אַז מע האָט זי דורכגעטראָגן אויף דער מיטה פאַרביי דעם בית־המדרש, איז דער בויך ביי איר געווען הויך, ווי אַ באַרג.

צדקה תציל ממות — האָבן יינגעלעך געשריגן, יינגעלעך, וואָס מע האָט אויסגעשטעלט, זיי זאָלן גיין אַפּריער פאַר דער מיטה, מן הסתם איז זי געווען אַן ערלעכע, אַ שטילע, אַ לייטיש ווייבל, ווייל אַזעלכע לוויות מאַכט מען נישט יעדן.

איצט איז דאָ נאָך אַ נייס: אַז מיר האָבן אין סלאָווּעשנע אַן אייגענע ביבליאָטעקע. נאָר מיר האָבן נאָך נישט אויף איר קיין ראַזרעשעניע. קאָן זיין מען דאַרף גאָרנישט קיין ראַזרעשעניע, נאָר ס׳האָבן אַ ביסל מורא די, וואָס דאַרפן זי האַלטן און וואָס וועלן דאַרפן אַרויסגעבן די ביכער.

און נאָך ווייסט מען נישט: צי די לייענער זאָלן צאָלן חודש־געלט, צי נישט. ס׳האָט אין זיך אַ מעלה, אי אַ חסרון. די מעלה איז — מען וואָלט געקאָנט צוקויפן ביכער. דער חסרון אָבער איז — טאָמער וועט זיך דער אָרעמער לייענער שעמען גיין אין ביבליאָטעקע אַריין זיך פאַרשרייבן. און דער אָרעמער לייענער איז פאַר דער ביבליאָטעקע נאָך נויטיקער פונעם פאַרמעגלעכן, ווייל אייגנטלעך, צוליב אים ווערט די ביבליאָטעקע געמאַכט.

ווען מען מאַכט די ביבליאָטעקע און מען מאַכט נישט קיין פּעטשאַט

www.libtool.com.cn

(מען שטעלט נישט אויף די ביכער קיין שטעמפּלען), וואָלט מען זיי מעגן אַרויסגעבן אפילו אַן אַ ראַזורעשעניע.

— אָבער טאָמער פאַרט?

— תמר איז ביי אהרנען (אהרנס ווייב, די דריטע שטוב פונעם גלחס, הייסט תמר).

— מילא, אַ חכמה אין אַ זייט. אָבער פאַרט „טאָמער״! טאָמער קומט מען פון אָוורוטש? אָוורוטש איז אונדזער אויעזד און פון דאָרטן, אויב נישט איז פון זשיטאָמיר אַליין פאָדערן זיך אַלע ראַזרעשעניעס.

די ביבליאָטעקע איז געשטאַנען ביי ציפען לייבעס אין הויף, אינעם געגלאָזטן גאַנעק. די געמויערטע קלייט לייבעס איז געווען אין מאַרק און די שטוב זייערע איז געווען אויף דער ליסטווענער גאַס. פון אונדז איז עס נאָענט, אויף האַלב וועג צום מאַרק.

ביכלעך פלעגט אַרויסגעבן בערל, דער יונגסטער זון לייבעס פונעם ערשטן ווייב. פאַרנאַכט פלעגן מיר אַריינגיין אין הויף און פונעם גלעזער־נעם גאַנעק פלעגט אונדז בערל בייטן די ביכלעך און אַפילו נישט פאַר־שרייבן, אַבי מיר זאָלן אָפּטראָגן צו דער צייט.

איצט קאָנסטו עס טייטשן, ווי אַזוי דו ווילסט. ווילסטו, איז עס אַ ביבליאָטעקע און אַז דו ווילסט, זענען עס זיינע אייגענע ביכלעך און ער גיט וועמען ער וויל. דאָס איז דווקא אַ שכל.

און אַזוי איז עס געווען.

אַז ס׳זענען עפּעס איין מאָל געקומען צוויי זשאַנדאַרן מיט בערד און מיט קנעפּ און מיט פּאַסעקעס איבער די ברייטע געווענטענע פּלייצעס. זיי האָבן עפּעס געדאַרפט אויסטאַפּן אַנדערע זאַכן. און אַז זיי האָבן געפרעגט צי ס׳איז דאָ אַ ביבליאָטעקע אין שטאָט, ט׳מען זיי געענטפערט, אַז מע שיקט דערוויי׳ל קיין זשיטאָמיר נאָך אַן אָטוועזשדעניע.

שטעלט אייך פאָר, אַז די זשאַנדאַרן האָבן זיך געפירט איידל און האָבן געענטפערט, אַז אַזוי איז פּראַווילנאַ. זשיטאָמיר וועט געבן אַ דער־לויבעניש און מע וועט מעגן עפענען אַן אמתע ביבליאָטעקע.

אַז איך פלעג שטיין אין הויף און בייטן דאָס ביכל, פלעגט זיך מיר זייער וועלן וויסן, וווּ און ווי אַזוי דרייען זיך אַרום אין שטוב לייבעס צוויי

www.libtool.com.cn

טעכטער פונעם ערשטן ווייב. זיי זענען שיינע? דוכט זיך, אַז ניין, נישט שטאַרק. נאָר זיי זענען גבירישע און האַלטן זיך אַ ביסל גרויס ביי זיך. און ווען זיי האָבן אַן אייגענע מוטער, נישט קיין שטיפמוטער, וואָלטן זי שוין אפשר לאַנג חתונה געהאַט.

מיר ווילט זיך זייער וויסן, ווי אַזוי איז עס אין אַ גבירישער שטוב? צי דען איז דאָרטן אַזוי, ווי אין יעדן געוויינלעכן הויז? ניין, דאָרטן שמעקן די מאכלים איידעלער. און דאָרטן, אַז דאָס מעבל שטייט ביי די זייטן וואַנט, רעדט עס צו יעדערן, ווער ס׳קוקט אויף דעם: מיר זענען טאַקע פּשוט מעבל, נאָר מיט אונדז באַנוצן זיך גבירים.ביידע טעכטער עפענען דאָרט און פאַרמאַכן די טירלעך, זיי רוקן אַרויס און פאַררוקן די שופלאָדן און די קאַסטנס מיט די קאָמאָדן אין קיך — און אין שפייכלער איז אַלץ שטאַנדהאַפטיקער, ווי אין אַ געוויינלעך הויז.

ווען מען לאָזט מיך אַריינגיין צו זיי אין שטוב, וואָלט איך נישט געוווסט וווּ אַהינטאָן די הענט. און איך וואָלט נישט געוווסט צי שטיין, צי זיך זעצן, צי רעדן, צי שווייגן.

שיינדל, די עלטערע, האָט אין גיכן חתונה געהאַט קיין סקאַראַדנע. און גיטל — אַ סך שפּעטער — ביי אונדז אין סלאָוועשנע פאַר מרים אברהמקעס זון, וואָס איז געווען אַ לערער אין אַ דאָרף, אַ הויכער, אַ שטאַלטנער.

זי האָט אָפּגעטאָן, דערציילט מען, אַ קלוגע זאַך, אָט די גיטל:

מרים האָט נישט איבעריק געוואָלט דעם שידוך. און גיטלען איז שוין געווען גוט נמאס צו זיצן ביי דער שטיפמוטער. אַזוי קאָן מען נאָך אַ מאָל, זאָל גאָר די שעה נישט זיין, אין גאַנצן פאַרזיצן. יצחק — דער בחור — האָט זיך אַזוי ווי יאָ געדרייט אַרום איר... איז זי זיך איין מאָל אין אַ שבת מיישב, מן הסתם איז זי פריער נישט געשלאָפן קיין נעכט, ביז זי האָט געפועלט ביי זיך אַזעלכעס... גיין אויף אַזאַ איינשטעלעניש. יאָ, זי האָט ביי זיך געפועלט. זי איז אַריין שבת, דאָווענען־צייט, אין דער ווייבערשער שול, אַזוי זיך, מיט אַ שאַלכל אויפן אַקסל, האָט אָפּגעזוכט מיט די אויגן מרימען אברהמקעס און זיך אָנגערופן צו איר אַזוי, פאַר אַלע ווייבער אין די אויגן: „איר זענט דאָך אַן ערלעכע יידענע. און איך

www.libtool.com.cn

קום אויך אַרויס נישט פון אַבי וועמען. צי דען וועט איר נישט מורא האָבן פאַר גאָט און איר וועט מיר צעשלאָגן מיין לעבן. איך בין שוין אַזוי פיל יאָרן אַ יתומה, כאָטש אין אַ רייכער שטוב, אָבער ס׳איז אויך נישט זיס. באַקלערט זיך, וואָס איר טוט״ — און דאָ האָט זי שוין מער נישט אויס־געהאַלטן און זיך צעוויינט אויף אַ קול.

מרים איז געווען נישט פון די, וואָס צען פאַר אַ גראָשן... לייטישע בזיונות און, אַז אַ שטאָט זאָל דיך האַלטן אין די מיילער? מער דאַרף זי נישט? זי האָט אַ פיר געטאָן מיט די אויגן, אַ וויש געטאָן מיט די ערשטע פינגער פון דער לינקער האַנט ס׳מויל און געענטפערט אין איין אָטעם:

— געגוג, טאָכטער, שבת טאָר מען נישט וויינען. אויב דער שידוך איז פון גאָט, זאָל ער זיין מיט אַ קיום. איך וועל זיך נישט מישן.

יידענעס אייניקע, ווייכהערציקע, האָבן גענומען פאַרוואַרפן אַ וואָרט פאַר גיטלען, אָבער מרים האָט נאָך שטאַרקער פאַרצויגן די ליפּן. ט׳געוואָלט אָפּדרייען דעם קאָפּ און דאָך אין אַ ווײַלע אַרום געענטפערט: „וואָס דאַרף איך דאָ רעדן אַ סך? וויבאַלד ס׳איז פון גאָט, האָב איך שוין דאָ אַ קליינע דעה!... אַוודאי האָב איך געקאָנט פאַר אים אויספירן וואָס איך פאַרשטיי! נאָר אַן עק, אַ סוף!... זאָל שוין זיין מיט מזל דאָס וואָס ס׳איז דאָ!״

* * *

אין דער ווייבערשער שול אין בית־מדרש און אויך אין אונדזער אַליקער קלויז בין איך אַ סך מאָל געווען. זי איז מיט גאָרנישט נישט אָפּגערוקט פון דער מאַנסבילשער. ס׳נאָר דאָרט נישטאָ קיין ארון־קודש, קיין בימה און קיין עמוד. דאָס איבעריקע האָבן מיר אַלץ: אַ מזוזה, טיר און פענצטער, שטענדערס און בענק.

אין דער ווייבערשער שול אין בית־המדרש מאַכט מען אַמאָל אַ חתן־מאָל. אַ סימן, אַז זי איז פּראָסטער פון דער מאַנסבילשער, אין דער מאַנס־בילשער וועט מען קיין חתן־מאָל נישט שפּילן. אַ שיינער משל! מיידלעך און ווייבלעך זאָלן זיך דאָרט העצקען און טאַנצן. ניין. אַזעלכעס געשיקט

www.libtool.com.cn

זיך נישט. אַ רבינס אַ יאָרצייט מאַכט מען יאָ אין בית־המדרש און אין קלויז מיט אַ וועטשערע און מיט בראָנפן און מיט אַלצדינג.

אַז ס׳איז אַ רבינס אַ יאָרצייט, גייט דער שמש אום איבער די הייזער פון די חסידים און קלייבט אויף ליכט און געלט. ער טראָגט אונטער דער האַנט אַ ליידיק קעסטעלע אויף לייגן די ליכט און מענטשן גיבן ליכט און גיבן געלט.

זייער שיין גייט דער יאָרצייט פונעם אַליקער רבין. דאָס האָט זיכער וועלוול בנימין־לייבס צוגעטראַכט אַזאַ „לייכטער" פאַרן רבינס יאָרצייט וועגן. סטאָליאַרעס האָבן, לויט זיין געמעל, געמאַכט פון לאַנגע דרענגלעך אַ מגן־דוד. אַ הילצערנער מגן־דוד און בלעכעלעך זענען דאָרט אָנגע־קלאַפּט אומעטום — אַ פינגערהויט די גרויס, ס׳זאָל זיין ווו אַריינשטעלן די ליכט.

אַז ס׳קומט דעם רבינס יאָרצייט, שטעלט מען צונויף אין מיטן קלויז דעם גרויסן הילצערנעם מגן־דוד, מען שמעלצט צו אין יעדן בלעכעלע אַ ליכט און אויף דער נאַכט צינדט מען זיי אָן. מען דאַוונט מעריב, מע זאָגט קדיש און מע פּראָוועט אַ גרויסע וועטשערע, מיט פריש געבאַקטע בולקעס, מיט ראָסל־פלייש און מיט בראָנפן. מען טרינקט פאַר דעם רבינס הייליקער נשמה. קיין יינגלעך נעמט מען נישט אויף דער וועטשערע, נאָר אַלטע יידן און יינגעלייט. ביי לייזערן דעם שוסטער קאָכט זיך די וועטשערע און דערנאָך טראָגט מען אַריבער די פאַרוויקלטע פולע טעפּ אין שול אַריין. טעלער מיט לעפל ט׳מען צונויפגעליגן ביי שכנים.

איך האָב ליב, אַז יידן קלייבן זיך צונויף אויף אַ סעודה. שמחות טרעפן זיך נישט אַזוי אָפט, אַז מע זאָל זיך קאָנען צונויפקלייבן און האָבן אַ ביסעלע התרוממות־הנפש ביי אַ גלעזעלע משקה, ביי אַ טעלער ראָסל־פלייש מיט פרישער בולקע. יידן פרעסן נישט, יידן זופן נישט. יידן טרינקען, יידן עסן און מע הערט פון זיי אַן איידל וואָרט.

* * *

אויף ל״ג־בעומר באַקט מיר אָפּ די מאַמע אַן אייערקיכל די גרויס ווי די גאַנצע סקאָוורעדע, און זי קאָכט מיר אויס אייער מיט רויטע אָדער

www.libtool.com.cn

געלע אויסגעפּאַרבטע שאַלעכצער. נאָר איך עס נאָך נישט אין דער פרי די גוטע זאַכן. אין דער פרי גייען מיר נאָך אין חדר און מיר רעדן אַפּ צווישן זיך וווהין מירן גיין לייגן־חבר און מיט וועמען. מערער טייל גייען די עלטערע באַזונדער און די ייִנגערע באַזונדער. אַמאָל גייט דער רבי אויך מיט אונדז.

נאָך וואָרעמעס נעמען מיר מיט אין רייִנע שמאַטקעלעך די גוטע זאַכן, וואָס די מאַמעס האָבן אָפּגעבאַקן און אָפּגעקאָכט. מיר קלייבן זיך צונויף לעם חדר. ראובן חיהס גייט היינטיקס מאָל מיט אונדז און ראובן דעם רבינס און ברוך־יענקל מרדכי־הערשקעס און חיים יענקלס און נחקע דעם שוחטס און דעדא מרדכי דעם שוסטערס.

ראָגן־ביקסעלעך האָבן מיר אײַנגאַנצן צוויי און פײַלן האָבן מיר אָנגעשניצט אַ סך. אַ ראָגן־ביקסל איז שווער צו מאַכן, דערויף דאַרף מען טאַקע זײַן אַ מייסטער, אפילו ווען מען זעט ווי אַזוי מען דאַרף עס מאַכן. אַ פײַלנבויגן איז אַ סך פּראָסטער. אַ פײַלנבויגן קאָן מען מאַכן גרינג. דו נעמסט אַ פּייכט שטעקל פון ווערבע אָדער פון אָלכע, פאַרקאַרבסט עס פון ביידע עקן, צי אָן אויף אים אַ שטאַרקן שפּאַגאַט. וואָס הייסט צי אָן? דאָס הייסט דו בינדסט צו דאָס שפּאַגאַטל צו איין קאַרב פונעם שטעקל, דאָס שטעקל בייגסטו צונויף וויפל ס׳לאָזט זיך, נאָר אַזוי ווי אַ דוהע און בינדסט צו דעם צווייטן עק שפּאַגאַט פאַרן קאַרב פונעם צווייטן ברעג שטעקן, איצט איז דאָס שפּאַגאַטל אָנגעצויגן, ווי אַ סטרונע. שטעלסטו צו צו דער מיט פון דער סטרונע אַ פײַל, אַ פּראָסטע, אָדער מיט אַן אָנגעבונדענער פעדער, ציסט אָן דעם שפּאַגאַט, ציילסט זיך אָן און לאָזט אים מיט אַ מאָל אָפּ. טוט ער אַ יאָג די פײַל, פליט זי אי ווייט, אי הויך, אַזוי ווי ביי די אַמאָליקע קריגס־לייט. אַמאָל האָט מען מלחמה געהאַלטן מיט פײַלנבויגנס.

אַ ראָגן־בויגן, דאָס איז שוין מער שכלדיק: צו אַ שטאַרק שטעקעלע, וואָס האָט אַ הענטל פון איין זייט און אַן אויסגעהוילט פּייפּעלע פון דער צווייטער, און די גאַנצע שטעקלדיקע גרעב פונעם הענטל ביזן פּייפל איז אויסגעשניטן, ווי אַ שיפל אָן אַ דנאָ אַזוי, אַז דו קאָנסט פריי דורכפירן דעם פינגער פון איין עק ביזן צווייטן. ערשט דאָ ווערט צוגעפּעסטיקט

www.libtool.com.cn

אינעווייניק צום הענטל אַ ווייכע, גאָר שטייפע שטיקל צווייג. די צווייג בויגט זיך אויס מיט דער דוהע אַרויף אַזוי, אַז דער צווייטער פרייער עק פון דער דוהע זאָל זיך אַנשפּאַרן אינעם אויסגעהוילטן פייפל. דער דאָזיקער עק לאָזט זיך בייגן אינעווייניק. צווישן דעם שיפּל־חלל לייגסטו אַריין אַ פייל אינעם פייפל־ברעג, טוסט אַ צי מיטן ווייז־פינגער צו זיך דעם שטייפן ברעג דוהע און לאָזט אים מיט אַ מאָל אָפּ, טוט ער אַ קנאַק אין דער פלייטשקע פון דער פייל, פליט די פייל אַוועק אַהין, ווו דו צילסט זי.

אין דאָלינע, לעם חדר, און דערנאָך לעם ראובנען חיהס, האָבן מיר זיך לאַנג געעצהט, אַנגעלאָדן אונדזער פּראָוויאַנט מיטן געווער און מיר גייען.

ראובן ווייסט אַ גוט אָרט אין די ליפּקעס. איך ווייס אַ גוט אָרט אויף אונדזער שיניצע לעם די טויערלעך און ברוך יענקל זאָגט, אַז מען קאָן גיין ווען מען וויל צו פּאַדאָלסקיס מיל — דאָרטן איז דאָ אַ באַרג, וואָס פון איין זייט דערגייט ער ביז די ליפּקעס, פון דער צווייטער — ביז דער אַנטאָנאָוויטשער גאַס. זענען מיר טאַקע אַהין אַוועק. מיר האָבן אויסגעשפּרייט אַ פּאַטשיילע און צעלייגט אונדזערע קיכלעך די ל״ג־בעומר־דיקע און צעקלאַפּט צו איינצלנע אייער. יענקל האָט נישט פאַרגעסן און מיטגענומען אין אַ פּאַפּירל אַ ביסל זאַלץ. האָט דעדאָ גענומען און צעבראָכן עטלעכע קיכלעך אויף מיטעלע שטיקלעך און מיר האָבן זיך אַ וואַלגער געטאָן אויף דער ערד, גענומען שיילן די געפאַרבטע אייער, טונקען אין זאַלץ, נעמען צו גוטע שטיקער אייערקיכל, און ווער ס׳ליגט אויפן בויך, ווער ס׳ליגט אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן, ווער ס׳זיצט די פיס אונטער זיך. הכלל — סוואָבאָדע איז סוואָבאָדע, און מיר עסן מיט הנאה דאָס קיכל וואָס צעשיט זיך אין מויל. מיר בייסן איין די ציין אין אַ ווייסכל מיטן געלכל און מיר פילן, אַז ס׳איז טאַקע ל״ג בעומר: אין הימל ל״ג־בעומר, אויף דער גרינער ערד ל״ג־בעומר, אין די פולע מיילער און ל״ג־בעומר אויף דער אויסגעשפּרייטער פּאַטשיילע.

מיין חבר ראובן דערציילט פאַר וואָס ס׳איז היינט ל״ג־בעומר. אַמאָל איז געווען אַ תלמיד רבי עקיבא, אַ גרויסער לערנער. בסך־הכל איז רבי

www.libtool.com.cn

עקיבא צו פערציק יאָר נאָך געווען אַ פּאַסטעך און האָט אפילו קיין עברי גוט נישט געקענט, מ׳האָט אים דערויף נישט געלערנט. איז ער געווען ביי אַ גרויסן גביר אין יידיש לאַנד אַ פּאַסטעך. ביים דאָזיקן גביר איז געווען אַ שיינע טאָכטער רחל. האָט זי זיך פאַרליבט אינעם פּאַסטעך און ער האָט זיך פאַרליבט אין איר. ער האָט זיך נישט דערוועגט אויסזאָגן, אַז ער האָט זי ליב, זי איז דאָך אָבער געווען אַן איין און איינציקע האָט זי געמעגט זיך פאַרגינען, אַז איר פאַרלאַנג זאָל אויסגעפילט ווערן. האָט זי אים איין מאָל אָוועקגערופן אין אַ זייט. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אַזוי אויף אַ בערגל, ראובן האָט געוויזן אויף אַ וועלכן בערגל, און זי זאָגט צו אים: איך בעט דיך, עקיבא, זאָלסט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך וויל דיך פרעגן אַ נויטיקע זאַך. עקיבא איז זייער געוואָרן רויט, ער האָט געקוקט אַראָפּ צו די באָרוועסע פיס און געזאָגט: איך דאַנק דיר זייער, רחל, וואָס דו האָסט מיר געגעבן אַזאַ כבוד און ביסט געקומען צו מיר אין די בערג, ווו איך פּאַשע די שאָף און דו טוסט מיר אָן דעם כבוד און רעדסט מיט מיר.

— איך האָב דיך געפונען — זאָגט רחל — זייער פּאַר אַ לייטישן מענטשן. און אַזוי ווי ס׳נעענטערט זיך די צייט, ווען מיין טאַטע וועט פאַר מיר אָנהויבן זוכן שידוכים, וואָלט איך זייער וועלן ער זאָל געפינען דיך.

ביי עקיבאן ט׳זיך צעבערענט אַ פייער אין זיין גאַנצן גוף. ער איז רויט געוואָרן ביז די אויערן.

— דו שפּעטסט פון מיר — זאָגט ער קוים וואָס ער קאָן אויסרעדן.

רחל ט׳אים אָנגענומען ביי דער האַנט.

— ניין, עקיבא — זאָגט זי — איך האָב נישט קיין נאַטור צו שפּעטן אפילו פון קלענערע פון זיך, בפרט דו ביסט גרעסער און פיל שטאַרקער פון מיר. נאָר דאָס, וואָס איך רעד מיט דיר, איז נישט אַזוי גרינג.

— איך מעג וויסן? — זאָגט עקיבא — אין וואָס די שוועריקייט באַשטייט?

— נאָך דערויף בין איך געקומען — זאָגט רחל. — דו דאַרפסט וויסן, אַז דער טאַטע וועט מיך אָפּגעבן נאָר פאַר אַ תלמיד־חכם.

www.libtool.com.cn

עקיבא האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. ביי אים האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. און ער האָט געזאָגט:

— איצט זע איך, רחל, אַז איך בין פאַרפאַלן אויף אַלע יאָרן. איך קען דאָך אַפילו קיין עברי נישט.

— איך ווייס — זאָגט רחל. — נאָר איך האָב לאַנג געקלערט און באַקלערט, אַז איך וועל פאַר דיר פאַשן די שאָף און דו וועסט גיין אין אַ ישיבה לערנען.

עקיבא האָט זיך פאַרטראַכט, דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען, ט'איר געגעבן די האַנט; זיי האָבן זיךביידע צעקושט און ער איז אַוועק.

אין 24 יאָר אַרום איז ער געקומען און געבראַכט מיט זיך פיר־און־צוואַנציק טויזנט תלמידים. דאָס איז געווען דער גרויסער רבי עקיבא.

— און פאַר דערפאַר איז טאַקע ל״ג־בעומר — זאָגט ברוך יענקל. — דאַרף מען ווייטער עסן קיכלעך.

ראובן האָט זיך אויסגעלייגט אויף דער ערד, האָט זיך אויסגעצויגן און אַרויסגעריסן אַ הויפן גראָז און צעלייגט יעדער גראָז באַזונדער און האָט פאַרגעזעצט: מיט ל״ג בעומר איז אַזאַ מין זאַך. איין מאָל איז געווען אַ גרויסע מגפה אין לאַנד, אַזאַ מין כאָליערע וואָס מענטשן זענען געפאַלן ווי די פליגן. ביי רבי עקיבאן אין ישיבה האָט זיך אויך דערלאַנגט די מגפה און די תלמידים האָבן גענומען שטאַרבן אויך ווי די פליגן. ביי רבי עקיבאן איז יעדער תלמיד וואָס קען לערנען, ווי מע וואָלט ביי אים אַליין אָפּגעריסן לעבעדיקערהייט אַן אבר. האָט ער געוויינט און געבעטן גאָט און די מגפה האָט זיך איינגעשטעלט. אַ סך תלמידים זענען טאַקע נעבעך אויסגעשטאָרבן, אָבער די גרעסטע מערהייט איז געבליבן לעבן. דאָס איז אויסגעפאַלן דריי און דרייסיק טעג אין דער ספירה. ל״ג איז דריי און דרייסיק — זאָגט שוין חיים. חיים איז אַ קורצזיכטיקער און ער טראָגט שוין פון ייִנגלווייז אַן גראָבע ברילן, נאָר ער איז זייער אַ קלוגער. צו אַלצדינג דאָביוועט ער זיך מיט זיין אייגענעם געדאַנק. ל״ג ווייסט ער איז דריי און דרייסיק. און דערום — ענדיקט ער שוין — איז אין אַלע

www.libtool.com.cn

חדרים ביי יידן אויף דער גאַנצער וועלט הייבט אַ יום־טוב. מעג מען טאַקע אוודאי עסן קיכלעך אויפן פולן מויל.

— אויפן פולן מויל — זאָגט דעדאַ.

און ראובן דעם רבינס איז פאַרקלערט. ער האָט, ווייזט אויס, זייער ליב מעשיות, דער עיקר מעשיות פון דער היסטאָריע. ער קלערט נאָך אַלץ און זעט פאַר די אויגן ווי אַזוי רבי עקיבא האָט אויסגעזען און רחל דעם גרויסן ארץ־ישראלדיקן גבירס טאָכטער מיט איר גוט לייטיש האַרץ — אי שיין, אי לייטיש.

מיר האָבן אַ ביסל געשאָסן פון די פיילנבויגנס מיט די ראָגנביקסלעך.

— אַנו, ווער וועט טרעפן ווייטער? מיר האָבן אָנגעשריבן אויף די פיילן יעדערער זיין נאָמען, נאָר זוכן זענען מיר זיי נישט געגאַנגען. מיר האָבן זיך אָנגעמערקט אַ רוים אייבעם אַ גרויסלעכן און מיר האָבן זיך אין ערגעץ נישט געצילט אויף טרעפן, דער עיקר ווערמענס ביקסל שיסט ווייטער. דערנאָך זענען מיר ווייטער געלעגן אין גראָז, זיך געקאַטשעט. ברוך יענקל ט'אַפילו געוואָלט מיר זאָלן זיך קלעטערן אויף ביימער. האָט עס קיינער נישט אונטערגעהאַלטן. האָבן מיר זיך געלערנט לויפן אויפן סטעזשקעלע פון באַרג. מיר האָבן ווייטער געגעסן קיכלעך און צעשיילט די לעצטע אייער מיטן לעצטן זאַלץ און אַהיים זענען מיר אַוועק מיט ליידיקע כלים אַרום 5 אַזייגער נאָך האַלבן טאָג. קיין גרויסע מעשים האָבן מיר נישט אויפגעטאָן, אָבער צופרידן זענען מיר געווען. טאַקע אַלע. מיר האָבן שוין געוואָלט דערלאַנגען דעם איבעראַיאָריקן ל״ג־בעומר און מיר זאָלן זיך פילן נישט ערגער.

* * *

ביים פריסטאַווס טאָכטער ט'זיך געשפּילט אַ חתונה. מיך האָט עס געחידושט ביז גאָר: ווי קומט צו אַ פריסטאַוו אַ טאָכטער, ווי קומט צו אַ סטראַזשניק אַ טאַטע און צו אַן אוריאַדניק קליינע קינדער? ווערדליך איך האָב געזען די סטראַזשניקעס מיט ברייטע פּלייצעס און מיט קנעפּ און מיט אַזעלכע גאַלונעס ביי דער זייט ברוסט און מיט דער לאַנגער

www.libtool.com.cn

שאַשקע, וואָס הענגט אויף אַ קונציקן איבערפלעכט פון פּאַסן און מיטן רעוואָלווער און מיט די וואָנסעס אויפן ברייטאַצקן טעמפּן פּנים — איז ביי מיר אויסגעקומען, אַז זיי זענען אויסגעהאַקט פון איין שטיק אַזוי פון אייביק ביז אייביק, אַז זיי קאָנען גאָרנישט עלטער ווערן. דו האָסט דען אַמאָל געזען אַ סטראַזשניק אַן אַלטן זינט דו לעבסט? אַזעלכע זענען זיי און אַזעלכע שטעלן זיי מיט זיך פּאָר: דער סטראַזשניק דעם אוריאַדניק, דער אוריאַדניק דעם פּריסטאַוו, דער פּריסטאַוו דער איספּראַווניק, דער איספּראַווניק דעם גובערנאַטאָר, דער גובערנאַטאָר דעם מיניסטער און דער מיניסטער דעם קייסער. און דעם קייסער קענען דאָך אַלע. ער גייט אויך מיט אַזעלכע פּאַסקעס, מיט אַזעלכע גאַלונעס און מיט אַזעלכע עפּאָלעטן און מיט אַ היטל מיט אַ רויטן אָקאָלישעק און מיט זילבערנע עפּאָלעטן. דעם קייסער מיטן געלן בערדל קענען אַלע. אין וואָלאָסט הענגט זיין פּאָרטרעט, אין סטאַן הענגט זיין פּאָרטרעט און אַמאָל ביי פּראָסטע פּויערים אין שטוב הענגט אויך זיין פּאָרטרעט. אַזוי אַז דו קוקסט זיך צו צום סטראַזשניק מיט די וואָנסעס, איז ער אויך אַ טייל פונעם קייסער. ער טוט וואָס ס'קומט אָן פונעם קייסער צום מיניסטער, פון מיניסטער צום גובערנאַטאָר, און אַזוי ווייטער ביז צום סטראַזשניק, ביז צום בעהוניער סטאַרשינאַ, ביז צום סאָצקי, ביז צום דיעסאַצקי, ביז צו דעם וואָלאָסט און ביז צו דעם טורמעלע אונדזערס. דאָס טורמעלע איז ביי אונדז אַ קליינינקס, אַ פּראָסטינקס, מיט קליינע פענצטערלעך און הילצערנע ווענט, מיט אַ פּריזבע, אַהין צו דער שקאָלע צו און אַפילו אָן אַ הויף און אָן אַ צוים. אַזוי זיך אַ טורמעלע. מ'רופט עס אויך כאָלאָדנע און אַרעס־טאַנקע. אַז מע כאַפּט אַ גנב אַ ייִנגן און מ'שלאָגט ביים פּריסטאַוו אין פּאָדערהויז, ברענגט מען אים צו פירן אין טורמעלע און מע האַלט אים אַמאָל אַ נאַכט, אַמאָל אַ טאָג מיט אַ נאַכט ביז מען פירט אים אָפּ קיין אוּוריטש. דאָרטן איז דאָ אַ טורמע טאַקע אַזוי ווי אַ טורמע, מיט אַ ווענ־טענעם פּלויט, מיט אייזערנע קראַטעס אויף די פענצטער, מיט שלעסער און פּאַרדוקערס אויף יעדער טיר, מיט אַ טשאַסאָוואָי, מיט אַ לעכעלע אין טיר, און מיט פּויערטעס, וואָס וואַרטן לעם הויף, מע זאָל ביי זיי צונעמען די טאָרבעס מיט די עסעכצן וואָס זיי ברענגען צו די מאַנען. אין

www.libtool.com.cn

אוּריטשער טורמע קאָן מען אַמאָל זיצן זעקס חדשים אויך און אַ יאָר אויך. דאָרטן, אין אוּריטש, איז איין מאָל געזעסן מיין באָבע באַסיע אויך און שפּעטער איז איין מאָל געזעסן מיין טאַטע אויך. מיין טאַטע ט׳מען נישט געפּירט, מיין טאַטע איז אַליין געפאָרן און זיך אַליין אַריינגעזעצט אין טורמע אַריין. די מעשה איז דערפון אַזוי: איין מאָל אין יאָר גייט אַ קאָמיסיע אויף טשיסטקאַ. אין דער קאָמיסיע גייט דער פּריסטאַוו מיטן ווייסן בונדע.

ס׳איז נישט קיין בונדע, ס׳איז אַזאַ אַמט־מלבוש, נאָר ער ליגט אויף אים אַזוי ווי אַ בונדע. דער אוּריאַדניק גייט, אַ סטראַזשניק גייט און אַמאָל גייט נאָך אַ מענטש אַ געקומענער פון דער פּרעמד. אַז מען דער־הערט ס׳גייט די קאָמיסיע, קערן אַלע די הויפן. ביי יידלען קאַשוטעס קערט מען, ביי בנימינען דעם רויטן קערט מען, ביי מאָלען דעם סטאָלער קערט מען, ביי אַרלען דעם בוטשער קערט מען און ביי אונדז קערט מען אויך. נאָר אין אַ האַרבאַרניע וויפל דו וועסט נישט קערן, וועט נישט זיין קיין פאַלנע טשיסטקאַ. איז דער שטייגער פון דער וועלט אַזוי: אַז דער פּריסטאַוו טשעפּעט זיך צו צו עפּעס און מאַכט טאַקע אַ פּראָטאָקאָל און דער טאַטע אָדער די מאַמע דאַרף זיך חתמענען, טראָגט דער טאַטע פאַרנאַכט אַריין צו מאַטלען דעם קאָמיסניר אַ גאָלדן פינפערל, מאַטל טראָגט אָפּ דעם פינפער צום פּריסטאַוו און דער פּראָ־טאָקאָל איז ווי אויף דער וועלט נישט געווען. אָבער אין יענער צייט, פון וועלכער איך דערצייל, איז דער טאַטע נאָך געווען גאָר אַ יונגער און ער האָט נישט געוווּסט פונעם קאָמיסניר און פונעם גאָלדענעם פינפטער און פון דעם, אַז אַ פּראָטאָקאָל איז אַזאַ שווערלעכע זאַך. האָט מען טאַקע געמאַכט אויף אים אַ פּראָטאָקאָל און ער האָט געחתמעט און ס׳איז אים אָנגעקומען, טאַקע אַ סטראַזשניק ט׳עס געבראַכט צו טראָגן, אַז דערפאַר, וואָס ס׳נישט געווען קיין טשיסטקאַ און אַ האַרבאַרניע איז אַ שאַרפע זאַך, ס׳קאָן קאַליע מאַכן דאָס וואַסער פון דער גאַנצער שטאָט און ס׳קאָנען אַוועקגיין שלאָפקייטן, דאַרף דער טאַטע, וואָס הייסט נחום מאַטיס — הערש לייבאָוויטש קיפּניס, באַצאָלן צוויי הונדערט רובל שטראָף אָדער אָפּזיצן אַ חודש אַרעסט (ווו איז דער אַרעסט? — אין

www.libtool.com.cn

אָווריטשער טורמע!). האָט מען זיך געשובט אין דער היים: צווייי הונ־דערט קערבלעך איז נישט קיין גרינגע זאַך. אַ חודש אַרעסט, ווי גאָט וועט געבן. און דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן קיין אָווריטש און זיך אַליין אַרײַנגעזעצט אין טורמע. אין טורמע איז נישט געווען אַזוי סטראַשנע, באַזונדערס אַז מען איז פון פריער גרייט אויף דעם, אָבער... אין יעדער זאַך איז דאָ אַן אָבער. אין טורמע זיצן נישט קיין גאָלע זיידענע יונגעלייט ראַדאָמישליער, סלאָוועשנער אָדער אפילו אָווריטשעווער. אין טורמע זיצן נאָך אין איין און דער זעלבער קאַמער עשיוס און נישט פון די לײַטישע עשיוס. מיט אַ לײַטישן עשיו קאָן מען נאָך אויסקומען, מען קאָן זיך אפילו איינס דעם אַנדערן עפּעס דערציילן, זיך אויסרעדן און אפילו שפּילן אין שאַשקעס. זיצן אָבער אַזעלכע פאַרשוינען, וואָס זיצן שוין נישט דאָס ערשטע מאָל און וואָס זענען שוין געווען אין אַלערליי טורמעס, איז יענע האָבן שכל מאָגען ביי אַ פרישן יידישן יונגערמאַן אנקעוור־געלט (איך האָב געמיינט כסדר, אַז דאָס הייסט יעקבס געלט, ווייל מיר זענען יעקבס קינדער. צום סוף קער עס גאָר הייסן אײַנקויף־געלט, זיך אײַנקויפן אין דער חברה). פאַרשטייט זיך, ס'איז אַ ביסל געווען שווער די ערשטע צייט. ס'איז נישט נאָר קיין היזק, ס'איז אַ ביסל דערנידעריקונג, אַז איך דאַרף זיך גאָר מורא האָבן פאַר יענעם. פאַר אַזאַ, וואָס איז ערגער פון מיר, נידעריקער פון מיר און ער דאַרף נאָך האָבן אַ גרויסע זכיה, איך זאָל מיט אים וועלן אין אַן אַנדער צייט אויסרעדן אַ וואָרט און, אין די פיר ווענט, איז ער גאָר דער מיוחס און דו דאַנקסט גאָט, אַז ער באַמערקט דיר ווינציקער.

דערווייל האָט ישראליק דעם אינדיקס טאָכטער, פייגל, עזריאל דעם בויערס ווייב, וואָס ווינט מיט איר משפחה אין אָווריטש, געטראָגן פון מאָל צו מאָל דעם טאַטן אין טורמע אַרײַן וואַרעמס. אין דער וואָכן איז ווי איז דער וואכן און שבת רעדט שוין נישט. וואָס פאַר אַ שבת דער טאַטע ט'ביי איר געהאַט. מיר האָבן איר געווונטשן דאָס שענסטע געזונט און דאָס בעסטע לעבן. עפּעס אַ קלייניקייט — אין זינען האָבן דעם טאַטן מיט טרחה און קאָסטן, און ווער איז זי מיט אונדז געווען — אַן אייגענע שוועסטער וועט אַזויפיל געטריישאַפט נישט אַרויסווייזן.

www.libtool.com.cn

אַזוי ווי דער טאַטע האָט זיך אַליין אַריינגעזעצט אין טורמע, אַזוי האָט ער זיך אַליין אומגעקערט פון טורמע. ער האָט זיך געוואַשן, געבאָדן און איבערגעטאָן. און דערציילן איבעריקס איז נישט געווען וואָס. ער איז צום אַלעם ערשטן אַריין אין האַרבאַרניע און זיך געחידושט וואָס די האַרבאַרניע שטייט אויפן זעלבן אָרט. אליה, וואָס האָט געאַרבעט ביי אונדז, לאַכט. ער קוקט אויפן טאַטן און לאַכט — שלום־עליכם, ר׳ נחום! בסך־הכל איז אליה עלטער פונעם טאַטן און אים קומט גאָר ר׳ אליה. נאָר אליה האָט ליב לאַכן פון יעדער קלייניקייט. איצט לאַכט ער, וואָס זיין בעל־הבית איז געזעסן אין טורמע און ער, אליה, איז געווען בעל־הבית איבער דער גאַנצער האַרבאַרניע. געפירט די פעל פון ווייק אין זאַלע, פון זאַלע אין די ביטן, און נאָר אַ מאָל צו אַ זאַפּאַר ט׳מען גערופן מיכלען פרעמענט אָדער ישראלן, זיי זענען געווען שוואָגערס, מיכל מיט ישראלן, נאָר זיי ווינבען ווייט. מיכל וווינט אין דאַלינע ערגעץ און ישראל מיט הינדען דאָ נישט ווייט פון אונדז. איך האָב אַלעמאָל געזשאַלעוועט ישראלן, וואָס ביי אים איז געווען אַ שיין מיידל, פראַדל, אַן איידלענקע און אַ ליבינקע און איז געשטאָרבן מיר ווייסן אַליין נישט פון וואָס. הייגט גיי קויף זיך אַן אַנדער קינד און אַזאַ קינד. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז אליה האָט געפירט די האַרבאַרניע ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. אַ פּעקל פעל אויף פּאַרווייקן האָט דער טאַטע איבער־געלאָזט אויפן בוידעם, האָט מען עס דאָ פּאַרווייקט צוריק מיט דריי וואָכן. איצט, אַז דער טאַטע איז אַדאַנק גאָט געקומען, וועט ער שוין אַליין טאָקע מאַרגן, אַז מירן דערלעבן, באַוואָרענען אַ ביסל פעל אויף אַ פרישן ווייק און זאָל זיך עס גיין ווי ס׳גייט זיך. ערשט איצט האָבןביידע — אי דער טאַטע אי די מאַמע — נישט געוווסט, צי ס׳איז בעסער אָפּזיצן דעם חודש, צי ס׳איז בויטיקער אָפּגעבן די צוויי הונדערטער? ס׳נאָר וואָס ווז נעמט מען זיי? צוויי הונדערטער איז אַ גרויסע זאַך. דער ויידע האָט דעם טאַטן געגעבן אין נדן נאָר דאָס שטיקל האַרבאַרניע און די אַלקירעס. קיין מזומנע ט׳דער טאַטע נישט געהאַט. פון דער ערשטער שעה איז אויסגעקומען לייען געלט אויף עסקא (אויף פראָצענט). אַז מיר רעדן שוין פון דעם קייסער מיט די סטראַזשניקעס מיט

www.libtool.com.cn

דער טורמע (די טורמע איז דאָך אויך דעם קייסערס), קערן מיר זיך אום צו דעם קליינעם טורמעלע צו אונדזערס, לעם דעם טורמעלע איז נישט געווען סטראַשנע זיך שפּילן. דאָרטן איז געווען אפילו שטיל, ס׳איז נאָר געווען סטראַשנע ווען אַמאָל דערזעסטו אינעם קליינעם פענצטערל אַ פּאָר שלעכטע אויגן פון אַ יונגן גנב מיט אַ צעשוואָלן פּנים פון די קלעפּ, וואָס ער האָט געכאַפּט ביים פּריסטאַוו אין פאָדערהויז. ס׳גלוסט זיך קוקן צו אים און דו האָסט מורא. און דאָס איבעריקע פלעגט דאָ אָדער קיינער נישט זיצן, אָדער ס׳פלעגט אַמאָל זיצן אַ פּויער, וואָס האָט געדאַרפט איבערזיצן אַ נאַכט אָדער אַ טאָג מיט אַ נאַכט, אָדער ער האָט געהאַט אַ שטיקל ברויט אין טורמע אָדער נישט, און וואָסער אויף טרינקען פלעגט אים ברענגען דער דעסיאַטניק, וואָס האָט אים געהיט. אי דער דעסיאַצקי, אי דער פּויער, וואָס זיצט זענען ביידע אַלצאייגע אָרעמעלייט. זיי זיצן און רעדן זומער ביי אָפענע טירן, נאָר דער פאַרשפּאַרטער זיצט אינעווייניק פון יענער זייט אָפענער טיר, און דער היטער זיצט אין פאָדערהויז פון דער זייט טיר. פאַרשפּאַרט איז אין דער רעכטער זייט די קאַמער, ווו ס׳קיינער נישטאָ און דאָ ווו מען זיצט איז אָפן די טיר און ביידע רעדן זיך פון וואָס ס׳קומט אויס. סיידן מע דערזעט פון דער ווייטנס דער סטאַרשינאַ גייט אין וואָלאָסט אַריין, מאַכט מען אויף אַ רגע צו די טיר פון דער קאַמער.

אַז מיר שפּילן זיך לעם טורמעלע קוקן מיר אַריין אינעווייניק און קיינער טרייבט אונדז נישט. איינמאָל ט׳אונדז נאָר אַ קליינטשיק פּויערל געזאָגט, ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אונדז און אַ זאָג געטאָן:

— כליבאַ נעמאַ?

פון דער ערשטער רגע האָבן מיר זיך מיט דינהן דערשראָקן, וואָס מען רעדט גאָר צו אונדז. דערנאָך, אַז מיר האָבן דערהערט וואָס ער רעדט, זענען מיר געוואָרן זייער פריילעך. מיר זענען אַוועקגעלאָפן צו דער מאַמען און אויף צוריקוועגס האָבן מיר שוין געהאַט אַ גרויסן אָקרייעץ ברויט אין די הענט און צוויי שטיקלעך צוקער און אין אַ פּאַפּירל אַ ביסל זאַלץ און אַ ציבעלע דינהלע אַליין גענומען. אַז מיר זענען געקומען צו לויפן צוריק איז דאָס טירל געווען פאַרמאַכט. האָבן מיר

www.libtool.com.cn

צוגעוואָרט אַ ביסל אויף דער פּריזבע, דערנאָך איז געקומען דער דעסיאַצקי מיט אַ פּאַררויכערטער ליולקע און האָט אָפּגעגעבן דעם פּויערל אַלץ דאָס געבראַכטע. האָט ער אויף אונדז גוט געקוקט און אַזוי ווי געוואָרט אַ ביסל און דערנאָך צוגענומען איינציקווייז פּריער ס׳ברויט, דערנאָך די ציבעלע, דערנאָך ביידע שטיקלעך צוקער. איין שטיקל ט׳ער פּאַר אונדז אין די אויגן אָפּגעגעבן דעם דעסיאַצקי. ט׳ער צוגענומען און אַריינגעלייגט אין אַ קעשענע פון דער סוויטקע.

— איר וועט קומען צו אונדז — מאַכט דאָס פּויערל — ווען מיר אייך אָנרייסן ווייַנשל.

— פון וואַנען זענט איר? — פרעגט דינהלע און קוקט אויף אים.

דאָס פּויערל עסט ס׳ברויט, טונקט די ציבעלע אין זאַלץ און שווייגט אַ ווײַלע, דערנאָך זאָגט ער:

— פון ליסטוועץ. ס׳נישט ווייט, איר מעגט קומען. מאָרגן אין דער פרי גיי איך אַרויס.

האָבן מיר שוין, הייסט עס, אַ באַקאַנטן, אַן אייגן פּויערל אין ליסטוועץ, וואָס מיר ווייסן נישט ווי אַזוי מע רופט אים און מיר ווייסן נישט אויף וועלכע גאַס ער איז. און ס׳איז אונדז גוט. מיר שפּילן זיך שוין צוריק לעם טורמעלע אין דרויסן. און מיר זעען, אַז אַ טורמע איז אויך נישט סטראַשנע, אַבי מיט גוטע מענטשן.

ווינטער קער שוין זיין אַ ביסעלע נישט אַזוי. ווייל ווינטער איז אומעטום, אַפילו אין דער היים, אויך נישט אַזוי. קיין יידן געדענק איך נישט מיר זאָלן האָבן אַ מאָל אין טורמעלע. אין באַלניצע האָבן מיר אַ מאָל געהאַט אַ יידן, און דער עיקר אַ פרעמדן יידן, וואָס מיר ווייסן אַפילו נישט פון וואַנען ער איז. גראָד ערב יום־טוב פּאַרטאָגלעך פּאָרט אַ פרעמדער ייד דורך אין דעם שטעטל און אין דאַלינע צעטראָגט זיך זיין פערד באַרג אַראָפּ. ווי אַזוי האָלט עס גאָר אַ ייד אַ פערד, וואָס צעטראָגט זיך. אָבער ס׳איז שוין פאַרפאַלן. דער ייד איז אַראָפּגעפאַלן פון וואָגן און זיך צעבראָכן אַ האַנט. האָט מען דאָס פערד אַריינגע־שטעלט צו אָרלען דאָברישעס אין שטאָל און דעם יידן אַליין ט׳מען אַריינגעלייגט אין באַלניצע אַריין.

www.libtool.com.cn

אַטאַ אים האָט מען געדאַרפט טראָגן עסן און מע האָט נישט געוווּסט ווען. איין מאָל האָבן עטלעכע שטיבער מיט אַ מאָל געבראַכט עסן און עטלעכע מאָל ט׳קיינער נישט געבראַכט. ביז מע האָט זיך באַקלערט און מע האָט אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז היינט וועלן מיר קומען, מאָרגן וועט איר קומען און גאָר איבערמאָרגן אַן אַנדערער. נאָר איין זאַך איז געווען נישט קלוג, וואָס מאַמעס האָבן געקאָכט, קינדער האָבן געטראָגן און ווער איז דער ייד, פון וואַנען איז ער, ווייסט כמעט קיינער נישט. דאַכט זיך, אַז ער איז פון פּערע און ער איז געפאָרן אויף שמיני עצרת. ער וואָלט געווען באַוויזן נאָך פאַר פּרי אַהיים, טאָ נאָ דיר גאָר אַזאַ אומגליק כמעט אויפן גלייכן וועג.

* * *

שבועות איז אַ יונגער, אַ שיינער, זייער אַ לויטערער און ליכטיקער יום־טוב. וואָס איז אַ מאָל געווען שבועות ביי יידן, כאָטש ס׳שרייבט זיך פון דעם אין חומש, ווייס איך סיי ווי גאָרנישט. איך געדענק נישט, ווי אַזוי זיי זענען געגאַנגען אָנגעטאָן. איך געדענק נישט, וואָס זענען דאָרט געווען פאַר אַ יינגלעך, וואָס זענען דאָרט געווען פאַר אַ מיידלעך — גאָרנישט ווייס איך נישט. וואָס פאַר אַ יום־טוב איז ביי אונדז אין סלאָ־ווענע, ווייס איך יאָ אַ ביסל. מיר גרייטן זיך צום יום־טוב אַ ביסעלע פריִער. אין חדר לערנען מיר אקדמות און מיר לערנען רות. אקדמות איז שיין און רות איז שיין. אקדמות איז, ווען פּענעמס זאָלן זיין אַלע וועלדער. איר שטעלט זיך פאַר וויפל פּענעמס ס׳קאָנען זיין פון אַלע וועלדער אין דער וועלט און טינט אַלע ימען און פאַרמעט אַלע הימלען. אייגנטלעך איז פאַרמעט שוין גאָרנישט אַזאַ סך. אַ סך איז עס אָבער ווערדליק דעם טינט, וואָס אין אַלע ימען און די פּענעמס, וואָס אין אַלע וועלדער, איז שוין טאַקע אַ ביסעלע צו ווינציק פאַרמעט, ס׳וועט פּשוט נישט סטייען, סיידן מע זאָל רעכענען אַלע זיבן הימלען. היינט דער שור־הבר מיט די הערנער, אַז ער שטויסט זיך, ער פאַרטשעפּעט דעם קעגנער זיינעם אויף די הערנער און וואַרפט אים אַריבער איבער זיך.

www.libtool.com.cn

אָט דאָס איז אַ ביסל אַ גבורה. און דער וויין פון קפריסין, וואָס איז פאַרגרייט נאָך פון די ששת ימי בראשית. ס׳איז אַ געוואַלד זיך פאַר־צושטעלן די רויקייט, מיט וועלכער די צדיקים זיצן אין די גן־עדנדיקע זאַלן. אַזאַ לויטערקייט אויף די פּנימער אויף זייערע. ס׳איז נאָר אַ באַזונדערע מלוכה, ווו ס׳נישטאָ נישט קיין זאָרג, נישט קיין חניפה. נישט קיין קנאה, נישט קיין שנאה. איך ווייס נאָר נישט, צי די יידענעס די אַלטע זיצן מיט די יידן אין איינעם, צי זיי האָבן אויך אַ ווייבערישע שול אַ באַזונדערע.

אַוועק פונעם אקדמות, קומען מיר צו רותן. רות איז אַ שיינע יונגע זשענשטשינע און דערצו זייער אַ לייטישע. אַז זי איז געקומען מיט נעמין צו די פעלדער פון אפרת בית־לחם, איז זי טאַקע געווען אין גרויס אָרעמקייט. איך ווייס נאָר נישט אַקוראַט, צי זענען זיי געזעסן אין דער אַלטער שטוב אין נעמיס, צי די שטוב ט׳מען שוין פאַר דער צייט צעשלעפּט און זיי זענען שוין געזעסן אין שכנות ביי עמעצן. ס׳איז נישט קיין זיס לעבן גיין אויף פרעמדע פעלדער און קלייבן זאַנגען. נאָר נעמי, די שוויגער, אלימלכס אלמנה, די מאַמע פון די געשטאָרבענע זין מחלון און בליון, האָט אין זיך געהאַט, ווייזט אויס, אַזאַ צוציִונגס־קראַפט, אַז אַבי מיט איר אין איינעם זיין, איז קיין אָרעמקייט אויך נישט סטראַשנע, קאָן מען איבערטראָגן אי הונגער, אי קעלט. דאָס איז ריכטיק. אין נעמין, כאָטש זי איז שוין עלטער פון מיטעלע יאָרן, איז עפּעס דאָ אַזוי פיל שיינקייט און מענטשלעכקייט, אַז אייגענע און פרעמדע קאָנען זיך נישט אָנזעטן, ווען זיי זעען זי און הערן זי. און יעדערער, אַפילו מיר, ייִנגלעך אין חדר, ווילן ס׳זאָל זיך איר פאַרבעסערן אין אַלע הינזיכטן, און אונ־דזער פאַרלאַנג איז טאַקע מקוים געוואָרן, ווייל צום גליק פון פאַר־אָרעמטע לייטישע מענטשן האָט גאָט באַשאַפן פאַרמעגלעכע און באַ־גניגנדיקע, אויכעט לייטישע מענטשן. צוליב אַזאַ מין נעמין מיט רותן האָט גאָט באַשאַפן אַזאַ פיינעם, גוטהאַרציקן און דורך איטלעכן פאַר־ערטן בועזן. אַלעמען געפעלט ער, אַלע גיבן אים אָפּ כבוד, אַפילו די אַלטע לייט אין טויער פון שטאָט און אויך די אַרבעטער, וואָס שניידן ביי אים אין פעלד די תבואה און אַפילו מיר, ייִנגלעך, האַלטן אויך אַלע פון אים זייער. איצט וועט שוין נעמי נישט זיין קיין עלנטע אלמנה

www.libtool.com.cn


און רות וועט שוין פֿאַרשפּאָרן גיין קלייבן זאַנגען אויף אַ פרעמד פעלד. בסך־הכל האָט שוין רות אַ קינד פון בועזן און מומעס אויך. נאָך אַ וואָסער קינד, וואָס פון אים דאַרף אַרויסקומען דוד המלך. איין קליי־ניקייט און נעמי גיאַנטשעט שוין מיט לאַנגע יאָר אַ טייער אייניקל. וואָס איז, זי גיאַנטשעט אים דען ווי אַ דינסט, חלילה, ביי יענעם? זי גיאַנטשעט אים, ווי אַ מענטש, וואָס האָט דערלעבט זיין פאַרדינטן נחת. און דער נחת איז אַ שיינער, וואָס יעדע מוטער מעג זיך אים ווינטשן. אַז מיר לערנען רות איז ביי אונדז דאָ אַזאַ שיינע בענקשאַפט אין די הערצער און אַזאַ שיינער קוק אויף די פעלדער מיט שטייענדיקע תבואות. ס'איז אַזש ליכטיק אין די אויגן פון דעם העלן גאָלד פון די זאַנגען. דאָרטן ביי בועזן און ביי זיינע שכנים זענען דאָ פעלדער מיט פעלדער. די טעג פונעם שניט פונעם גערשטן, ווי אַזוי די שניטערס מיט די שניטערינס זעצן זיך אין אַ שאָטן פון אַ סטויג און עסן געבראָטענע זאַנגען און טונקען זיי אין עסיק. מיר דוכט זיך, אַז די שניטערס מיט די שניטערינס זענען אויך נישט פון אָרעמען גראָד. דאָס זענען נאָך אַלץ מענטשן פון לאַנד יהודה. דאָרטן זענען דאָ מענטשן, וואָס גייען פאַר אַכאָטע אַרבעטן. אָט וואָלטן מיר, ייִנגלעך, אויך געגאַנגען, זיך באַשטעלן אויף אַ פעלד אין לאַנד פון ישראל און מיר וואָלטן געטראָגן גאַרבן אין סטויג אַריין. אויב די סטערנגע וועט שטעכן אין די פיס, וועלן מיר אָנטאָן סאַנדאַלן. דאָרטן גייען אַלע אין סאַנדאַלן, אַפילו די קייסערינגע מיט אירע טעכטער.

און דוכט זיך, אַז אַפילו דעם רבין אַליין איז גוט, ווען ער לערנט מיט אונדז רות. ער נעמט זיך איבער, ווען רותל זאָגט: דיין לאַנד איז מיין לאַנד, דיין פאָלק איז מיין פאָלק, דיין גאָט איז מיין גאָט. וואָרום טאָקע מיר האָבן זיך טאָקע, חלילה, נישט וואָס צו שעמען. אונדזער לאַנד, אונדזער פאָלק און אונדזער גאָט. אין דער פרי לערנען מיר די אַלע גוטע זאַכן און נאָך וואָרמעס האָבן מיר אַרבעט, איז עס גאָר גוטע. מיר שניידן רויזן אויף שבועות. אַנדערע קענען מאָלן און אויס־שניידן, אַנדערע קוקן נאָר. מען דאַרף מעסערלעך מיט שאַרפע שפּיצן און מען דאַרף ברעטלעך, אַז מע זאָל נישט צעקאַרבן דעם טיש. נו, און

www.libtool.com.cn

פּאַפּיר מיט אַ קאַראַנדאַש, דאָס איז אַ פּראָסטע זאַך. איך האָב נאָך אַזעלכע שיינע זאַכן נישט געזען זינט איך לעב. ס׳שניידן זיך אויס אויפן פּאַפּיר אַזעלכע שיינע הירשעלעך, מיט אַזעלכע שיינע געפלאָכטענע הערנער. און אַלע הירשעלעך שטייען מיט די אונטערשטע פיס אויף דער ערד און מיט די פעדערשטע פיסלעך אויף אַ פירעקעדיק קעסטעלע אַ שיינס און אומעטום זענען קווייטעלעך און בלימעלעך און רויזעלעך און צאַצ־קעלעך.

וואָס טוען מיר מיט די שבועותדיקע רויזן? די שבועותדיקע רויזן קלעפּן מיר אָן אויף אַ טאַפּליע און ס׳הענגט ביי אונדז גאַנץ שבועות. דערנאָך דאַרף מען נאָך אין זינען האָבן גרינס אויף שבועות. אַנדערע טראָגן אָן טשוועקעס, אַנדערע ברענגען פּאַפּראָטניק גרינעם מיט ברייטע אינעווייניק אויסגעשטערנטע בלעטער און אַנדערע ברענגען פּשוט צווייג־לעך גרויסע פון יונגע בעריאָזקעס, פון יונגן קליאָן, דעמב און אַלכע. די מאַמע האָט זיך אירע זאָרגן. ווייס מעל אויף בלינצעס און פּיינקוכן, קעז אויף בלינצעס און קנישעס, סמעטענע, פּוטער. און אין הויף אין האַרבאַרניע האָט זיך דער טאַטע זיינע אַרבעטן. מע דאַרף צעטריקענען די יוכטן און אָפּגעבן דעם זאַפּאַר, מע זאָל קאָנען פאַרמאַכן די האַר־באַרניע אויף צוויי טעג רויִק. נו, ערב־שבועות האָט יאָסל חיים אַ סך אַרבעט. ספירה־צייט ט׳מען זיך דאָך נישט געשוירן און ערב־שבועות שערט מען זיך אי גרויס, אי קליין. דערנאָך גייט מען אין מרחץ אַריין און אין דער היים.

מיר וואַשן זיך אויס, פּאַרען זיך אויס, מיר זענען גלייך צו מלכים און צו קיסרים. עפּעס האָבן מיר אַזוי פיל צייט, עפּעס איז אַלץ אונ־דזערס, אַבי מע איז אַלע געזונט.

אין דער היים אַ גלאָז טיי, אַ קיכל אַ פרישס און מיר פילן שוין די שיינקייט פון דעם קומענדיקן יום־טוב. די מאַמע בענטשט ליכט און מיר מיטן טאַטן פּוצן זיך אויס אין אַלץ דאָס יום־טובדיקע און מיר גייען אין שול אַריין. אין שול זאָגן מיר אתה בחרתנו. אין שול גיבן מיר אָפּ אַ גוט יום־טוב איינער דעם צווייטן. ס׳איז אַזוי ליכטיק, ס׳איז אַזוי געררים און גרינג אויפן האַרצן, עפּעס אַלץ ווי אַלע גוטע און שיינע

www.libtool.com.cn

זאַכן זענען נאָך פון פאַרנט, מיר גייען נאָך ערשט צו זיי: אַ גוטע, אַ שיינע, אַ יום־טובדיקע וועטשערע. אין דרויסן איז וואַרעם און ציכטיק, אַלע גערטנער, אַלעביימער זענען גרין. אין שטוב איז אויך אָנגעשטעלט און אָנגעשפרייט גרינס אויף אַלע פענצטערס, לעם אַלע פאַליטשקעס, ווו אַ טשוועקל אויף דער וואַנט, ווו אַ ווינקל, און דאָס איז נאָך אַלץ נישט אין גאַנצן. נאָך וועטשערע, אויב מירן ביי זיך פועלן, דער טאַטע און איך, וועלן מיר גיין אין שול אַריין אויפזיין. דאָרטן זענען אויף אַ סך יידן. מיר זאָגן תקון שבועות, מיר זאָגן תהילים. אין שול איז אויך אַ סך גרינס אָנגעשטעקט צווישן די הענגלייכטער, אויף די פענצטער און לעם דער בימה.

אין תיקון שבועות זענען דאָ אַ סך פרשיות חומש, אַ סך קאַפּיטלען פסוק און תהילים און דברי הימים. מען רעדט צווישן זיך, מען כאַפּט זיך נישט זאָגן און אין דרויסן שמעקן די גערטנער, די סעדער, דער הימל, דער גאַנצער דרויסן, די גאַנצע וועלט. עפּעס קאָן איך גאָר אַזוי פיל נישט אַרויסדערציילן. די זאַך איז נישט, וואָס אַ מענטש וויל זיך מאַכן פריילעך און וויל זיך מאַכן יום־טובדיק. ס׳איז פּשוט יום־טוב איבער דער גאַנצער קלויז, איבערן גאַנצן לייב, אינעם גאַנצן חלל פונעם געדאַנק, און אויף דרויסן אויך.

אויף יעדער שפּיץ צווייג און אויף יעדן גראָבן וואָרצל. עפּעס אַלצ־דינג איז אָנגעזאַפּט מיט יום־טוב און נישט קיין אייבשטעלונג פון טרינ־קען וויינען, שטאָפּן זיך מיט פליישן. ניין, עפּעס אין דער גרינקייט פון געדאַנקען און די לויטערקייט פון די געדאַנקען. איך גיי מיטן טאַטן פון קלויז אַרום דריי אַ זייגער פאַר טאָג. לעם ראַדיאַנס גאָרטן שמעקן די אַקאַציעס מיט אַ געדיכטער זיסקייט, וואָס ביי טאָג הער איך עס קיין מאָל נישט און ס׳שטיל אַזוי אויף דער ליסטווענער גאַס, און וואָס אמת איז אמת — שלאָפן גלוסט זיך שוין אַ ביסל. אָבער גיי זאָג, אַז ס׳נישט יום־טובדיק דער פלויט און די וואַנט און פאַרטקע פון אונדזער הויפל. די מאַמע האָט אונדז איבערגעלאָזן צו געבריטע גלעזער מילך מיט פלאָווע און צו געלע קיכלעך. דאָס איז אַ שטילער איבערבייס, מיר זאָלן זיך נישט לייגן קיין הונגעריקע שלאָפן. אין פענצטער לויכט זיך

www.libtool.com.cn

דער פאַרטאָג. די לבנה פאַרגייט שוין צו ביסלעך און גאָרנישט. מיר קאָנען שוין גיין שלאָפן. מיין קאָנאַפּקע איז אויסגעבעט, מיין אָנטאָן ליגט שוין אויפן בענקל און איך אונטער דער קאָלדרע, און ס'איז מיר אַזוי גוט, אַז איך דאַרף גאָרנישט וויסן און נישט פרעגן פאַר וואָס, פון וואָס ס'איז גוט סאַמע אַזוי ווי מען באַדאַרף, און אַזוי זאָל אונדז זיין תמיד גוט און אַזוי זאָל זיין אַלע יידן גוט און ביילען דער מומעס אויך.

* * *

ביילע דער מומעס איז יענקל דער מומעס ווייב. איך בין געווען אויפן וואָרט, וואָס מען האָט געמאַכט, ווען ביילע מיט יענקלען האָבן געדאַרפט אַ שידוך טאָן. אויב נישט ביילע מיט יענקלען, איז די מומע לאה מיט יצחקן דעם סקרעבעליטשער און מיט ראַסקען זיין ווייב. דוכט מיר, אַז שמואליק דער מלמד, דער רבי מיינער, איז געווען דאָרט דער שדכן. פריִער האָט חתונה געהאַט ברכה דער מומעס פאַר פיניען פון דער אָזעראַנער רודניע. און זי האָט טאַקע די ערשטע צייט דאָרטן גע־ווינט ביי שווער און שוויגער, דערנאָך האָט יענקל געשיקט שמואליק דעם מלמד צו יצחקן דעם סקרעבעליטשער. ווי אַזוי האָט זיך עס אָנגע־קלעפּט אַזאַ מין זאַך, אַז בסך־הכל איז ער גאָר גאַנצע טעג פאַרנומען אין האַרבאַרניע. פון וואַנען ווייסט ער וואָס פאַר אַ מיידל ביילקע איז, אַז בסך־הכל לערנט זי זיך גאָר פאַר אַ שניידערקע פריִער ביי אברהם בערן און דערנאָך שיעור נישט אין זשיטאָמיר. ראַסקע איז געווען אַ קליינינקע און האָט אָנגעהאַט יצחקן קינדערלעך געגוג, אי ייִנגעלעך, אי מיידעלעך. מיט דוד יצחקס בין איך געווען אין איינע יאָרן און איך האָב אַ ביסל געוואָלט זיין מיט אים חבר. איך האָב קענטיק געוואָלט זען, וואָס איז עס פאַר אַ מיידל אָט די ביילקע. דער טאַטע אירער איז אַ פריילעכער ייִד, אַ גרויסלעכער, מיט אַזאַ בלווילעכקייט אין דער גרוי־סער באָרד. אַזוי איז זי אַ שוואַרצע, נאָר די גרויע האָר, וואָס מישן זיך צו, גיסן אַריין אַן אָנגענעמע בלויקייט אינעם פנים. ער האַנדלט מיט בהמות, יצחק. און קיין גביר קאָן ער נישט ווערן, כאָטש ער פּוילט

www.libtool.com.cn

זיך נישט און וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט ווערן כאָטשבי פאַרמעגלעך באַלעבאַטיש, אויב נישט רייך, און ס׳לאָזט זיך נישט. אַלע יאָרן זיצט ער אין שכנות ביי יענעם. דערום איז דער שידוך אים אַ ביסל געפעלן געוואָרן. דאָרט ביי לאהן איז אַ האַמאַטנע, אַ פעסטע שטוב. נאָר ביילקע האָט געמאַכט שטיק מיט קונצן. טאָמער האָט זי עפּעס נישט אויסגעפירט, וואָס זי האָט געוואָלט אויספירן, פלעגט זי וואַרפן די טעלער איבער די ערד, פלעגט זי אַנטלויפן צו דער מאַמען. פאַר דערפאַר טאָר מען טאַקע נישט נעמען פון דיין שטאָט. טאָמער עפּעס נעמט זי און אַנטלויפט צו דער מאַמען.

איין מאָל, שבת אין דער פרי, האָט זי אָפּגעטאָן אַ שיינע קונץ ביילקע. אַז יענקל ט׳געטרונקען ציקאָריע איז זי געלעגן אינעם אַנטון אין אַלקיר אין בעט. ער האָט זי גערופן, זי האָט נישט געענטפערט און אַז מען איז אַלע אַוועק אין שול, האָט זי אָנגעטאָן אויף זיך אַלע מלבושים אירע, אַ טייל — זיינע, האָט איבערגעלאָזן די שאַפעס צע־עפנט, די טירן צעעפנט און איז אַוועק צו דער מאַמען. אַ טראָגענדיקע האָט זי אויסגעזען אין די אַלע שמאַטעס און אַ טראָגענדיקע איז זי געווען סיי ווי, אינעם פערטן חודש.

די מומע לאה, אַז זי איז געקומען פון שול, יענקל מיט די ברידער, אַז זיי זענען געקומען פון שול און געוואָלט זאָגן גוט שבת, איז נישטאָ וועמען צו זאָגן קיין גוט שבת, סיידן צו דער צעעפנטער שאַפע, צו דעם צעטרויטשעטן בעט, צום נישט פאַרשפּרייטן טיש. די מומע לאה האָט געבראָכן די הענט, געזאָגט: אַ קלאָג צו די יאָרן. אָבער אין האַרצן איז זי געווען פריילעך. זי האָט געמיינט, אַז איצט וועט יענקל סוף כל סוף ווערן אין כעס און אַרויסטרייבן אָט דעם וויכער אין גאַנצן. ער וועט איר געבן אַ גט און פּטור ווערן. אַזאַ קליפּה, אַזאַ שלאַק, אַזאַ גיהנום, באַהיט און באַוואָרנט זאָל מען ווערן! אָבער ער האָט זיך איינגעקלעפּעט, דער הובאַטער הונט, אין איר אַריבער די אויערן. ס׳איז אים גאָר קיין חרפּה נישט, קיין בושה נישט. זונטיק האָט ער אָנגענומען טאַרבעס מיט קיכלעך, מיט קריגלעך סמעטענע און מיט קריגלעך פּוטער און האָט אַוועקגעטראָגן צו דער ווייבראַ, אַז אויסגעריסן האָט זי געמעגט ווערן

www.fibtool.com.cn

אַ קלײנינקע. זי האָט אים געוואָרפן די קיכלעך אין פנים אַרײַן. אָבער ער האָט עפעס געקענט אַזאַ שפראַך צו איר. ער איז נישט געוואָרן אין כעס. ער האָט זי אײַנגערעדט מיט גוטס, דער פאָטער און די מוטער האָבן עס אַוודאי געוואָלט. עפעס אַ קלײניקײט: קוים אַראָפּגעפּטרט אַ מויד פון די פלײצעס און פלוצים — נאָ דיר זי מיט אַ צוגעדעקטן קאָפּ צוריק. אָבער זי האָט מן הסתם געוווסט, אַז זי וועט אויספירן אירס, און זי האָט זיך אומגעקערט אַהײם. די זאַכן האָט ער אַלע איבערגע־טראָגן איבער די אויפדערנאַכטן אַהײם און די מומע לאה זעט, אַז דאָס פײער, דער שלאַק איז די גאַנצע צײַט אין אַלקיר און ער, דער מורלאַ, טראָגט איר אַהין מילך, טראָגט איר אַהין סמעטענע. די מומע לאה וואָלט איר געטראָגן אַהין הײסע שטײנער אָנגעגליטע. אָבער זי ווײסט, אַז זי האָט דאָ קײן דעה נישט. און יענקל, דער הוברעי, דער עזות מחוצף פנים, דער גראָבער יונג און דער בעל־גאווה, וואָס האָט זיך צו ביילקען געשטעלט, ווי אַ שטום, נעבעכדיק לעמעלע, האָט מיט דעם זײער אַ סך אויסגעשפילט. אַ ווײַב מיט דער שײנקײט און ליכטיקײט פון אַ מלכה, מיט דער פרײלעכקײט און געזונט פון אַ יונגער לײביכע. און ס'האָט פון אים קײן סך נישט געוואָלט: ער זאָל איר ווינציקער קריכן אין פנים און אין שטוב זאָל איר קײנער נישט רעדן אַנטקעגן.

אַז איך האָב זיך שבועות פאַר טאָג געלײגט אויף מײַן ײנגלשער קאַנאַפּע האָב איך פון דער ווײטנס אַרײַנגעזאַפּט אין זיך דעם ריח פון די ארץ־ישראלדיקע פעלדער אין דער צײַט פון שניט פון גערשטן און דעם אָטעם פון ביילען דער מומעס. איך האָב געוואָלט, אַז אַלע ײדן זאָלן זײַן געזונט, ס'זאָל זײ זײַן גוט און ביילען דער מומעס.

* * *

שבועות אין דער פרי, אַז איך האָב געעפנט די אויגן, האָב איך נאָך אַזאַ שײנקײט און אַזאַ ליכטיקײט קײן מאָל נישט געזען. אויף די פענצטער איז געווען גרינס, אויפן יום־טובדיקן אויסגעוואַשענעם פאָל, וואָס איז געל ווי אַ געלבל און ריין און זאַפטיק, ליגט אויך גרינס. ווי אַזוי זשע מעג מען שלאָפן בײַ אַזאַ רײַכן פרימאָרגן, בײַ אַזאַ יונגן

www.libtool.com.cn 

יום־טוב? אײנס און צװײ שפּרינג איך אַרײַן אין מײַנע הײזעלעך, איך לויף אין קיך צו דער פּאָמיניצע זיך װאַשן. אַז װוּ דו טוסט זיך אַ קער, װוּ דו טוסט זיך אַ שטופּ איז אומעטום אַלצדינג שײן. די זון אויף די סאָסנעװע קלעצלעך אין דרויסן, לעם פּלויטל צװישן אונדזער הויפּל און דער מומעס. זע נאָר זי, ביילע זיצט אויף די קלעצלעך און דער טאַטע שטײט און רעדט לעם איר. ערשט לעם איר שײנקײט זע איך, װי דער טאַטע אונדזערער איז שײן. זײַן שװאַרצע באָרד איז דורכגעליפּטערט מיט יונגער פּרימאָרגנדיקער און נישט גלאַט פּרימאָרגנדיקער — יום־טוב שבֿועותדיקער זון. די אויגן זײַנע קוקן אויף ביילען, די ליפּן שמײכלען צו ביילען. כאָטש ער רעדט נאָר פֿון זײַטיקע זאַכן און ביילעס אָנטאָן איז גאָרנישט אַזוי דין, װי די זון מאַכט אים װאַרעם און דורכזיכטיק. די זון שפּילט זיך שוין מיט ביילעס יונג אײגן לײַב. װעל איך שטײן אויף דער זון, װעלן די אײגענע שטראַלן װאָס בײטן זיך אַלע מאָל קומען צו מיר אויך. און די גרינע, די שײנע, װאַרעמע לופּט, װאָס שפּילט זיך אַרום איר האַלדז, װעט זיך באַלד שפּילן לעם מײַנעם. און, װי די װאַרעמע יום־טובדיקע זון קיצלט געשמאַק! נאָר די מאַמע רופֿט טרינקען ציקאָריע. איצט איז בײַ אונדז די ציקאָריע נישט קײן שבת־דיקע. איצט איז זי אַ פֿריש־אָפּגעקאָכטע. און מיט װאָס עסן מיר די זיסע ציקאָריע? מיט שבֿועותדיקן פֿײַנקוך, יעדערן אַזאַ גרויסן שטיק פֿײַנקוך. שנײַדט אים מיטן מעסער, בײַסט אים פֿונעם שטיק און פֿאַרטרינקט מיט זיסער ציקאָריע און פֿרײ זיך מיטן יום־טוב. נײַן, מירן באַלד גײן אין שול אַרײַן.

יום־טוב זאָגט מען הלל, יום־טוב לײענט מען די תּורה, און יחיאל בנימין לײבס, דער הויכער אַלטער יחיאל, װאָס אַ גאַנץ יאָר דינט ער גאָט מיט אַ סך טיפֿקײטן, מיט אַ סך פֿאַרשטאַנדיקײטן, מיט אַ סך עבֿודה, װאָס האָט אין זיך נישט קײן שאָטן פֿון אָפּנאַרערײ; — אָט דער יחיאל אין דער שװאַרצער קאַפּאָטע, אין דעם שבת־יום־טובדיקן סאַמעטענעם היטל מיטן דענעק, מיט זײַן שפּיציק שמאָלער באָרד, װאָס װערט נישט גרוי שוין אַזוי פֿיל יאָרן — אָט דער יחיאל האָט אַ חזקה שוין פֿון פֿיל יאָרן, אַז אַקדמות זאָגט ער אין שול בײַם באַלעמער. און איך װײס

www.libtool.com.cn

שוין װאָס ס׳זאָגט זיך אין אקדמות. אַפילו דער ניגון איז מײַן אײגנס אַזױ װי איטלעככנס דאָ אין קלויז. אָט זאָגט ער דאָך יחיאל: אולא שקילנא הרמן ורשותא. יחיאל בײגט זיך לעם יעדער חרוז אַהין און צוריק, אָבער די באַװעגונגען פון זײַן הויכן דינעם קערפּער גײען נישט אַלײן, באַזונדער. אין זײ איז אײַנגעקנאָטן דער ניגון, װאָס מיר הערן אים אײן מאָל אין יאָר, אינעם ליכטיקן יום־טוב שבועות, אַז ס׳װילט זיך נאָר ס׳זאָל זיך אַזױ גיך נישט ענדיקן, ס׳זאָל זײַן נאָך און נאָך צו זאָגן, מנן ומאן היא רחימך שפירא ברויתא. אדום בגיניה ספית מרור אריותא... כאָטש גײ טאַנצן, און טאָן טוט ערשט אין מוסף אַ ביסעלע אַ שטשעמע ביים האַרצן דער ומפּני חטאינו גלינו מארצנו. טאַקע, װער האָט אונדז געבעטן זינדיקן? דאָס פאַרגעניגן פון די זינד גע־דויערט אַן אויגנבליק און אונדזער פאַרטריבנקייט איז לאַנג װי דער גלות אַלײן.

װען מיר זענען אויף אונדזער ערד און אין אונדזער לאַנד, ביילע דער מומעס װאָלט דאָך אויך דאַרטן געװען. אַז זי שײַנט דאָ אַזױ הערלעך, טאָ װי װאָלט זי שוין געשײַנט אויף בועזס פעלדער. זי װאָלט טאַקע געװען בועזס װײַב אויך. האָ־האָ. ביי טאָג, אַז מירן שפּאַצירן מיט ראובנען שמואליקס מיטן חבר מיט מײַנעם, װעלן מיר פון דעם אפשר רעדן און אפשר טאַקע נישט. ערשטנס האָב איך ליב, אַז ראובן דערציילט אַלײן, אַלע זאַכן דערציילט ער שײן, ער פּילט עס, װײַזט אויס, אין האַרצן און ס׳איז אים נאָענט, װי ער װאָלט אַלײן דערביי געװען. און צװייטנס, װאָס װעל איך עפּעס רעדן פון ביילען, אַז בסך־הכל טאָר גאָר ביילע אַלײן אויך נישט װיסן און זיך נישט אָנשטויסן, װי אַזױ זי זיצט ביי מיר אין האַרצן. אָט דאָ זיצט זי ביי מיר אין אַלע אברים. נאָר אַז זי געפעלט דעם טאַטן, צי מעג זי מיר געפעלן זײַן? דאָס איז אײנס. צװייטנס, צװייטנס איז נאָך ערגער, אַז דער טאַטע האָט די מאַמע און זײ ביידע האָבן אונדז, קינדער. צי מעגן אים ליגן אין זינען אַנדערע גיזדאַנקען אויסער דער האַרבאַרניע, דער שטוב און יום־טוב־קידוש ביי זיך און ביי גוטע פרײַנד? אָט דערפון װאָלט איך זיך אויך דאַרפן דערװיסן ביי ראובנען שמואליקס, און דערפון װעל איך

www.libtool.com.cn

מיט אים אויך נישט רעדן. נאָך מער — די מאַמע אַליין, אויב ס׳טוט איר ווײ אַזאַ מין זאַך, הערט מען עס פון איר אויך קיין מאָל נישט. מען דאַרף זיין גאָר אַ גוטער מבין, מע זאָל עס דערקענען אין איר פנים, אין דער מינע אירער. מאַמעלע טייערע, ס׳דאָך גאָרנישט. נעם זיך נישט צום האַרצן. ביילע איז יענקלס און דער טאַטע איז דיינער און אונדזער־רער אויף אַלע אייביקע יאָרן. ס׳נאָר, וואָס ביילען האָט גאָט געגעבן אַ קייסערשע רייכקייט אין איר קוק, אין איר פריילעכקייט און אינעם קאָליר פון איר הויט, פון אירע האָר און אַפילו פון די ברעם. איז דאָך דאָס אַ זאַך, מיט וועלכער אַלע דאַרפן זיך פרייען; אַפילו חיים דער טויבער צעשמייכלט זיך מיט דער באָרד, מיט די ברעם, מיט די אויערן, מיט די אויגן, ווען ער דערזעט זי דורכגיין אָדער ווען אים קומט אויס דורכגיין פאַרביי איר שטוב. ס׳איז נאָר אַ פאַרדראָס און אַ טעות פון דער השגחה, וואָס אַזאַ גראָבע זאַך, ווי יענקל דער מומעס, דאַרף ליגן מיט איר אין איין בעט. אַזעלכע זאַכן איז גאָר שווער צו מוחל זיין גאָט אַליין. נאָר דאָ קער עפּעס זיין. איך קלער שוין עפּעס, איך קלער שוין עפּעס. נאָר דו, מאַמע, דאַרפסט זיך נישט זאָרגן. אַזוי ווי אַ שיינע צאַצקע אין סידור, אַזוי ווי אַ שיין ווײנשעלע אויף לוקטאַנס ביימער אָדער אַ שיינע באַר אויף בילהאַלאַוס ביימער איז באַשאַפן געוואָרן, אַז אַלע מעגן אויף דעם קוקן מיט גרויס פאַרגעניגן, דאָס הייסט, אַז ווען דו טוסט גוט אַ קלער דאַרפסטו אויפן טאַטן פאַריבל נישט האָבן, נאָר פאַרקערט, דו אַליין מעגסט אויף איר קוקן מיט פאַרגעניגן און ווען מיר זיצן אין איינעם ביים טיש, מעגסטו זי לויבן פאַר מיר און פאַרן טאַטן אין די אויגן. און אפשר, אפשר וואָלט מען פאַר די שענסטע פרויען געדאַרפט צוטראַכטן אַזאַ טורמע מיט ליכטיקע פענצטער, מיט גוטער לופט, מיט שיינע מאַנען, נאָר זיי זאָלן נישט שטיין ביי איטלעכן אויפן וועג, אַז מענטשן זאָלן אויף זיי קוקן און זינדיקן מיט די געדאַנקען. און איצטער איז מיר שוין גרינגער, איצטער קוק איך שוין אויף ביילקען פראָסטער. איך פאַרגלייך זי צו אַ יינגער שיינער שטאָלטנער בהמה, וועלכע פאַרשאַפט פאַרגעניגן אַלעמען ווער ס׳קוקט אויף איר, און שוין. אַז זעסט אַזאַ יונגע שיינע זאַך, מאַכסטו אַ ברכה צו גאָט, וואָס גאָט

www.libtool.com.cn

האָט אָנגעזועטיקט מיט שײנקײט זײַנע באַשעפעניש. געדענק, מאַמע, אַז איך װעל אויסוואַקסן, װעלן מיר נאָך דערפון רעדן, װײל דו אַלײן, אויב דו װילסט װיסן, ביסט אַ שײנע און אַ גוטע און אַ באַלעבאָסטע און אַ קלוגע. דײַן קלוגשאַפט איז רײנער און רײַכער פון געשליפענעם גלאָז, פון קרישטאָל. דײַן קלוגשאַפט איז נישט קײן פּראָסטע, נישט קײן װאָכעדיקע. אַזוי די אײדעלע הערעלעך אויף דער באַק פון אַ פּרײַ־שער פערעשקע, אַזוי איז דײַן חכמה. און נאָך פרישער און שענער, װײל דו האַלטסט זי נישט נאַ פּאָקאַז; זי איז אײַנגעפלאָכטן אין דײַן לעבן, אין דײַן אַרבעט, אין דײַן רעדן, און אין דײַן שװײַגן. װען איך קאָן, מאַמע, װאָלט איך דיך געקושט און די קושן װאָלטן מיר געװען געשמאַקער פון אַלץ אין דער װעלט. און װײל איך האָב דערקענט, אַז דו ביסט אַ קלוגע, פאַרשטײ איך שױן װי אַזױ דו שװײַגסט אין דער צײַט, װען ס'אַרט דיך עפּעס. אָבער אפשר װאָלט עס דיך נישט געדאַרפט אַרן אויך? אָט־אָ איך בין אַ קינד, נאָך אַ ייִנגל, װאָס גײט אין חדר (אמת איך בין דײַנער אַ זון), און איך װײס, אַז דער טאַטע װעט פון אונדז צו קײנעם נישט אַװעקגײן. נאָר אַ יונגער איז ער, אַ שײנער איז ער. אַ גאַנצע װאָך האָרעװעט ער אַ סך און שבת אָדער יום־טוב אפשר גלוסט זיך אים אַ קוק טאָן אויף אַ שכנה, נישט צוליב דעם, אַז זײַנע זאָל בײַ אים װערן װאָלװל. נײן, צו זײַנס װעט ער קײנעם קײן זײַטיקן נישט צולאָזן. נאָר אַ מענטש איז דאָך נאָר פון אָדערן, פון פלײש און פון בלוט. װאַרט צו, מאַמע, איך װעל אויסװאַקסן, װעסטו שױן זען. דערנסטמאָל װעלן מיר אַ סך רעדן. און איצט, איצט האָבן מיר ערשט אָפּגעזאָגט אַ נעים זמירות. דער ארון־קודש פאַרמאַכט זיך, די טליתים לײגן זיך שױן צונויף. אינעם טלית איז דער טאַטע אַ שײ־נער, פונעם טלית גײט ער אַרויס נאָך אַ שענערער. דער זײַדענער סורדוט איז בײַ אים נאָך פון דער חתונה, אָבער ער ליגט אויף אים זײער שײן. די שװאַרצע באָרד דעקט צו מיט אַ באַזונדער שײנקײט דאָס װײַסע געפּרעסטע העמד מיטן שניפּסל, ער טוט אויס די יאַרמאָלקע, ט'־ט אָן דאָס היטל. איך גײ שױן אויך מיט אַ שניפּסל און מיט אַ קלײנער מנישקעלע. די ייִדן גיבן אָפּ גוט יום־טוב אײנער דעם צװײטן און מיר

www.libtool.com.cn


גייען אַלע אַרויס אויפֿן ליכטיקן דרויסן. סאַר אַ שיינער, סאַר אַ יום־טובדיקער ער קוקט אַרויס אויף אונדז. יעדע שטוב, יעדעס הייפל נעמט זיך צו זיין בעל־הביתטע מיט די קינדער, און מיר, מיר גייען צום עק שטעטל, מיט אונדז גייען נאָך שכנים מיט שכנות. אָט־אָ גייט די מאַמע מיט איר זיידן טיכל, מיט איר האַלב־זיידענער מאַטינע. די מאַמע איז צוגעשטילט, זי גיט אונדז אָפּ מיט איר שמייכל דעם גוט יום־טוב, וואָס מען גיט זיך אָפּ ווען מען גייט פֿון שול אַהיים, נאָר זי שווייגט. אפשר שווייגט זי, ווייל זי איז רויק, אפשר שווייגט זי, ווייל זי וויל וויסן וואָס טוען די קינדערלעך אין שטוב.

נישקשה, אין שטוב גיבן מיר ווייטער אָפּ אַ גוט יום־טוב. די מאַמע טוט אַ קוק צו דער בהמה. זומער אין דער צייט איז שטענדיק אַזוי, אַז מיר גייען מאַכן קידוש, קידוש איז טאַקע קידוש, נאָר דער וואַרמעס איז היינט אַזאַ, וואָס נאָר איין יום־טוב אין יאָר האָט אַזאַ וואַרמעס. ס׳גייען פֿון אויוון אין דער געלער געגלייזטער ריין בלינצעס, בלינטשיקעס מיט קעז, געטונקען אין צעלאָזענער פּוטער מיט סמעטענע. איר האָט שוין געגעסן אין אייער לעבן אַזאַ באַטעמט עסן, וואָס צעגייט זיך אַזוי אין מויל און אין אַלע אברים לכבוד יום־טוב? מאַמע, ווען האָסטו עס באַוויזן אָנבאַקן אַזוי פֿיל בלינצעס און זיי אויסוויקלען און זיי איינפּראַזשען און צונויפֿלייגן באַפּעטיקטע אין דער געלער געגלייזטער ריין? אפשר דענסטמאָל, ווען מיר זענען געשטאַנען און געקוקט און דער טאַטע ט׳גערעדט מיטביילען; דערפֿאַר קאָן עס נאָך ביי דיר אַזוי לאַנג נישט אָפּגיין? און ווער ט׳ביי זיי געבאַקט די בלינצעס? די מומע לאה! ווי דען?!

נו, גוט, אָט וועלן מיר אָפּעסן דעם מילכיקן קוליש מיט רייז אָדער מיט לאָקשן. איר וועט ביידע גיין אינעם אַלקיר מיט דער צוגעמאַכטער לאָד, די פֿליגן זאָלן נישט שטערן און איר וועט זיך צולייגן אָפּרוען, און איך וועל אַוועקגיין אין די ליפּקעס צו ראַובנען. מירן זיך דאָרטן טרעפֿן און דינהלע וועט זיך שפּילן מיט אירע חברטעס, וואָס וועלן צו איר קומען, און ברכהלע וועט זיך אויך שפּילן. זי וועט מאַכן מיט

www.libtool.com.cn

מיטרעס שיקסעלעך ברייטעלעך פון זאַמד און פון ליים. מאַמע, זאָלסט זיך איבערבעטן מיטן טאַטן, זאָלסט אויף אים קיין האַס נישט טראָגן.

* * *

אַ ביכל האָב איך היינט אַ שווערס, וואָס פאַרנעמט פאַרן האַרצן. ס'הייסט דאָס 93סטע יאָר אָדער הנדון למותה. שוין בעסער נעמען אַ ביכל אהבת ציון, ווו אַלע האָבן זיך ליב, ווו ס'איז שיין דאָס גראָז און הויך דיביימער, ווו דער פאָטער און די מוטער פון דער שיינער און גוטהאַרציקער תמרן זענען אויך שיינע און אויך בכבודיקע און אויך גוטהאַרציקע. וואָס איז, זיי זענען אפשר שענער פון מיין טאַטן מיט מיין מאַמען? ס'הייבט זיך גאָרנישט אָן. מיינע טאַטע־מאַמע קאָנען זיין אַ סך שענער פון זיי. דערצו דאַרפן זיי נאָר וווינען אין דעם אייגע־נעם לאַנד, נישט וויסן פון קיין גלות, מיט קיין פריסטאַוו, מיט קיין פורישקעוויטשן. און דינהלע, אַז זי וועט אונטערוואַקסן, וועט זי זיין נישט קיין תמר, זי וועט זיין דינה. דינה איז זייער אַ שיינער יידישער נאָמען, אָבער איר שיינקייט און איר גוטסקייט קאָן זי פשוט זיין מיט תמרן אַ חברטע.

מיר וועלן פרעגן ראובנען, וואָס פאַר אַ ביכל איז ביי אים היינט אויף שבת? ער האָט ליב אַ ביכל מענדעלעס. מענדעלע מוכר ספרים: „בעמק הבכה". איך שעם זיך אויסזאָגן. איך האָב זייער ליב ביכלעך און ספרים, נאָר ביז איך קלייב זיך אויס זיי לייענען גייט אַוועק די וואָך און מען דאַרף זיי שוין בייטן. איר מיינט, די רוסישע ביכלעך זענען שלעכטע? אַהאַ, פאַראַן אַ ביכל פושקין מיט אַזעלכע שיינע צורות פון זיין פאָטער, פון זיין מוטער, פון זיין כלה. זיין מוטער איז נאָך ייגגער פון זיין כלה. דאָס קאָן דאָך נישט זיין, איך מיין, אַז ייגגער קאָן זי טאַקע נישט זיין. מע האָט נאָר געגומען פון איר אַ קאַרטע, ווען זי איז געווען אַ יונגע. אָבער די כלה זיינע, זי איז טאַקע אויף דער אמת אַ יונגע. זי קער נאָך זיין היינט אויך אַ יונגע. פושקין האָט זיך געשאָסן אַ יונגער. ער האָט זיך נישט אַליין געשאָסן, ער האָט זיך געשאָסן מיט אַ צווייטן

www.libtool.com.cn 

יונגן פּריץ. דער האָלט אָנטקעגן דעם דעם פּיסטויל און דער אַנטקעגן דעם. און געהרגעט געוואָרן איז טאַקע פּושקין. ס'איז אַן עבירה, אַז אַזאַ מענטש זאָל אין אַזעלכע יונגע יאָרן געהרגעט ווערן. זיין מעשה איז פּושקינסקאַיאַ דאַטשקאַ. ניין, נישט פּושקינסקאַיאַ דאַטשקאַ, נאָר קאָפּי־טאַנסקאַיאַ דאַטשקאַ. יידל כיטריקס, מיין חבר פון שליאַך, זאָגט, אַז מיר דאַרפן דאָס נישט לייענען אין רוסיש, מיר קאָנען עס בעסער לייענען אין העברעיִש. מיט אים איז מיר גוט זיין חבר איבער אַן אַנדער זאַך. ערשטנס, זענען זיינע שוועסטער חבר מיט דינהן און מיט ברכהלען. און צווייטנס, קומט ער דורך די נאַוואָזעס גאָרטן און דורך דער ציהעלניע צו אונדז און איך גיי מיט אים שפּאַצירן אין שיניצע אָדער טאַקע אויף די נאַוואָזעס.

* * *

ס'איז נישט שיין צו זאָגן. דעם ערשטן טאָג שבועות עסט מען ביי אונדז צוויי מאָל מיטאָג. ווער דאַרף עס? קיינער דאַרף עס טאַקע נישט. דאָס איז נאָר דער מאַמען איבעריקע אַרבעט. מע זעצט זיך צום טיש, מע עסט אַן טעם. וואָס קאָן זיך גלייכן אַ געוויינלעכע פליישיקע יויך מיט אַזאַ טעם גן־עדנדיק שבועותדיק עסן, ווי די איינגעפּרעגלטע בלינצעס, וואָס צעגייען זיך אַליין אין מויל און מען טונקט זיי נאָך אין צעוואָרעמטער פּוטער מיט סמעטענע. ניין, ס'נישט קיין עסן, ס'איז אַ גאָטס דינסט. אַזוי קאָן מען נאָר דינען גאָט דעם אויבערשטן. דעם אייביקן, דעם יידן, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד און אַלע פעלקער אויף דער ערד און ער האָט אונדז געגעבן די תורה.

גאָט האָט באַשאַפן גרויסקייטן און קליינינקייטן. די מיידעלעך מיט די גרינגע קליידעלעך, מיט איינגעפלאָכטענע צעפּעלעך, מיט די איידעלע בעקעלעך און ציכטיקע נעזעלעך האָט אויך ער אַליין באַשאַפן. נו, צו זיי האָט זיך טאַקע קיין שום בן־אדם נישט געדאַרפט צורירן, נאָר איין אַלמעכטיקער גאָט, און דאָס אויך נישט מיט די הענט און נישט מיט די פינגער, נאָר מיט זיין ליכטיקן הייליקן אָטעם, מיט זיין בליק. פון זיין

www.libtool.com.cn

גנעדיקן שטראַלנדיקן בליק זענען באַשאַפן געוואָרן אַלע מיידעלעך, אַלע שיקסעלעך, אַלע קינדערלעך, אין איינעם אַפילו מיט קליינע חזירימלעך, קליינע לאַשיקלעך און קליינע גענדזעלעך מיט פּיצינקע הינדעלעך. איך האָב זיי אַלע זייער ליב. אַז איך דערזע אַ לאַשיקל מיט זיינע לאַנגע אַלע פיר געטאָקטע פיסעלעך און מיט די איידעלע ווייכע הערעלעך לעם דיך פאַרבויגן זיך, אַזוי גייט מיר אויס דאָס חיות, אַזוי ציט מיך צו זיין שיינקייט, צו זיין ליפּטיקייט, צו זיין יונג מאָרדעלע. איך האָב זיי אַלע ליב. און מיידעלעך מיט שיקסעלעך, וואָס גייען מיט באָרוועסע שיינע פיס, זיי האָב איך ליב העכער און בעסער. זיי זענען אַ חלק פון גאָט אַליין, זיי וואָלט איך געקושט און געגלעט פון טאָג ביז נאַכט, פון גע־בוירן ביזן טויט, פון אייביק ביז אייביק. ווען איך האָב זיי, וואָלט איך פאַרשפּאָרט לערנען חומש און תנ״ך, איך וואָלט פאַרשפּאָרט שרייבן. און אַפילו אַ גלעט, אַגרירן מיט די פינגער אַ מיידלס העלדזעלע איז שוין די קענטעניש אַליין. די קלוגסטע ספרים און די טיפסטע חכמים דער־גרייכן נישט צו דער רגע פון פאַרכלינען זיך מיט דער ליבשאַפט, ווען מיין פינגער רירט זיך צו צו אירס אַ פינגערל. נו, גענוג, לאָמיר שוין שווייגן. זיי זענען אַנגעשאָטן ווי מאָן, ווי שטערן אין הימל.

אויף יעדן טריט באַגעגנט זיי מיין בליק און ס׳רירט זיך אָן מיט אומברחמנותדיקער גלוסטעניש, נאָר מען טאָר נישט. אין דער טיף פון דער וועלט שרייט עפּעס אָן אַ קול און פאַרזיכערט אָן דעם מינדעסטן צווייפל: מען טאָר נישט, מע וועט נישט, מע לאָזט נישט. ווער לאָזט נישט? איך ווייס נישט. די וועלט לאָזט נישט, די באַשאַפונג לאָזט נישט.

* * *

איך האָב נאָר געזען, אין אַ זומערדיקן טאָג האָב איך געזען, אַז חזירימלעך יונגע זענען געקראָכן איינס אויפן צווייטן. זיי האָבן קיין וועלט נישט. אָדער פאַר זיי עקזיסטירט נישט קיין וועלט. אַ גליקלעך באַשעפעניש, חזירימלעך, און דער עיקר יונגע, אין חדר גייט מען נישט, כריוקען כריוקעט מען און שפּילן שפּילט מען זיך.

www.libtool.com.cn



און מע זאָגט נאָך אַן אַנדערן: גיי, ביסט אַ חזיר. אפשר מיינט מען עס: גיי ביסט אַ ג ר ו י ס ע ר חזיר. איז טאַקע עפּעס אַנדערש. און פון אַ קליין חזירל מוז דערנאָך אויסוואַקסן אַ גרויסער חזיר? אָט דאָס איז שוין שלעכט. און פון אַ קליין ייִנגעלע קאָן אויסוואַקסן אַ גרויס ייִנגל, אַ שיין ייִנגל און דערנאָך אַ טאַטע. און דער טאַטע ווען ער וויל זיין לייטיש, וואָלט ער דאַרפן ליב האָבן נאָר די מאַמע, נישט קוקן אויף ביילקען דער מומעס. ד. ה. קוקן מעג מען, רעדן מעג מען, אויסקלייבן אין איינעם פון גאָרטן די פּאַסאָליעס מעג מען, גיין אין איינעם, ווען מע באַגעגנט זיך גייענדיק פון שטאָט, מעג מען. מען מעג אַפילו פאָרן אויף איין וואָגן, ווען מען פאָרט ערגעץ אויף אַ נאָענטער חתונה, אַלצ־דינג מעג מען. אָט דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס אַלצדינג מעג מען. אַ לייטישער מענטש מעג אַלצדינג, ווייל פון דעם, וואָס מען דאַרף נישט קלערט ער אַפילו נישט. איך שווער אייך, מיינע טייערע, אַז איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך זיין אַן אמתער, אַ שיינער טאַטע, אַ ריינער און אַן אָרנטלעכער און איך וועל אַזוי ליב האָבן די „מאַמע" מיט די קינדער, איך וועל זיי אַזוי פּאַזשאַלעווען כסדר. איך וועל איר אויסער מיין אַרבעט אין האַרבאַרניע כסדר צוהעלפן אויך ביי איר אַרבעט אין שטוב. אַז איך וועל העלפן אַרויסטראָגן דעם פּוילע דער בהמה — דאָס איז דאָך גאָר קיין רייד נישטאָ. איך וועל איר אַריינכאַפּן, גייענדיק פון האַרבאַר־ניע, אַ מאָל וואַסער, אַריינטראָגן אַ בערעמאַק האָלץ. געגוג, אַז זי קאָכט, זי באַקט, זי ראַמט, זי האָט מיר קינדערלעך, זי פּאַרקעמט די קינדער־לעך, וואַשט זיי אויס, פּוצט זיי אויס, אַז גאָט און לייט זענען מיר מקנא אויף מיין שטוב. זי גיט זייער שיין אַ נדבה, אַז אַן אָרעמאַן גייט דורך. זי גייט שבת אין שול אַריין, פּוצט זיך אויס אין איר שבת־דיקן אָנטאָן און גייט אַזאַ שיינע. אוי, ווי איך בענק שוין נאָך דער צייט, ווען איך וועל זי קושן אין דער שטיל און ווען מירןביידע גיין יום־טוב פון שול.

אונדזער טאַטע מיט אונדזער מאַמע וועלן זיך זיצן מיט די ייִנגערע קינדער אין זייער שטוב און וועלן זיך אַרבעטן אין דער האַרבאַרניע און איך מיט מיין שטוב־געזינד וועל זיך וווינען אין אַ ביילעכער הילצערנער

www.libtool.com.cn

דירה מיט ליכטיקע צעעפנטע פענצטער, וואָס שטייט... ווו, מיינט איר, שטייט זי, מיין ביילעכע שטוב? איך ווייס שוין פון לאַנג, ווו זי שטייט אויפן גרויסן גאָרטן, אויף די צוויי לאַנגע בייטן, וואָס מיר האָבן צווישן דער מומעס גרויסן גאָרטן און צווישן היבקעס גאָרטן. אוי, איז דאָרטן גוט וווינען! די קינדער האָבן ווו צו שלאָפן, ווו צו מאַכן די אוראָקן. מיר האָבן זיך אַ באַזונדער אַלקיר מיט נייע שיינע בעטן. אָבער אַרבעטן וועל איך אפשר אַרבעטן מיטן טאַטן אין איינעם אין האַרבאַרניע. נישקשה, די האַרבאַרניע קאָן געבן פרנסה אויף ביידע סעמעיסטוועס. און מירן טאַקע העלפן די עלטערן אונדזערע חתונה מאַכן די ייִנגערע קינדער.

ווו איז עס שוין יענע גוטע צייט? מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. איך וועל נישט זיין קיין חזיר, איך וועל נישט זיין קיין חמור־אייזל, איך וועל זיין אַ גוט ייִנגעלע, איך וועל וואַקסן, איך וועל גיין אין חדר, איך וועל בעל־מצוה ווערן. אוי־אוי־אוי, וויפל ס'איז נאָך ביסקעלע דער בר־מצוה?! איז דערווייל גייען די מיידלעך אויף יעדן טראַט, און די פויער־שע טעכטער און אַפילו דערוואַקסענע ווייבלעך. אַז אַפילו דער רבי אַליין האָט אַ ווייב, אַ ווילע, אַ שטייפלעכע דאָרפס־טאָכטער מיט גוטע אויגן, מיט געטרייע פירעקיכיקע ווערטער אַזעלכע, וואָס זי זאָגט אַרויס צו אונדז, נאָר אין יעדן וואָרט איז אַ שיינע ליבשאַפט. רבונו של עולם, וואָס האָסטו צו מיר, וואָס האָסטו מיר אַנגעשטעלט אַזוי פיל באַטעמטע גלוסטונגען אויפן גאַנצן וועג אויף מיינעם! לאָז מיך לערנען, לאָז מיך אַ ביסעלע לערנען דיין הייליקע תורה.

ווען מיר לערנען אַ שיינע זאַך לערנען מיר. ביי יהודהן איז גע־שטאָרבן דאָס ווייב זיינס בת שבע. שוין נישט קיין יונגער געווען יהודה, ווייזט אויס, נאָר אַ קרעפטיקער ייִדאַטש. נו, און די זין זיינע, ער און ענן. פריִער איז געווען ער דער מאַן אירער, תמרס. האָט ער געזשאַלעוועט פאַרדאַרבן איר שיינקייט און געלעבט מיט איר אַנדערש ווי אַלע גוטע מענטשן לעבן. האָט אים גאָט געשלאָגן און ער איז געשטאָרבן. דערנאָך האָט ענן געדראָשן אינעווייניק און געווינט אין דרויסן, האָט אויך אים גאָט געשלאָגן און ער איז געשטאָרבן. וואָרט זיך, דעם גלחס טאָכטער, די יונגע שיינע אלמנה מיט די גריבעלעך אין די בעקלעך, אויף וועמען

www.libtool.com.cn

וואַרט זי, אויף שלהן? איך קלער, אַז אין שטוב ביי די עלטערן שאַפּט מען זיך מיט איר נישט זי זאָל טאָן אַן אַרבעט. לייענט זי ביכלעך, טוט זיך אָן שיין אַלע פּאַרנאַכט און וואַרט אויף שלהן. זי קוקט אָפּט אין צווייטן דאָרף, ווען די יונגען מאַכן קונצן, יונגען אויף פערד פעכטעווען. זעט זי, אַז שלה איז שוין נישט קיין שלעכטער כלאָפּטשאַק און זי סמאַ־קעוועט אַפילו, ווען ס'וועט קומען דער טאָג און ביידע, די יונגע שיינע, שטייפע אלמנה און דער יונגער בחורעץ וועלן הנאה האָבן פון זייער לעבן. אָבער דער יהודה דער שווער כאַפּט זיך נישט. איך הערט, ער שלאָפט, ער מאַכט זיך נישט ווויסנדיק. איז וואָס זשע ווייטער געווען, אַז יהודה איז געגאַנגען שערן די שאָף און האָט מיטגענומען מיט זיך דעם חבר זיינעם דעם עזולמי, האָט ער דערזען אויפן וועג עפּעס אַ זונה מן הסתם, כאָטש דאָס פּנים איז ביי איר פאַרדעקט, אָבער דער שטאַלט איז אַ שיינער, האָט זיך יהודהן פאַרגלוסט. איר פאַרשטייט, אים מעג זיך גלוסטן; אים אַן עלטסטן פון אַ שבט מעג זיך גלוסטן. אמת, ער איז אַן אלמן און דערצו איז ער אַ רייכער און אַ קרעפּטיקער ייד. דער רבי זאָגט עס אונדז נישט, נאָר שטילערהייט, אין דער טיפסטער באַ־העלטעניש, ווייסן מיר, אַז זיי ביידע האָבן גאָר־גאָר הנאה געהאַט. דערום האָט אונדז נישט ווינציקער אָנגעכאַפּט ביים האַרצן, וואָס ער, יהודה, איז ביי זיך אַזוי גרויס, אַזוי גדולדיק. אַז ס'איז צו אים אָנגעקומען, אַז זי, די שיינע שנור זיינע איז טאַקע היינטיקס מאָל טראַגעדיק גע־וואָרן, טוט ער אַ מאַך איינס און צוויי, פירט זי אַרויס און פאַרברענט זי. עפּעס אַיין קלייניקייט — פאַרברענען אַזאַ תמרן! אָבער זי איז אויך נישט פון די נאַרישע מיידלעך: — אַנו, צו וועמען געהערן עס די דיזן מיט די דאָזן? צו דעם בין איך טראַגעדיק. אהא? ווסטו שוין נישט זיין אַזאַ קלוגער. ווי דען? ער איז דאָך נישט קיין הולטיי פון די הולטייעס. ער האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און זאָגט: צדקה ממני. ווער איז גערעכט? זי איז גערעכט! און זי האָט געהאַט די אמתע פּאָר בייסטרוקעס, אַ צווילינג ט'זי געהאַט, און פון פרצן וועט סך־הכל אַרויס־קומען דוד המלך.

ווי דען? פון אַזאַ שיין און שעמעוודיק און געפּאַקט ווייבל, כאָטש

www.libtool.com.cn

אַ גלחס אַ טאָכטער און פון אַזאַ יידלען יענקעלס זאָל אַרויסקומען עפּעס קלענער. דערווייל קריכט מיר נישט אַריין אין קאָפּ אַ גאַנצן טאָג, און אַ גאַנצע וואָך דעם גלחס טאָכטער, יהודהס שנור, אַ גוט שנירל פּערל תמר. איך זע זי מיט איר גאַנצער שיינקייט, מיט איר פרישקייט און גלוסטקייט. רבונו של עולם! דיין הייליקע תורה מאַכט מיר אויכעט גלוסטן ביי טאָג און ביי נאַכט. איין זאַך קלער איך נאָר: דער רבי, ווי דער רבי. דער רבי קען אַליין פאַרשטיין, ער איז כסדר צווישן יינגלעך, אָבער די מאַמע מיינע, מיין יונגע, שיינע, געטרייע, און פאַר־האָרעוועטע מאַמע, ווען ס׳גייט איר איבער אין געדאַנק כאָטש אַ הונ־דערט חלק מיט וואָס איר עלטסטער זונעלע, דער שיינער תלמיד איציקל, איז טאָג ווי נאַכט פאַרנומען, זי וואָלט דאָך זיך נעבעך באַוואַשן מיט טרערן. אוי, איציק, איציק, האָסט כאָטש וויפל נישט איז גאָט אין האַרצן, כאָטש אויף איין האָר, אויף איין לעקעלע, וואָלסטו זיך דאָך געפירט שענער, ווי ס״פּאַסט פאַר אַן ערלעך יידיש יינגעלע, וואָס איז נאָך אַפילו קיין האַלב נישט בר־מצוה געוואָרן?! אוי, גאָט זיסער, ווען איך וואַקס שוין גיכער אויס און שטיי אין האַרבאַרגיע ביי דער קאַבילע ביים טיש און ביים טרייבן די ביטן, ווי אַלע לייטישע מענטשן — אפשר וואָלט מיר אַרויס פון קאָפּ אַזעלכע זאַכן, וואָס סיי גאָט, סיי אַלע גוטע און פרומע לייט האָבן אַנגעזאָגט און טויזנט מאָל פאַרזאָגט און אָנגעשריבן אין אַלע מוסר־ספרים און צוגעגרייט אַזאַ אויסגעהייצטן, פייערדיקן, סמאָ־לעדיקן גיהנום. אוי, איציקל, וועלן זיך דיינע ביינדעלעך קאָכן אין סמאָלע! ס׳איז סטראַשנע. אַ יאָ, טעראַשנע? בין איך דאָך אָבער אַ פאַר־פאַלענער מענטש. טוט זיך מיר אַ דאַכט, אַז מרימס טעכטער און לאָזער מרדכי ישראלס שוועסטער, וואָס שלאָפן מיט די רייכע בראַקערס, מיט די וואַלד־מענטשן וועלן דאָך נאַקעטע זיך לופטערן אין פאַדערהויז פון גיהנום, יאָ? וועל איך ברענען און דערווייל אויף זיי קוקן, אויף די נאַקעטע, אויסגעלאַסענע. אמת, שוין פאַרזעסענע טעכטער מרדכי יש־ראלס. וואָס, וואָס, בריסטן זענען דאָך ביי זיי שיינע?!

אַ סוף, אַן עק. איך וועל שוין בעסער נישט קלערן פון גאָט און פון גיהנום און פון גוטע און פרומע לייט, און פון דעם, וואָס ס׳איז

www.libtool.com.cn

אָנגעשריבן אין די מוסר־ספרים. איך וועל בעסער זיין אַ ייִנגל, ווי אַלע ייִנגלעך, איך וועל העלפן אין שטוב, איך וועל טריקענען די קאָרע אין הויף, איך וועל לערנען אין חדר אַלץ, וואָס מע לערנט דאָרטן, איך וועל נישט טרייבן פון קאָפּ קיין מחשבות, זיי וועלן אַליין אַריין און וועלן אַליין אַרויס. איין זאַך איז מיר נאָר אַ ביסל מולקא: מיר זאָגן אַ ברכה שלא עשני אשה, און די פרויען קערן זיין די גליקלעכסטע אין דער וועלט, פון דער קייסערינע ביז דער סאַמע פּשוטסטער דינסט און פּויער־טע, אַז אַלע גיהנומדיקע גלוסטונגען וואָס זויגן אויס דעם מאַרך פון די ביינער זענען דאָך צו זיי, אַ סימן, אַז זיי זענען די רייכסטע, די גליקלעכסטע, די גלוסטונג אַליין. דאָס וואָס איך וויל, האָבן זיי. זענען זיי דאָך שוין אויף זיכער אָנגעזעטיקט! מיט דאָס שענסטע, מיט דאָס בעסטע, מיט דאָס געשמאַקסטע, וואָס ס'איז דאָ אינעם גאַנצן לעבן. טאָ זייט זשע גליקלעך, טייערע ווייבער, טייערע מאַמעס, מיידלעך און מיידעלעך, און איך וועל לערנען אין חדר און פּאָלגן אַ גאַנג. און די געדאַנקען, אָט די אַלע גלוסטונגען, זאָלן זיי אַליין אַריין און אַליין אַרויס. און איך וועל טאָקע עסן וואַרמעס אין דער היים. אַ קוליש מיט ריבעס אַ טונקעלן, נאָר אַ געשמאַקן, פּאַרווייסט אַ ביסעלע מיט סמעטענע. און אויף דאָס צווייטע ט'הייַנט די מאַמע געמאַכט אַ קאַשע אַ הירזשענע מיט אַ ביסעלע פּוטער און זי איז זיסלעך, זי איז געשמאַק. אין דער וואָכן עסן מיר ביי אַן אָפּגעדעקטן טיש זייער וואָכעדיק, שוין אַפילו צו וואָכעדיק. דאָס מעסער, דאָס זעלצערל פון זאַלץ, דאָס אָנגע־הויבענע שוואַרצע לעבל ברויט. אין דער וואָכן עסן מיר, דוכט זיך, נאָר ווייל מען דאַרף אונטערוואַרפן האַלץ אונטערן קעסל, קיינע צר־פּוצונגען, קיינע צוציִונגען. אַז מע וועט נישט עסן, וועט מען שטאַרבן און כדי נישט שטאַרבן, דאַרף מען עסן. אַז וועסט אָפּעסן אין דער פרי, וועסטו אַרבעטן ביז ביי טאָג, אַז וועסט אָפּעסן ביי טאָג, וועסטו אַר־בעטן ביז פאַר נאַכט. אַז וועסט אָפּעסן און אָפּטרינקען, וועסטו קאָנען דערלעבן מאָרגן. מיר געפעלט עס נישט אַזוי שטאַרק. נאָר מיר וועלן נאָך דערפון רעדן.

* * *

www.libtool.com.cn

די האַרבאַרניע איז ביי אונדז צעטיילט אויף צוויי טיילן. די קלע־נערע טייל — אַ האַלבער, טרוקענער ווערקשטאַט, וואָס מיר פלעגן זי רופן די ראַבאָטשע, און אַ האַלבער, נאַסער ווערקשטאַט. אמת, די קלענערע העלפט, אי די ערשטע, אי די צווייטע, זענען געווען אונדזערע, וואָס מע האָט געגעבן מיין מאַמען און מיין טאַטן אין נדן, זיי זענען געווען איבערגעצוימט מיט ווענטלעך פון אינעווייניק און האָבן געהאַט אַריינגאַנגען באַזונדערע. פון דרויסן אונדזערע אין אונדזער הויפל און דער מומע לאהס מיט יענקל האָבן געהאַט צוויי אַריינגאַנגען: איינעם פון זייער הויפל לעם קליין געסעלע און איינעם אין דער טיף פון האַר־באַרניע־הויף אַנטקעגן האַרבאַרניע־ברונעם און אַנטקעגן זייער שאַפע.

אין האַרבאַרניע אַריין נעמען מיר וואַסער (אי מיר, אי זיי) פון האַרבאַרניע־ברונעם און אין שטוב אַריין נעמען מיר וואַסער פונעם הויף־ברונעם. דאָס וואָרט: „ביי זיי" האָט זיך איינגעפעסטיקט און איינגע־בירגערט פון אַ סך יאָרן און אויף אַ סך יאָרן נאָך דעם:

— ווו איז דער אייזערנער עמער?

— ביי זיי.

— טו מיר אַ רוף דינהלען!

— זי איז ביי זיי.

— ווער גייט עס דאָרטן?

— דאָס איז פון זיי.

איז ביי זיי לעם דער ראַבאָטשע, ד. ה. לעם טרוקענעם ווערקשטאַט, געווען צוגעבויט אַ חדרל מיט אַן אויוון און דאָרטן האָבן געוווינט פון צייט צו צייט אַ מאָל אייגענע און אַ מאָל פרעמדע שכנים. בשעת איך בין געווען נאָך גאָר אַ קלייניקער, איז ביי מיר געבליבן אין זכרון איין קורצער צייט־אָפּשניט, וואָס איז ווייט נישט קליין, כאָטש ער איז פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען דער קינדערשער געדאַנק און שכל קאָנען זיך אויסווייזן ווי אַ ליידיק אָרט.

אויב איך בין דענסטמאָל אַלט געווען דריי יאָר, און אַ סך גיכער ווינציקער, ווייל צו פיר האָט מען מיך שוין געטראָגן צו לייבען דעם הריף אין חדר און דאַן האָב איך געקערט זיין אַ בר־דעת פון צוויי יאָר

www.libtool.com.cn

דאָס דריטע. ביי זיי אינעם צימער, לעם דער ראַבאָטשע, האָט דאַן גע־וווינט איצל דעם חריפּס מיט העניען דעם ווייב זיינעם און אַ טאָכטער האָבן זיי געהאַט צביה. ערשט איצט שטויס איך מיך אָן, אַז דאָס איז געווען אַ בת־יחידה, אַן איין און איינציקע. דאַן האָב איך געוווּסט, אַז איך בין געווען אָנגעהאָנגען אין צביהן. איך האָב לויט אַלע סימנים נישט געקאָנט אויסרעדן דאָס וואָרט צביה, האָט זי ביי מיר פּראָווילבע געהייסן זעזא. בין איך געווען אָנגעהאָנגען אין זעזען, אַז נפשי איז געווען קשורה בנפשה. ריכטיק. בין איך געווען זייער אָן אָפּטער בן־בית אינעם צימער לעם דער ראַבאָטשע. אין שטוב אי ביי אונדז, אי ביי דער מומען לאהן, האָט מען גערעדט, אַז העניע איז זייער קאַרג, אַז זיי האָבן אַן ערדן טעפּעלע מיט קעז האַלטן זיי עס פון אויבן אויף דער סטעפּקע.

אַז דער קעז ווערט פאַרשימלט, ווישט אים העניע אָפּ מיט דעם ברעג לעפל, באַשמירט אים אויף ברויט און דער קעז שטייט שוין ווייטער אויפן סטעפּקע־דעכל ביז ס׳וועט ווייטער אָנוואַקסן אַ גראָבלעכע הויט פון גרינעם שימל.

אין עס אמת וואָס מען דערציילט? ווער ווייסט? אָבער אַז איך בין געווען ביי איצלען מיט העניען מיט זעזען אין שטוב און זיי האָבן אַקוראַט געגעסן וואַרמעס און מען האָט מיר געגעבן אַ גרויסן רעטשענעם וואַרעניק מיט קעז, האָב איך זיך געפרייט און האָב אים געגעסן און דעם טעם, וואָס איך האָב געפילט אינעם וואַרעניק, ווייס איך נישט צי איך האָב אין מיין ווייטערדיקן לעבן נאָך אין עפּעס געפילט אַזאַ טעם. דערציילן אין דער היים וועגן דעם, אַז מען האָט מיך ביי העניען מכבד געווען האָב איך נישט געקאָנט, ווייל מען פאַר־מיאוסט כסדר אַזוי העניעס באַלעבאַטישקייט און העניעס קאָכן און העניעס אויפפירן זיך, אַז איך וואָלט דאַרפן זיין ווייס איך ווער, איך זאָל זיך דערלויבן צורירן צו עפּעס ביי העניען אין שטוב. זעט איר דאָך, אַז דאָרטן איז דער וואַרעניק געווען געשמאַק גאָרנישט צו באַמאָלן און נישט צו באַשרייבן און איבערצוגעבן מיט ווערטער. גיי רעד. איצט איז צו זען, אַז מיין צוגעבונדנקייט צו זעזען איז געווען אָן אַן ערך העכער און טיפער פון אַ נאַש בראַטס צוגעבונדנקייט צו זיין איידל־

www.fbtool.com.cn

סטער און שטאַרקסטער ליבע. און אַזוי ווי דאָס וואָס איך דערצייל אין די שורות איז ברור כשמש, קאָן מען טאַקע דערפון עפּעס אָפּלערנען. איך, ליבקעס ייִנגל איציק, וואָס איז שוין אַ גרויס, שוין צוויי יאָר דאָס דריטע און זאָל שוין זיין אַלע דריי, האָב אויפגעקליבן זעזעסביידע שיכלעך און בין זיי אַוועק אַרומוואַשן אין דער פּאַמוינער יאַמע הינטער דער באָבעס האַרבאַרניע.

הער אַ גבורה, אַ פאַרשטאַנד און אַ מין באַנעמען די פליכט. נישט זי דאַרף וואַשן מיינע שיך, נאָר איך, דער ריטער, דער פּאַרליבטער, דאַרף, ווי דער שטייגער איז, וואַשן אירע, זעזעס, שיכעלעך. טאַקע שיכעלעך, ווייל זיי זענען מיר געווען ליב. איך האָב געפילט צו זיי אַ שוואַכקייט, צו זעזעס שיכלעך. און בין אַוועק צו דער שווענק־גרוב, וווּהין די וואַסערן לויפן אָפּ פון האַרבאַרניע: ווייך וואַסער, זאַלע־וואַסער, מיטן האַרבן ריח פון קאַלך. די גרוב איז געווען פאַרדעקט מיט ברעטלעך ווייס אָפּגעקאַלעכטע און איין ברעטל איז געווען אָפּגעוואָרפן אַרויף. האָב איך, דער גבור, זיך געבויגן איבערן אָפּגעדעקטן אָרט אין דער גרוב און זיך אָנגעשטרענגט צו דערלאַנגען וואַסער און געוואַשן זעזעס שיכעלעך און האָב זיי קענטיק צעוואַשן, און אַז איך האָב זיי שוין אָנידערגעשטעלט, כדי זיי צו באַקוקן בעסער, האָב איך זיך אַ גליטש געטאָן און זיך אַריינגעגליטשט אין דער פּאַמוינער יאַמע און בין גע־בליבן הענגען אויף ביידע הענט, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אויף די ברעטלעך פונעם אויבערדעק. איך האָב געשריגן? איך האָב געוויינט? איך האָב זיך דערשראָקן? ס׳אַלץ מעגלעך, נאָר פון דעם געדענק איך גאָרנישט. איך געדענק נאָר, אַז די באָבע האָט מיך אַוועקגעטראָגן און האָט מיך פאַרטראָגן נישט אַהיים, נאָר צו דער מומע לאהן, צו דער באָבען אויפן אויוון און מע האָט מיך אַוועקגעזעצט זיך טריקענען. און מע האָט מיר עפּעס געגעבן אין מויל אַריין אויך, און ס׳איז מיר שוין געווען צוריק גוט. גוט... און נישט ביזן סוף. ווער האָט אָפּגעטראָגן זעזען די שיכעלעך אין שטוב? וואָס וועט זיין, אַז די מאַמע וועט זיך דערוויסן פאַר וואָס בין איך געווען לעם גרוב, וואָס האָב איך דאָרטן געטאָן לעם גרוב. איך מעג וויסן פאַר וואָס בין איך געווען און וואָס

www.libtool.com.cn

האָב איך געטאָן, אָבער נאָר איך, ווייל איך האָב עס נויטיק באַדאַרפט און צו עמעצן האָט עס נישט. דערפאַר טאַקע האָט מיך די באָבע אפשר פאַרטראָגן צו זיי אויפן אריזון און נישט צו אונדז.

* * *

יאָ, דער פאַלטן מיט די קורצע אַרבל, וואָס איך האָב אים אַזוי לאַנג געטראָגן, בין מיט אים אַזוי גוט געווען געוווינט, ער איז געווען פון ליכטיק־גרויען צייג מיט אַ טונקל קעסטעלע. און איצט, אַז איך האָב אים אָנגעטאָן, און אָנטאָן האָב איך אים געמוזט. דערווייל גייען אַלע אין פאַלטנס, כאָטש ס'נישט אַזוי קאַלט. דער טאָג איז גרויס און ביי טאָג איז אמת ווארעם. וואָס זשע איז די מעשה? די מעשה איז אַזוי. וואַרעניקלעך מיט זויערמילך רופט מען ביי אונדז אין שטוב אַ גע־ווײַנלעכן מאכל, נישט קיין געקאָכטן. מיר בראָקן אָן ברויט אין זויערמילך, מישן גוט אויס מיט אַ לעפל און דאָס הייסט ביי אונדז וואַרעניקלעך מיט זויערמילך. בכלל ווייס איך און די גאַנצע שטאָט ווייסט, אַז איך בין אַ שטיל יינגעלע אין אַ גוט יינגעלע, און אַז איך קאָן זיין אַ דיבוק אויך, דאָס וועל איך נישט גלויבן און קיינער וועט נישט גלויבן. ס'גלאָט וואָס, ווען ס'שווימט אַ מאָל אַרויף אַ פאַקט, קאָן מען זען בולט, אַז מיר פאַרמאָגן אויך אין זיך גוטע שטיק. טאָ וואָרט צו, וועלן מיר עס אַרויסנעמען אויף דער ליכטיקער שיין און מירן אויפן גרייטן באַשליסן אפשר יאָ און אפשר נישט. אין דער פרי, איך דאַרף גיין אין חדר אַריין, דאַרף מען דאָך אָפּעסן אָנבייסן אַפריער (פרישטיק הייסט ביי אונדז אָנבייסן). — זויערמילך וועסטו עסן? — זאָגט די מאַמע. ס'איז נישט פון סאַמע בעסטע מאכלים, נאָר איך האָב, ווייזט אויס, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ מורקע געטאָן, וואָס דאָס קאָן באַדייטן: זאָל זיין זויערמילך, אפשר מיט אַ ביסעלע פּידסמעטענע און זי זאָגט: — בראָק אָן, וועט זיין וואַרעניקלעך. טו איך אַ קנייטש מיט דער פּלייצע, וואָס דאָס באַדייט, אַז איך וויל נישט קיין געבראָקטס. זאָגט זי: — באַרעלע, ס'דאַך בעסער, וואַרעניקלעך זענען אַ מחיה. הער איך זי, פאַרשטייט זיך, נישט. איז זי זיך מישב און גייט אַליין צו צום טיש און נעמט מיר בראָקן ברויט אין קריגעלע אַריין, ס'זאָל זיין וואַרעניקלעך.

www.libtool.com.cn

— א־א־א!? ווילסטו שוין גאָר אַזוי? — טו איך אַ טראַכט מיט כעס.

— ווער ס׳וויל קאָן עסן געבראָקטס — טו איך אַ זאָג און הייב זיך אויף פון טיש און טו אָן מיט רעש דעם פּאַלטן און גיי אַוועק אין חדר אַריין.

דאָס איז די מעשה, וואָס אין חדר גיין פאַרשפּאָרט מען זיך לאַנג קלייבן. נישט קיין ביכלעך, נישט קיין העפטן, נישט קיין ווירע, נישט קיין טינט. אַלצדינג איז אין חדר. דער חומש איז אין חדר, דער תנ״ך איז אין חדר, די שרייב־זאַכן זענען אין חדר, מערסטן ביים רבין אויף די פּאַליטשקעס פונעם ווינקל־שאַפּקעלע, טאָקע אין דעם ווינקל, ווו ס׳שטייט אונדזער טיש ווו מיר לערנען. און אַ שיינע זאַך: מיר האָבן געלערנט, ווו מען לערנט שטענדיק. מיר האָבן זיך געשפּילט, ווו מיר שפּילן זיך שטענדיק, מיר זענען געגאַנגען אונטערן טייך, ווו מען גייט שטענדיק. נישט קיין הונגער האָב איך געפילט, נישט קיין אַנדער אומ־נאָרמאַלקייט. ס׳איז מיר געווען געוויינלעך גוט אויפן האַרצן און ווי אַלע מאָל אַרום עלף האָבן מיר שוין אָנגעהויבן קוקן אויפן זייגער מיטן פאַרלאַנג, ס׳זאָל שוין זיין צוועלף, מע זאָל שוין גיין אַהיים, אויף לאַנג נישט אויף לאַנג.

נאָך דערווייל איז מען אויף דער פריי אַ ביסל אויף דרויסן, אַ ביסל אין דער היים, און מאַלע וואָס ס׳קאָן זיך נאָך טרעפן. ביי אַן אַנדערן איז געקומען אַ מומע צו גאַסט מיט צוויי קינדער, וואָס מען דערזעט זיך, מע דערקענט זיך און מע דערציילט איינס דעם צווייטן וואָס ס׳טוט זיך. ביי איינעם שטעלט מען איבער דעם אויוון אין קיך.

קומסטו, זעסטו אויף וויפל דער אויוון איז שוין אויסגעוואַקסן זינט דו ביסט אין דער פריי אַוועק און דו מעסט זיך צו, ווו וועט שוין דער אויוון האַלטן, ווען דו וועסט קומען פאַר נאַכט. ביי אונדז איז דער טאַטע נאָר וואָס געקומען פון דאָרף. דאָס פערד שטייט שוין אין שטאַל, פון וואָגן איז נאָך נישט אַלץ אַראָפּגעטראָגן. און ביי אונדז, ווערדליק ס׳איז אַ האַרבאַרניע, טרעפט אויך, אַז דו קומסט און טרעפסט עפּעס אַ פּנים חדשות. די לוטשינסקער שוסטער זענען געקומען אָדער אַ פויער ט׳געבראַכט צו פירן אַ פור קאַלך. מאלע וואָס ס׳טרעפט זיך. איך בין

געקומען אַהיים אַ פריילעכער, מיט דער פריילעכקייט, וואָס דו ביסט דערוויילֿ אַרויס פון די ווענט פון חדר און אויסטוענדיק דעם פּאַלטן, טו איך פריילעך אַ זאָג:

— וואַרמעס.

די מאַמע פּאָרעט זיך עפּעס לעם קאַמאָדע. איך ווייס אַפילו נישט, צי זי האָט עפּעס נויטיק געדאַרפט דאָרטן. קאָן זיין, דאָס האָב איך שוין שפּעטער באַקלערט, אַז זי האָט געוואָלט האָבן אַ געלעגנהייט זיך פּאָרען אין מיין אַלקיר (אַ ביסל איז עס אַן אַלקיר, אַ ביסל איז עס אַן עסצימער), כדי זי זאָל מיך רויק באַגעגענען און רויק מיר עפּעס זאָגן אַ נויטיקע זאַך.

— אַ יינגעלע, ווו ער עסט אָנבייסן — זאָגט זי שטיל און רויק און נישט געאיילט. — אַ יינגעלע, ווו ער עסט אָנבייסן, קאָן ער דאָרטן עסן וואַרמעס (וואַרמעס דאָס איז ביי אונדז מיטאָג).

זאָגן, אַז ס׳מיר געוואָרן ערגעץ קאַלט? זאָגן, אַז ס׳מיר פּאַרגאַנגען עפּעס אַ שאַרפע זויערקייט אין דער נאָז? זאָגן, אַז איך האָב זיך עפּעס דערמאָנט עפּעס אַזעלכעס, וואָס איך האָב גאָר אין גאַנצן געהאַט פאַר־געסן? מ י ר זאָל די מאַמע אַזוי זאָגן. ס׳גאָר נישטאָ קיין רחמנות, וואָס איך בין אַ גאַנצן פרימאָרגן געווען אַ הונגעריקער? ווער ווער, איך האָב אויף זיך באַקומען זייער אַ גרויס רחמנות. גוט, איך האָב אַ שמאַרע געטאָן מיט דער נאָז. איך זאָל וויסן אייביק נישט עסן, וועל איך זיך גיין בעטן? מע עט שוין קאָנען וואַרטן. איך האָב זיך אויס־געדרייט איבער דער שטוב און האָב אָנגעטאָן, אַזוי ווי נישט מיך מיינט מען און נישט פון מיר רעדט זיך עס, דעם פּאַלטן און בין אַרויס פון שטוב אָן האַסטיקייט, נישט געקלאַפּט מיט דער טיר. איך האָב געבעטן אין האַרצן קיינער פון די באַקאַנטע זאָל זיך מיר נישט באַגעגענען אויף דער גאַס. אַבי איך בין אַרויס פון מיטרעס געסל, בין איך שוין אַוועק. אמת, ס׳איז זייער נישט נאַטירלעך, ס׳איז זייער פרי. אָבער אַנ־דערש קאָן עס נישט גיין, אַזוי דאַרף עס זיין ווי ס׳איז. איך דאַרף נישט זייער וואַרמעס. „זייער״ — דאָס איז אי דעם טאַטנס, אי דער מאַמעס. וואָס איז עס דאָרטן היינט פאַר אַ וואַרמעס? וואָס איז דער חילוק. זאָלן

www.fbtool.com.cn

זײ מײַן חלק אָפּגעבן דער קאַץ, אױסגיסן דער בהמה אין פּאַמיניצע. איך דאַרף נישט זײער װאַרמעס. איך װעל אַװעקגײן אין אַ דאָרף, אין אַ װײַטן דאָרף, מע זאָל אַפילו נישט װיסן, װוּ איך בין. איך װעל זיך אײַנבעטן בײַ אַ גױ, װאָס האָט נישט קײן קינדער. איך װעל שלאָפן בײַ זײ אױפן פּאָל, איך װעל זיך גײן מיט לײװונטענע הײזעלעך, איך װעל דאָרטן פּאַסען די בהמה און גײן אין אַ סװיטקע, נאָר מײַן ײדישקײט װעל איך נישט פאַרגעסן. בײַ נאַכט װעל איך זאָגן תהילים און צו 13 יאָר, אַז זײ װעלן מיך ליב האָבן, װעלן זײ פאָרן קײן װעלעדניק און װעלן מיר קױפן צװײ תפילימלעך. איך האָב געװוּסט, אַז איך װעל לעבן און איך װעל זײַן אַ ײד, נאָר אין אַ סװיטקע און אין לײװונטענע הײזעלעך...

גײן אין חדר איז נאָך פרי, בין איך דורכגעגאַנגען דעם מאַרק אַ מאָל דרײַ. איך פרעג בײַ אַ פױער, װאָס װיל ער פאַרן װאָגן האָלץ, פיר גילן, פינף גילן... אַז דער װאָגן האָלץ זאָל אַפילו זײַן די גרעסטע מציאה, װוּהין װעל איך אים פירן, איך האָב דען אַ הײם? װער װעט פאַר מיר באַצאָלן? איך פיל, אַז מײַן דרײען זיך איבערן מאַרק האָט הײַנט נישט קײן מאַכט אין זיך, קײן שטאַרקײט. ס'איז אַ לײדיק, אַן אױסגעהױלט אַרומדרײען זיך. קום דערװײַל אין חדר אַרײַן. איך קום אַראָפּ אין דאָלינע, פאַרקירעװע אין חדר אַרײַן. עפּעס איז דאָרט אַזױ מאָדנע... אױ װײ, איך האָב נאָך קײן מאָל נישט געזען דער חדר זאָל האָבן אַזאַ אױסזען, דער עיקר די קיך. דער רבי זיצט בײַם טישל, די רביצין זיצט בײַם טישל, די קינדער זיצן בײַם טישל, מע האַלט אין די הענט לעפל. אױפן טיש שטײט אַ שיסל מיט עסן און זײ שעפּן מיט די לעפל װאַרעמע הירזשענע זופּ און יעדערער עסט זיך אױף זײַן שטײגער. איך האָב זיך אַזױ אַרײַנגעפּאַקט, אַז נישט אַרײַנגײן קאָן איך נישט און אַרױסגײן פּאַסט מיר אַװדאי נישט. איך האָב זיך דורכגעשטופּט מיט אַ זײַטל אין חדר אַרײַן, אײנער אַלײן אין חדר — דאָס הײסט, אַז ביז נאַכט װעט הײַנט זײַן לענגער, װי שטענדיק.

די רביצין ט'מיך געפרעגט מיט איר באַטעמט פירעקעכיק פּנים:

— עפּעס פרי הײַנט ביסטו געקומען? אָבער איך האָב געהערט און

www.libtool.com.cn 

נישט געהערט, געענטפערט און נישט געענטפערט. איך זיץ שוין ביים טיש און ווייס נישט וואָסער טינטער נעמען, וואָסער פּענע נעמען. ווען איך דערלעב שוין ס'זאָלן קומען נאָך אַ פּאָר ייִנגלעך. צו וואָס זאָלן מיר אַ סך רעדן, ס'איז מיר נישט גוט אויפן האַרצן. און?... עסן? צו וואָס האָט גאָט אויסגעטראַכט, אַז מענטשן זאָלן דאַרפן עסן. אנא עסט מען ביים רבין אין אַ קליין קיכעלע, נאָר ס'האָט מיר אַ מאַכט. ווער ס'וויל קאָן זיך עסן, ווער ס'וויל נישט, קאָן אַזוי אויסקומען. ס'גאָרנישט. איך דאַרף נישט.

די מינוטן ציִען זיך אויס לאַנג און דאָך, אַז מען אָטעמט און מען לעבט דערלעבט מען. אָט איז שוין געקומען ברוך יענקל און אָט איז שוין געקומען נחקע דעם שוחטס. פון נחקע דעם שוחטס דערציילט מען אַ שיינע מעשה. ער האָט געלערנט אין משה דודס חדר ביי קאַפּלען דעם שמש אין שטוב. ער האָט זיך געשפּילט מיטן אייניקל קאַפּלס, מיט רחלען. האָט ער גענומען דעם טינטער און זי אָנגענומען ביי דער האַנט און געזאָגט: הרי את מקודשת לי בקסת זו. די ייִנגלעך האָבן דערהערט, האָבן זיי געמאַכט אַ שמחה מיט אַ טראַסק. דערווייל ט'עס דערהערט קאַפּל און דערנאָך מירקע, האָבן זיי זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ און מע איז געלאָפן צום רב. נו, ס'איז שוין געוורן געגוג.

אַלע מאָל קוק איך אויף נחקען, ווי אויף אַ פריילעך ייִנגל. צום סוף איז ער נישט קיין קליינער נאַר. נאָר אַזוי ווי ער איז אַ גוטער נאַר, נעמט זיך ביי אים די פריילעכקייט פון דער גוטסקייט. תמיד איז ביי אים דאָס מויל ברייט צעעפנט און ער שמייכלט. ס'איז אים גוט. איין מאָל האָט דער רבי לאַנג געזוכט זיין פייערגעצייג, וואָס איז ביי אים אין אַ לעדערן בייטעלע מיט צוויי לעדערנע אויערלעך. אַלע זוכן, די ייִנגלעך העלפן זוכן ווער אונטער דער באַנק, ווער אונטערן טיש, און נחקע זיצט, דאָס מויל איז ביי אים צעעפנט מיט אַ גרויסאַציקן שמייכל און ער האַלט דעם ווייז־פינגער אויסגעשטרעקט. דער עולם איז פאַר־נומען מיטן זוכן און ער טוט זיין אַרבעט און שווייגט. און אַז מע האָט זיך ענדלעך אויף אים אַרומגעקוקט, לאָזט זיך אויס, אַז ער האָט דערזען דער ערשטער, ווו דאָס פייערגעצייג הענגט, אָט־אָ אויפן טשוועקל אויפן

www.libtool.com.cn

פענצטער לעם פאָרהאַנגל. אַזוי ווי דאָס לעדערנע בייטעלע ט׳געשוויגן, אַזוי האָט נחקע געשוויגן און נאָר געהאַלטן דעם פינגער אַנטקעגן און דעם שמייכל אַנטקעגן. ווען ס׳געדויערט אַזוי אַ שעה, וואָלט ער געהאַלטן אַ שעה, ווען ס׳געדויערט צוויי, וואָלט ער געהאַלטן צוויי. אַזאַ איז נחקע און אַזאַ האָבן מיר אים ליב געהאַט. און דערווייל הייבט אָן סמאָקען אונטערן לעפעלע. אָט־אָ איז געקומען חיים יענקלס, אייניקע ייִנגלעך ברענגען מיטאָג אין אַ שטיקל ווייס פּאַפּיר. ביי אונדז רופט זיך מיטאָג דאָס, וואָס מע זאָגט פּאָלודניק, דאָס פאַרנאַכטיקע איבערבייסן.

ביי ברוך יענקלען האָב איך געזען אין אַ פּאַפּיר אַ פּאָר מוצאלעך ברויט מיט שמאַלץ. ס׳איז נישט קיין שלעכט עסן. ווען מען זאָגט מיר פריִער איך זאָל נעמען ביי אַ ייִנגל אַ שטיקל פון זיין עסן, וואָס ס׳איז געמאַכט געוואָרן אין אַ פרעמדער שטוב, געשמירט געוואָרן מיט אַ פרעמדן לעפל, אויפגעוויקלט אין אַ פרעמד פּאַפּיר, וואָלט איך זיך אַפילו נישט צוגערירט צו דעם, און איצט חזרט זיך שוין ביי מיר אין געדאַנק אַ רעדע מיט אַ פאָררעדע, אַז איך וועל זאָגן ברוך יענקלען: גיב מיר אַ שטיקל פון דיין מיטאָג. איך האָב היינט פאַרגעסן נעמען; מאָרגן וועל איך דיר געבן פון מיינעם. ברוך יענקל איז נישט קיין שלעכט ייִנגל. און אפשר זאָל איך אים זאָגן, אַז מיר האָט ווײ געטאָן דער קאָפּ, שוואַך געגעסן וואַרמעס. אי עס איז אַ ליגן, אי ס׳איז לעפּיש. און אויב איך וועל קאָנען וועל איך זיך אפשר איינהאַלטן נאָך אַ ביסל. דערווייל שרייבן מיר, יעדערער שרייבט אַ געדאַנק. ברוך יענקל ט׳אָנגעשריבן: טייערער טאַטע. איך בין געפאָרן האַנדלען סחורה, בין איך געפאָרן מיט דער באַן. איז צוגעגאַנגען אַ קריסט און האָט מיר אַראָפּגעוואָרפן דאָס היטל. ס׳איז אַ געדאַנק. און נאָך ייִנגלעך האָבן געשריבן אַנדערע געדאַנקען. ווען איך דערלויב זיך שרייבן אַזאַ געדאַנק, וואָס איז מיר איצטער אויפן האַרצן, וואָלט איך שוין גאָר אָנגעשריבן ווילדע זאַכן. מיטן דאָרף, ווו איך האָב זיך באַשטעלט, ווי אַזוי קיינער ווייסט נישט ווו איך בין. נאָר דערווייל עקבערט מיך אַן אַנדער געדאַנק: צי איך וועל זיך דערוועגן לייען ביי ברוך יענקלען אַ שטיקל ברויט מיט שמאַלץ. ער וועט זיין מיטאָג עסן אַרום פינף אַ זייגער, דענסטמאָל וואָלט געוועזן

www.libtool.com.cn

גרינגער צו עסן אין איינעם. אָבער ביז פינף אַ זייגער איז נאָך זייער ווייט. למשל, אַז איך האָב אים שוין געזאָגט און ער האָט מיר שוין צוגעזאָגט, וועט ער דאָך נישט גיין אין מיטן דרינגען קאַלופּען זיין מיטאָג, און ווו וועל איך אים עסן? סיידן אין דרויסן אַזוי ווי אַ גנבל און זיך וואַרגן מיטן ביסן. און אפשר גאָר ביי ברוכן דער מומעס געמען. מיט אים זענען מיר דאָך איין שטוב. ס׳איז פון דעסטוועגן שלעכט, אַז מען וויל עסן און מע האָט אַליין נישט ביי זיך קיין אייגנס. די פּענעס קריי־טשען, דער געדאַנק שרייבט זיך. אין מיטן דרינען איז עפּעס געוואָרן שטיל אין חדר. איך הייב אויף די אויגן. יאָ. די מאַמע מיינע איז עפּעס דאָ אין חדר. מע האָט איר אַפּילו געגעבן אַ שטול און זי זיצט אַזוי מיט דער שאַל אויף די פּלייצעס. עפּעס האָט זי דערציילט, איך האָב נישט געהערט וואָס, און דער רבי זאָגט מיט אַ שמייכל:

— נישקשה — זאָגט ער — פון יענער זייט טייך וואַקסן ביי אונדז ווייכע ווערבע־ריטער, קאָן מען אַנרייסן עטלעכע, און מער זאָגט ער נישט, נאָר מען פאַרשטייט שוין אַלע אַליין פון וועמענס וועגן ס׳טרע־בעווען זיך די ווייכע ריטלעך, וואָס פון יענער זייט טייך און אויף וועמענס ווייכן לייב זיי וואָלטן זיך דאַרפן לייגן. איך ווייס גאָרנישט, איך הער גאָרנישט. איך זיץ נאָר עפּעס צו אויסגעגלייכט און די אויגן זענען אָפן און ס׳איז זיי וואַרעם און ס׳קאַפּען פון זיי וואַרעמע, קיילעכ־דיקע נאַסע טרערעלעך: איינס, איינס, איינס, איינס. אין האַלדז איז מיר אויך עפּעס צו פּייכט. דערווייל קומט אַריין די רביצין מיט איר שטענדיק גוט פּירעקעכיק פּנים. ס׳גאָרנישט — זאָגט זי — דערווייל עס עפּעס אָפּ, דערנאָך דעם וועט אַלץ זיין ווי תמיד, וועסט צוריק זיין אַ גוט יינגעלע. און זי לייגט מיר אַוועק אויפן טיש לעבן מיין פּאַפּיר פונעם געדאַנק גראָבע צוויי פּעכקע מוצאָס חלה מיט האָניק באַשמירט אין מיטן. איך וואָלט מעגן שווערן, אַז נישט נאָר ביי דער רביצין, ביי אונדז אַליין זענען דאָ אַזעלכע קוילעטשן פון שבת און ביי אונדז איז דאָ אינעם קריגל האָניק. אָבער די מאַמע, אַז זי איז אויף מיר אַזוי פיל ברוגז, וועט זי דאָך נישט גיין טראָגן אַהער קיין חלה מיט האָניק פון דער היים. איז עס טאָקע ווייטער דער רביציננס.

www.fibtool.com.cn

גאָט מײַנער, העלף מיר! ס׳איז דאָ זײער שלעכט צו זיצן. אַלע ײנגלעך קוקן. זײ זענען גוט צו מיר, קוקן זײ. זאָלן זײ קוקן. און די װײכע װערבעלעך װאָס פון יענער זײט טײַך, ער דאַרף זײ טאַקע, דער רבי אין אַן אמת, צי ער זאָגט נאָר בדרך עצה, אַז אין אַ נױט קאָנען אַזעלכע ריטעלעך אַראָפּנעמען אַלץ, אַלץ אָפּװאַשן, װי מיטן בעסטן זײף, אַז ס׳זאָל פֿונעם עקשן קײן סימן נישט בלײַבן.

מיר איז עס אַלצדינג גוט צו הערן. די גראָבע מוצאס חלה מיט האָניק בלײַבן אױפן טיש נישט קײן צוגעריירטע אַפֿילו. איך רוק זיך אַרױס אין דרױסן, װי איך װאָלט דאַרפֿן צוגײן צום אונטערן טײַך, נאָר אַהין גײט זיך עפּעס נישט. קלײַב זיך אױס אַ גאַנג אַרום משה אהרן קאשוטעס שטוב און מען קאָן אפשר אַרײַנגײן אין בית־המדרש אַרײַן. אָט, װוּ ס׳איז איצטער גוט! די בענק לײדיק, דער אין מיטן פון בית־המדרש — לײדיק, די סטענדערס פרײַ און לײדיק. קאָפּל דער שמש פּאָרעט זיך עפּעס לעם זײַנע הױכע ביז דער סטעליע שאַפעס מיט שװאַר־צע דיקטענע, דינע און ברײטע טירלעך, װאָס עפענען זיך נישט, נאָר זײ רוקן זיך אָפּ און צו. קאָפּל האָט דאָרטן סחורות פון דער װעלט: ציצות, טליתים, מחזורים, סידורים און סידורלעך און בענטשערלעך, אַ ביכל הדבור העברי און אַפֿילו בראַנפן אױף יאָרצײַטן. די ספרים מיט די מחזורים שרײַבט ער אױס פון באַרדיטשעװ און איך װײס נאָך ביז איצט נישט, צי אױף באָרג, צי פאַר געצאָלטס. דאָס איז אײנס, און צי קאָפּל פירט אַלײן זײַנע חשבונות און דעם בריװ־אױסטױש מיט װאַרשע, צי רחל, דאָס אײניקל זײַנס, װאָס נחקע האָט אַ מאָל מקדש געװען מיטן טינטער. זי קען געװיס שרײַבן. אפשר מאַכט זי עס אים אין די אָװנטן, װען קאָפּל פאַרשליסט דעם בית־המדרש און קומט אַהײם. אין בית־המדרש איז מיר גוט. איך האָב זיך אָפּגעקילט, איך האָב אױסגעװישט דאָס פּנים פון די טרערן און איך האָב עפּעס זיך אַרױסגעדרײט פֿונעם פּרישן לײדיקן בית־המדרש און בין אַװעק; איך װײס אַלײן אױך נישט װוּהין בין איך אַװעק. װײַזט אױס, אַז איך בין אַװעק אַהײם.

אין דער הײם איז מיר געװען אי װאָכעדיק, אי נישט געװײנלעך, אי שױן נאָענט צו סוף טאָג. דער טאַטע איז אין האַרבאַרניע, די מאַמע

www.libtool.com.cn

איז אפשר נאָך ביי מיר אין חדר, און נאָך איידער איך האָב עפּעס פאַר־שטאַנען האָב איך געפונען די שטוביקע טינט און פען, האָב אָפּגעזוכט אַ ריין פערטל פאַפּיר און אָנגעשריבן אַ סך'לעך, צו וועמען? צום טאַטן. ווער איז דאָ ביי אונדז אין שטוב דער חשובסטער, דער הויפּט, דער וואָס טראָגט אויף זיך אי דעם יאָך פון פרנסה, אי דעם יאָך פון מחנך זיין די קינדער, אי וואָס דאַוונט מנחה אַלע טאָג, ווער איז עס? דער טאַטע. איך האָב אָנגעשריבן: לאבי היקר מוהורר און אַזוי ווייטער, נאָר דאָס איבעריקע האָב איך געשריבן אין יידיש, אַז היות אים דאַרף איך פאָלגן צוליב כבוד אב און אין אַלצדינג הערן, פאַרשטיי איך, אַז די רוגזן, וואָס איך האָב היינט געפּראָוועט זענען שלעכטע און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ווען איך וועל להבא טאָן ווי אַזוי איך זאָל זיי קיין מאָל נישט פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש, וועט עס זיין טויזנט מאָל גלייכער, און איך האָב זיך געחתמעט. דאָס בריוול האָב איך שיין צונויפגעלייגט, אויפן האַרצן איז מיר געוועזן גאַנץ פינצטערלעך. איך האָב אָפּגעזוכט דינהלען און געבעטן זי זאָל אָט דאָס אַ פאַרטראָגן אין האַרבאַרניע און אָפּגעבן דעם טאַטן און זי זאָל דאָרטן זיין אַ ביסעלע און זי זאָל הערן אַלצדינג.

איך האָב זיך גאָר אַליין נישט געריכט, ווי ס'האָט מיר אָנגעהויבן ווערן גוט. דער טאַטע האָט איבערגעלייענט און געשמייכלט. דערנאָך האָט ער דערציילט אליהן, וואָס האָט ביי אונדז יענעם סעזאָן געאַרבעט. אליה האָט געזאָגט: אנו, לייענט איבער, איך וועל אויך הערן. און דער טאַטע האָט איבערגעלייענט. דינהלע האָט, ווייזט אויס, נישט געהערט וואָס ס'שרייבט זיך דאָרט. זי האָט געהערט וואָס זיי רעדן. און אליה האָט אויך אָנגעקוועלט: — אָהאָ — זאָגט ער — ער שרייבט גוט. איך האָב זיך גאָרנישט געריכט, אַז אַזאַ יאַטל זאָל שוין אַזוי אַלצדינג קענען אַרויסשרייבן. און דינהלע איז געקומען און געזאָגט, אַז דער טאַטע ט'געזאָגט איך זאָל נישט וואַרטן ביז די מאַמע וועט קומען, מיר זאָלן ביידע עפּעס אָפּזוכן און איך זאָל עסן. איז מיר טאַקע געוואָרן ליכטיק אין די אויגן. אַז איך בין שוין געזעסן און האָב געגעסן, איז ערשט געקומען צו לויפן ברוך דער מומעס און זאָגט: — זע, ביסט גאָר

www.libtool.com.cn

דאָ? און מיר האָבן דיך געזוכט אונטערן טייך און אין בית־המדרש. דוכט זיך, אַז ער האָט נאָך געזאָגט: אַפילו אין בית־המדרש אויפן בוידעם. מיר איז עס געווען געפעלן. איך האָב זיך נישט צוגעהערט, צי ברוך דאַרף נאָך גיין צוריק אין חדר אַריין זאָגן, צי נישט. מיר איז אַ דאַנק גאָט גוט אויפן האַרצן. זיך גיין באַשטעלן אין אַ דאָרף אַריין, פון דעם קלער איך שוין נישט. די מאַמע וועט קומען, זאָל זי קומען.

ס'האָט שוין מיר גאָר באַנג געטאָן, וואָס אַזאַ שיינער טאָג איז שוין אַזוי גיך דורכגעגאַנגען. ווו נעמט מען אַ צווייטן אַזעלכן. די ווייכינקע ריטעלעך פון יענער זייט טייך. ווי דען? זיי זענען נישט קיין ווייכינקע? זיי זענען טאַקע ווייכינקע און פרישינקע.

דער טאַטע איז געקומען פון האַרבאַרניע דאַווענען מנחה און ט'מיר גאָרנישט געזאָגט.

— די מאַמע איז געקומען? — ט'ער אַ פרעג געטאָן. און דאָס איז אַלץ. און איך האָב מער נישט געדאַרפט. און מיט דערויף האָט זיך געדאַרפט ענדיקן די גאַנצע געשיכטע. אָבער אין דער פרי איז געווען אויף דרויסן קעלטער ווי נעכטן, אַפילו אַ פראָסט איז געלעגן אויף די פלויטן און אויפן דאַך פון דער זדיביצע אין הויף. גיי איך אָנצוטאָן דעם פאַלטן אין חדר אַריין. נישטאָ דער פאַלטן. לאַנגלעך האָב איך נישט פאַרשטאַנען, ווו קאָן עס זיין מיין פאַלטן, און מיין פאַלטן איז גאָר לויטן סאַמע פשוטסטן שכל נעכטן פאַר נאַכט געבליבן אין חדר. אַנו, דערמאָנט זיך אין מיטן בשעת ס'האָבן מיר געקאַפּעט טרערן פון די אויגן, בשעת די מאַמע איז געזעסן אויפן אַריינגעטראָגענעם שטול מיט דער שאַל אויף די פלייצעס, בשעת ס'האָט זיך גערעדט וועגן די ווייכע ווערבע־ריטעלעך, בין איך אַרויס מיט אַ פאַלטן, צי אָן אַ פאַלטן? נו, געוווג. בין איך אַריין אין הויז אין סטעפקע, האָב אויסגעזוכט מיין אַלטן פאַלטן. זאָלט איר אַ קוק טאָן סאַראַ קורצקייט די אַרבל זענען און סאַראַ קורצקייט די פאָלעס זענען. ס'איז ממש אַ בושה גיין אין אַזאַ פאַלטן. אָבער אָן אַ פאַלטן איז אויך נישט שיין צו גיין. ווי אַזוי בין איך עס נעכטן געגאַנגען אָן אַ פאַלטן, ווייס איך נישט. האָב איך אים אויפגעהאָנגען אין הויז ביים רבין אויף אַ טשוועקל. די רביצין איז

www.libtool.com.cn

צו מיר גוט, שטייט זי לעם פּריפּעטשיק. דאָס פייער פון אויוון רויטלט איר די באַקן.

— נו, — זאָגט זי — היינט ביסטו שוין גישט אַוועק אָן קיין אָנבייסן?! זי איז אַ גוטע, די רביצין. ס'אַרט מיך נישט, וואָס זי פרעגט. און ווי איך האָב זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש צווישן די יינגלעך איז שוין אַלץ געווען צוריק ווי שטענדיק. ס'גאַר, וואָס דעם טאָג האָב איך געוויינט איבער אַן אַנדער זאַך. איז דאָס האָט מען גע־דאַרפט אַזוי.

די פּאָטשט פלעגט מען אונדז ברענגען אין שטוב, אָבער ווען שמערל דעם חריפס טאָכטער פלעגט מיך באַגעגענען אין גאַס פלעגט זי מיר אָפּגעבן.

און וואָס איז געווען אונדזער פּאָטשט. מערסטנס פון ראַדאָמישליע און אַ מאָל פון מאָזיר. אין ראַדאָמישליע דער זיידע מיט דער באָבע, דעם טאַטנס עלטערן. דער זיידע הייסט צבי אריה, הערש לייב. די באָבע הייסט פייגע שפרינצע. און אין ראַדאָמישליע האָבן מיר דער מאַמעס שוועסטער, די מומע באַבל מיטן פעטער צאַלעלן מיט די קינדער, און אין מאָזיר האָבן מיר ווייטער דער מאַמעס שוועסטער, די מומע העניע, דעם פעטער בענציע און אויך מיט די קינדער. אַז שרהל דעם חריפס באַגעגנט מיך אין גאַס, ווען זי גייט אַ מאָל מיט די בריוו, טו איך צו איר אַ קוק און זי טוט צו מיר אויך אַ קוק. זי טוט אַ מיש די טאַליע בריוו מיט קאַרטלעך און, אַז ס'דאָ עפּעס גיט זי מיר אָפּ.

— קיפּניס — זאָגט זי. דאָס מאָל האָט זי מיר אָפּגעגעבן אַ קאַרטל. אַז איך נעם אָפּ אַ קאַרטל שטעל איך זיך אָפּ און לייען עס איבער. דאָס מאָל, ווי איך האָב זיך נאָר געוואָלט דערפרייען מיט דער באָבעס שרייבן און מיט דער באָבעס ערשטע ווערטער, אַזוי האָבן מיר זיך אַדראַזו געשטעלט טרערן אין די אויגן, שוין גאָר אַנדערע טרערן. עפּעס אַ קלייניקייט — דער זיידע איז געשטאָרבן. געווען שלאָף און געשטאָרבן. איך ווייס נישט צוליב וואָס האָב איך עס געטאָן. איך בין צוגעגאַנגען צו מאָטל איטשע דעם זאַליאַזניקס גאַניק, האָב איבער־געטאָן די פּאָלטנס. דעם נייעם פּאָלטן האָב איך אויסגעטאָן און דעם

www.libtool.com.cn

אַלטן, וואָס איך האָב געטראָגן אין האַנט, האָב איך אַנגעטאָן, ווייזט אויס, מיינע טרערן זאָלן אין דעם אַלטן פּאַלטן מיט די קורצע אַרבל זיין מער אמתדיק. פּאַר וואָס זאָל עפּעס מיין זיידע שטאַרבן ?! מלכה די זאַליאַזניטשקע פון אַנטקעגן איז געשטאַנען אויף איר גאַניק און זי האָט דייטלעך געזען, ווי איך וויין, האָט זי אַפּילו זיך נישט געפּוילט און מיך איבערגעפרעגט: — ייִנגעלע, וואָס וויינסטו?

דאָס קאַרטל האָב איך דעם טאַטן נישט געקאַנט אָפּגעבן. קיין שלעכטע בשורה גיט מען נישט אָפּ יענעם אין האַנט אַריין. די מאַמע האָט שוין ביי מיר גלייך געוווּסט און וואַרמעס האָב איך געגעסן אַזאַ טעם האָט עס שוין געהאַט. און דער טאַטע איז אָוועקגעפאָרן קיין ראַ־דאָמישליע, ער וועט דאָרטן דערזיצן מיט זיי די שבעה און זאָגן קדיש. ביי דער באָבען ט׳דאַך געדאַוונט אַ מנין.

אַזאַ זיידע, דער זיידע הערש לייב.

די מאַמע פלעגט אים זייער לויבן. די באָבע איז געווען אַ בייזע שוויגער און דער זיידע, דער פעסטער ייִד מיט דער געלבלעכער באָרד, ער איז געווען אַ מזג טוב. די מאַמע איז אַ מאָל נאָך דער חתונה געווען אין ראַדאָמישלע. דער טאַטע, אַ יונגער נאָך, איז אָוועקגעפאָרן קיין באַרדיטשעוו זוכן זיך אַרבעט. די מאַמע ט׳זייער געבענקט. אַ יונגע, אַן איידלינקע, אַ שעמעוודיקע, ריין אַנגעטאָן, נאָר זי שווייגט מערער. פּאַר נאַכט גייט זי אַרויס צום שליאַך און קוקט, צי די בעל־עגלות פאָרן. גייט אַרויס דער זיידע, נעמט זי אַן ביים אַקסל:

— קום. מיין קינד. ער וועט נישט אַנטלויפן קיין אַמעריקע. ער וועט קומען.

אַן אַנדערש מאָל פלעגט ער איר זאָגן:

— אַזאַ ליב טייבעלע וואַרפט מען נישט אָוועק. ער וועט קומען אַפילו פון עק וועלט. און מיט אַ שמייכל פלעגט ער זי אָוועקפירן אין שטוב אַריין. די מאַמע פלעגט געהיט אַראָפּכאַפּן אַ טרער פון דער ברעם, נאָר אין האַרצן האָט זי אים געוווּנטשן דאָס אייביקע לעבן. ער איז געווען אַ מזג טוב.

www.libtool.com.cn

* * *

אין אַ סך יאָרן אַרום, איך בין שוין געווען אַ ביסל אַ גרויסלעכער, נאָר נאָך מער אַ קינד, האָב איך זיך איבערגעשריבן מיט אַ ייִנגעלע, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסשטאָטישן נאָמען מיט אַ ייִדישער פֿאַמיליע, הענריק רייכמאַן.

איך פֿלעג אויסבעטן אין ביבליאָטעק און אַ מאָל פֿלעג איך נעמען ביי מאיר מרדכיס — שלמה שרהלעס. ער איז געווען אַ לערער אין די דערפֿער און אַז ער פֿלעגט קומען אויף יום־טוב אַהיים, פֿלעג איך ביי אים בעטן זשורנאַלן, גרויסע און קליינע. איך ווייס נישט, צי ער איז געווען אַ גוטער, ווייל ער פֿלעגט מיט מיר נישט רעדן. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, פֿלעגט ער פֿריִער אַ טראַכט געבן, צי ער זאָל מיר געבן, צי נישט געבן די זשורנאַלן. דערנאָך פֿלעגט ער זיי אַרויס־נעמען פֿון אַ קעסטעלע אונטערן בעט און איך פֿלעג אים שוין אַליין דערציילן, ווען איך וועל זיי ברענגען און ווי אַזוי איך וועל זיי אָפּהיטן. איך וועל נישט פֿאַרבייגן און נישט איבערבויגן און האַלטן אויף אַן אָפּגעווישטן טיש. איך פֿלעג אַוועקלויפֿן פֿון אים מיט אַ שמחה און מיט אַ רייכקייט, וואָס איך ווייס גאָרנישט, צי איך וועל איצטער ציילן אַלץ, וואָס איך האָב. זאָל עס נאָך ליגן אַ ביסל אין אַ באַהאַלטן אָרט. דערנאָך קאָן איך זיך נישט איינהאַלטן און נעם אַרויס און צעלייג די זשורנאַלן באַזונדער. „הפרחים" איז דאָ, „השחר" איז דאָ, „החבר" איז דאָ, „שתילים" איז דאָ. וויפֿל שיינע זשורנאַלן! וויפֿל גריבגעער כתב, וויפֿל שיינע וווּנדער־לעכע זאַכן! אַפֿילו פֿון אַראַבער מיט פֿערד וואָס גייען ווייט. אַפֿילו פֿון תימנים און אויב און איך וויל — פֿון משה רבינו. און אויב איך וויל איז פֿון דעם נשיא רב גמליאל און ווייטער איז דאָ וועגן שיפֿן און וועגן זיס וואַסער.

איך גיי אַרויס מיט דינהלען אין הויף אַריין. מיר זעצן זיך אַנידער אויף אַ האַלאַבליע פֿון אונדזער וואָגן אין שאָטן, אויב נישט גייען מיר אַוועק אין שאָפּע אַריין און זעצן זיך אַוועק אויף אַ לאַנג ברעט און מיר קוקן און מיר לייענען נישט. ס'ווילט זיך נאָך נישט לייענען, ס'ווילט

www.libtool.com.cn

זיך קוקן, וואָס ס'איז דאָ אין די דאָזיקע זשורנאַלן. און אינעם זשורנאַל „החבר" איז אויפן סוף צווישן די בריוו פון די לייענער געווען, אַז איינס אַ ייִנגל פון דער שטאָט פּיאָטרקאָוו וויל זיך איבערשרייבן מיט אַ חבר. האָב איך אים, דוכט זיך, אויסגעכאַפּט.

איך האָב צו אים אָנגעשריבן און ער האָט מיר געענטפערט. מיר האָבן געשריבן אויף לשון קודש און מיר האָבן ביידע יעדערער ביי זיך נישט איין מאָל געקלערט, אַז מירן אויסוואַקסן גרויסע וועלן מיר אָפּרעדן ווער צו וועמען ס'וועט פאָרן צו גאַסט אויף אַ וואָך צייט, זיך באַקענען מיט דער שטאָט און מיט אירע פּלעצער און פאַרשטעט. זיך אפשר באַקענען אויך מיט די חברים מיט זיינע און אפשר פאַרברענגען אויף אַ סעודה אויף איינער. ס'קאָן זייער זיין. ס'איז נאָר דאָ אַ שטיקל מניעה, ס'קאָן זיין, אַז העניק וועט אַריבערפאָרן מיט זיינע עלטערן איבערן ים צו קיין אַמעריקע, צי קיין קאַנאַדע. נאָר אַזוי ווי ס'גייט די פּאָטשט פון דאָרטן אויך, וועט ער, אַבי ער ווייסט מיין אַדרעס מיר קאָנען שרייבן פון דאָרטן אויך. דערנאָך וועט ער זיך איינליבן און חתונה האָבן, און מיר וועט מען רעדן אַ כלה און איך וועל חתונה האָבן, וועלן אונדזערע יונגע ווייבלעך אויך אָנבעמען די באַקאַנטשאַפט מיט דער פריינדשאַפט און די קינדער אונדזערע אויך. זיי וועלן אויך באַקומען די זשורנאַלן „הפרחים" און „החבר" און „שתילים" און „השחר". אַ סך זשור־נאַלן, אַ סך זשורנאַלן! דערווייל, אַז איך גיי פון חדר און באַגעגן שרהלען דעם חריפס, אַ דינע, ליכטיקע הויט ביי איר אויפן פּנים. אַ שיינע, אַ שטילע, אַן אײדעלע און אַ שיין אָנגעטאָנענע, נאָר זי כריפּעט אַ ביסל אונטער ווען זי רעדט. מען קאָן דערקענען אַ סימן, אַז ס'זענען ביי איר שלאַפּע לונגען, ווען זי הוסט ביי נאַכט אַ סך. איך זשאַלעווע זי. אפשר פילט זי, אפשר באַמערקט זי, אַז איך קלער פון איר און פאַרשטיי זי איך וויל איר גוטס. ווען איך שטעל איין און פרעג ביי העניקן אַ רעצעפּט פאַר אַ מענטשן אַ יונגן, וואָס הוסט און כריפּעט עטוואָס, עפּעס שפּילט ביי אים אינעווייניק, קוים וואָס מע דערקענט בשעת ער רעדט. איך געדענק שוין נישט, צי דער פאָטער העניקס איז אַליין אַ דאָקטער, צי ער האָט אַ פעטער אַ דאָקטער. אַ גוטן רעצעפּט פאַר אונדזער יונגער און

www.libtool.com.cn

איידעלער בריווטרעגערין. זי האַלט דאָך זיינע קאַרטלעך אין איר האַנט און גיט זיי מיר אָפּ צו מיר אין דער האַנט, און מיינע קאַרטלעך, וואָס איך שיק צו אים גייען אויך דורך אירע הענט. די פּאָטשט ברענגט מען צו אונדז פון װעלעדניק און מע גיט זי איבער צו שמערלען דעם חריפס אין שטוב. פריִער שטעלט זיך אָפּ אַ פורל מיטן ווייסן פערד לעם וואַ־לאָסט, דערנאָך לעם סטאַן, דערנאָך לעם שמערלס דעם חריפס שטוב. ס'נישט ווייט פון אונדז. די אָנגעקומענע בריוו גיט ער זיי אָפּ און די היגע אויפגעקליבענע בריוו נעמט ער צו מיט זיך. און די פּאָטשט גייט גוט. די אַרבעט פון אַ פּאָטשט גייט גוט. ווען איך בין נישט קיין האַר־באַר, וואָלט איך געוואָרן אַ פּאָטשטער, ס'איז אַ שיינע אַרבעט. אַ סך מענטשן וואַרטן אויף אַ בריוו און דו קומסט צו גיין און דו ברענגסט זיי.

* * *

מיר, ייִנגלעך, האָבן מיט קיין סטראַזשניקעס קיין מאָל נישט געהאַט צו טאָן. מיר פלעגן נאָר אַ מאָל קוקן ווי אַזוי זונטיק זענען די קלייטן פאַרמאַכט ביז האַלבן טאָג, ווען מען גייט אַרויס פון קלויסטער. דאָס האָבן מיר געוווּסט, אַז די עסנוואַרג־קלייטן זענען נישט פאַרשלאָסן, זיי זענען נאָר צוגעמאַכט מיט דער דרויסנדיקער טיר און אַז דו דאַרפסט עפּעס, איז אָדער דו גייסט אַריין דורך דער שטוב, ווען די קלייט איז מיט דער שטוב אין אייגעם, אַזוי ווי ביי שיינע איטען אָדער ביי באַסיען כייקלס. אַז נישט, קוקסטו זיך אַרום, צי ס'גייט נישט נאָענט קיין סטראַזש־ניק און עפנסט אָפּ פּאַמעלעך די שווערע דרויסן־טיר און קומסט אַריין אין דער טונקעלער קלייט. דאָרטן קויפסטו וואָס דו דאַרפסט, דו צע־צאָלסט זיך און אויך פּאַמעלעכקע קוקסטו אַרויס דורך אַ שפּעלטל, עפנסט אָפּ די טיר און מאַכסט פּליטה.

אַ ייִנגל קלערט, פאַרשטייט זיך, טאָמער באַגעגנסטו אַ סטראַזשניק, טאָמער שטעלט ער זיך אָפּ און פרעגט, וואָס טראָגסטו? ווו האָסטו גענומען? אמת, דו האָסט נישט געגנבעט, נאָר דער קרעמער אָדער די קרעמערקע קאָנען נאָך כאַפּן אַ פּסק: דער קיסר האָט געהייסן זאָלסט

www.libtool.com.cn

נישט האַלטן די קלייט אָפן בשעת דער עולם מאַליעט זיך נאָך אין קלויסטער. וואָס איז? ער איז אפשר נישט געדעכט? נאָר די קרעמער זענען אויך געדעכט. די קרעמער זענען דאָך יידן און גייען נישט אין קלויסטער, און אייניקע קונים, אויך יידן, וואָס גייען אויך נישט אין קלויסטער, טאָמער ווילן זיי עפּעס קויפן? טאָמער האָבן זיי פאַרגעסן נעמען פריִער. און ווען איז דער פריִער? נעכטן איז דאָך געווען שבת! ווער האַלט עס שבת אָפן אַ קלייט און ווער גייט עס שבת אין קלייט אַריין? חלומות! נו, און אַז ביידע צדדים זענען געדעכט, איז טאַקע נישט אַזוי גוט. מילא. דערווייל איז ביי די קריסטן טרויצע. טרויצע איז דער זעלבער שיינער זומערדיקער יום־טוב. נאָך נעכטן און אייער־נעכטן געזען ווי מען טראָגט און מען פירט גרינס צו די פּויערשע הייזער, אַן אַנדערער פירט אויפן וואָגן ווען ער פאָרט צוריק פון קאָנ־סאָוויצע אַ גאַנצן שיינעם אויסגעשניטענעם בוים מיט צווייגן מיט יונגע בלעטער. ווער ס׳שטעלט אים אַוועק ביי דער שטוב פאַרן אַריינגאַנג, ווער ס׳האַלט אים אין שטוב גופא. איך ווייס נישט, איך בין ביי זיי נישט געווען טרויצע אין שטוב, נאָר פונעם אײנעם קוקן אויפן יונגן בוים מיט די אויסגעשניטענע שיינע יונגע בלעטער ווערט דיר עפּעס גוט אויפן האַרצן. אין שטוב איז צוגעשמירט און צוגעראָמט. די באַלע־באָסטע, אַ פאַרפּלאָמטע לעם אויוון, באַקט גאַנצע שטיקן מיט לאַטקעס, אַז זיי בעטן זיך אַליין אין מויל אַריין. די ווייסע פּעכקע לאַטקעס טונקט מען אין אויסגעפּרעגלטן הזיר (דאָס איז גראדע נישט קיין אײדל עסן), נאָר גאָרנישט. מן הסתם אַז מע עסט עס אום יום־טוב, איז עס אַן עסן; און ווייטער שטייען אויפן טיש טעפּ מיט סמעטענע און שיסלען מיט שיטערער פּוטער. די איקאָנעס זענען איבערגעהאַנגען מיט אַ ווייס אויס־גענייט האַנטעכל און אומעטום שטעקן ריטער מיט פרישע גרינע בלעטער און קיווייטן אַ סך. ביי יעדערן, אַז ס׳איז יום־טוב איז יום־טוב. ביי זיי מאַכט מען נישט קיין קידוש, נאָר ווער ס׳האָט בראָנפן טרינקט בראָנפן פון גלאָז אָדער פון אַ גלעזל. מע צלמט זיך איבער, מען טרינקט אויס און מע פאַרקרימט זיך, דערנאָך פאַרבייס מיט אַלץ, וואָס ס׳שטייט אויפן טיש און עס, וואָס גאָט האָט דיר געגעבן.

www.libtool.com.cn

ביז מען גייט פון קלויסטער און ביז מען עסט אָפּ וואַרמעס איז אַזוי ווי ליידיקלעך אין שטאָט און אין מאַרק. אָבער אַז ס'שוין נאָך וואַרמעס, אַז די קלייטן זענען שוין אָפן, גייען אַרויס די פויערן־מיידלעך אין גאַס אַרויס, אויסגעפּוצט אין ברייטע פאַרביקע קליידלעך. אין סאַמעטענע קאַמזעלקעס מיט בלישטשענדיקע קנעפּעלעך, וואָס פאַלן צו צו דער טאַליע, אויסגענייטע אַרבל און קאַרעלן און לענטעס. ווען איך שעם זיך נישט קוקן אויף זיי וואָלט איך לאַנג געקוקט, ס'שיין. אַנדערע גייען אין קאַריקיזן, אַנדערע אין שיינע ווייבערשע שטיוול און צעפּ. די צעפּ זענען אויסגעפּלאָכטן. אַז זיי לאַכן וואַרפן זיך די צעפּ אויף די פּלייצעס אַזוי ווי לעבעדיקע. אָנאָ גייט אַלעקסאַנדער סידאַרקעס ווייב. זי איז נאָך אויך אַ יונגע. זי טראָגט נאָך נישט, זי האָט נאָך נישט קיין קינדער. וויל זי אַרומגיין מיט די מיידלעך. זי איז נישט קיין היגע, זי איז פון טכאָרין. אַלעקסאַנדער איז אַ שיינער, אַ געזונטער, נאָר איטלעכן דוכט זיך, אַז זי האָט אים נישט ליב. סטעפּקאַ רופט מען זי. פאַר וואָס עפּעס סטעפּקאַ? מן הסתם איז דער נאָמען אירער סטעפּאַניצאַ. די פויער־מיידלעך שפּאַצירן איבער מאַרק און רעדן און לאַכן; אַנדערע גייען אַרום און שווייגן. פון זייער אָנטאָן, פון זייערע טאַליעס, פון די צעפּ, די פּנימער און די פּיס איז עפּעס פריילעך. אַ פריילעכקייט גייט איבערן מאַרק, דער מאַרק בליט. איך האָב ליב אַ חתונה געהאַטע איינע, בעלאַ־האַלאַוואַס טאָכטער, פאַנאַסינען. זי איז זייער אַן איידלענקע און האָט אויך נישט קיין קינדער. די שטאַלט אירע איז אַן איידעלע, דאָס פּנים אַן איידלס. ווען איך האָב אַליין אַ שטוב און איך האָלט זי ביי זיך אין שטוב, וואָלט איך איר קיין שטיוב נישט געלאָזט פאַלן. איך וואָלט זי כסדר און תמיד און שטענדיק ליב געהאַט. ווען זי וויל האָבן קינדער, וואָלט זי ביי מיר געהאַט קינדער. ס'נאָר, וואָס זי קען נאָך קיין יידיש נישט רעדן. אויסלערנען קען מען זי זייער גיך, ס'איז נאָר אַ פראַגע צו וואָס מוז זי רעדן אויף אַנדערע שפּראַכן, אַז זי האָט אַן אייגענע שפּראַך פון געבוירן אָן און האָט אַ פאָלק אַן אייגנס, אייגענע ברידער און אייגענע שוועסטער. דער ברודער ניקאָליי, נאָך אַ בחור, איז זייער אַ שיינער. די שוועסטער — שוועסטער האָט זי עטלעכע — אי חתונה

www.libtool.com.cn

געהאַטע, אי נישט קיין חתונה געהאַטע, אויך שיינע, אויך שטילע, אויך ליבע. די פאַמיליע בעלאהאלאוו פאַסט זיי. ביי זיי זענען ביי אַלע ליכ־טיקע האָר, שיינע פּנימער איידעלע. ביים טאַטן ביי זייערן, ביי איוואַנען, זענען די האָר לאַנגע, גרווילעכע און צעקעמטע, מיט זייער שטוב הייבט זיך אָן יאַנטלס געסל. אַפילו נישט אַזוי. ווו ס'בויגט זיך אָפּ אַ ביסל ליסטווענער גאַס און ס'דאַרף זיך פאַרקיילעכיקן און אָנהייבן יאַנטלס גאַס, שטייט אַזוי ווי אין אַ פאַרקיילעכיקטן ווינקל איוואַן בעלאהאלאָווס שטוב מיטן סעדל. אַלץ איז שענער און אַנדערש ווי ביי אַנדערע פּויערים. די שטוב איז אַ ביסל העכער, דאָס פּלויטל אַרום סאָד איז אַ ביסל פלעקלדיקער און איידעלער. ווו שטייען די פערד, די בהמות, ווו איז דער שייער — ווייס איך עד היום נישט. אפשר איז דאָס אונטן הינטערן סאָד נאָך אַ הויפל מיט די אַלע זאַכן. אַזוי גייט ליסטווענער גאַס גע־ווײַנלעך ווי אַלע גאַסן, נאָר אַז ס'קומט צו יאַקימס און שטולבערס הייזער און הויפן, גייען זיי נאָך אייך גלייך, נאָר די צווייטע אַנטקעגנדיקע זייט טוט זיך אַ בויג אָפּ און לאָזט איבער אַ ברייטן דורכגאַנג, אַ גאָר גע־רוימען דורכגאַנג, אַזוי אַז דער באַלניצע־הויף מיטן דאָקטערס שטוב שטייען פריי אין דער פאַלנער ברייט און זעען זיך אַרויס ווען מען גייט מיט דער ליסטווענער גאַס צו זיי אַרויף אַנטקעגן, און די צווייטע זייט, וואָס האַלט זיך ברייט אַזוי ווי אָפּגעוואָרפן אין גרויס הרחבה, הייבט זיך אָן פון שמואל יענקלס שטוב. באַלד גייט אַוועק אַדאַמס הויף מיט די סטויגן און מיט די שייערן, דערנאָך ראַדיאָנס הויף מיטן שייער. די שטיבער זייערע, אַדאַמס און ראַדיאָנס, זענען אויך אויף ליסטווענער גאַס, נאָר אַהין אַראָפּצו צווישן יענקל דעם באַלעגאָלעס שטוב און צווישן פאַדאָלסקיס געסל מיט ישראליק דעם חזנס שטוב.

דאָרטן שטייען דריי הויפן: מיכטאָדס, אַדאַמס און ראַדיאָנס, מיט די הייזער און מיט די סעדלעך, און אַהער אַרויף, שוין נעענטער צו דער באַלניצע, שטייען זייערע הויפן מיט די שייערס. דערנאָך גייט האַלב קיילעכדיק אַוועק אַ געסל און דערנאָך פאַרקיילעכיקט זיך בעלאָ־האָלאָווס שטוב און גאָרטן אַנטקעגן סאַכאָווייעס שטוב און הויף און דאָ גייט שוין אַוועק יאַנטלס גאַס, וואָס איז גאָר קיין גאַס נישט. ס'איז

www.libtool.com.cn

טאַקע קיין גאַס נישט. דאָרטן שטייט רעכטס אַניסקעס שייער און ערגעץ אונטן אַרום דער שטוב, שטייט מיטראָ סיטשס גרויסער גאָרטן מיט דער שטוב, מיט די שטאַלן און שייערן ערגעץ אין דער טיף און גלייך גייט שוין יאַנטלס האַרבאַרגיע מיטן הויף, מיט דער גביריש־אָפּגעלעבטער נידעריקער שטוב. און דאָרטן גייט אַוועק פון דער ווייטנס שיניצע. פון פאָרנט עמעצנס אַ גאָרטן פירעקעכיק איינגעצוימט אין מיטן שיניצע, דערנאָך ווייטער ביימלעך פון שיניצע און דער לאַנגער פלויט פון באַלניצע, וואָס גיסט זיך ערגעץ ווייט צונויף מיטן פלויט פון שקאַלע. זיי האָבן געגוג פלאַץ, אי די שקאַלע, אי די באַלניצע.

אַז איך וועל איבערלאָזן אויף אַ זייט בעלאָהאָלאָווס שטוב און זיך פאַרנעמען אַ ביסל מיט דער שיניצע, וואָלט איך מודה געווען, אַז צו דער שיניצע האָב איך צוויי געפילן, וואָס איינס ווידערשפּרעכט דעם צווייטן. איין געפיל, אַז איך זע אַ גרויסע פּאָר פערד אויף דער שיניצע, אַז איך זע אַ שייגעצל, וואָס פּאַסעט חזירים אָדער גענדז אָדער בהמות, ווערט ביי מיר אינעווייניק אַלץ שטום. איך פיל, אַז איך בין דאָ נישט קיין באַלעבאָס, איך בין דאָ אַ שכן און אַפילו נישט קיין געבעטענער. כאָטש איך בין דאָ געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, כאָטש מיין בהמה פּאַסעט זיך דאָ באַגלייך מיט אַלע בהמות. פון דער צווייטער זייט אָנטקעגן די יינגלעך פון שטאָט, ווייס איך, אַז די שיניצער איז מיינע. זי הייבט זיך אָן פאַרביי די פענצטער פון אונדזערע אַלקירעס. גרינע ערד, ביימלעך בערעזענע און אַלכאָווע. העכער אונדז שטייען די סטאַניעס פון וואָלאָסט, יעסיפּס שטוב מיטן באַרגבורונעמדל, כוועדער דעם שטינקערס שטוב, ניקאַנאָרס שטוב, וואָס שטייען אַ ביסל אין די ניווקעס, און ס׳גייט זיך די שיניצע מיינע ביז אַרום די ניווקעס און העכער די ניווקעס פאַרביי דעם וואָלאָסט מיטן טורמעלע, מיט דער באַלניצע, מיט די שקאַלעס און העכער זיי און אַרום זיי פון דער זייט האָב איך יאַנטלס שיניצע, די הליגישטשעס ביז דעם פעטער זלמנס שיניצע, מיט דער בוינע, מיט פאַדאַלסקיס מיל מיטן בערגל, וואָס פאַרפירט אין די ליפּקעס. אַז איך קער זיך אום פון יאַנטלס שיניצע אַרום און אַרום לינקס, האָבן מיר די פאַדריזקעס, די טויערלעך און די שיניצע גייט אַוועק געדיכטער

www.llbtool.com.cn

און מערער פון בהמות און פערד באַזוכט שיר נישט ביז באָקייעוושטשינער טויערלעך, נאָר אַז איך וויל גיי איך נענטער פון באָקייעוושטשינע, פאַרקערעווע צום שליאַך צו, האַק איבער דעם שליאַך לעם דער פּאַראָווער מיל און לעם משהקעס האַרבאַרניע. דאָרט זענען אויך די זעלבע מינים ביימלעך, נאָר עטוואָס גרעסער, עטוואָס בלאָטיקער איז די ערד און איך קאָן זיך אַזוי אַרום דערלאַנגען צו דער האַנטשאַרסקער גאַס און צו די געליפּעס. דאָרטן איז שוין אַ נישט אונדזערס, נאָר ווייל ס׳פאַרבונדן און ס׳ציט זיך פון אונדזערס, נעם איך זיך אָן מיט מוט און אַ מאָל אין אַ שבת גיי איך אַרום מיט אַ יינגל אַ חבר מיינעם די גאַנצע שטאָט אַרום און אַרום. ס׳איז אַן אויפטו, אַ גרויסער אויפטו, אַ שאָד נאָר, וואָס ס׳איז נישטאָ פאַר וועמען זיך באַרימען און אַרויסלייגן אַלץ פון אָנהויבס ביזן סוף, ווי אַזוי מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון שטוב מיט אַ גרייטער נאָמערעניע מאַכן די קרוגאָסוועטנאַיע פּוטעשעסטוויע. וואָרום אין אַ גע־וויסן מאָסשטאַב איז דאָך עס טאַקע אַ מין רייזע אַרום דעם ערד־קוגל. קיין גרעסערער און שענערער צענטער ווי אונדזער שטאָט מיטן מאַרק מיט דער דאָלינע, מיטן שוחטישן געסל, מיט דער אַנטאָנאָוויטשער גאַס מיטן שליאַך, מיט יאָסל חיימס געסל, מיטן פּאָדאָלסקער געסל, מיט דער האַנטשאַרסקער גאַס איז טאַקע נישטאָ.

גייען מיר אַרויס פון אונדזער שטוב. מיר הויבן זיך אויף מיט דער שיניצע ביז די טויערלעך. דאָס איז היפּש ווייט און דערנאָך גייען מיר זיך דורך די ביימלעך לינקס. קיין באָקייעוושטשינע גייען מיר נישט. מיר רינגלען אַרום די ניוועקעס מיט די נאָוואָזעס. מיר גייען פאַרביי ניצקעס שטוב און דאָ איז שוין די מיל, דער שליאַך. האַקן מיר איבער דעם שליאַך און גייען אָוועק מיט אַ ווינציקערן חשק צו די בלאָטקעלעך צווישן דעם שטח, וואָס פון דער זייט שטאָט צו דער האַנטשאַרסקער גאַס. זי איז דאָ, די האַנטשאַרסקע גאַס. מיר הייבן זיך אויף דורך אַ שמאָל געסל, איבערגייענדיק אַפילו מיט אַ בריקל דעם טייך און קומען צו צו די געליפּעס. די געליפּעס, אַז דו ווילסט איז דאָס נאָך סלאָוועשנע, אַז דו ווילסט, איז עס שוין אַ דאָרף. די געליפּעס שטייען שוין הינטערן וואַלד און הינטער דעם זאַמדיקן וועג, וואָס גייט צו די כוטערעס, צו

www.libtool.com.cn

דער רודניע און די לוטשינקעס, אָבער אַהין גייען מיר נישט. דאָ זענען מיר אַ ביסל פֿרעמדלעך, דאָ איז דאָס האַרץ פֿאַרשטאָכן מיט אַ ביסל נישט וויסן, נישט זיכער זיין אין ווהין קאָנען מיר פֿאַרקריכן? מיט וואָס קאָן זיך עס ענדיקן. ס׳איז שוין אַפּילו דאָ אַ ביסל מורא און אַ ביסל חרטה און אַ ביסל ווען אַרויפֿוואַרפֿן די שולד איינער אויפֿן צווייטן. נאָר ערגעץ טליִעט נאָך אַ ביסל האָפֿענונג אין באַוווּסטזיין, אַז פֿון סלאָוועשנע האָבן מיר זיך נישט אָפּגעריסן. מיר זענען נאָך היגע. מיר זענען נאָך לעם דער היים. מיר פּאַקן זיך צו די גערטנער, וואָס ווען מען וויל שטאַרק חשבונען, זענען זיי די זעלבע גערטנער מיט די ווערבעס פֿון הינטער אונדזער חדר. אָבער אַזוי ווי יענע זענען נאָענט און אייגן, אַזוי זענען די ווייט און פֿרעמד. אָבער אפשר איז עס פּשוט דער צווייטער עק פֿון די זעלבע היי־ און קרויט־גערטנער. ביימער, ווערבעס, אַ סטעזשקע. גבורים זענען מיר? נאַראָנים זענען מיר! נישטן. גאָרנישטן, די שיך זענען שוין אין בלאָטע גוט אויסגעשמירט, די הייזלעך אויך אין אייניקע ערטער. אַ צווייט מאָל וועלן מיר שוין אַזאַ נאַרישקייט נישט טאָן. ס׳שוין נישט קיין שבתדיקייט אין האַרצן, נישט קיין שפּאַציר און פֿריי־זיין. אַ וואָכעדיקייט, אַ מידקייט, אַ יאָך. און ווו איז דער סוף?

די סטעזשקע איז אונטער אונדזערע פֿיס אַ פֿרעמדע, אַן אומהיימלעכע. נאָר ס׳ווערט ליכטיקער, ס׳ווערט פֿריילעכער. מיר זעען פֿון ווייטן די ווינטמיל. מיר׳ן אַרויסגיין הינטער די הייליקע ערטער צו דער ווינטמיל זענען מיר שוין ווייטער מענטשן. לעם דער ווינטמיל טרעפֿן מיר זיך אַ וואַלגער אויפֿן גראָז־זוים פֿאַרביי דעם פֿעלד מיט גערשטן, ווייטער גייט אַ לאַן מיט קאַרטאָפֿל און דערנאָך האָבער און ווייץ און ס׳שוין גוט. מיר זענען דאָ אויך נישט קיין איבעריקע באַלעבאַטים, נישט קיין אָפּטע איינגייער, נאָר מיר ווייסן שוין. איצט וואָלט גוט געווען עפּעס אָפּעסן, אַ גוטן טרונק נעמען. ביי משהקעס דעם סטאַראָסטע און ביי יהודה בערן דעם באַלעגאָלע מיט סטיסיען טרינקען איצט לייטישע יינגלעך פּיאַלקע, סיטראָ, זעלצערוואַסער און פֿאַרבייסן מיט אַ מאַנדל. מאָרגן וועט מען באַצאָלן. נאָר אונדז איז שוין אַ דאַנק גאָט גוט. אָט וועלן מיר זיך אָפּרוען אַ ביסל, וועלן מיר זיך לאָזן גיין. מיטן האַלב־פּאַרוואַקסענעם

www.libtool.com.cn

װעג פֿאַרבײַ דער װינטמיל קומען מיר צו די טכאָרינער ליפּקעס. פֿון די טכאָרינער גײען מיר איבער צו די בעהוניער, דאָרטן האָט אויף אַ סטעזשקע צװישן אַן אַראָפּבאַרגיקן פֿעלד, טאָקע אַ באַװאָקסן פֿעלד מיט שטעכיקע זאַנגען, גײען מיר און מיר טרעפֿן אַ בערגל, װוּ מיר פּראָוון אַ מאָל ל״ג־בעומר. דערנאָך גײען מיר אַרײַן אין טיפֿן פֿײַכטלעכן גראָז. אַהין װאָלט דאַרפֿן זײַן דאָס דאָרף רישקאָװ, נאָטע דעם רישקאָװערס דאָרף, און דאָרט װאָלט דאַרפֿן זײַן אַנטאָנאָװיטש, מרדכי דעם רבינס דאָרף. און אָט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען האָבן מיר פּאָדאָלסקיס מיל. גײען מיר רעכטס אַ ביסעלע צו דער בוינע. אין הויף בײַ דער בוינע ליגן הינט, װאָס האָבן נישט װאָס צו טאָן. דאָרט איז דאָ גראָז דורכגעפּעטיקט מיט בלוט, דאָרט קריכן מיר אַריבער איבערן פּלויט, זענען מיר אויף אַנטאָנאָװיטשעס גאָס לעם דעם פּעטער זלמנס האַרבאַרניע און שטוב. ס׳װאָלט געװען גוט אַרײַנגײַן אַהינצו זיך אַ ביסל אָפּרוען און אפֿשר זיך אָנטרינקען אויך, אָבער ס׳װאָלט זיך װעלן פֿאַרקײַלעכיקן דעם װעג שוין אין גאַנצן און נישט מפֿסיק זײַן. איצט איז ביטע. מיר גײען אַרײַן אין די ביימלעך פֿאַרבײַ אײניקע פֿויערשע הויפֿן און פּאָר אַ פֿערטל שעה זענען מיר שוין אין יאַנטלס שיניצע. פֿון דאָרטן צו די פּאָדריזקעס, דאָרטן האָבן מיר אַ ברונעמדל, װאָס איך בין זיכער, אַז ס׳גײט אַרײַן אין די זיבן װוּנדער פֿון דער װעלט.

אַ ברונעמדל די גרויס אפֿשר אויף אַ האַלבן אַרשין. די פֿאַבריקן, װאָס מאַכן שפּילצײַג פֿאַר קינדער: קלײנע פּאַראָװאָזעלעך, קלײנע שיפֿעלעך, װאָלטן געדאַרפֿט אַרויסלאָזן אַזעלכע קלײנע ברונעמדלעך. נאָר איז דאָך די מעשׂה, װאָס דאָס־אָ ברונעמדל כאָטש ס׳קלײן, איז עס דאָך אַן אמתדיקס. מען קאָן דאָ אָנגעמען אַ פֿולן עמער װאַסער, װאַסער טעם גן־עדן און אַ קוק טאָן װי עס שפּילט. דאָס ברונעמדל איז טיף אויך קוים אויף אַ האַלבן אַרשין, דער דעק איז זאַמד. דאָס װאַסער זעט מען װי עס שפּיגלט אָנטקעגן דער זון. און עמעצער אַ געטרײַער ליבהאָבער, װאָס האָט זיך זיכער געשעמט, אַז מענטשן זאָלן זען מיט װאָס ער פֿאַרנעמט זיך, האָט צונויפֿגעקלאַפּט קלײנע צעברינעלעך און אַרומגעשטעלט אַרום דעם ברונעמדל. האָט עס אַ פּנים פֿון אַן אמתן

ברונעם און ס׳איז באַהאַלטן צווישן די ביימלעך אויפן שיניצע, צווישן די פּאַדריזקעס און צווישן דעם פלויט פון די טויערלעך. איך ווייס דאָס דאָזיקע באַהעלטעניש. מיט מיין חבר מאַכן מיר דאָ אַ קליינעם פּריוואַל. מיט וואָס שעפּט מען אָן וואַסער? מיט היטלען איז עפּעס נישט רעכט. מיר שטעלן צונויף די הענט און שעפּן צו ביסעלעך. ביז מיר דערטראָגן צום מויל ווערט נאָך ווינציקער און דאָך פרישן מיר זיך אָפּ אַזן קוועלן אָן און קאָנען זיך זאַט נישט אָנקוקן אויפן וווּנדערלעכן באַהאַלטענעם ברונעמדל, כאָטש נעם עס אונטער דער האַנט און טראָג עס מיט זיך. איצט זענען מיר צוריק מונטער, מיר גייען דורך פאַרביי דער שקאָלע, מיר קומען צום באַרג־ברונעם, אויך נישט קיין גרויסער, אויך געשמאַק וואַסער, נאָר צו יענעם איז עס קיין גלייכן נישט. פאַרביי יעסיפּס שטוב און אָט זענען מיר ביי אונדז אין הויף. אַלץ גוט, שיין, נאָר פאַר וועמען באַרימט מען זיך, וועמען דערציילט מען?

* * *

אין דאָלינע האָבן מיר געהאַט אַ סך חדרים. די דאָלינע איז קליין, די חדרים זענען פול און דאָך פלעגן מיר זיך נישט צוזאַמענשטויסן. כ׳ווייס טאַקע נישט ווי אַזוי קען עס זיין. אַ מאָל פלעגט מיין רבי איצל דינגען אַ חדר ביי אסתר מאירס, וואָס שמירט הייזער און האָט אַן אײדעם שאַיע. היינט אונדזער חדר, היינט אַ חדר ביי יחיאל דעם מלמד, ביי אברהם יצחקן דעם מלמד, ביי דודן דעם באַקאַלייער און שפּעטער ביי משה אפרימען זיין איידעם. און אַלטער יחיאלס זון האָט אויך אַ חדר. ווען האָט זיך דערפילט אַ סומאַטאָכע ביי די מוראַשקעס, אַ שטיקל מהומה, אַ שטיקל פרייד מיט שרעק געמישט, ווען? ווי אַזוי זאָל איך עס אויסמאָלן? די מעשה איז דערפון אַזוי. אַ מלמד דאַרף האַלטן אַ בלעטל און צאָלן פיר קערבלעך אַ יאָר און פיר קערבלעך איז אַ ריס פון האַרצן. אַ מאָל גאָר אַ מאָל פלעגט מען זיך צונויפלייגן און אַלע פלעגן קויפן איין בלעטל, כלומרשט פאַר איין חדר און עס האַלטן ביי מיין רבין שמואליקן דעם מלמד. איין מאָל אין יאָר, אַ מאָל

www.libtool.com.cn

נאָך זעלטענער דערהערט מען די ידיעה, וואָס קומט ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג. דער שפּעקטער איז דאָ (אינספּעקטאָר פון בילדונגס־מיניסטעריום). ער גייט אַרום מיט אַ סטראַזשניק איבער די חדרים, אַנדערע זאָגן, אַז ער איז שוין אין דאָלינע. דענסטמאָל האָבן מיר ייִנגלעך אַן אַרבעט זיך צעלויפן און פאַרשטעקן ווו אין אַ ווינקל. ווער צו חיימען רייזלס אין הויף אין בית הכסא, ווער אונטערן טייך, נאָר זיצן שטיל אונטער אַ ווערבע, ווער אונטערן בעט ביי דער רביצין, ווער אויפן בוידעמל. איין ייִנגעלע איז אַפילו אַרונטערגעקראָכן אונטער דער פּסחדיקער סטאַמפּ ביים באַקאַלייער אויפן בוידעם. אויף אַלעמען איז דאָ די מורא? די מורא איז אייגנטלעך אויפן רבין מיט דער רביצין. זאָל נישט זיין קיין שטראָף, מען זאָל נישט פאַרמאַכן דאָס הדר. טרעפט אָבער, אַז אויך די ייִנגלעך אַליין באַפאַלט אויך אַ מורא. כ׳ווייס? אַ סטראַזשניק, אַ שפּעקטער, ס׳עפּעס אַ ביסל סטראַשנע און דער עיקר וואָס אַלע דאַרפן זיך צעלויפן, פאַרשטעקן און שטיל אַרויסקוקן ווי אַ מייזעלע פונעם לעכעלע. און ערשט נאָך דעם, אַז דער שפּעקטער גייט דורך, דער סטראַזשניק איז שוין נישטאָ, הויבט מען זיך אָן צונויפקלייבן. דער רבי רופט צונויף די חברה, ווי אַ קוואָטשקע די הינדעלעך. דער רבי, די רביצין און די ייִנגלעך איינער דעם אַנדערן און ס׳ווערט אַ שמחה מיט אַ גערעדעריי, אַלע פּנימער צעשמייכלט, אין די אויגן אַ פריידיק פייערל. פאַראַן שטילערע ייִנגלעך, פאַראַן מער פאַרשייטע אָבער אַ פרייד איז צעגאָסן אויף איטלעכן. שמערעלע, זאָגט די רביצין, איז דער לעצטער פאַרקראָכן אונטערן בעט און אַ פּיסעלע שטעקט אים אַרויס. וואָס טוט מען, רעדן טאָר מען נישט, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט מיט דער פּלייצע צום בעט און איז אַזוי געשטאַנען מיטן פּנים צו דער שטוב, נאָר אַ דאַנק גאָט. ביי פּלטיאלן האָט זיך די סטאַמפּ שיר נישט איבערגעקערט און נישט אַ קלאַפּ געטאָן איבערן קאָשיק מיטן פּסחדיקן געפעס. איצט לערנען מיר נישט. מיר רעדן, מיר פרייען זיך, מיר באַרימען זיך ווען ס׳איז גלאַטער און בעסער אָפּגעגאַנגען און שפּעטער, נאָך וואַרמעס, ווען מען שוין האָבן ידיעות פון די איבעריקע חדרים אין דאָלינע. ס׳איז געווען געגנוג. ביי יחיאלן דעם מלמד

www.libtool.com.cn

ט׳אַ יינגעלע זיך אַרויפגעקלעטערט אויפן בוידעם און בשעת דער שפּעקטער איז אַריין ט׳דער סטראַזשניק דערזען נאָך אַ פּיסל ביים יינגעלע שטעקן, אָבער ס׳איז געווען אַ גוטער סטראַזשניק און אַ ביסל אַן ערלעכער, וואָס גלייבט אין גאָט. מעג עס זיין אין זייער גאָט, אָבער ס׳איז גוט אַבי ער גלויבט, דערום וויל ער, אַז אָרעמע יידישע קינדער זאָלן לערנען תורה. האָט ער געשמייכלט דער סטראַזשניק צו זיך אַליין און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. דאָס יינגעלע איז טאַקע די נשמה אַריין אין די שפּיץ פינגער פונעם הענגען געבליבענעם פּיסעלע, אָבער אַבי ס׳האָט זיך געענדיקט מיט שלום און מיט מזל. אַפילו ביי מעריב אין בית־המדרש האָט יעדער מלמד ביי זיין רעדל דערציילט דעם נס פונעם שפּעקטער. פאַרשטייט זיך, ס׳איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן.

דערפאַר בשעת ס׳איז ביי אונדזער רבין געהאַנגען דאָס בלעטל אויף דער וואַנט אין אַ רעמל אונטער אַ גלאָז זענען מיר געווען קייסער. דער שמעקטער קומט אַריין מיטן סטראַזשניק, דער רבי הויבט זיך אויף זיי אַנטקעגן. דער שמעקטער זעצט זיך, באַטראַכט ס׳בלעטל — אַ פּראַווילנע בלעטל. ער באַקוקט פון דער ווייטן ווי מיר זיצן ביים טיש מיט די צעעפנטע חומשים און מיר שלאָגן זיך נישט אונטערן טיש מיט די פיס, מיר קוקן האַלב אין חומש, האַלב צו די הויכע פּריצים און זיצן שטיל ביז ער הויבט זיך אויף און גייט אַוועק, דער סטראַזשניק נאָך אים. דער רבי און די רביצין באַגלייטן זיי און אויף אונדז ווערט אַ שמחה מיט אַ טאַראַראַם. אַפילו, אַז דער רבי קומט אַריין איז נישט קיין מוז בלייבן שטיל, ווייל היינטיקער טאָג איז אַן אויסנאַם. קיין קאָפּ נישט גלייך צו אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר.

* * *

פרייטיק קויף איך דעם טאַטן אַ סאָטקעלע בראָנפן זעקס און פופציקער. אַנדערע רופן עס אַ קוואָטערקעלע בראָנפן. 56 איז מיט אַ רויט בלאַט און ס׳האָט טאַקע דעם בעסטן טעם. אי ס׳איז זיסלעך אי דער ריח ביים טרינקען איז אַן אָנגענעמער. די פויערים טרינקען פּראָסטן

www.libtool.com.cn

בראָנפן פערציקער. יענער שטינקט — זאָגן מבינים — מיט סירעץ. ווייטער איז נאָך דאָ ניינציקער ספּירט מיט ווייסן טריוואָקס, אַז איך קום אַריין אין שענק איז דאָרט גאָרנישט ווי אין קיין קלייט, עפּעס דרך־ארץ נעמט דיך אָן. צי ס׳דאָרט געהאָנגען דעם קיסרס קאָרטע אויף דער וואַנט, געדענק איך שוין נישט, נאָר ס׳איז ערשטנס דאָרט געווען ריין, אויסגעפּאָרבט די פּאָלן און די ווענטלעך פון דער אָפּצוימונג. די אָפּצוימונג פונעם קונה ביזן שענקער איז באַשטאַנען פון אַ רויט היל־צערן ברעטערדיקן ווענטל ביז דער ברוסט די הויך און דערנאָך גייען אַזעלכע פענצטער נישט קיין באַגלאָזטע, נאָר מיט שיינעם געפּלאָכטע־נעם דראָט אין יעדער ראָם. די פענצטער זענען אויף דורכויס, איבער דער גאַנצער ברייט פון צימער. אויסער דעם איז דאָרט דאָ אַ טיר און אַן אָפּן פענצטערל, ווו מען גייט צו צום שענקער. מע גיט אים דאָס געלט אָדער די ליידיקע פלעשער און ער גיט דיר אויסגאָב און גיט צו ס׳פלעשעלע בראָנפן. ביי אונדז איז דאָ ריהורגאָ דער שכור פון דעם שוחטס גאַס. ער דרייט זיך אַרום לעם שענק נאָך איידער זי עפנט זיך. זעלטן ווען ער האָט אויף אַ טרונק בראָנפן, אָבער ער שאַרט זיך צו צו אַ שכן און פאַרזוכט דעם ביטערן טראָפּן. אויב נישט הערט ער כאָטש דעם ריח. אַז מ׳קומט אַריין אין שענק אַריין, אַנדערע רופן זי מאָנאָפּאָלקע, אַנדערע די קאַזיאָנקע, שטייט דאָרטן אַ טרוקענער האַרבער ריח, נאָר זייער אַן אָנגענעמער. איך ווייס נישט, די פלעשער זענען דאָך פאַרשטעקט און פאַרפּעטשאַטעוועט, אָפשר שמעקט אַזוי דער טריוואָקס, וואָס איבערן שפּיץ העלדזלעך.

פּעקאַרסקי דער שענקער איז ריין אָנגעטאָן, און איז עפּעס אויך אַזוי ווי פונעם קייסערס משפחה. אַז מע וויל רופט ער זיך אָפּ צו דיר מיט אַ פריילעך וואָרט, אַז מע וויל נעמט ער צו שווייַגנדיק ס׳געלט, וואַרפט עס אַריין אין שופלאָדל און גייט צו צו דער פּאָליצע, נעמט אַראָפּ אַ סאָטקעלע מיט אַ רויט בלעטל (56) און גיט דיר אָוועק. מיר ווילט זיך נאָך אַ ביסל קוקן. דאָ זענען הוילע גלעזערנע כלים, אויסגע־בייכעוועטע מיט אַ ליטער ריינער פליסיקייט אינעווייניק. ס׳איז דעם קייסערס משקה. דאָ שטייען קליינע פלעשעלעך, ממזרלעך, אַנדערע רופן

www.libtool.com.cn

זיי זשוליקלעך. זיי קאָסטן אַפילו קיין צען קאָפּיקעס נישט. דאָ זענען אָבער אויך בוטליעס, וואָס רעכענען זיך אַ פּערטל עמער בראָנפן. אַז פּויערים קויפן אויף אַ חתונה אָדער אויף אַ חנוכת־הבית, קויפן זיי אָט די גרויסע בוטליעס, ווייזט אויס, אַז דער טעם איז דער זעלבער סיי אין די גרויסע, סיי אין די קליינינקע. רויטע בלעטלעך אויף די פּלעשלעך האָבן איין טעם. ווייסע בלעטלעך מיט גרינלעכן טריוואָקס אויף די העלדזולעך — אַ צווייטן, און דער ניינציקער ספּירט מיטן ווייסן טריי־וואָקס אויף די שפּיץ העלדזולעך — יענער האָט אַ בכבודיקן אויסזען אַפילו פון דער ווייטן. עפּעס אַזוי ווי ס׳ווילט זיך אים אירצן: זייט זשע מוחל, פּאַניע ניינציקער, איך וואָלט נישט געווען ברוגז, ווען איך קויף פון אייך כאָטש אַ קליין פּלעשעלע. איך וועל אייך האַלטן אין אַ ריין שמאַטקעלע און אין דער היים וועל איך אייך אַוועקשטעלן אויף דער מיטלסטער פּאָליטשקע אינעם גלעזערנעם שאַפּקעלע און וועל אייך אונ־טערשפּרייטן אַ ריין פּאַפּירעלע און וועל לעם אייך אַוועקשטעלן אַ זילבערן באַגילדט, ריין אויסגעווישט בעכערל.

ביי אונדז איז דאָ איין ייד אין שטעטל נעבעך אַ שיכור. ס׳איז אים אַ חרפּה צו קוקן אין די אויגן. און ער שעמט זיך אויך דער גאַנצער שטאָט קוקן אין די אויגן. הערשעלע דער שניידער. הערשעלע דער שיכור. הערשלס שלמה וואָלפּס. שלמה וואָלף דער אַלטער איז אויך אַ שניידער, נאָר דאָס איז אַ ייד מיט אַ גרויער באָרד, וואָס דאַווענט ביי אונדז אין דער אַליקער קלויז און האָט אַן אייגענע ספר־תורה ביי אונדז אין אָרון־קודש. נאָר הערשל, כאָטש ער דאַווענט אויך ביי אונדז אין קלויז, נאָר וואָס איז עס פאַר אַ דאַווענען, אַז באַהיט זאָל מען ווערן. אין אים איז נעבעך אַריין די קליפּה: טאָג און נאַכט ליגט אים אין זינען בראָנפן. ער קאָן זיך נישט אויסטשוכען פון דער ציזונג מיט דער גלוסטונג נאָך דער כוסה, נאָך דעם פלעשל. ער זאָל כאָטש גיין אין דער וואָכן אַלע אין דער פרי דאַווענען, וואָלט ער ביי אַ יאָרצייט, ווען מען טרינקט, אַז די נשמה זאָל האָבן אַן עליה, ווי נישט ווי געכאַפּט אַ גלעזל, נאָר ער שעמט זיך קוקן דער שטאָט אין די אויגן. אַז מיר זעען אים דערקענען מיר שוין, ווו ער גייט. ער טראָגט אַן אָרבל אַ פאַרסטריגעוועטן אויף דער

www.libtool.com.cn

האַנט, פּונקט ווי ער וואָלט געגאַנגען דעם באַלעבאָס צומעסטן דעם אַרבל. די גאַנצע צייט גייט ער גיך, לויפט כמעט אונטער, אָבער נישט אין דער זייט פון דער שענק. ער קומט צו צו דער דאַלינע, די וואָס אין דער לינקער זייט, גייט ער נישט פאַרביי דעם פּריצישן הויף, ווו די שענק שטייט איינגעבויט מיטן פּנים אַהער. ניין, ער גייט פאַרביי אַרל דאָברישעס און שמריה אברהמס דודס שטוב, אָבער אַז ער האָלט שוין נאָענט ביי דער שענק, טוט ער זיך אַ ריס פון אָרט, אַ פאַרקערעווע פלינק און גלייך אין פאָדערשטוב. פּעקאַרסקי קען אים צו גוט, נאָר ער האָט נישט קיין פּראָווע אים זאָגן מוסר. ער טוט נאָר אויף אים אַ קוק, אַז פונעם איינעם קוק וואָלט מען מעגן אַ לעבעדיקער זיך באַגראָבן אין דער ערד. ס'איז אָבער אַ פאַרכישופטע זאַך, פונעם כישוף קאָן ער, הערשל, נישט אַרויס. זיין ווייב איז אומגליקלעכער און באַטריבטער פון אַלע ווייבלעך אין שטאָט. זיינע קינדער, כאָטש אייניקע ניין שוין ביי לייזערן דעם שוסטער ווי לערניינגלעך; די מיידלעך וואַקסן צו ביסלעך, נאָר אויף די קינדער איז אויך אַ צער צו קוקן. נישט קיין מיאוסע מיידלעך, נאָר ס'איז עפּעס אַ קלייניקייט האָבן אַ טאַטן אַ יידן אַ שיכור?!

באַהיט און באַוואָרנט זאָל מען ווערן.

הערשל האָט נאָך דערלייגעכטס אויך. ער שעמט זיך און האָט מורא זיך האַלטן מיטן פלעשל, און אַ פלעשל איז דריי קאָפּיקעס. אָבער ווייזן זיך מיטן פלעשל פאַרן ווייב מיט די קינדער? פאַרקריכט ער ערגעץ אין אַ ווינקל, קלאַפּט אַרויס ס'קאָרעקל, קערט איבער ס'פלעשל מיטן פּיסקל אין מויל אַריין, דעם קאָפּ פאַרריסן, גול־גול־גול און אָוועקגעוואָרפן די ליידיקע כלי. אַז עמעצער געפינט לעם זיין אָפּטרעט אַ ליידיק פלעשל פון בראָנפן, ווייסט ער שוין וועמענס אַרבעט ס'איז; אַן אַנדערער הייבט עס אויף, באַקוקט עס פון אַלע זייטן, צי עס איז גאַנץ און טראָגט עס אָפּ אין שענק אַריין — פון דעסטוועגן דריי קאָפּיקעס גייען נישט צו פוס.

אַן אַנדערער מיאוסט זיך טאַקע איבער דעם, וואָס ער דערמאָנט זיך וועגן אַ יידן אַ שיכור, דאָר האָרץ טוט זיך ביי אים אַ קער פאַר רחמנות און פאַר פאַרדראָס טאַקע אויך, און ער נעמט נישט ס'פלעשל.

www.libtool.com.cn

ער טוט עס אַ רוק אָפּ מיטן פוס אַהינצו, ווייטער אין קראַפּיווע אַריין.

איך קויף מיין סאַטקעלע בראָנפן מיטן רויטן טריוואָקס און מיטן רויטן בלעטעלע אָדער דאַנערשטיק, אָדער פרייטיק, גייענדיק פון חדר וואָרמעס עסן. דער טאַטע גיט מיר אַ גילן, קאָן איך נאָך נעמען אַ קאָ־פּיקע אויסגאָב. ווען איך וויל קאָן איך לאָזן די קאָפּיקע זיך, נאָר אויף וואָס דאַרף איך עס? אַז איך וועל וועלן, וועט מיר די מאַמע געבן. זי גיט מיר אַליין ווינטער אַ קאָפּיקע איך זאָל זיך קויפן אַליוואַר און זומער, אַז מע וויל קאָן מען קויפן ווײַנפּערלעך, אַגרעסן, ווײַנשל, נאָר איך דאַרף עס נישט. די מאַמע קויפט אַליין און גיט אונדז יעדן פאַר־זוכן. אַז איך ברענג אַ פלעשעלע בראָנפן, גיב איך דעם אויך אָפּ כבוד. ערשטנס, האָב איך איבער דעם אַזוי ווי צו שאַפן, צווייטנס, איז עס גלאַט אַ שיינע כלי מיט אַ ביסעלע יצר־הרע, און ס׳שטעקט אין דעם אפילו אַ ביסעלע חכמה. שטעל איך עס אַוועק אינעם שאַפּקעלע, וואָס שטייט ביי אונדז אויף דער קאָמאָדע, אַ שאַפּקעלע מיט איידעלע גלעזערנע טירלעך, און ס׳שאַפּקעלע האָט אין זיך דריי פּאָליצעס. אויף דער אויבער־שטער שטייען ביי אונדז די משניותן מיטן לעדערנעם איינבונד, די חומשים, דער הפץ חיים און דער ספר הברית. אויף דער צווייטער, מיטלסטער, פּאָליטשקע שטייען בעכערלעך, די סאַכאַרניצע, שאָלעכלעך פון אייגגע־מאַכטס, גלעזער, און אויך מיין פלעשעלע שטעל איך אַוועק אויפן זעגסטן אָרט, נאָך אַפילו ס׳טריוואָקס נישט אָפּגעשיילט, און אויפן אונטערשטן דעק פונעם שאַפּקעלע שטייען שוין פאַרשידענע שאַלעמויזן: אַ פונטל אָן אייזערנס, קופערנע לויטן, אַ שטיקל שפּאַגאַט, אַ נאָדל פון זעק און נאָך אַזעלכע זאַכן. דאָ זענען שוין אין די טירלעך אַפילו די טאַפּליעס האָלצערנע, דינע, טונקל צוגעפּאַרבטע ברעטלעך.

בראָנפן האָבן מיר אַלע ליב אין שטוב.

דער טאַטע גיסט אָן אין בעכערל פרייטיק צו נאַכטס ביים עסן. ער טוט אַ טרינק אַ ביסל און פאַרבייסט מיט אַ שטיקל בולקע. דערנאָך נעמט ער, שיט אָן זאַמדצוקער, טרינקט זיך דאָס זאַמדצוקער אָן מיטן בראָנפן און דער טאַטע נעמט אויף אַ דערזשעלע פון לעפל און גיט דער מאַמען, גיט אונדז יעדן און מיר פאַרמאַכן אַ ביסל די אויגן, ווייל

www.libtool.com.cn

בראָנפן איז שטאַרק. נאָר דער צוקער איז זיס און דער בראָנפן האָט אים געמאַכט נאַס, האַרט און געשמאַק. דאָס סאָטקעלע איז טאָקע אַ ביסל אַן איבעריקע הוצאה — פערצן קאָפּיקעס, נאָר דער טאַטע האַלט עס דער עיקר אויף שבת, אויף הבדלה און אַ גאַנצע וואָך טוט ער אויך אַ מאָל אַ לעק. אַ מאָל סטייעט פון איר אַ ביסל אויפן צווייטן שבת אויך, און אָפטער גיי איך פרייטיק ביי טאָג און ברענג. איך האָב ליב דעם גאַנג. איך פיל דעם ריינעם ריח פון דער שענק, איך זע די געפאַרבטע פאָלן, די ברעטל־וואַנט און די דראָטן ביזן עק פערעגאָראָדקע. איך זע די פּאָליצעס, וואָס זענען באַצירט מיט פלעשלעך קייסערשע פון פאַרשידענער גרויס און פון פאַרשידענעם ווערט. און אַ מאָל רעד איך טאָקע מיט פעקאַרסקין אַליין. פעקאַרסקי וווינט אין דער זעלבער וווינונג ווו די שענק איז. פון אינעווייניק פון שענק גייט אַ טיר צו אים אין דער וווינונג אַריין. ער האָט אַ ווייב, וואָס קאָכט וואַרמעס און זעט צו די קינדער, גיט אַכטונג אויף די בהמות און גייט זונטיק אין קלויסטער אַריין. הייסט זי פעקאַרטשיכע. ער גייט נישט אין קלויסטער, ער איז אַ פּאָליאַק. זי וואָלט אויך נישט געגאַנגען אין קלויסטער — זי איז אויך אַ פּאָליאַטשקע, נאָר ס׳איז ווייט צו אַ קאָסטיאָל, פאַרבייגט זי דערויף, וואָס דער קלויסטער איז אַ פּראַוואָסלאַוונער: גאָט איז דאָך איינער, און זונטיק נעמט זי איר פּוילישן סידור און גייט. די ייִנגעלעך זענען אויך פּוילישע, נאָר זיי רעדן רוסיש און גייען אין דער היגער שקאָלע פון סאַמע ערשטן קלאַס אָן. איין מאָל האָב איך געוואָלט פאַרזוכן, וואָס אַ שקאָלע איז, און דער טאַטע ט׳מיר נאָכגעגעבן, בין איך אַריין אין פערטן קלאַס. אָט דאָרטן האָב איך זיך באַקענט מיט פעקאַרסקיס עלטערן ייִנגל, מיט וואַציעכן, און מיר פלעגן אין איינעם לערנען די אוראָקן אילאָווייסקיס איסטאָריע. די שקאָלע האָט אַרויסגעגעבן ביכלעך. דאַן פלעג איך פאַרגיין צו אים אַהיים. איך פלעג גיין נישט דורך דער שענק, נאָר דורך דער פאָרטקע פון הויף. מערסטן טייל פלעגן מיר זיצן אין הויף לעם גאָרטן, פלעג איך דאָרטן זען די צייטיקע גרויסע האַרבוזעס ביי זיי פון גאָרטן און די צוויי בהמות זייערע, שיינע בהמות גרויסלעכע, מיט טיפע בייכער און נישקשהדיקע אייטערס. די מאַמע וואַציעכס,

www.libtool.com.cn

פעקאַרטשיכע, איז געווען גוט צו מיר, זי פלעגט זאָגן: וואָיציעך, וואָס זיצט איר אין דרויסן, איר קאָנט דאָך גיין אין שטוב לערנען די אוראָקן. אין שטוב איז ביי זיי געהאַנגען אַ גרויסער הענגלאָמפּ איבערן טיש. דער טיש איז געשטאַנען אין מיטן שטוב פּאַרדעקט מיט אַ טישטעך. אַרום דער קולבע פון לאָמפּ זענען געהאַנגען פראַנזן פון קאָלירטע גלעזערנע שטרויעלעך, קירצערע און לענגערע. איך בין געזעסן אויף אַ בענקל מיט אַ גלאַטער ברייטער פּאַרענטשע אָן אַ היטל אַזוי ווי אין שקאָלע און איך האָב נישט געדענקט וואָס מיר לערנען אין דער איסטאָריע, ווייל די שטוב איז מיר געווען ניי און נישט אין גאַנצן היימלעך. זיי זענען געווען צו מיר גוט, נאָר איך בין געווען נישט געוווינט דערצו. עפּעס ט׳מיר געפעלט. אַז וואָיציעך פלעגט קומען צו מיר, פלעגט ער זיך פילן פרייער. מעגלעך, אַז זיינע טאַטעס, זיידעס און עלטערזיידעס פלעגן זיך פילן פרייער ביים יידן אין שטוב, ווי דער ייד ביי זיי. דערפאַר גייט אים, ווייזט אויס, אַפילו נישט אַרויף אויפן געדאַנק למאי זאָל ער זיך פילן געקלעמט אָדער געענגט.

* * *

אַז איך בין געווען שוין אַ סך גרעסער, בין איך נישט געווען קיין קינד? קינדערשע געגנ, קינדערשע געדאַנקען, פאַנטאַזיעס און האָפע־נונגען. אַ בלאַט האָב איך אויסגעשריבן מיט משהקען דעם רבס אויף דער האַלב. ער האָט געלייענט, איך — געוויס נישט. ווינציק, ווינציק געלייענט אין לעבן, ווינציק געלערנט. געוואָלט, אַ גאַנץ לעבן האָב איך געוואָלט און וויל נאָך. אַ שיינע מעשה ט׳זיך ביי מיר געטראָפן אין מיין לעבן און האַלט זיך נאָך אין אַ געוויסער מאָס ביז איצט. איציק דער ווענעטאַריער. אַלע יאָרן איז מיר שווער געווען שלום מאַכן מיט דעם, ווי איך טראָג די הון צום שוחט אַ לעבעדיקע. ער טוט איר אַ מיאוסע זאַך, און איך טראָג זי אַהיים מיט אַן איבערגעקוילעט העלדזל. איך האַלט זי פאַר די געבינדענע פיסלעך, און ס׳גאַנצע קערפּערל הענגט מיטן אויבן אַראָפּ. דאָס קעפּל מיטן איבערגעקוילעטן העלדזל טעלעפּעט

www.libtool.com.cn

זיך. איצט איז עס שוין סחורה, פון איצט און ווייטער גייט עס שוין מיט אַ בעסער געפיל און פאַרגעפיל. ס׳וועט זיין אַ יויך פון עוף, ס׳וועט זיין אַ העלדזל־קוגל, ס׳וועט זיין אַ פולקע־עוף. אַ לעבערל, אַ פּיפּעקל, אַ בייליק און אַפילו קרעפּלעך פון געהאַקטן בייליק, ס׳וועט זיין גאַלע גבירישע מאכלים, מאכלים, וואָס קומען אָדער אויף גבירישע טישן, אָדער לעם בעט פונעם חולה און פון קימפּעטאָרין.

אַז די מאַמע ט׳געהאַט הינדעלען, האָב איך נאָך נישט געוווּסט ווי אַזוי מע האָט אַ קינד. פון וואַנעט קומט דאָס קינד. איך האָב נאָר געוווּסט, אַז די מאַמע איז אויף דער צייט, דער מאַמען איז שווער. אַז די מאַמע גייט צו קינד און די באָבע בונטשע איז דאָרט מיט איר אין אַלקיר, איז בעסער איך זאָל נישט זיין אין שטוב, און איך האָב איין מאָל אַפילו געזאָגט תהילים, געבעטן דעם גאָט אין הימל, ער זאָל זיך דערבאַרעמען איבער דער מאַמען, איבער דעם טאַטן, איבער אונדז קינדער, אַז די מאַמע זאָל איבערקומען געזונט מיט אַ לעבעדיק קינד. און דאָס איבעריקע. דאָס איבעריקע איז שוין געווען גוט. די מאַמע ט׳געבוירן אַ מיידעלע, דאָס מיידעלע וועלן מיר אַ נאָמען געבן הינדעלע. אין שטוב טוען מיר אַלע אַלערליי אַרבעט. די מאַמע ליגט אין קימפּעט, דאָס בעט איז פאַרהאַנגען מיט אַזעלכע צוויי פאַרהאַנגען, נאָר מיט שיר המעלות. די פאַרהאַנגען זענען פאַררוקט, איין העלפט צו דעם עק בעט און איין העלפט צום צווייטן עק. די מאַמע איז אַ מיוחס, מיר גיבן איר מילך, מיר גיבן איר קאַקאַאָ פון אַ קריגעלע. קאַקאַאָ איז אַזוי געשמאַק און אַזוי גוט, און אַזאַ שיינע פאַרב האָט ער, אַ פאַרב און אַן אויסזען און שניידט זיך אַזוי גוט מיטן לעפעלע. אָבער מאַכן מאַכט אים די מאַמע אַליין אַ פּאָר וואָכן פאַר דער קימפּעט. זי קויפט אַזעלכע זשאָלודיעס פון קאַקאַאָ. רופט מען עס ביי אונדז קאַקאַוו. די זשאָלודיעס שטעלן מיר אין אַ הייסן אויוון אין אַ בעקן. אַז זיי בראָטן זיך צו גוט צעשיילן מיר זיי, מיר קלאַפּן זיי אויף אַ שטויסל, זיפּן זיי אין אַ זיפּעלע, דערנאָך פּרעגלען מיר זיי אין פּוטער און אין צוקער און גיסן עס צונויף אין קריגעלעך, פאַרבינדן פון אויבן מיט שמאַטקעלעך, שטעלן עס אַוועק אין הויז אין שאַפע; מיר האָבן דאָרט אַזאַ הילצערנע טירנדיקע שאַפע

www.libtool.com.cn


מיט פּאַליצעס, ווי מיר האַלטן מילכיקס, איינגעמאַכטסן און נאָך זאַכן. מיר טשעפּען אים קיינער נישט, און אַז די מאַמע ווערט געלעגן, גיבן מיר איר גאַנצע האַלבע לעפל קאַקאַוו אין הייסער מילך אַריין. און אַז מיר זענען עס ווערט, גיט אונדז די מאַמע צו שטיקעלעך. זי קאַלופּעט אונדז אָפּ צו שטיקעלעך מיט דער דרויסנדיקער זייט נאָגל פונעם גראָבן פינגער. מיר עסן, ס׳קריטשעט אַ ביסעלע אויף די ציין, ס׳איז קיל, ס׳איז פעט און ס׳איז זיס, באַטעמט. אוי, אַ מאַכל! אַז דער מאַמען זאָל עס טאָקע נאָך זיין צו געזונט. אַ מאָל שיקט זי דעם טאַטן צום אָנבייסן אויך אַ שטיקל קאַקאַוו, אַ גאַנץ טיי־לעפעלע נעמט זי אים אָן. דער טאַטע ווייסט נאָר איין זאַך: אַרבעטן אַ גאַנצע וואָך אין האַר־באַרניע. אפשר אויף דער נאַכט, אַז ער לייגט זיך שלאָפן, רעדן זיי פון עפּעס. די מאַמע טאָר מען נישט יאָדען מיט גאָרנישט, זי איז אַ קימ־פּעטאָרין. אוי, אַ מחיה, אַ שיינע ווי די מאַמע איז! און שבת, צו די אַכט טאָג, רופט מען דעם טאַטן אויף צו דער תורה, מע מאַכט אַ מי שברך דער געווינערין, דעם ניי געבוירענעם קינד און מען גיט דעם קינד אַ נאָמען ביי דער תורה און די יידן גיבן דעם טאַטן אָפּ מזל־טוב. אַזוי איז אַ טאָג אַכט. די באָבע דרייט זיך אַרום, מע גיט דעם קינד זויגן, מען באָדט ס׳קינד, ס׳קומט אַ מאָל אַריין אַ שכנה, אָדער אַ חברטע דער מאַמעס. די מאַמע יאָגט זיך גראָדע נישט איבעריקס נאָך קיין געסט. אַ מאָל נישט אַזאַ גרינג אויג, מע זאָל דעם קינד קיין עין־הרע נישט געבן. זייער אַ שיינינק מיידעלע דאָס פּיצינקס. מיר האָבן עס שוין אַלע געהאַלטן צו ביסלעך אויף די הענט. מע האָט עס נאָר וואָס איבער־געוויקלט אין טריקענע פרישע וויקעלעך, האָט אונדז די מאַמע דער־לויבט דאָס האַלטן אויף די הענט. מיר שטעלן אָן די הענט, ווי אונטער עפּעס, מען דאַרף זיי אונטערבעטן, און דינהלע לייגט אונדז אַנידער ס׳ברעקעלע אויף ביידע הענט. מיר שטייען לעם דער מאַמעס בעט און מיר האַלטן עס. אַזאַ קליין פּנימל מיט אַ שטערנדל, מיט אייגעלעך, מיט אַ נעזעלע, מיט לעכעלעך אינעם נעזעלע און אַ פּיצל פּיסקעלע, טאָמער עפּעס, קרימט זיך עס, דאָס פּיסקעלע, און ס׳גאַנצע פּנימל. איר זאָלט זען סאַראַ פינגערלעך ביי דעם אויף די פּיציניקע פּיסעלעך. און דערנאָך

www.libtool.com.cn

זאָגט די מאַמע שטיל: געגוג, קינדער! און מיר גיבן עס איר אָפּ. ליגט עס לעם דעם מאַמעס זייט. די מאַמע מאַכט אויך צו די אויגן, פאַרשטייען מיר, אַז מען דאַרף לאָזן די מאַמע אָפּרוען.

אַז די מאַמע איז אַ קימפּעטאָרין גייען מיר אָפּט צום שוחט קוילענען אַן עוף. דער מאַמען גיט מען אַ ביסעלע שיטערע יויך. אַ מאָל מיט אַ געטריקנט פּענעצל. ווען עס ענדיקט זיך די אַכט טעג, הענגט שוין לעם דער מאַמעס בעט אויף פיר שטריקעלעך און אויף אַ קרוק פון דער סטעליע אַ הילצערן וויגעלע. אין וויגעלע איז אַלצדינג אויסגעבעט. דאָס וויגעלע האָבן מיר אַראָפּגענומען פון בוידעם און דער טאַטע ט'עס אַליין אונטערגעהאַנגען, און אַז עס איז נאָך געווען אַ ליידיקס, האָבן מיר אויסגעוויגט אין וויגעלע אַ שטיק לעקעך, האַניק־לעקעך — דאָס קינד זאָל האָבן אַ זיס לעבן, ווען ס'וועט אויסוואַקסן. און איך דאַרף גיין אין דרויסן כאַפּן די קאַץ, נישקשה אונדזערע, נישקשה אַ פרעמדע, וואַרפן מיר זי אַריין אין וויגעלע. זי וויל אַרויסשפּרינגען, האַלטן מיר זי צו און מיר וויגן ס'וויגעלע. דער אייזערנער קרוק סקריפּעט לעם סטעליע, און מיר טוען עס צוליב דערויף, אַז דאָס קינד זאָל שלאָפן שטיל ווי אַ קעצעלע. די קאַץ שפּרינגט אַרויס, נעמען מיר אַ שמאַטקעלע און ווישן אויס ריין די ווענטלעך, די ברעטעלעך אויפן דנאָ און מיר בעטן עס אויס און מיר לייגן הינדעלען אין איר וויגעלע. די מאַמע איז שוין אַ גאַסט אין שטוב, אין שטוב און אין קיך. מיר קוקן אויף איר און מיר זשאַלעווען זי לאָזן עפּעס טאָן. דינהלע טוט שוין אַלצדינג, און אַ מאָל בעטן מיר די מומע אָדער מיר רופן הינדען חנהס, זי זאָל אונדז פאַרקנעטן ברויט און אַריינזעצן אין אויוון.

פאַמעלעכן, פאַמעלעכן געוווינט זיך די מאַמע צו צו דער שטוב און ווערט צוריק באַלעבאָסטע און אונדזער איטלעכנס מאַמע, ווי געווען. אין דער וואָכן טראָגט זי אַ ווייסע זשאַנענע פאַטשיילע און זי איז צו אונדז גוט, טוט אונדז אַ טאַפּ ביים שטערן, טאָמער קלאָגן מיר זיך אויף עפּעס.

טייערע מאַמע, טייערע מאַמע!

www.libtool.com.cn

* * *

אין האַרבאַרניע, אַז די יוכטן אָדער די בוקאַטן זענען שוין פּאַרטיק, אויסגעקאַטשעט, אָפּגעשוואַרצט, אָפּגערייניקט און פון ס׳ניי געקאַטשעט, געזשירעוועט, גלאַנצן מיר זיי מיט אַ ביסל געקאָכטן קליי מיט אַנאַלין, און דער עיקר מיט בלוט, מיט בהמהש בלוט. מען טונקט איין די ערשטע זייט פון אַ ווייך געוועגטל אין בלוט, אַפילו נישט אין גאַנצן — בלויז אַ שפּיץ און אַ פּאַטשקע דעם יוכט אין עטלעכע ערטער: דאָ דאָ, דאָ דאָרט און דערנאָך לייגן מיר צו ס׳געוועגטל פלאַטשיק צו דעם יוכט און מיט דער אויסגעצויגענער דלאָניע צוגעדריקט ס׳געוועגטל פירן מיר עס אַרום איבער דער יוכט און רייבן גוט איין די פלעקן בלוט און צע־פירן זיי איבער דער יוכט אַזוי, אַז דאָס פּנים פונעם יוכט באַקומט אַ גלאַנץ. עטוואָס קלעפּיקלעך, נאָר פאַר די פינגער, וואָס נעמען אים אָן, איז ער טרוקן. ווו ־זשע נעמען מיר בלוט? בלוט נעמען מיר אין בוינע, אין שעכט־הויז. מע גייט אַוועק אַהין בשעת ביי יחיאלן דעם קצב אָדער ביי יצחק־לייבן פּסח שמערלס קיילעט מען אַ גסה און מיר נעמען אָן אַ ראַשקעלע בלוט. אמת, מע דאַרף לאַנג און ענערגיש מישן בשעת ס׳איז נאָך וואַרעם, ווייל אויב נישט ווערט דאָס בלוט פאַרגליווערט און שטיקלעך קישקעלעך אָדער לאָקשן אַזעלכע. איין מאָל ט׳דער טאַטע מיך געשיקט מאַכן בלוט אָדער אָננעמען בלוט.

בין איך אַוועק מיט דעם ראַשקעלע אין בוינע, וואָס אויף דער אַנטאָנאָוויטשער גאַס, נישט ווייט פון דעם פעטער זלמנס שטוב. אַהין איז פון אַנטאָנאָוויטשער גאַס אָנגעגאַנגען מאָטל דער בלינדער אָדער מאָטל יחיאלס. ער האָט געפירט אַ פיינע רויטע בהמה אויף אַ שטריקל. אַ הויכער ייד, אַ קרעפּטיקער און בייגט זיך אַלע מאָל זייטיקלעך איבערן רוקן פון דער בהמה. געקומען צו דער בוינע, וויל זי נישט אַריינגיין, דער ריח פון בלוט טרייבט זי אָפּ. ס׳וועט איר אָבער העלפן. אַ קלאַפּ מיטן שטריקל, אַ שלעפּ פאַר די הערנער און זי איז שוין אַריין. אין בוינע אונטערן גידעריקן דאַך איז קיל, טונקל. אברהם, דער אַלטער שוחט, איז שוין דאָ. ער האָט עטלעכע פייערדיק־שאַרפע חלפים און אַזעלכע

www.libtool.com.cn

לאַנגעכיקע געווענטעגע שײדלען. ווי אַזוי זשע קוילעט מען די בהמה? איך האָב געמיינט, אַז דער שוחט גייט צו, טוט אַ פּיר מיטן חלף אונטער דער בהמהס האַלדז מיטן שאַרף אַרויף און די בהמה פֿאַרלירט איר נשמה אָדער איר לעבן. לאָזט זיך אויס, אַז זיי פֿירן זיך דאָרטן אַ ביסל אַנדערש. מאָטל מיטן בלינדן אויג נעמט דעם עק שטריקל, צו וועלכן דער בהמהס הערנער זענען צוגעבונדן, רוקט אים דורך דורך אַ שטאַרקן אײַזערנעם רינג, וואָס איז אײַנגעפּעסטיקט אין דיל פֿון דער בוינע. דער דיל איז נישט גלײַך, נאָר גייט פֿון ביידע זײַטן אַהער אין מיטן אַראָפּ פֿון אַ באַרג און בילדעט אויס אַזוי ווי אַ שיפֿל, דורך וואַנען ס׳בלוט לויפֿט אַראָפּ. אַז מאָטל ט׳געגעבן אַ שלעפּ אָן רחמנות דעם שטריק דורכן רינג, האָט זיך דער בהמהס קאָפּ געגעבן אַ שלעפּ אַראָפּ. די בהמה האָט פֿאַרלוירן דעם גלײַכגעוויכט און איז אומגעפֿאַלן. דאַן האָט ער פֿאַרוואָרפֿן איבער איר דעם שטריק און אים צוגעפּעסטיקט נאָך מער צום דיל, דאַן הייסט מיך מאָטל, איך זאָל פּאַטשן מיט דער דלאָניע דער בהמה איבערן אויבערשטן אויג זי זאָל עס האַלטן פֿאַרמאַכט. נישט קוקן, אָדער וואָס, און אברהם, דער אַלטער שוחט, וואָס האָט אַזאַ ווערט אין שטאָט מיט זײַן לערנען, מיט זײַן גוטן נאָמען וואָס ער האָט, איז צוגעגאַנגען, האָט אַרויסגענומען דעם גלאַנציקן חלף, געמאַכט אַ ברכה און געגעבן אַ שניט דריי מאָל הין און צוריק דער בהמה איבער איר ווייכן האַלדז. אַ הייסער שטראָם בלוט האָט גענומען שיסן פֿונעם איבערגעשניטענעם האַלדז, די בהמה האָט אָנגעהויבן אַ שרעקלעך כראַפּעריי, און איך קאָן נישט שטיין, איך קאָן נישט הערן, איך קאָן נישט זען. איך פֿאַרשטיי נישט ווי קומט אַהער אַ ברכה צו אַזאַ אכזריותדיקער אַרבעט. וואָס איז ער, אברהם, אַן ערלעכער איז ער? אַ גזלן איז ער! און מאָטל איז גלאַט אַ גראָבער רוצח. רבונו־של־עולם, וואָס טוט זיך עס דאָ! מאָטל ט׳ווײַזט אויס געזען ווי איך האָב זיך דערשראָקן און אַוועקגעוואָרפֿן דאָס שעפּל (דאָס ראַשקעלע), האָט ער גענומען און אַליין אָנגעקלאַפּט אַ ביסל בלוט ס׳זאָל נישט פֿאַרגליווערט ווערן, און געגנוג. איך האָב שוין פֿאַרשפּאַרט קוקן, ווי מען הענגט אונטער די בהמה פֿאַר די לעכלעך און די קני און מע שינדט פֿון איר

www.libtool.com.cn



די פעל ווען זי איז נאָך וואַרעם און מע נעמט אַרויס פון איר די גע־דערים, און דער שוחט באַטראַכט די ריאה, כדי געבן זיין אויספיר, אַז די בהמה איז געווען אַ געזונטע און דאָס פלייש אירס איז כשר.

איך גיי דורך די גערטנער פונעם פעטער זלמנס האַרבאַרניע אַהיים, איך טראָג אין איין האַנט דאָס שעפל מיטן ביסל פרעמד לעבן. די האַנט איז ביי מיר אַזוי ווי אַ פרעמדע, דער גאַנצער קערפּער מיינער מיאוסט זיך פון דער האַנט, וואָס טראָגט דאָס בלוט. אין האַלדז איז ביי מיר עפּעס אַ זיסקייט אַן אויפגעקוועטשטע און אויך אַן איבלדיקע, נאָר זי לאָזט זיך נישט אויסשפּייען. איך האָב זיך קוים פאַרשלעפּט אַהיים. דער טאַטע פרעגט פאַר וואָס איז אַזוי ווינציק בלוט אין ראַשקע, צי איך האָב נישט געקאָנט אָננעמען מער. ער ווייסט נישט, אַז איך האָב גאָרנישט אָנגענומען, אַז דאָס ביסל האָט שוין מאָטל דער בלינדער געמאַכט; ער האָט שוין געזען, אַז מיט מיר וועט מען גאָרנישט אויפטאָן, און ס׳שוין געווען כמעט נאָך אַלע חיימס.

פאַר נאָכט איז עס געווען. איך האָב געזען די בהמה אונדזערע, ווי זי איז געקומען פון פּאַשע, און נאָר אַ לייכטן קלער געטאָן, וואָס פּתּ איר קאָן ווערן, אַז זי קומט אַריין צו מאָטלען דעם בלינדן אין זיין רשות, און אברהם, דער אַלטער שוחט קאָן נאָך אונטערהויבן די אויגן אַרויף און פרומערהייט מאַכן איבער איר צו גאָט אַ ברכה, האָבן זיך ביי מיר די געדערעם אַ קער געטאָן אינעווייניק, און איך האָב אויף איר אַזוי רחמנות געקריגן. און אין דער זעלבער צייט זיך געפילט אַנטקעגן איר שולדיק. איך וויל נישט און זע ווי אויף צר־להכעיס די געדערעם מיט דער לונג־און לעבער ביי אונדזער בהמה אינעווייניק איך זאָל זי קאָנען צוטוליען צו זיך און עפּעס זאָגן, זי זאָל מיך פאַרשטיין.

דינהלע פלעגט אַ סך מאָל פאַרשטיין, וואָס איך לעב איבער. אָבער דערציילן איז אין דער רגע געווען נישט פון די גרינגע זאַכן...

ס׳איז אַוועק אַ טאָג, ס׳זענען אַוועק צוויי. איך דאַרף זאָגן דעם טאַטן מיט דער מאַמען, די וואָס האָבן איבער מיר צו שאַפן, פריער גאָט און נאָך דעם זיי, איך דאַרף זיי ווי עס איז בעטן אָדער פרעגן, אָדער זאָגן, אָדער מעלדן, אַז קיין פלייש טאָר איך נישט עסן, קיין פלייש, קיין

www.hbtool.com.cn

שמאַלץ, קײן גריװון, קײן לעבער, קײן האַליאַשקע, ס׳איז טריף, ס׳איז נישט רעכטפאַרטיק איך זאָל עסן אַ בהמהס, אַ קאַלבס, אַ שעפּס, אָן עופס פלײש. ס׳איז קעגן גאָט און קעגן יושר און קעגן מײַן סאָװעסט.

די ערשטע װײַלע האָבן מײַנע טאַטע־מאַמע אױף זיכער פאַרשטאַנען, אַז ס׳האָט מיך עפּעס אַ קװעל געטאָן. ס׳װעט דורכגײן.

אַ גאַנצע װאָך איז געװען װי אַ גאַנצע װאָך. זומער עסט מען אין דער װאָכן מילכיקס, פאַרעװעס, נאָר איז געקומען דער ליבער שבת מיט די שמעקעדיקע פרישע לכבוד־שבתדיקע מאכלים פּרײַטיק צו נאַכטס. איך װיל עסן, איך פּגר, איך גײ אױס. נאָר איך דערמאָן זיך נאָר אין דער בװינע, אין דעם געקװילעטן כראָפּען, װערט מיר אַלץ מיאוס. דאָס גאַנצע לעבן װערט מיר מיאוס. איך פּיל, אַז דער טאַטע װעט מיר אַראָפּלאָזן אַ פּאַטש, די מאַמע װעט זיך באַגיסן מיט טרערן, די קלענערע קינדער װעלן זיך דערשרעקן. נאָר אַ דאַנק גאָט, נײן, דער חלף האָט זיך איבער מיר נישט אױפגעהױבן. נאָר דער שבתדיקער טיש איז בײַ אונדז אין שטוב פאַרשטערט. אַלע שװײַגן, מען קײַט און מען שװײַגט. איך קײַ אױך מײַן אָנגעהױבן חלהלע, נאָר איך טונק נישט די חלה אינעם שמעקעדיקן עסיק־פלײש, איך נעם נישט דעם לעפל אין האַנט און שטעק אים נישט באַגלײַך מיט איטלעכן אין טעלער. מײַן חלק פלײש בלײַבט ליגן באַלײדיקט און װי אױסגעזידלט.

און מע האָט מיך אױף מאָרגן אױך נישט געטשעפּעט. מע האָט מיר נאָר עפּעס אַזױ װי נאָכן עסן געזאָגט, אַ קנײטש טוענדיק מיט די אַקסלען: די גאַנצע װעלט עסט. און איך האָב געשװיגן. די װעלט קאָן זיך טאָן װאָס זי װיל, װי ס׳איז איר בעסער. איך מיש זיך נישט, איך זאָג קײנעם קײן דעות נישט און זאָג קײנעם קײן מוסר נישט. אױף מאָרגן איז אױך געװען דאָס זעלבע: די שבתדיקע סעודה, דער טיש זענען פאַר מיר געװען אַן אימקװיזיציע, כאָטש קײנער טשעפּעט מיך נישט. דערנאָך ט׳מיט מיר משהקע דעם רבס שפּאַצירט נאָך מיטאָג איבער דער גרויס און דער לענג פון דער שיניצע און ער האָט געשמײכלט און זיך געבריהט, אַז די װעלט איז בכלל אַזױ באַשאַפן געװאָרן, אַז אײנער עסט דעם צװײטן: די קאַץ עסט די מױז, דער װאָלף — די שעפּסן, און בײַ די

www.libtool.com.cn 

מענטשן זענען גאָר די ציין אַזוי געבויט, ווי ביי די בעלי־חיים, וואָס עסן פלייש. מיך קאָן ער נישט רירן פון אָרט, ווייל איך זאָג, אַז איך מיש זיך צו קיינעם און גיי זיי נישט פאַרשעמען, אַז זיי טוען אַ קרומע זאַך, אָבער איך? איך קאָן נישט. איך קאָן נישט קוילענען קיין שעפּס, קיין לעמעלע, קיין קעלבעלע, קיין טייבעלע. קיינער ט׳מיר נישט געגעבן קיין רעכט אָפּצונעמען ביי זיי ס׳לעבן.

— טאָלסטאָי זאָגט אויך אַזוי — באַרויִקט מיך משהקע. — נאָר ער איז אויך נישט גערעכט.

אַז איך דערהער, אַז טאָלסטאָי איז אויך נישט גערעכט, ווערט מיר אַזוי גוט, וואָס לעוו טאָלסטאָי מיט אָט דער־אָ באָרד איז אויך נישט גערעכט. ווי אַזוי ס׳ווערט מיר ליב, ווי אַזוי ס׳ווערט מיר געשמאַק, אַז איך האָב אַזאַ מין טייערן צד, אַזאַ מין טייערן שותף, כדי צו זיין מיט אים אין איינעם „נישט גערעכט". איך בין אין איינעם אַ פאַרנאַכט דורכגעגאַנגען פאַרביי דעם וואָלאַכייסקער געסל. דאָרטן איז געלעגן אַ קאַלב, וואָס איך האָב ביי טאָג געזען, ווי עס שטייט הונגעריק צוגעבונדן פאַר אַ שטריקל איבערן האַלדז, און ס׳מעקעט, ס׳וויל אַוודאי עסן, און איצט האָט עס שוין נישט געמעקעט, איצט איז עס געלעגן מיט אַ פריש איבערגעשניטענעם האַלדז און ס׳האָט פאַרכלינעט מיט הייסן בלוט און געכראַפּעט. איך בין אַוודאי נישט גערעכט און דאָרטן אויפן הוילן האָרבסטיקן שטיקל גאָרטן, הינטער נפתליס שטוב דריי איך זיך אַרום דעם באַגזלטן שוין פאַרפאַלענעם קעלבל, נאָר ס׳האָט מיך נאָך נישט אויפגעהערט מוטשען דער איידעלער ייד, וואָס קען שוין לערנען — ברוך אייזיק דער שוחט, און די וואָס האָבן אים געדונגען, אַהער גערופן און געבראַכט. ער האָט שוין אויסגעווישט מיט אַ פּאָלע דעם חלף, אים פון ס׳ניי אַ פּרווו געטאָן מיטן נאָגל און אַריינגעלייגט אין געוועינטלעכן שיידל אַריין. ער איז פאַרליבט, ער ציטערט איבערן פלאַמפייערדיקן כשרן שאַרף פון זיינע חלפים. די קלענערע און די גרעסערע. איך האָב ביי אים געלערנט, ביי ברוך אייזיקן, אַ שטיקל צייט און איך פלעג זען, ווי אַזוי ער איז פאַרליבט אין דער פולקאָמענער שאַרף פון זיינע גאַלמעסערס. וואָס זאָג איך גאָלמעסערס? גאַלמעסערס גייען נאָך

www.libtool.com.cn

נאָר אויבן איבער דער הויט פון קאָפּ און באָרד און אַפילו אין אייניקע באַהאַלטענע ערטער. חלפים זענען נישט געגליכן צו קיין גאַלמעסערס. איך ווייס, אַז איך בין נישט גערעכט, אַז אַלע, אַלע, די גאַנצע וועלט מענטשן... נאָך אַ זאַך ווייס איך, וואָס איז מיר פיל ערגער און פיל שווערער איבערצוטראָגן. די מאכלים, וואָס מע מאַכט אין שטוב שבת און יום־טוב שמעקן זייער גוט, ציִען מיך צו זיך, און איך? איך מיאוס מיך נישט פון זיי. פאַרקערט, אַ מאָל קומט מיר אויס זיך איינהאַלטן, אָנטאָן אויף זיך אַ כוח, אַבי בלייבן „נישט גערעכט״.

דער טאַטע שעמט זיך מיט מיר, דער מאַמען קאָסט געזונט, וואָס איך פאַרפייניק זיך און זאָג זיך אָפּ פון מענטשלעכער הנאה. און בכלל, מען קאָן דען אויסקומען אָן פלייש?

און איך. איך בין עטלעכע יאָר דורכאַנאַנד געווען נאָר מילכיק און פאַרעוו.

* * *

איינע אַ נאַכט אין דער קינדהייט און שפּעטער מיט אַ צייט נאָך אַ נאַכט, וואָס איך בין נישט געשלאָפן אָדער שלעכט געשלאָפן, אָדער זיך די גאַנצע צייט געדרייט. וועגן זיי קען זיך רעדן אין דעם קאַפּיטל, נאָר פריִער וויל איך רעדן וועגן אַ נייער שטוב, אַ נייעם שכן. צווישן פייגל דער מלאכטעס שטוב מיטן וואָלאָסט־ברונעם פון איין זייט, אונדזער שטוב פון דער צווייטער זייט, די סטאַניעס און פעטריקס שטוב פון דער דריטער זייט, דעם קליינעם גערטנדל אונדזערן און מאַרקאָ לוטאַנס ווײַנשל־ביימלעך פון דער פערטער זייט — האָט זיך נישט אין קיין איבעריקער ענגשאַפט אויסגעבויט אַ שטוב. פייגל דעם פעטער זלמנס (מיין מאַמעס אַן אייגן שוועסטערקינד און קינדווייז טאַקע אַ חברטע אויך), מיט איר מאַן ישראל דוד האָבן, ווייזט אויס, געדאַרפט שוין ווען נישט ווען זיך אָרויסקלייבן פונעם פעטער זלמנען. די שטוב איז דאָרטן געווען נישט קיין גרויסע. אַ הויז, אַ קאַמער, וואָס ווי מען טוט נאָר אָן עפן אָהין די טיר, טוט אַ שלאָג אָנטקעגן אַ געדיכטער ריח פון

www.libtool.com.cn

יוכטן, טראָן און דזעגעכץ, דער ריח איז אַ געזונטער פּאַר מענטשן, וואָס זענען מיט אים געווינט, נאָר אַ האַרבער. פון דעם גרויסן הויז עפּנט זיך אַ טיר אין קיך אַריין, אַ היפּשע קיך מיט אַן אויוון. לינקס פון קיך — אַן אַלקיר דעם פּעטער זלמנס. פון דער קיך, סאַמע אַנטקעגן — אַ טיר אין דער גרויסער שטוב אַריין, וואָס איז אַלע יאָרן אַ ראַבאַטשער, אַ טרוקענער ווערקשטאַט. פון דאָרטן ביי דער זייט — אויך אַן אַלקירל. האָבן דאָרטן געוווינט פייגל מיט ישראל־דודן. מען האָט דאָרטן געהאַט און אויפגעצויגן קינדער מיט קינדערלעך. דער פּעטער זלמן און די מומע אסתר — מיר זענען זיי געווען אַן עלטערפעטער און אַן עלטער־מומע — האָבן געהאַט צוויי איינציקע קינדער: אַן איינציקן זון יוסף־משה און אַן איינציקע טאָכטער פייגל. יוסף־משה איז יונג געשטאָרבן. זיי האָבן געהאַט גרויס צער אי פון זיין שלאַף ווערן, אי פון זיין גיין פון דער וועלט. ביי דער מומע אסתר איז שוין דאָס אַליך געווען צע־בראָכן אַלע יאָרן. נאָר גאָט מיט ביידע הענט שטראָפט ער נישט. זענען ביי יוסף־משהס ווייב געבליבן אויף די הענט צוויי קינדערלעך: הינדל און מאָטל. די שנור איז געווען אין איסקאָראָסט און די צוויי קינדער ביים זיידן מיט דער באָבען מער ווי ביי דער מוטער. דאָס איז געווען קליינערהייט, און גרויסערהייט זענען זיי שוין אין גאַנצן געווען היגע. מאָטל איז געגאַנגען אין חדר און הינדל, אַ דריבנע אין וווקס, איז זי כסדר געגאַנגען זייער שיין אָנגעטאָן, אפשר קליידן זיך די מיידלעך אין איסקאָראָסט נישט אַזוי ווי ביי אונדז אינעם קליינעם שטעטל סלאָוועשנע. פייגל האָט אַ צייט געהאַלטן ביי זיך חווהלען די שטומע, זי זאָל איר ניאַנטשען און צוויגן אַ קינד. קיין נוץ קיין גרויסע איז פון איר נישט געווען, נאָר חווהלע די שטומע פלעגט דאָך אַלע יאָרן אַרומגיין איבער דער שטאָט; די שטאָט פלעגט זי אויסהאַלטן ביז אין גרויען צאָפּ אַריין. איז, אַז ס'פלעגט קומען ערב־שבת אָדער ערב־פּסח, פלעגט זי אָוועקוואַרפן האַק און פּאַק און פלעגט אויף אַ פּאָר שעה אַ לויף טאָן איבער דער שטאָט און ברענגען שטיקלעך געזאַלצן און נישט געזאַלצן פלייש, פלעגט ברענגען אַ קוילעטשל, אַ שטיקל צוקער, אַ ביסל לאָקשן, און פייגל האָט איר בשום אופן נישט געקאָנט איינרעדן, אַז מען דאַרף עס נישט —

www.libtool.com.cn

ס׳איז דאָ פליש, ס׳זענען פאַראַן לאָקשן, צוקער, בענטשליכט און אַלץ דאָס איבעריקע.

צי זענען מיר געווען גערן, וואָס ס׳בויט זיך אַ שטוב לעם אונדז (און וועמען וועלן מיר נאָך האָבן פאַר קרובים אונדזערע אייגענע: פייגלען און ישראל־דודן מיט די קינדער!), דאָס איז שווער צו זאָגן, מיט יידן איז גוט קוגל עסן, נאָר נישט פון איין שיסל. ס׳איז אי געווען אָנגענומען און עפּעס האָט געשטערט. דער דורכגאַנג איז געווען אַ פרייער, אַ ברייטער, אַ געראַמער און איצט ווערט ער אַ שמאָלער. די ערשטע צייט, אַז די שטוב האָט זיך אויסגעבויט, האָט דאָרטן געוווינט מאָש־טשענסקי, אַ טעכניק, אַ פּריצל אַזאַ אָן אַ פאַמיליע, דערנאָך איז דוכט זיך געזעסן אין דער דירה חווה־פּערל דאָברושקעס מיט איר הויזגעזינד. דערנאָך האָבן זיך שוין פייגל מיט די קינדער אַליין אַריבערגעקליבן. איז איידער פייגל האָט זיך אַרײַנגעקליבן, פלעגט הינדל נעכטיקן. הינדל איז שוין געווען אַ כלה־מיידל, איך בין געווען אַ קינד. קומט זי, הינדל, איין מאָל פאַר נאַכט צו אונדז, אַז ס׳איז אַ כמאַרע אין דרויסן און ס׳בליצט, וועט זי מורא האָבן שלאָפן אַליין. ט׳איר די מאַמע געזאָגט, אַז איציק וועט ביי אייך נעכטיקן. אַזוי ווי לעם די ווענט פאַרן טיש אין סטאָלאָווע זענען געשטאַנען צוויי שמאָלע קאַנאַפּקעס, וואָס האָבן זיך אָנגערירט מיט די צוקאָפּנס איינס אין דעם אַנדערן, אַזוי זענען מיר אויף די דאָזיקע קאַנאַפּקעס געשלאָפן.

אמת, אין דרויסן איז געגאַנגען אַ רעגן, אַ ראַשיקער, אַ דורכויסי־קער, אַ רעגן אַ זאַפּטיקער, אַ הייסער, אַזוי ווי שטאַרקער בראָנפן. די דונערס מיט די בליצן האָבן אַרומגעקוקט מיט זייערע קולות, מיט זייערע פייערדיקע שפּיזן אונדזער שטוב, ווי איך מיט הינדלען זענען געשלאָפן אַ קאַנאַפּקע לעם אַ קאַנאַפּקע, אַ צוקאָפּנס לעם אַ צוקאָפּנס; אַזוי האָבן זיי אונדז אַרומגענומען. דערפאַר איז מיין אומרויִקייט אין מיר געוואַקסן נאָך שטאַרקער, ס׳האָט אין מיר געברענט אַ פייער פון גלוסטונג, מיט פאָרכט, מיט מורא, מיט דרך־ארץ. הינדל איז דאָך אַ כלה־מיידל. גייט שוין אָנגעטאָן, אַזוי ווי מען גייט אין איסקאָראָסט און איך בין אַ שנעק נאָך, אַפילו צו דער בר־מצווה נישט דערקראָכן.

www.libtool.com.cn

אָבער איך בין מסכים. לאָדט אויף מיר אַן מצוות, לאָדט אויף מיר אַן טליתים און תפילין, אַבי גיט מיר מיין צייטיקייטס־רעכט. איך בין קליין, איך בין אַ שנעקל, אָבער מיין נאָענטע שכנהשאַפט מיט הינדלען וועט דען מיך לאָזן פאַרגעסן אין מיינע אייביקע פאַרלאַנגען, ווי שעמעוודיק, ווי טיף זיי וואָלטן אין מיר נישט געגליט? ניין. איך בין ביי זיך גאָר נישט אַראָפּגעפאַלן, גאָט איז מיט מיר, ער האָט מיך אַזאַ באַשאַפן. די דונערן, די בליצן, דער גאָסרעגן, דער אָנהויב וועלט און דער עק וועלט זענען מיט מיר, נאָר די מענטשן קאָנען זי נישט פאַרשטיין. די מענטשן מיינען, אַז אַ חתונה־געהאַטער, אַן אויסגעוואַקסענער מעג אַלצדינג. ער מעג גאַנצע נעכט דורכאַנאַנד האָבן זיין נאַקעט ווייב לעם זיך, און איך, אַ יינגעלע, וואָס גייט אין חדר, וואָס קען לערנען, וואָס ברענגט דער מאַמען אַן עמער וואַסער פון באַרג־ברונעם — איך טאָר נישט. איך גיי מיטן טאַטן אַלע שבת אין שול, איך הער דעם חזן, דאַוון פון אַ סידור — איך טאָר נישט. נו, גוט, איך טאָר נישט. טאָ ווי אַזוי זשע מעג די גלוסטונג מיט איר גאַנצער נאַקעטקייט איבער מיר הערשעווען?! איך וועל בייסן די קאָלדרע, איך וועל זיך איינקלאַמערן מיט די פינגער אין הילצערנעם פּאָרענטשל פון מיין צוקאָפּנס און פון איר צוקאָפּנס. יאָ, פון איר צוקאָפּנס מעג איך, אַבי זי זאָל נישט הערן. הינדל טייערע, שיינע טאָכטער פון אונדזער שטאָט! דיין חברטע איז דאָך שיינדל לייבעס, דעם גרעסטן גבירס טאָכטער; דיין זיידע מיט דיין באָבע זענען מיין עלטערפעטער און עלטערמומע. ווי אַזוי האָט עס אונדז גאָט אַריינגעגעבן איצטער צווייען אַליין אין איין שטוב? די טירן זענען פאַרשפּאַרט. טאָמער וואָלטן די דונערן שטאַרקער געדונערט און די בליצן שניידנדיקער און בלענדנדיקער געבליצט — אפשר וואָלסטו שטאַרקער ביזן סוף מורא געהאַטו און וואָלסט מיך אַריינגענומען אין דיין נאַקעט, ווייס מיידלש־זינדיק, וואַרעם, סודותדיק געלעגער. דו וואָלסט זיך אין מיר איינגעטוליעט; וואָלסט מיך איינגעטוליעט אין דיינע סודותדיק־גליִענדיקע ברינדזלדיקע ווייכקייטן, זאָל איך אַזוי לעבן, אַז איך וועל קיין מאָל קיינעם נישט אויסזאָגן! נו, האָב שוין גיכער מורא, שלעפּ מיך גיכער, מיט משוגענע, אומזיניקע בליקן צו זיך אויפן געלעגער! דונערט, דונערן,

www.libtool.com.cn

בליצט, בליצן, שטאַרקער, מיט טרובעס און מיט טרומייטן טרומייטערט, קוילערט זיך, ברעכט און שטורעמט; האָט אויף מיר רחמנות, און איך וואָלט זיך געמאַכט, אַז איך ווייס נישט דעם טייטש און דעם טעם פון זינד. נעם מיך אַריין, הינדל, צו זיך אין דיינע בלויזע אָרעמס אַריין. אויב נישט — טאָ צו וואָס האָט מיך גאָט אָנגעגרייט פאַר דיר און מיך אַריינגעגעבן צו דיר אין געפענגעניש אַריין? געוואַלד געשריגן און האָט אויף מיר רחמנות!

* * *

אין דער פרי בין איך ווי אַ געשלאָגענער הונט, מיט אַ צעבראָכן געמיט אַוועקגעגאַנגען אין חדר. גאָט איז צו מיר נישט ערלעך.

פייגל ט׳זיך אַריבערגעקליבן צו זיך. פייגל טוט ערגער ווי ס׳זאָל דיך באַגעגענען אַ גזלן אין מיטן וואַלד. זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם בית־הכסא לעם שטאַל ביי זיך. מיט דער הינטערשטער זייט צו אונדזער הויף צו, צו אונדזערע פענצטער צו. אין ווענטל איז דאָרט לעם דער סאַמע ערד דורכגעהאַקט אַ פירעקעכיקע עפענונג, דורך וואַנען די שכנהשע חזירים קריכן און עסן אויף און וואַטשקען אויס די אומרייניקייטן. איז דאָס טוט אַ שוועסטערקינד, אַ פריינד, אַ חברטע פון אַלע יאָרן. צי וואָלט עס געטאָן אַ ווילד־פרעמדער מענטש אַפילו?! און ווען עמעצער טוט איר אַזוי, וואָלט זי געשוויגן? זי וואָלט געווען אַ בעסערע? האָבן מיר זיך געקריגט מיט איר פריִער מיט גוטנס, דערנאָך מיט בייזנס. דערנאָך בין איך איין מאָל אַריין. איך. איך אַליין, בשעת ס׳ביי זיי קיינער נישט געווען, בין איך אַריבערגעקראָכן דורכן פלויטל און האָב אָפּגעריסן דאָס זיצברעטל, אויף וועלכן מ׳שטעלט זיך מיט די פיס און עס פאַרוואָרפן ביי זיי אין גערטל צווישן די קרייטעכצער. זיי האָבן ווייטער צוגעשלאָגן און מיר האָבן זיך ווייטער געקריגט. דער עיקר האָט עס די מאַמע איבערגעלעבט: אַנטקעגן די סאַמע פענצטער אונדזערע! קיין אַנדער אָרט האָט זי נישט געפונען אַוועקצושטעלן די אָטכאָזשע. און ווייסט זי דער גוטער יאָר, פייגלען, וואָס האָט עס איר אַזוי אָנגעשפּאַרט. צי אין

www.libtool.com.cn

נצחון איז עס איר געגאַנגען, צי ס׳טאָקי נישט געווען קיין אַנדער פּלאַץ. ביי דער זייט איז דאָס גערטל, איין מאָל, צווייטנס, איז צום שליאַך ווער מען אפשר אויף איר שרייען. פון פאָרנט איז נישטאָ ווו. נישט דורכשלאָגן קיין לאָך, ווען די חזירים נישט האָבן ווו צוצוגיין. לאַנג האָט זיך געיאָט־רעט דער קריג. אומגערעכט איז געווען פייגל. ס׳נישט שיין, נישט ערלעך און נישט גוט. פאַר אַזעלכע זאַכן קאָן מען רופן צום רב אויך, און זי האָט זיך אָנגעקלערט ענדלעך אָדער ישראל־דוד ט׳איר געזאָגט און זי האָט אַוועקגעשטעלט עטלעכע שטיינערדיקע פּלאַשקעס, ווי אַ מין מחיצה־ווענטל צווישן אונדז מיטן בית־הכסא. דאָס ווענטל, נישט ברייטער ווי די אויבאַרנע אַליין, האָט געהאַט אַן אָפענעם אַריינגאַנג פון לינקס. אַהינצו זענען געגאַנגען די חזירים און זיך געקוויקט מיטן גוטן איינגעמאַכטס. דער ריח האָט אפשר נאָך טיילווייז געקאָנט שטערן. נאָר דער „שפּיגל" אַליין איז שוין געווען פאַרהאָנגען. איצט איז שוין נישטאָ קיין סימן נישט פון אונדזער שטוב. נישט פון פייגלס, נישט פון אַלע אָרום. היטלער האָט פאַרברענט. איצט לעבן שוין נישט מער נישט פייגל מיט ישראל־דודן, נישט מיינע עלטערן, נחום און ליבע די האָרבאָרניקעס. איצט ווערט זיך שוין קיינער נישט קריגן און ס׳שוין נישטאָ די זאַך, פאַר וועל־כער מען האָט זיך געקריגט. נאָר דענסטמאָל איז עס געווען, דענסטמאָל האָבן די מענטשן געלעבט און די מענטשן האָבן געדאַרפט, און אויב איינער האָט געדאַרפט אַזעלכעס, וואָס דעם צווייטן ט׳עס געשטערט, האָט מען זיך געקריגט. אַזוי איז געווען ביי יידן, אַזוי איז געווען ביי נישט־יידן, אַפילו ביי איוואַן איוואַנאָוויטשן מיט איוואַן ניקיפאָראָוויטשן.

ישראל־דוד איז געווען גוט מיטן טאַטן. ער פלעגט אַריינגיין שבת צו נאַכטס און זיצן אַ ביסל. ישראל־דוד האָט געדינט אין סאָלדאַטן און געקענט שפּילן אויף אַ טרובע. פלעגט ער אַ ביסל שפּילן אויף דער טרובע, בשעת דער טאַטע פלעגט שפּילן אויפן פידל. ביי ישראל־דודן קינדער, ביי אונדז קינדער. שפּילן מיר זיך אין איינעם, גייען מיר איינס צום צווייטן, נאָר פייגל מיט דער מאַמען, די נאָענטע שוועסטערקינדער און נאָענטסטע חברטעס האָבן אָפּגעלאָזט די דרוזשבע, זי איז ביי זיי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ווי אַ סטרונע אַ מאָל לאָזט, ווען ס׳פלעקעלע פונעם

www.libtool.com.cn

גריף דרייט זיך אָפּ אַ מאָל פון זיך. די סטרונע בלייבט וואָלנע, נישט זי שפּילט, נישט זי טרימקעט. אַ מאָל אין אַ יאָר האָט פייגל געקאָנט צוגיין צו אונדזער גאַנעק, אַ פרעג טאָן עפּעס וועגן באַלעבאַטישקייט אָדער גלאַט אַ שוועבעלע לייען. אין שטוב פלעגט זי נישט אַריין — די מאַמע פלעגט צו זייער גאַנעק אויך נישט צוגיין. האָט מען עפּעס גע־דאַרפט, ט׳זי געשיקט אַ קינד. קיין שלעכטע רייד ט׳מען נישט געהערט זיי זאָלן זאָגן איינס אויפן צווייטן, נאָר די חברשאַפט האָט אָפּגעלאָזן אויף קיילעכדיקע יאָרן, סיידן ערב יום־כיפור ט׳מען געהערט, אַז פייגל זאָל צווישנטשעווען דער מאַמען, מיט אַ קול עטוואָס אָנגעבראָקנעט און פייכטלעך פון טרערן, אַז דער אייבערשטער זאָל העלפן די קינדער ברענ־גען צו אַ וועג, מע זאָל קיין מאָל פון קיין שלעכטס נישט וויסן, און די מאַמע פלעגט ענטפערן: — גאָט זאָל דיר אויך העלפן. דיר און אונדז און אַלע גאָענטע. ערשט דאָ פלעגט אונדז זיין אַ חידוש, וואָס זיי זאָגן זיך ד ו. דו זאָגן זיך אייגענע. און זיי זעט מען דען אַ מאָל זיי זאָלן רעדן צווישן זיך?

* * *

אויף דער ליסטווענער גאַס, אין דער רעכטער זייט, ווען מיר גייען אין שטאָט אַריין, איז נאָך ראובן דעם רימאַרס שטוב און בנימין דעם רויטנס שטוב געגאַנגען וועלוול דעם האָלנס שטוב. וועגן וועלוולען דעם האָלן — ער האָט געהאַט אַ פערד און וואָגן און געפירט עפּעס מסחר אין די דערפער —וועגן אים דערציילט מען זינדיקע מעשיות.

איינע אַ מעשה דערציילט מען, ווי ער האָט אָפּגעטאָן אַ שפּיצל פייגלען יענקל יחיאלס, אי איר, אי יענקלען. פייגל איז געווען אַ כשרע בהמה, געזעסן זענען זיי אין איין דירה. איין מאָל שפּעט ביי נאַכט קומט וועלוול פון אַ יאַריד אין דער נאָענטער שטאָט און קלאַפּט אָן אין טיר, גייט אַרויס פייגל עפענען און זאָגט: — יענקל, ס׳איז דו? ענטפערט ער איר גאָרנישט. קיין שיין האָט מען נישט אָנגעצונדן. און ער האָט זיך אויסגעטאָן און ט׳פאַרבלאָנדזשעט צו פייגלען אין בעט. ערשט גאַנץ פרי, פאַרטאָגלעך, איז געקומען יענקל אַליין. קיין דועל

www.libtool.com.cn

איז ביי זיי נישט געווען, זיך נישט געקריגט, נישט געשלאָגן, געפּרעגט נאָר דעם רב אַ שאלה. ט׳ער זיך פאַרקלערט, אַרייַנגעקוקט אין אַ ספר און געזאָגט, ער זאָל אַ יאָר מיטן ווייב נישט זיין, ד. ה. נישט שלאָפן אויף איין געלעגער. געפּרעגט בסוד, געענטפערט בסוד. נאָר גאַסן האָבן אויגן, ווענט האָבן אויערן, ווער נישט ווער ווייסט פונעם שפּיצל. נישט יעדערער וואָלט זיך אַזעלכעס דערלויבט, נישט יעדערער וואָלט אויף אַזעלכעס געגאַנגען. נאָר ווועלוול דער האָלער האָט ליב געהאַט קריכן אין שמאָלע ערטער. מע דערציילט, אַז אַפילו איינער אַ פויער ט׳אים געשלאָגן. דאָס איז גאָרנישט. אפשר איז עס אמת, אפשר נישט. אָבער דאָס מוז זיכער זיין אַן אמת, אַז ער האָט געזינדיקט אין איינעם אַ דאָרף מיט אַ פויערס אַ ווייב, און דער פויער ט׳געקענט עפּעס אַזאַ שפּרוך, אַז ווועלוול איז אויפגעשטאַנען פון דער פויערטע, האָט זיך די באָרד זיינע מיטן שייטל האָר פון קאָפּ אויסגעטאָן פון אים ווי אַ פּאַריק, און ער איז אַרויס מיט אַ הוילן קאָפּ און פּנים ווי פון דער מאַמעס בויך, און אַזוי אויף אייביק ביזן גרוב. קיינער גלויבט זיך גאָרנישט, אַז אויף דעם פּנים איז אַ מאָל געווען אַ באָרד, אָדער די מינדסטע שפּראָצונג פון האָר. ווועלוול ט׳געהאַט צוויי טעכטער מיט צוויי זין: פייגע, עטל, יידל און פייוול. ער האָט געהאַט אַ שטוב מיט אַ פאַרמאַכטן הויף און מיטביימער און אַ גאָרטן הינטערן הויף. פייגע ט׳געהאַט אַ מאַן יאַנקל, פלעגט ער גיין מיט אַ ריינעם סורדוט און מיט ריינע געפּוצטע שטיוולעטן. ער פלעגט זיין אַ לערער אויף קאָנדיציעס אין סאַרנע, אָדער אָכאָטניקאָוו. פלעגט קומען אויף ימים־טובים אַהיים. און ער מיט פייגען, אַ מאָל אַפילו מיט מאַשעלען, פלעגן גיין אויף קידוש צו אונדז. די מאַמע ט׳געשטעלט צום טיש איינגעמאַכטס אי פון מאַלינעס, אי פון ווינשל, געשטעלט צום טיש בראָנפן, ראָזינקע־ווין און געבעקס. מיר פלעגן טרינקען לחיים, ווינטשעווען זיך איינס דעם צווייטן און זיך פאַנאַנדערגיין צופרידענע. פייגע מיט יאַנקלען מיט מאַשען צו זיך אַהיים און מיר באַגלייטן זיי און גיין צוריק צו זיך און זעצן זיך עסן סעודת יום־טוב. דריי קינדער זענען דאָ ביי פייגען: מאַשעלע, שיינדל און וויגדער. ווי אַזוי ט׳זיך עס געטראָפן, אַז איך האָב זיך פאַרליבט אין מאַשעלען, ווייס איך אַליין

www.libtool.com.cn

אויך נישט, נאָר איך האָב זיך פאַרליבט זייער שטאַרק. איך פלעג פון איר קלערן, ווען איך טו זיך אויס, איך פלעג פון איר קלערן, ווען איך טו זיך אָן. איך פלעג זיך פילן פאַרשעמט, ווען איך גיי דורך פאַר ביי זייער שטוב (ווערלול דעם האָלנס שטוב). אַז איך פלעג קוקן אין חומש, פלעג איך זען מאַשעס פנים, מאַשעס טונקל קליידעלע, מיט וועלכן זי איז געגאַנגען אין שקאָלע. איך האָב זיך איין מאָל אַפילו נישט געפוילט און אָנגעשריבן אַ ליד צו מאַשעלען, אַ ליד ווי אַזוי דער פאַרבענקטער און אָנגעליטענער פאַליובאַווניק שרייבט צו זיין געליבטער. צו דעם ליד האָב איך געקענט אַ ניגון, אַ מאָטיוו ,פון וועלכן די מאַמע זינגט וועגן נאָך פאַליובאַווניקעס, וואָס זענען געווען אַ מאָל און זענען איצט מן הסתם אויך דאָ, וואָס זענען געווען ערגעץ אין ווייטע שטעט און וואָס קאָנען זיין אויך דאָ.

איך האָב געטראָגן דאָס ליד אין קעשענע ביי זיך, און ס'איז מיר אַרויפגעקומען נישט קיין שלעכטער געדאַנק: איך וועל זיין ביי זיי אין הויף, וועל איך זיך פאַרגנבענען צו זיי אין סאָד און וועל „אומגערן" פאַרלירן ס'פּאַפּירל. מאַשעלע וועט עס געפינען, זי וועט איבערלייענען און איר האַרץ וועט די רגע אָנגעפילט ווערן צו מיר מיט דער זעלבער ליבע, ווי איך צו איר. דערנאָך וועלן מיר אין שטילע ווינקעלעך אויס-זאָגן איינעם דעם אַנדערן אונדזערע סודות און מירן מיט אונדזערע בליקן פאַרשטיין איינס דעם צווייטן, און מירן וואַרטן ביז מירן אויס-וואַקסן און מירן דערציילן אונדזערע טאַטעס מיט די מאַמעס אונדזער סוד, וועלן זיי אונדז בענטשן און וועלן אונדז אַ חופּה שטעלן. אַלצדינג איז גוט, נאָר דאָס, וואָס מאַשעלע האָט מיין ליד נישט געפונען, בין איך אייך מוחל; די רעגנס האָבן עס צעווייקט און די טריט האָבן עס פאַר-טאָפּטשעט און די הראָבליע האָט עס אויסגעשאַרט און דער לעפל־מיסט ט'עס אַרויסגעטראָגן אויפן מיסטהויפן — דאָס בין איך אייך מוחל. נאָר צרות האָב איך געהאַט פון אַן אַנדער זייט. אַ מענטש טוט זיך אַליין, וואָס קיין צען שונאים וועלן אים נישט אָפּטאָן. מיר האָבן געלערנט דענסטמאָל ביי אבנרן אין חדר. אבנר איז אַ שיינער נאָמען. אַ ריינער, טונקעלער סורדוט האָט אַרומגעוויקלט דעם רבינס קיילעכדיקן ברייטלעכן

www.libtool.com.cn

גוף, אַ שיינע געלבלעכע באָרד האָט באַפּוצט דעם רבינס פּנים. דער רבי איז געווען נישט קיין שלעכטער, האָט זיך נישט גענומען צום האַרצן טאָמער קענען מיר עפּעס נישט. מהיכה־תיתי — אַזוי ווי ס׳גייט, אַזוי זאָל זיך גיין. דאָס חדר איז געווען אויף דער ליסמווענער גאַס, ביי קיילען דער אלמנה, איר שטוב איז געווען עטוואָס אַריינגערוקט אין הויף אַזוי ווי אין אַ געסל, נישט ווייט פון קלויז און פון דיניע דער פּעטשעריצעס שטוב.

דאָרטן האָב איך געהאַט צוויי חברים: מאָטעלע דעם באַראַנס, אַ געלן ווי מיט געדיכטע געלכענער אויסגעשמירט; דער גאַנצער קאָפּ און אַפילו דאָס פּנים און די הענט. אַ ווילער חבר, אַ געטרייער אויף אַלע יאָרן. איך פלעג גיין צו אים שבת. זיין מאַמע איז געווען גוט צו אונדז. נאָך אַ חבר האָב איך דאָרט געהאַט יאָסעלע קיילעס אַן איניקל, ווייזט אויס, אַ יתום, דוכט זיך, מיט אַ שיין פּנימל, אין וווקס עטוואָס קלענער פון מיר און פון מאָטלען. ווּעמען דערצייל איך פון מיין ליבע? מאָטל, וואָס איז אַזוי געל — אפשר וועט ער נאָך האָבן צער פון דעם, וואָס ערגעץ ביי עמעצן איז דאָ ליבע. איז מאָטלען נישט, בעסער יאָסעלען. גוט, דערצייל איך אויס יאָסעלען. נאָך אַ גליק האָט גאָט מיט מיר געטאָן, וואָס איך האָב נישט דערציילט מיט וועמען איך שפּיל די ליבע. דאָס האָב איך געווען אָפּגעלייגט אויפן צווייטן מאָל. ווען ס׳וועט זיין ביי אונדז אַן איבעררייס אין לערנעןביים גיין וואַרמעס עסן. גייט מאָטל מ׳ט מיר, זיין פּנים איז פול מיט צער און ער דערציילט מיר, אַז יאָסעלע זאָגט אויס מיין סוד. איך פיל, ווי מאָטל האָט האַרצווייטיק פוןביידע זייטן. ערשטנס, פאַר וואָס האָב איך אים בעסער נישט דערציילט, ביי אים וואָלט דער סוד געווען ווי אונטער אַן אייזערן שווער ברעט און וואָלט קיין מאָל די ליכטיקע שיין נישט געזען, זיין נאָענטן חברס אַ סוד. צווייטנס, האָט ער צער פאַר מיר, איך זאָל נישט פאַרשעמט ווערן. אין דער היים האָב איך געגעסן וואַרמעס און דאָס וואַרמעס איז געוואָקסן אין טעלער, איך האָב נישט געקאָנט קיין לעפל זופּ אַראָפּשלינגען. די מאַמע האָט מיר געטאַפּט דעם קאָפּ. צי איך בין נישט געזונט.

די מאַמע ט׳מיר געגעבן אין חדר אַריין אַ רוי איי, איך זאָל בעטן

www.fbtool.com.cn

קיילען, וועט זי מיר אָפּקאָכן, אַרום פינף אַ זייגער עסן מיר מיטאָג. נו, אַז דער טאָג איז געווען אַ גוטער אין אַלע זאַכן, האָב איך דאָס איי פאַרגעסן אַרויסנעמען פון דער הויזן־קעשענע און אָפּגעבן קיילען. ערשט פאַר מיטאָג, איך הער, ס׳איז מיר עפּעס נאַס אין לייב לעם דער הויזן־קעשענע. איך טו אַ טאַפּ מיט דער האַנט און נעם אָן אַ פולע האַנט מיט קלעפּיקן געלעכל — און ווייסל־שאָלעכץ פון איי. איך פיל, ס׳זאָל זיך מיר עפענען די ערד וואָלט איך אַ לעבעדיקער זיך באַגראָבן, אַזוי אומ־גליקלעך ווי אין דער רגע ווייס איך נישט, צי איך בין נאָך אַ מאָל ווען עס איז געווען אין לעבן. איך האָב זיך געבעטן אין דרויסן, בין אַרויס הינטער דער שטוב, האָב גענומען אויסקערן די קעשענע, אַרויסוואַרפן אויף דער ערד דאָס צעגאָסענע, צעפלאָסענע און אויסגעשמירטע, אויס־געקוועטשט די קעשענע, אויסגעדרייט.

איך בין נישט נאַקעט, נישט אויסגעטאָן, איך ציטער און פלאַטער, אַז קיינער זאָל נישט אָנגיין אַהער. איצט, מיט וואָס צעווישט מען די האַנט, איצט, ווי אַזוי וועל איך פילן די נאַסקייט, קלעפּיקע נאַסקייט אויפן הוילן לייב די גאַנצע צייט און ווי אַזוי וועל איך די גאַנצע צייט איבערטראָגן? אָבער גאָט פאַרלאָזט נישט דעם עלנטן און געשטראָפטן. דער רבי האָט אונדז געלאָזן גיין זיך באָדן; לויפן מיר דורך דער אַנטאָ־נאָוויטשער גאַס צו פּאָדאָלסקיס מיל. יאָסלען מייד איך אויס, איך קאָן אים נישט קוקן אין די אויגן, ווי אַ גנב, כאָטש דער גנב איז ער. ער, דער רשע, האָט אויסגעגעבן אַ פרעמדן סוד. גאָט זאָל מיך אָפּהיטן, איך זאָל מיך אַ צווייט מאָל אין לעבן באַגעגענען מיט אַזאַ מענטש. דאָס פּנימל איז שיין און אין האַרצן זיצן שדים און נישט־גוטע, פאַלש. פאַלש ביזן ביין. נישקשה, אַז מירן אויסוואַקסן און מירן זיך באַגעגענען, וועל איך אים ערשט דענסטמאָל אויסמיידן. נאָר וואָס וועל איך איצטער טאָן אויב ס׳וועט אָנקומען צום רבין און דער רבי וועט מיך פרעגן, צי ס׳איז אמת, אַז איך, איך, אַזאַ ייִנגעלע ווי איך, שפּיל אַ ליבע מיט אַ מיידל, בין גאָר געוואָרן אַ פּאָליובאָווניק?! איך וועל אָנשלעפּן אַ חרפּה מיט צער אי אויפן רבין, אין אויף מיינע עלטערן און אַפילו אויף דער אַליקער קלויז מיט אַלע, וואָס דאַווענען אין איר.

www.libtool.com.cn

און דאָ איז מיר נאָס אינעם נאַקעטן לייב לעם דער הויזן־קעשענע, איך גיי אַזוי ווי איך וואָלט געהינקען. נאָר, ווי גערעכט גאָט איז כסדר מיטן אָרעמען און געשטראָפּטן. בין איך אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט ביים ברעג טייך — די ייִנגלעך באָדן זיך שוין דאָרטן און לאַכן און שרייען, און איך דאָ, אַ דאַנק גאָט וואָס קיינער גייט נישט צו אַהער, האָב אויסגעוואַשן די קעשענע, איינגענעצט אַ ביסל די הייזלעך, אויסגעדרייט זיי, אַנידערגעלייגט אויפֿן גראָז טריקענען און אַוועק זיך באָדן; זיך אָפּגעקילט, זיך אָפּגעפּרישט, מיין לייב איז שוין ריין, די הענט ריין, איצט דאַרף מען נאָך די נשמה זאָל זיין ריין. אַנדערע ייִנגלעך שווימען גוט, צעיאָגן זיך און וואַרפֿן זיך אַריין אין טייך אַריין. איך קען אַזוי נישט, נאָר שווימען שווים איך אַ ביסעלע דאָרטן, וווּ ס'איז נישט קיין ענגשאַפּט, נישט קיין טומל. דערטרונקען ווערן פּלוצעם וואָלט געווען גוט, גרינגער ווי פֿאַרשעמט ווערן פֿאַר דער גאַנצער שטאָט. נאָר פֿאַר וואָס גלוסט זיך עפּעס נישט שטאַרבן מיט אַזאַ טויט? ניין, גאָט וועט מיר העלפֿן. און טאַקע, גאָט האָט מיר, דוכט זיך, געהאָלפֿן. מיר איז אַריין אַ געדאַנק: ס'וועט צום רבין נישט דערגיין, און אויב ס'וועט דערגיין און ער וועט מיך פֿרעגן, וועל איך זיך נישט דערשרעקן, איך וועל נאָר אַ שמייכל טאָן. איך וועל אים זאָגן, אַז איך שרייב אַ ביסל, איך שרייב געדאַנקען און שירים. האָב איך געוואָלט אויספּרוּוון די ייִנגלעך, אַז איך וועל זיי דערציילן אַן אויסגעטראַכטע זאַך, אַזוי ווי די שרייבער אין די ביכלעך טראַכטן עפּעס אויס — זיי שרייבן דאָך פֿון אַלערליי ליבעס — און איך וועל אַ קוק טאָן, צי ס'וועט זיך זיי לייגן אויפֿן געדאַנק, צי נישט? וועט דער רבי אויך אַ שמייכל טאָן און ס'וועט בלייבן גאָרנישט, אַזוי ווי ס'וואָלט גאָרנישט נישט געווען. אַזוי איז מיר געוואָרן גרינג אויפֿן האַרצן. אמת, איך האָב היינט קיין מיטאָג נישט געגעסן, אָבער פֿאַר נאַכט וועל איך דערגענצן. און איך גיי מיט די ייִנגלעך פֿונעם באָדן זיך צוריק אין חדר אַריין און בין פֿריילעכער און רויִקער. און מאַשעלען? מאַשעלען האָב איך נאָך מערער ליב, ווייל צוליב איר בין איך אַזוי פֿיל אויסגעשטאַנען.

פֿאַר נאַכט, פֿון חדר גייענדיק, דערצייל איך מאָטלען פֿאַר וואָס ס'איז

www.hbtool.com.cn

מיר גרינגער. מאַטלען איז עס געפעלן, אָט זע איך, אַז ס׳איז אים אויך גרינגער, און איך זאָג צו מאַטלען אין האַרצן: איצט זע איך, ווער ס׳איז דער אמתער געטרייער חבר, וועלכער איז פאַרגלויבט און געטריי ווי אַ ברודער און אַפילו מער ווי אַ ברודער.

* * *

איצט קומט די צווייטע נאַכט, וואָס האָט געקאַרגט שלאָף צו מיינע אויגן. ס׳איז שוין געווען נישט אין קיין רעגן, נאָר אין אַ שניי. פייגע וועלוולס איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן אויף אַ טאָג. ס׳איז געווען ווינטער, עפּעס אַ שניי מיט אַ זאַווערוכע. האָט זי אָנגעזאָגט מאַשעלען, אַז זי וועט גיין פון שקאָלע, זאָל זי פאַרגיין צו אונדז. צו אונדז איז נעענטער און, אויב ס׳איז דאָ ווו, זאָל זי אַפילו איבערנעכטיקן.

די מאַמע האָט זיך דערפרייט מיט מאַשעלען. זי האָט איר געהאָלפן זיך אויסטאָן, זי האָט זי גלייך אַוועקגעזעצט צום טיש, ווען מיר צוזאַמען עסן אַ ביסל וואַרעם געקעכץ. ווינטער ווערט גיך נאַכט, זענען מיר שוין געזעסן ביים לאָמפּ. די גאַנצע שטוב איז פאַר מיר ניי און נישט געוויינלעך. מאַשע זאָל גאָר אין מיטן דרינען זיצן מיט אונדז אין איינעם ביים טיש אין אַ געוויינלעכן וואָכעדיקן אָוונט און זי וועט אַפילו ביי אונדז שלאָפן. ווו וועט זי שלאָפן?... און איך פיל, אַז אַלצדינג, וואָס די מאַמע טוט פון מאַשעלעס וועגן, דאַרף איך גאָר טאָן: איך דאַרף אַראָפּנעמען פון איר דאָס פאַרשנייטע שאַלכל מיטן פאַלטעלע. איך דאַרף עס אַליין אָפּטרייסלען, אַ גלעט געבן און אַנידערלייגן אויף אַן אָרט, איך דאַרף איר אַליין אויסבעטן, נאָר איך ווייס נאָר ניט ווו, נאָר אַלצדינג טוט די מאַמע. אַז מיין מאַמע טוט עס, איז עס געגליכן ווי איך.

איך וואָלט עס געטאָן, ווען מיר זענען ביידע שוין דערוואַקסענע, ווען מיר זענען שוין גרויסע. און מיר זיצן ביים טיש און עסן פרישע קאַרטאָפליעס געשיילטע מיט פריש געזייערטע קרויט. און ס׳איז אונדז גוט, און ס׳איז עפּעס יומטובדיק אַרום און דער שטוביקער לופט. און טיף, טיף אין האַרצן איז אונדז גוט. מערער רעדט די מאַמע צו מאַשען.

www.libtool.com.cn



מאַשע ענטפערט מיט איר אייגענעם קול, און קוקט מיט איר אייגענעם בליק. איר טונקל קליידעלע און איר טונקל פאַרטעכל מיט די פליגלעך זענען אויף איר שיין און לעבעדיק, ווי שטענדיק. אין שטוב הייצט זיך די הרובע. איך הער און הער־נישט, וואָס ס׳קומט פאָר דאָ, ביי אונדז אין שטוב. מיר דוכט זיך, אַז אויב ס׳האָט זיך שוין יאָ פאַרלאָפן אַזאַ אויסערגעוויינלעכער פאַל — מאַשען איז באַשערט אין אַ שניי און אין אַ זאַווערוכע אַריינפאַלן צו אונדז, וואָלטן מיר אפשר דאַרפןביידע צוזאַמען פאַרשנייטע און פאַרקוטעטע ערגעץ בלאָנדזשען אָן אַ וועג... זוכן אַ רויך, אַ ווייט פייערל, זיך צוהערן, צי ס׳בילן ערגעץ הינט. מיר וועלן זיך אָפּראַטעווען, מיר זאָלן נישט פאַרפרוירן ווערן פון פאַר־ווייעטן און פאַרשנייטן פעלד, ווו ס׳הערשן נאָר פראָסט און שטורעם, ווינט און קיין סימן פון לעבן, ווו די פראָסטיקע נאָדלען שטעכן אונדז. מיר... מיר ווילן עפּעס זאָגן, פאַרטראָגט דער ווינט אונדזער קול. איך זשאַלעווע זי און זי מיך: ווען וועלן אונדז אונדזערע עלטערן געפינען. וויפל טרערן וועלן זיי נאָך אונדז פאַרגיסן! און פּלוצעם — וואָרט נאָר! אָן־אָ. און דערווייל שאָרט עמעצער מיט גלעקלעך. צי קענען דען פאָרן געוויינלעכע מענטשן מיט זייערע געוויינלעכע פערד אין אַזאַ מין חשכות?... אפשר האָט גאָט אַראָפּגעשיקט אויסגעדוכטע פערד און אָן אויסגעדוכטן שליטן מיט מלאכים איבערגעטאָנענע ווי מענטשן, אַז זיי זאָלן ראַטעווען צוויי סלאָוועשנער פאַרבלאָנדזשעטע קינדער, וואָס זייער האָרץ און זייער נשמה זענען אָנגעבונדן איינס אינעם צווייטן?... און ווהין וועט עס די צוויי קינדער ברענגען? זיי זענען שוין נישט קיין קינדער. זיי זענען שוין פאַרשטענדיקע... דערווייל זע איך, אַז מע גייט שוין שלאָפן. די מאַמע האָט אויסגעבעט מאַשעלען אויף דער רויטער געפּאַרבטער קאַנאַפּע, וואָס שטייט מיטן צוקאָפּנס לעבן מיין קאַנאַפּע... וואָס זשע וויל עס פון מיר גאָט?!... ס׳איז זייער גוט צי ס׳איז זייער שלעכט?... און פרום בין איך, שטיל בין איך, מאַשעלען וויל איך זען. אי זי, אי מיך — מיר זאָלן שוין זיין גרויסע און דערוואַקסענע. און דערווייל זענען מיר שוין אויך גרויסע און פאַרשטאַנדיקע קינדער. ווי אַזוי זשע איז עס מעגלעך? אָט־אָ איז זי שוין אויסגעטאָן. איר בונדעלע, אירע זאָקן און

www.hbtool.com.cn

סטאַניקל מיט די זאַקן־בענדלעך ליגן אויפֿן בענקל לעבן איר געלעגער. איך בין שוין אויך אויסגעטאָן, און מיין אַנטון ליגט אויף אַ בענקל פֿאַר מיין געלעגער. ווי אַזוי זשע קען עס זיין? זי ליגט אויסגעטאָן צום שלאָפֿן אונטער איר קאָלדרעלע אָט אַ־אָ, און איך ליג אויסגעטאָן צום שלאָפֿן אונטער מיין קאָלדרע אָט־אָ. ווי אַזוי זשע איז עס מעגלעך?... איך פֿיל, איך האָב זי שוין לעם זיך, ווי מיר וואָלטן ביידע געווען אויף איין געלעגער. מעג מען דען אַזוי?... איך בענק נאָך איר אויף דורך און דורך. איך בין נישט אויף דער וועלט! איך פֿיל, אַז איך ווער פֿאַרברענט!... אין שטוב איז שוין שטאָק נאַכט. קיין לאָמפּ ברענט נישט, בלויז די הרובע טעמעמט מיט היץ. און פֿון יענער זייט וואַנט לעם פֿענצטער איז אויך נאַכט. דער ווינט מעטעט און טראָגט דעם שניי, בלאָזט אים צונויף אין בערגלעך. ווען מיר קאָטשען זיך אויס ביידע אין די פֿעטיקע שנייאיקע קישנס, וואָלט אונדז אפֿשר געווען גרינגער. איך זאָג — אונדז. פֿאַרוואָס עפּעס „אונדז”? איך בין זיכער, אַז מיין גאַסט שלאָפֿט אויך נישט און קען אויך קיין אויג נישט צומאַכן... און אפֿשר גרייז איך!...

אפֿשר זענען אירע געדאַנקען ריין און... מיד פֿון אַ טאָג העלפֿן אין שטוב און לערנען אין שול. איבערגעפֿרוירן פּונעם ווינטיקן, שנייאיקן גאַנג, דרימלט זי און עטעמט לייכט ווי אַ מלאך. אָבער איך וועל נישט שלאָפֿן. איך טאָר נישט פֿאַרשלאָפֿן אַזאַ וווּנדערלעכע שכנהשאָפֿט, וואָס טרעפֿט איין מאָל אין לעבן — אי דאָס נישט ביי יעדן...

* * *

די באָבע בתיה איז געשטאָרבן אָן מיר, מע האָט זי אַרויסגעטראָגן אָן מיר. אין דער פֿרי בין איך געווען אין חדר, איך האָב געלערנט ביי איצלען נאָטעס, ביי טאָג בין איך געווען אין חדר. ס׳איז געווען ווינטער. די מאַמע ט׳זיכער געוואָלט איך זאָל זיך נישט שרעקן, האָט זי מיט איר וואָכנדיקן ריינעם שכל זיכער אויסגעטראַכט, אַז אָנשטאָט דעם מע זאָל מיר איינרעדן, געבן צו פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס מען דאַרף מורא האָבן, פֿאַר וואָס נישט, איז בעסער ס׳זאָל אַלץ אויפֿן נאַטירלעכן אופֿן אויס־

www.libtool.com.cn



געמיטן ווערן. אין דער פרי בין איך געווען אין חדר, האָב איך נישט געוווסט, אַז זי איז געשטאָרבן. ביי טאָג בין איך געווען אין חדר, האָב איך נישט געזען קיין קברות־לייט, קיין לוויה, קיין שוואַרצע מיטה. אַז מע איז אָפּגעזעסן נאָך דער באָבען שבעה, איז צו די אַכט טאָג גע־שטאָרבן דער פעטער יחיאל. מען האָט טאַקע אַזוי געזאָגט: צו די אַכט טאָג ט׳זי אים צוגענומען צו זיך. ווייזט אויס, אַז זי איז געווען גוט מיט אים. דער זיידע פלעגט אויף יחיאלן קוקן שלעכט. ער האָט געקאָנט האָבן נחת פונעם בן־יחיד און האָט געהאַט מער אויסצושטיין ווילדע חפיצות. ס׳דאָ אַ האַרבאַרניע, קאָנסט זיין אַ באַלעבאָס, גייט ער גאָר מאַכן זייגערס. די באָבע איז אַנדערש — איין זון, וואָס זי האָט אים געטראָגן אונטער איר האַרצן. זי האָט איין מאָל געוויינט פאַרן רבין, האָט דער רבי געזאָגט: גוטער וויין אין אַ שלעכטער כּלי. דאָס האָט מען געקאָנט טייטשן פאַרשידן. יחיאל האָט געקאָנט אַ סך לערנען. ער האָט געשריבן קבלה־ספרים. ווילסטו זאָג: אַז דער יונגערמאַן קען אַ סך, נאָר ער איז נישט קיין מעורב עם הבריות, ווילסטו זאָג: אַ זון אַן אַנטיקל, נאָר ער איז שוין נעבעך אַריינגעפאַלן זייער אין אַ פּראָסטער שטוב, וואָס העלפן ט׳מען אים נישט געהאָלפן, דערפאַר שטערן ט׳מען אים געשטערט. איצט ט׳אים די באָבע צוגענומען צו די 8 טאָג. ווען שוין יענקל מיט די יינגלעך זאָגן קדיש אי נאָכן טאַטן, אי נאָך דער באָבען. די באָבע ט׳געפירט אַ שיינע האַרבאַרניע און לייטן האָבן איר אָפּגעגעבן כבוד, אין דער זעלבער צייט ט׳זי וויל זי לעבט נישט געקאָנט אָפּדרייען דעם קראַן פונעם סאַמאָוואַר — דאָס איז ביי איר געווען אַ סאָרט מאַשינעריע. אויף דער אייזנבאַן ט׳זי געזאָגט, אַז זי גלייבט נישט אין דעם, ס׳איז כישוף. אַז מע האָט ביי איר איין מאָל צוגענגבעט אַ קאַלב פון דער שוואַרצער בהמה, ט׳זי אַנגעשריבן צום רבין קיין אַליק, און דאָס קאַלב ט׳מען איר אין אַכט טאָג אַרום געבראַכט צוריק. די פויערים, וואָס האָבן עס צוגענגבעט, האָבן זיך צעקריגט צווישן זיך און האָבן איינס דעם צווייטן אויף צו־להכעיס אָפּגעגעבן דאָס קאַלב צוריק. לויט אַלע סימנים, וואָס מען דערציילט, איז די באָבע געווען אַ באַטראַכטער מענטש מיט אַן איידעלער נאַטור, האָט געקאָנט פאַרגעבן

www.libtool.com.cn

דעם צװייטן די באַליידיקונגען, װאָס האָבן זיך איר פון יענעם אָנגענומען. אַ בולטער בײַשפּיל איז אײנער אַ פּרט פון איר יוגנט. זי איז געװען די פינפטע שנור אין שטוב, אין קיין אַרבעטס־הענט ט׳מען זיך שוין נישט געניייטיקט, איז געװען אַ ניעפּאָטרעבנע. פלעגט זי די גאַנצע װאָך גיין אין װײַסע לײַװנטענע זאָקן אָן שיך. אויף אַלע אָפּשפּעטן און שטעכ־װערטלעך פון די עלטערע שנירן האָט זי קיין מאָל נישט געענטפערט. איין מאָל קומט אַרײַן אַ שכנה און רעדט עפּעס צו איר. כאַפּן זיך אונטער די שנירן און רופן זיך אָן צו דער שכנה: רעדט אַ ביסל העכער, זי דערהערט נישט. זיי האָבן װירקלעך געגלויבט, אַז זי איז טויבלעך. װי אַזוי קאָן מען דען נישט אָפּענטפערן אויף אַזוי פיל שפּילקעס?!

יחיאלן בנימין לײַבס דעם קצב פלעגט זי אײנבעטן, ער זאָל געבן פלייש אויף שבת אויף איר חשבון דעם און דעם און דעם, בכדי יענע זאָלן זיך נישט דאַרפן שעמען מיט זייער אָרעמקייט. אַליין פלעגט זי אויפקלײַבן די סקאָרינקעס פון ברויט און טונקען אין װאַסער און עסן, װען זי איז שוין געװען אַ גרויסע באַלעבאָסטע. איצט איז שוין אַ באַלעבאָסטע די מומע לאה. ס׳רעדט זיך אַזוי: די מומע לאה, אַ באַ־לעבאָסטע איז בײַלקע, ס׳איז זייער שיין, אַ באַלעבאָסטע איז בײַלקע. נאָר זי מישט זיך נישט, נישט אין שטוב, נישט אין האַרבאַרניע, דערפאַר, אַז זי זאָגט עפּעס, דאַרף אַלץ געטאָן װערן אַזוי װי זי זאָגט. אירס אַ װאָרט איז אַ געזעץ. די מומע פלעגט אַ שטופּ טאָן מרדכין, דעם קלענסטן ייִנגל, אַ שטיקל קאַשניק, ער זאָל אויפעסן װען קיינער זעט נישט. ס׳איז טאַקע געװען נישט נויטיק, בלויז אַן אויסדוכטעניש, אַז עמעצער װעט עס אויסרעכענען, אַז אירס אַ קינד עסט אויף אַן איבעריקן ביסן. דערזעט אים בײַלע איין מאָל, װי ער זיצט אויף די פּריזבע הינ־טערן אַלקער־פּענצטער און שטופּט בגנבה אין מויל צו גרויסע ביסנס קאַשניק. האָט זי אים אַרײַנגערופן אין שטוב אַרײַן, אַרויסגענומען פון בוזעם דאָס באַהאַלטענע שטיקל קאַשניק, אַנידערגעשטעלט אויפן טיש אַ גרויסן בעקן קאַשניקעס: — עס — זאָגט זי — מרדכי, װיפל דו װילסט, ס׳װעט סטייען פאַר איטלעכן. די מומע לאה איז דעם פּרימאָרגן אַרומ־געלאָפן פון אונדז צו פייגלען און צוריק צו זיך. זי איז געװען רויט,

www.libtool.com.cn

זי האָט געשמאַרעט מיט דער נאָז, די אויגן זענען געווען פייכט: אַזאַ שלאַק, אַזאַ מרשעת! זי האָט זיך דען ביים טאַטן אָנגעגעסן זאַט מיט פיסנעם ברויט? נאָר ביילקע האָט זיך נישט אַריינגעמישט אין איר אַרומ־לויפן. און גערעכט איז געווען ביילקע.

קיין זאַך איז נישט געווען פאַרשלאָסן. קאַכט, באַקט און עסט וויפל איר ווילט אַפילו צעזעצטערהייט! און ביי דער מומען האָט מען טאַקע געקאָכט מערער און פעטער און מע האָט געגעסן צו גרויסע שטיקלעך פלייש. טיילן ביים טיש האָט געטיילט די מומע, נאָר ס׳האָט געציטערט אויף איר די הויט. זי האָט געשאָלטן יענקלען אין האַרצן, כאָטש יענקל איז אויך נישט שולדיק. ס׳דען אַ מוז זי, די מומע לאה, זאָל זיין באַלע־באָסטע? געצוג, אַז זי קאָכט און באַקט און קנעט ברויט און טראָגט פון מאַרק די נישקעס. זי לויפט נאָך אַזוי ווי אַ מיידל — זאָגט אויף איר די מאַמע, און די מאַמע איז גערעכט. זי זאָל זיך אַ מאָל כאָטש פאַרסאָפּען. — פאַר איין רגע איז זי אין מאַרק, פאַר איין רגע איז זי צוריק און לויפט אין שול אַריין מנחה־דאַווענען. זי ווייסט אַזוי אינעם דאַווענען, ווי אַ האָן אין בני־אדם, זי טראָגט אַפילו קיין סידור נישט מיט זיך, נאָר זי לויפט, זי טוט אַ קוש די מזוזה, שטעלט זיך אויף, ווען אַלע ווייבער שטעלן זיך אויף צו קדושה, צו ברכו, און דערנאָך הערט זי זיך אָן ביי די ווייבער פּאָטשטן, נייסן. אַ מאָל, אַז ס׳איז דאָ וועך ס׳זאָל זי הערן, דערציילט זי אַליין פון זיך. אַ ראָבע רויטלעכע בהמה ביי זיי, אַ שיינהייט, דערציילט זי פון איר. אַ מאָל באַקלאָגט זי זיך אויף יענקלען, אָבער זי ווייסט, אַז מע וועט איר נישט אָפּגעבן ס׳גערעכט. דערום הערט זי מער, און אַז זי דערציילט, דערציילט זי פרעמדע נייסן. ביי פייגעלען ט׳איר קוואָקע אויסגעזעסן אַ הינדעלע מיט צוויי קעפּלעך. דאָס איז גיך אַ מלחמה — זאָגט זלאַטע זעליק דעם שוס־טערס און מרים אברהמקעס זאָגט, אַז דאָס איז פון אַן איי מיט צוויי געלעכצער. ס׳איז אַ צער־בעל־חיים — זאָגט די מומע — אייך קעפּל שלעפּט, ס׳וויל גיין אַהערצו, דאָס צווייטע קעפּל שלעפּט, ס׳וויל גיין אַהינצו. אויב נישט, דערציילט די מומע פון האָדלען יאָסל־חיימס, וואָס שוין אַ מאַמע פון קינדער און באַפּישט זיך ביי נאַכט.

www.libtool.com.cn

— דאָס איז נאָר שלעכט, אַז מ׳איז אַ כלה — זאָגט מרים, — מיידל־ווייז איז שלעכט, און אַז מ׳האָט קינדער און ס׳נאָס אַ מאָל אין בעט, זאָגט מען, אַז ס׳די קינדער.

אַז ביי ביילקען זענען אַוועק קינדער, איז די מומע לאה געוואָרן בעסער צו איר. נישט אַזוי צו איר, נאָר זי אַליין איז שוין מער געווען פאַרנומען. וויקלען אַ קינד, אויסבאָדן אַ קינד, אַרומטראָגן, וויגן, לויפן מיטן קינד צו שכנות. די ערשטע באָסל איז ג׳עווען נישט קיין שיינע, די איבעריקע — אַלע שיינע, אין ביילען געראָטן: יחיאל, בליומע, אסתר, משה, שיינע קינדער, קלוגע קינדער. ביילע ט׳געהאַט אין שטוב אַ מאַשין זינגערס, פלעגט זי באַנייען די קינדער פון קאָפּ ביז די פיס. אַ מאָל קומט אַ שכנה אַ קריסטלעכע און בעט זי איין, ביילען, זי זאָל איר עפּעס אויפנייען. יעוואָ יעסיפּס שנור, מאַרטינס ווייב, האנא קולינעס. אַז מע בעט זי איין, ביילען, בייט זי אויף זייער שיין. מע זעט נישט זי זאָל האָבן צרות, ביילקע, וואָס יענקל איז זי מיט קיין זאַך נישט ווערט, נאָר ווייזן ווייסט מען, אַז לייוויק דער קונדיכעס, וואָס האָט אַ מאָל געאַרבעט אין קיִעוו, האָט זי זייער געוואָלט און ס׳קאָן זיין, אַז זי האָט אים אויך געוואָלט, נאָר זי איז נאָך דענסטמאָל געווען אַ יונגס ; אפשר האָט זי נאָך בכלל נישט געוווסט צי מען דאַרף עפּעס ווען ?

דערנאָך איז שוין לייוויק געווען אין אַמעריקע. און אַז ער איז געקומען פון אַמעריקע, זיך זען, נאָך אַלץ אַ יונגער, אַן איידעלער, מיט שיינע געפּרעסטע הויזן, די האָר פאַרקעמט מיט אַ שרינט, האָט ער גע־זוכט, געוואָלט זען ביילקען, און ביילקע האָט זיך אויסגעדרייט אַזוי, אַז זי זאָל אים זען און ער זאָל זי נישט זען. אַז זי פלעגט אָנטאָן די שוואַרצע שאַרפע אויפן ליכטיקן פנים מיט די שיינע, פריילעכע אויגן און אַז זי האָט אַ גיי געטאָן מיט איר שיינער שטאַלט, איז געווען אַ ליב־שאַפט און אַ רייכקייט צו קוקן. נו, איז אַזאַ קייסערשע שיינקייט דאַרף אַריינקומען יענקלען דעם הובר, מיט די גרויע אויגן און מיט די בערישע לאַפּעס. אָבער מע האָט נישט געזען, זי זאָל זיך אויף עפּעס קלאָגן. אפשר האָט זי געהאַט פרייד פון דער קליינער חברה.

פאַר אַ קורצער צייט — איך האָב דאָך נאָך קיין ספק נישט גע־

www.libtool.com.cn

לעבט — האָב איך אַליין מיט מײַנע אויגן געזען ביי דער מומען אין שטוב פיר דורות זעלבשטענדיקע באַלעבאָסטעס: די באָבע בתיה, די מומע לאה, ביילקע, באסל, די עלטערע טאָכטער אירע. און שיין איז, אַז אַזוי ווי אייגלעך אויף אַ זאַק, האָבן זיך איינע פאַרשלייפט אויף דער אַנדערער און אַזוי ווי די שאָלעכצלעך אויף מענטשלעכער הויט זענען איינע אָפּגעפאַלן און פאַרגעסן געוואָרן, די אַנדערע האָבן זיך געהאַלטן אין די נייע אַרויסגעוואַקסענע און זענען צו זייער צייט אויך אָפּגעפאַלן און אויך פאַרגעסן געוואָרן. אַז אַזאַ שיינע זאַך, ווי ביילקע זאָל שטאַרבן און מע זאָל זי, אַ יונגע, אַ שיינע, אַריינלייגן אין דער ערד און זי זאָל אויך גיך פאַרגעסן ווערן, ווייל די שטוב איז נישט געבליבן ליידיק. די שטוב האָט געלעבט מיט אירע נייע באַלעבאָסטעס, און יענקל ט׳געאַרבעט אין האַרבאַרניע, ט׳געקויפט פעל, פאַרקויפט די שוסטער יוכטן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז צו גראָב, ער זאָל קענען רעדן מיט אַ מענטשן און מענטשן זאָלן מיט אים רעדן. מיין טאַטע איז געווען אַ שיינער, מיט אַ שיינער שוואַרצער באָרד, מיט איידעלע געדאַנקען, מיט מענטשלעכע רייד, מיט אַ שיינעם קוק, מיט פאַררויכערן אַ ציגאַר, בשעת ער רעדט מיט אַ שוסטער. ס׳איז אַ חן צו קוקן אויפן טאַטן, בשעת ער גייט שבת אין שול אַריין. ער איז אַרום און אַרום פול מיט שיינעם מאַנצבילשן חן.

אוליטאַ, די מעלקערין אונדזערע, איין מאָל ט׳זיך איר געחלומט, אַז דער טאַטע איז, נישט דאָ געדאַכט, געשטאָרבן, ט׳זי געוויינט. די יידן — זאָגט זי — האָבן אים געוואַשן. אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, ט׳זי געוווסט, אַז דער טאַטע וועט לאַנג לעבן. ס׳איז אַזאַ סימן. אָבער אין שלאָף האָט איר פאַרדראָסן: דער שענסטער יהודי צווישן דעם גאַנצן קהל. און זי האָט קיין טעות נישט געהאַט: איך האָב נאָך נישט געזען נאָך אַזאַ חן, אַזאַ אויסערלעכע און אינערלעכע באַליבטקייט אויף קיין איין מענטשן אין גאַנץ סלאָוועשנע, גאַנץ וועלעדניק און גאַנץ אָווריטש אַפילו. דערום איז מיר געווען אַ חידוש, ווי אַזוי קאָנען מענטשן גיין צו יענקלען, ווי אַזוי קאָנען מיט אים מענטשן רעדן. צום סוף זענען צו אים געגאַנגען קונדן, וואס האָבן זיך נאָך געהאַלטן פונעם זיידן און דער באָבען בתיהן. ס׳פלעגט האַנדלען מיט זיי לייזער דער שוסטער. ער פלעגט אי קויפן

www.libtool.com.cn

סחורה, אי געבן עטלעכע פּעלכלעך אין דער אַרבעט. ס׳פּלעגט מיט אים האַנדלען וואַלטשא און אויך קויפן סחורה און אויך געבן עטלעכע פּעלכלעך אין דער אַרבעט. אָפט פלעגט קומען וואַלטשא נישט אַליין. ער פּלעגט קומען מיט זיין זון — דעם שטומען. אַ געזונטער, אַ גבר און אַ שיינער אויך. הערן הערט ער גאָרנישט. אַז מיר פלעגן זיצן אַ מאָל מיטן טאַטן ביי נאָטען דעם זאַליאזניק אין קלייט, פלעגט נאָטע באַווייזן ווי אַזוי אַ טויב־שטומער הערט גאָרנישט. איך רעד מיטן שטומען (אויף די פינגער, אויפן ווונק) און נאָטע נעמט אַרויס פון אַ קעסטל צוויי לאָפּאַטעס און קלינגט מיט זיי זייער הילכיק ביים שטומען הינטער די פּלייצעס. און ער זאָל זיך כאָטש אומדרייען. דער שטומער האָט ליב דערציילן פון זיין ווייב. — אַ שיין ווייב ביי אים. מע האָט זי גענומען פון אַן אָרעמער שטוב, פון וויקאָוויטש. אַ משפחה האָט זי אַ שיינע, די שנור, אַ שטוב אַן איידעלע, דער מאַן איז אויך אַ געזונטער, אַ שיינער, נאָר שטום, נישט דאָ געדאַכט. נישטאָ מיט וועמען אַרויסצוגיין אין גאַס, אַרויסגיין צווישן מענטשן. נאָר דער שווער מיט דער שוויגער, מיט די שוואָגערס, מיט דער שוועגערין — אַלע זענען מיט איר גוט. און מען העלפט איר ניאַנ־טשען די קינדערלעך. צו יענקלען קומט דער קליינער וואַלטשא מיט די צוגעקלעפּטע פּאהלעך צום אָפּגעשוירענעם קאָפּ אונטער דעם היטל מיט דער יאַרמאָלקע. און דער שטומער זון איז אַנדערהאַלבן מאָל גרעסער פונעם טאַטן. זיי באַטראַכטן אַ יוכטל, אייגנס דאָס צווייטע. דער שטומער טוט אַ פּאַטש דעם פאָטער איבער דער פּלייצע, אַז יענער זעצט זיך שיר נישט צו דער ערד. ד. ה. ביי אים, ביים שטומען, אַז דאָס יוכטל גייט אים אונטער און דער בוקאָט אויך. ער, דער שטומער, הייבט אָן פּאַר־ברענגען מיט די אַרבעטער, און וואַלטשא דינגט זיך מיט יענקלען פאַר דעם פּרייז. אַ מאָל, אַז דעם שטומען איז גאָר גוט אויפן האַרצן, לייגט ער צונויף דאָס יוכטל מיטן בוקאָט און האַלט זיי ווי דעם טלית און תפילין אונטער דער האַנט. און זיין קוק באַרימט זיך: איך בין אַ באַ־לעבאָס! מיך אַרט נישט, צי וועלן זיי זיך דינגען, צי ניין...

אַזוי אַז יענקל האָט קונים נישט ערגער פון אונדז, אפשר בעסער. זיין טייל האַרבאַרניע איז גרעסער. זיין טייל גאָרטן, זיין שאָפּע איז

www.libtool.com.cn

גרעסער. אַ סטאַמפּ האָט ער זיך איבערגעבויט אַ גרעסערן, ווי ביי אונדז, מיט הויכע טוקאַטשעס. און אַ פערד ביי אים אויך אַ גרעסערס ווי ביי אונדז. אַ ברייטערס און אַ גרעבערס. בום סטאַמפּ איז עס גאָר גוט. אַ ברייטער, פּאַמעלעכער, שפּאַרעוודיקער שפּאַן. נאָר אין וואַגן איז עס אויך נישט שלעכט. ער שפּאַנט עס אַ מאָל איין און פאָרט מיט ביילקען און מיט די קינדער קיין סקרעבעליטש. אַלע פריינד אירע זענען אין סקרעבעליטש, אין דיוווּשין, אין יאַנאַיוער־רודנע און אפילו אין נאַהאָרין...

מערסטן טייל קומען די פריינד ביילקעס אַהער. פון דיוווּשין קומט צו פאָרן צו איר אַזאַ שיין, אַזאַ איידל מיידל. אַ יונגע, אַ כפּרה פּאַר איר צען שטאָטישע. זי איז זייער איידל, חנעוודיק, שיין אָנגעטאָן. רבונו־של־עולם! ווען איך וואַקס אויס און מען גיט מיר אַ כלה מיט אַזאַ איידעלן חן, מיט אַזאַ שטילער באַטעמטקייט, ווי רייך וואָלט איך געווען! נאָר לאָמיר בעסער נישט קלערן דערפון — מיר וועט זיך אַזאַ גוטער חלק נישט אָננעמען. זי הייסט אויך ביילקע. ביין. איך קאָן זיך אויף אַזאַ חלק נישט ריכטן. ערשטנס, איז נאָך אַזאַ אַ צווייטע מער אין ערגעץ נישטאָ, און זי איז עלטער פון מיר. איך האָב נאָך אפשר אַ יאָר ביז דער בר־מצווה, און זי איז שוין פון 16 יאָר אַ קינד. איי, אַ שיינע. איך ווייס גאָרנישט, ווי אַזוי גייט אַזעלכעס אויף דער ערד אין אַ פּראָסטער שטוב, צווישן פּראָסטע, געוויינלעכע מענטשן. ביין. קוקן אויף איר פון אַ זייט, ווען קיינער זעט נישט, מעג איך אפשר. און אַז זי פאָרט אַוועק, קלער איך, אַז דיוווּשין, דער נאָמען פון איר דאָרף, איז אַזאַ שיינער. מן הסתם איז דאָס דאָרף אויך אַ שיינס, און איר שטוב אוודאי, און איר מוטער אוודאי און אַוודאי. און זי איז טאָקע די איידלסטע אין דער וועלט, ווייל מע האָט זי צוגענומען קיין אַמעריקע. ווי דען, ביי אונדזערע קאָן אַזאַ זיין? מיר זענען ווערט אַזעלכע צו האָבן? אַמעריקע איז עפּעס אַנדערש! יענקל האָט איינגעשפּאַנט אָט דאָס גראָבע פערד זיינס. איך ווייס גאָרנישט, ווי אַזוי פּאַמיסטעט עס זיך צווישן די האָלאָבליעס. נאָר שיין איז עס, דאָס פערד, אַ רייכן אויסזען האָט עס. און ער איז געפאָרן מיט ביילען און מיט די עלטערע קינדער קיין דיוווּשין זיך געזעגענען מיט יענער ביילען און מיט דער מוטער און מיט אַ ברודערל מיט ביילעס פאָרן אַוועקפאָרן.

www.libtool.com.cn

ס׳איז אָבער סיי ווי גאָרנישט. אַלצדינג, וואָס יענקל טוט איז עס נישט ערנסט. ס׳איז אַזוי ווי נאָכגעמאַכט. אַז ער אַרבעט אין האַרבאַרניע, אַז ער פירט דאָס גראָבע פערד פאַזען, אַז ער קאַטשעט ביים טיש אין טרו־קענעם ווערקשטאַט אַ יוכט און זינגט הויך אויף אַ קול די שערן און די קאַדרילס, וואָס מע שפּילט אויף אַ חתונה — דאָס איז אמת. און אַלץ דאָס איבעריקע איז נאָכגעמאַכט.

* * *

די מאַמע איז דאָנערשטיק ביי טאָג געקומען פון מאַרק, אַוועקגע־שטעלט דעם קאָשיק אויפן מילכיקן טאָפּטשאַן, גענומען איינציקווייז אַרויסנעמען די זאַכן אויף שבת געקויפטע, נאָר אין מיטן ציילן און פונאַנדערשטעלן, האָט זי אַ זאָג געטאָן אין דער הויך, אַזוי ווי צו עמעצן, וואָס וואָלט דאָ געשטאַנען נאָענט: אין שטאָט גייען אַרום מאָזלען.

מאָזלען איז אַ זאַך, וואָס מע מיידט נישט אויס. בעסער איבערמאָזלען וואָס פריִער. נאָר מורא האָבן, האָבן מיר דערפאַר מורא. דערום ט׳טאַקע די מאַמע זיך דערשראָקן, אַז זי האָט דערזען, אַז דינהלען ריבט עפּעס פון נעזעלע. און זי גייט אַרום נישט קיין פריילעכע. די מאַמע האָט אַ טאַפּ געטאָן דאָס קעפּעלע און אין איין רגע געכאַפּט און זי אַרייַנ־געוואָרפן אין בעטעלע אַריין. זי האָט איר אין דער גיך אָפּגעווישט די פיסעלעך מיט אַ טרוקענער שמאַטקע, אויסגעטאָן און איינגעדעקט. דאָס גאַנצע לייב איז הייס, ווי פייער. די פריילעכקייט איז פון דער מאַמעס פנים אַראָפּ. די מאַמע קוקט, וואָס איז נאָך עפּעס אין אַזאַ שעה נישט דערמאָנט. די פענצטער, ט׳זי זיך דערמאָנט, דאַרפן זיין צוגעמאַכט. די טירן נישט האַלטן אָפן. זי האָט זיך נישט דערוואַרט ביז דער טאַטע וועט קומען פון האַרבאַרניע, און איז אַליין אַוועק אַהין. אָבער זאָגן האָט זי גאָרנישט געזאָגט. איר האַרץ איז נאָר געווען פאַרלאָפן מיט זאָרג: אַז דינהלע מאָזלט, וועט שוין איציק אויך מאָזלען. דער אויבער־שטער זאָל פירן, אַז זיי זאָלן גרינג איבערקומען. אַנדערש קאָן ער נישט פירן. נאָר דאָס האַרץ קאָן אַנדערש נישט. קינדער, קליינע קינדער.

פון די מאָזלען געדענק איך ווינציק. איך געדענק נאָר, אַז מיר האָבן שוין געהאַלטן ביי געזונט ווערן, געדענק איך ביים טאַטן אין בעט

www.libtool.com.cn

אַ פּרימאָרגן. דער טאַטע זיצט מיט די ווייסע פּאַרקאַטשעטע אַרבל. ער זיצט ביי זיך אויף זיין נישט פּאַרבעטן בעט. ער איז ווי אַ ריז צווישן קליינוואַרג. ער איז גרויס, דערוואַקסן, פעסט און פריילעך. מיר האַלטן זיך ביי זיינע אַקסלען, ער לאַכט צו אונדז. ביי דינהלען זענען פּאַרקלעפּט די ווייַעס פון די אויגן און זי זעט כמעט גאָרנישט. מיר דרייען זיך אַרום אים, באַטאַפּן זיינע אַקסלען, און ער איז גוט צו אונדז און לאַכט מיט אונדז. מיר קריכן אַרום אין די אײנע העמדער, ס'איז וואַרעם און גוט. די מאַמע האָט געהאַלטן וואַרעם די שטוב און געבאַקן ברויט. דער ריח פון פרישן ברויט, וואָס זיצט אין אויוון — זאָגט די מאַמע — איז זייער גוט צו מאָזלען.

ביי וועמען פון די קינדער זענען קליינווייז געוועון קויטנדלעך צווישן די האָר. דאָס געדענק איך נישט. אַלע אַרומיקע שטעטלעך האָבן געהאַט זייערע אייגענע צונעמענישן: וועלעדניקער — קוגל־פרעסערס; אושאָ־מירער — גנבים; נאַניסקער — פּעלצן; סלאָוועשנער — קויטאַגעס. אַזוי, אַז אויף קויטאַגעס האָבן מיר געהאַט אַ חזקה.

אַז מען איז געזונט, איז אין אַלע פּרטים בעסער, באַזונדערס פאַר אונדזער מאַמען, אַז עמעצער איז שלאַף אין שטוב ביי אונדז, איז אונדזער מאַמע שוין צו פיל אומרויק. זי גייט אַרום, זעצט זיך נישט צו, זוכט זיך צו פאַרשיידענע אַרבעטן און אַלע מאָל קומען איר פּלוצעמדיקע געדאַנקען אין קאָפּ. אין מיטן ביי נאַכט קאָן איר איינפאַלן, אַז מען דאַרף גיין נאָכן פעלדשער, אַז ס'קומט דער פעלדשער, הויבן זיך שוין אָן אַפּ־טייקן מיט רעצעפּטן, טרינקען די רעצעפּטן, קוקן אויפן זייגער. אין מיטן דרינען דערמאָנט זי זיך, פאַר וואָס האָט זי ביז אַהער נישט אָנגעשריבן צום רבין. דער רבי אונדזערער איז אין אָליק. דעם אַדרעס ווייסן מיר, אָבער אָנשרייבן? אויף אָנשרייבן צום רבין איז מיין רבי אויך אַן אָליקער חסיד — שמואליק דער מלמד — דער בעסטער שרייבער. אים פאַר־שפּאָרט מען אַפילו זאָגן וואָס צו שרייבן: רוף אים נאָר אָן דעם נאָמען פונעם קינד, וואָס נייטיקט זיך אין אַ גיכער און גאַנצער רפואה, און דאָס קאָרטל צום רבין איז פאַר צוויי מינוט פאַרטיק און שוין אַפילו צוגעקלעקט מיטן מעקער. די מאַמע וואָלט זיך נאָך נישט געפוילט צוגיין

www.libtool.com.cn

צו אַ שפּרעכבעריו. קרייטעכצער וואָס אַ שפּרעכער אָדער אַ שפּרעכבערין גיבן, זענען איינע פון די בעסטע רפואות. אָבער וועגן אַ שפּרעכער אָדער אַ שפּרעכבערין איז זייער נייטיק מע זאָל צוטרעפן צום נייטיקן, צום געהעריקן. דערפאַר איז בעסער, אַז מיר זענען געזונט. אַז מען איז געזונט, איז מען פּטור פון אַלע זאַכן. איין זאַך, מע שמועסט נאָר אַ מאָל, מע זאָל זיך נישט וואַרפן אין די אויגן, ווענמען מען דאַרף נישט. יעסיפּס מאַמע, אַ קליינע, אַלטע גויע, מיט אַן איינגעפאַלן מויל אָן ציין. די מאַמע ווערט אויס מענטש, אַז זי דערזעט זי. די מאַמע זאָגט — זי ווייס עס אויף געוויס — אַז יענע איז אַ מכשפה. זי קאָן עפּעס צוטאָן, ביי איר בלייבט עס, אַז מע זאָל זיך פון דעם קיין מאָל נישט קאָנען אויס־טשוכען.

ס׳טרעפט, אַז די מאַמע טוט אונדז אַזאַ האַסטיקן שלעפּ פאַרן אַרבל שיר וואָס זי רייסט נישט אויס אין איינעם אַ שטיק פלייש פונעם לייב אונטערן אַרבל. וואָס איז? די מכשפה גייט אַנאַ פון ערגעץ, מיר זאָלן שוין אַריינלויפן אין שטוב זיך באַהאַלטן. טאָמער גייט זי אַהער!... און מיר פלעגן זיך באַהאַלטן. אַ מאָל צווישן דער שאַפע, ווו מיר שמירן זיך אויס מיט שטויב, מיט ווייסן ליים פון די ווענט, מיט שפּינוועבס און מיר וואַרטן לאַנג. יעדע מינוט ציט זיך אויס פאַר אַ יאָר, ביז די מאַמע עפנט אויף די טיר און זאָגט, אַז מיר קאָנען שוין אַרויסגיין.

דערפאַר האָבן מיר זיך אַזוי געפרייט, מיר האָבן ממש פריי אָפּגע־עטעמט, אַז מיר האָבן דערהערט, אַז די אַלטע קליינע מאַמע יעסיפּס — יעסיפּ אַליין און זיין ברודער מיטראָ זענען הויך און גרויס, אפשר די גרעסטע פויערים אין שטעטל, און אַזאַ קליינע מוטערלאָ האָבן זיי זיך אויסגעקליבן. ווו האָבן זיי זי גענומען, אַזאַ קליינע? — יאָ, האָבן מיר דערהערט, אַז זי איז שוין געשטאָרבן, מען וועט שוין זי מאָרגן אַוועק־טראָגן. איצט וועט זי שוין נישט שאַטן, מיר מעגן שוין קוקן. און מיר האָבן טאַקע געקוקט. מיר האָבן געזען ווי פון מאָל צו מאָל גייען אַלטע שכנות צו יעסיפּן אין הויף אַריין. מיר האָבן געזען און געהערט ווי ס׳האַקן העק, מע מאַכט פון דעמבענע ברעטער אַ טרונע. מיר האָבן געזען ווי ס׳ברענען אין הויף צונויפגעשאַרט אין אַ קופּע די דעמבענע שפּענדלעך

www.libtool.com.cn

פון דער געמאַכטער טרונע. מיר האָבן שוין געהיט מיר זאָלן גאָרנישט דורכלאָזן. ווי אַזוי מ׳האָט געבראַכט די שמאַטעס — ס׳נישט שמאַטעס. ס׳זענען די קלויסטער־פּאָנען אויף הויכע און גראָבע שטעקנס. נו, ווייטער ברענגט מען צו טראָגן אַזאַ טראָג־שטיק, וואָס שטייט אויף פיר פיס און האָט פיר עקן, וועלכע מע נעמט אויף די פּלייצעס. פיר מענטשן געזונטע שטעלן זיך פון פיר זייטן און טראָגן דאָס אויף די אַקסלען. אויף דעם שטעלט מען אַוועק די טרונע מיטן מת. דאָ וועט זיין גרינג צו טראָגן. מיר האָבן געקוקט ווי אַזוי מע איז געקומען מיט די מכשירים, ווי אַזוי מע האָט אין אַ שעה אַרום זי אַוועקגעטראָגן. פיר געזונטע אייזערנע פּוערים טראָגן. אייניקע פּויערים פון פאָרנט גייען אָן היטלען און מען טראָגט די פּאָנען. דער גלח, אין אַ ריאַסע איבער אַ ריאַסע, גייט און רויכערט מיטן גאָלדענעם טעפּעלע, וואָס הענגט אויף דריי קייטן אויך באַגילדעטע. דער גלח פּרעפּלט, די פּויערים ווישן זיך די אויגן. דאָ האָט, ווייזט אויס, קיינער נישט געוויינט, נאָר אַ וויש טאָן די אויגן פון יוצא וועגן דאַרף מען דאָך.

אַז מיר האָבן אָפּגעגעסן וואַרמעס און זיך שוין געשפּילט אין הויף, האָבן מיר ערשט דערזען, אַז די לוויה־מענטשן גייען צוריק. אויף וואָס גייען די מענטשן צוריק? דאָס וועט מען עסן וואַרמעס אין דער שטוב פון וואַנען מע האָט צוריק מיט אַ שעה אַנדערהאַלבן אַרויסגעטראָגן דעם מת. מע וועט עסן וואַרמעס און טרינקען בראָנפן. ס׳איז אַזאַ מנהג און אַזאַ מצווה. אַ מאָל דוכט זיך, ווי אַזוי עפּנט זיך גאָר דאָס מויל אויף עסן אין שטוב, ווו מען האָט ערשט אַרויסגעטראָגן אַ מת? נאָר יעדעס פאָלק האָט זיך זיינע געננג און זיינע מנהגים.

אָבי מיר זענען אויסגעלייזט געוואָרן פון דער אַלטער מכשפה.

* * *

די דריי וואָכן און די ביין טעג זענען אויף אַלצדינג בלייך, נודנע און ס׳איז פון זיי טרוקן אין מויל און געדיכט לעם שלונג. אמת, ס׳זענען דאָ יאַגעדעס, ווינשל, מאַלינעס, סיניצעס און ס׳הייבן זיך אַפילו אָן אַן

www.libtool.com.cn

עפּל מיט אַ באַר, מיט אַ פּלוים. נאָר די היצן, און שערן זיך טאָר מען נישט, און קײן תּנאים שרײַבט מען נישט, קײן חתונות שפּילט מען נישט. שבֿעה עשׂר בתּמוז פֿאַסט אַ האַלבע שטאָט און די צװײטע העלפֿט מאַכט זיך נישט װיסנדיק. װער ס׳גיט אַ נדבֿה, ד. ה. ער קױפֿט אױס דעם תּענית, װער ס׳מאַכט עס אָװעק, װי עס איז, מיט דער האַנט. נאָר עסן עסט מען, װאָס ס׳מאַכט זיך און בעסער, אַז קײנער זעט נישט. ס׳איז עפּעס נישט שײן, אַ בזיונדיקע זאַך אין אַ תּענית עסן. מע כאַפּט עס אָפּ אײנס און צװײ: אַ שװאַרצער קוליש פֿון רעטשענע גריפּן אױף װאַרמעס, אַ זופּ געטאָן עטלעכע לעפֿל און — אַראָפּ פֿון טיש גיכער דאָס ברױט, די טעלער. מע באַהאַלט זיך װי מיט אַ גנבֿה. װאָרום אין אמתן, װען מע עסט שױן נישט אײן טאָג, שטאַרבט מען דערפֿון? און ס׳װאָלט געװען לײטיש, ייִדיש און אַזױ װי בײַ אַלע מענטשן. אַ מאָל טרעפֿט, אַז דוניע די פּעטשעריצע זוכט אונדז אױף, מיך מיט ראובֿנען און טוט אונדז אַ שיק, מיר זאָלן אַ לױף טאָן איבער דער שטאָט און מאַכן אַ נדבֿה פֿאַר אַן אָרעמער קימפּעטאָרין. טו אַ קוק אױף די אָרעמע מענטשן — אַפֿילו אַ קינד האָבן איז אױך ערגעץ אין די דרײַ װאָכן?! אונטער תּשעה־באָבֿ.

דיניע די פּעטשעריצע קומט אַרױס פֿון אַ הױכער פּאַן און האָט אַ מאַן, װאָס קומט אַרױס פֿון הױכע און איז אַלײן הױך און לײטיש. אין װוּקס איז ער מיטלמעסיק און גאַנץ דין אַנטקעגן אַנדערע, נאָר ער קאָן לערנען אױך, קאָן ער, דאַװנט אין אַ טלית מיט אַ שװערער עטרה. גײט רײן אָנגעטאָן און האָט אַלײן אָנגעשריבן אַ ספֿר. ס׳איז אַ חידוש, װי אַזױ ט׳מען אים גאָר אָפּגעדרוקט מיט רױטע, דינע פּאַפּירענע טע־װעלעך. די בלעטער זענען ברײטע און שורות זענען אױף אים אַלע געדרוקטע. אהרן האַלפּערן, אַזױ רופֿט מען אים אהרן פֿאַליקס. פֿאַר װאָס האָבן זײ נישט קײן קינדער, אהרן מיט דיניען? װײס איך נישט. װען זײ זענען נאָך יונגע, װאָלט מען אפֿשר געדאַרפֿט פֿרעגן, נאָר זײ זענען אין אַזעלכע יאָרן, װען מענטשן האָבן נישט קײן קינדער. לעבן זײ טאַקע אַלײן אין צװײען. זײ שטײען אין קלײט און דאַרפֿן לײזן געלט. דרײַ קלײטן זענען אײנגעבױט אינעם פּריציש הױף מיט די פּנימער צום מאַרק.

www.libtool.com.cn

איין קלייט, משה מרדכיס אַ שניטקראָם פון די פויעריש־דאָרפישע סחורות מיט פּאַטשיילעס און שאַלעכלעך, די צווייטע קלייט, יענקל־כייחלס — אַ ביסל שניט־סחורה און אַ ביסל באַקאַליי און דאָ גייט דיניעס מיט אַהרנס קלייט. אַ קלייט אַ גאַנץ ליידיקע. איך ווייס אַפילו נישט ווי אַזוי טראָגט זי אַריין אויף באַצאָלן ראַטע, ד. ה. פאַרן יאָר דירה־געלט: זאַלץ אַ ביסעלע, צוקער נישט קיין סך, שוועבעלעך, גאַזע, ניסלעך. פסח־צייט — טיי עטלעכע פּעקלעך. נו, אַ פּאָר גלעזער, אַ פּאָר לעמפּלעך אָן שרויפן און אָן גלעזלעך. נו? עטלעכע פּעקלעך טוטין און אויף די פּאָליצעס שטייען היפּש הויכע, קיילעכדיקע בלעכענע פּושקעס פון מאָנפּאַסיע. מען מעג שווערן, אַז דער גרעסטער טייל זענען ליידיקע.

אָבער לייזן, לייזן זיי אַ מאָל. אַפילו פאַר מיר אין די אויגן האָט אַ מיידעלע גענומען אַ פערטל צוקער — 7 גראָשן. אַ ווייבל ט׳גענומען צוויי פּודעלעך שוועבעלעך. דאָס געלייזטע געלט וואַרפן אהרן אָדער דיניע אין טישקעסטל אַריין; די איבעריקע צייט קוקט אהרן אַריין אין אַ ספר. אַ ספר האָט ער ביי זיך שטענדיק און דיניע איז זיך פאַרנומען מיט אירע זאַכן. זי האָט אין שטאָט אַ גוטן נאָמען. טאָמער ערגעץ אַ חולה, טאָמער אַן אָרעמע קימפּעטאָרין, היינט ביי אַ יתומה אויף דער חתונה — אַהאַ! — מע האָט זי אַלע ליב אין שטאָט. און אַז זי וועט צוגיין נאָך עפּעס, וועט איר קיינער נישט אָפּזאָגן. פאַר דער קימפּעטאָרין אָדער זי קויפט אַן עוף, אָדער זי טראָגט זי אַליין צום שוחט און פליקט זי אַליין אָפּ און מאַכט זי אַליין און אַ מאָל קאָכט זי זי דאָרט ביי דער קימפּעטאָרין אַליין אָפּ. וואָס זשע מיינט איר? זיצט טאַקע אַ מאָל אַהרן אָן וואַרמעס ביז ער דערוואַרט זיך דיניען. אָבער קיין קרום וואָרט וועט איר צווישן זיי נישט הערן; ביידע טייערע, ליי־טישע מענטשן. זי האָט ליב עפּעס אַ זאָג טאָן אין דער הויך, איז עס אָבער געזאָגט צו דער צייט און מיט אַ גוטן מיין.

אַזוי רעדן מיר כסדר יידיש, נאָר צוליב אַ ווערטל מעג מען אַ מאָל אויך נישט אויף יידיש. פרייטיק פאַר נאַכט מאַכט זי צו די קלייט פאַר פרי און אַז זי גייט אַהיים מיט די שליסלען איז זי עפּעס אַ פריילעכע און רופט, אַז מען קאָן הערן איבערן גאַנצן מאַרק: סאָבצע ביזקאָ —

www.libtool.com.cn

שבת בליזקאָ! דוכט זיך, קורץ געזאָגט, אָבער גוט געזאָגט. אין די גרויסע שטעט, זאָגט מען, זענען דאָ חברות שומרי־שבת. גייען זיי טאָקע מיט שטעקנס און קלאַפּן אָן אין יעדער קלייט: נו, נו, צייט פאַרמאַכן! ס׳פאַרגייט שוין שבת!

ביי אונדז איז נישט אַזוי. קיין גרויעשע קלייטן זענען נישטאָ אויסער דער שענק, און יידישע? נישקשה! אַז דאָס ערשטע ווייבל בענטשט אויף ליכט איז שוין קיין איין קלייט נישט אָפן. ווער ס׳לויפט אין מרחץ, ווער ס׳שניידט זיך די נעגל, נאָר אַז דיניע טוט אַזוי אַ זאָג, פאַרשטייט מען אַלע, אַז מע דאַרף זיך אַ ביסל מזרז זיין, גיין דעם שיינעם ליכטיקן שבת אַנטקעגן.

זי באַגעגנט אַ מאָל אַ בחור, וואָס ס׳וואָלט אים שוין געווען צייט טאָן מיט עמעצן אַ שידוך און חתונה האָבן. טוט זי זיך אַ זאָג אַזוי: מענטש, מענטש — שא דען טא מענש!

טוט דער בחור אַ שמייכל — ער פאַרשטייט שוין וואָס מען מיינט.

און מיר גייען זיך אַרויס מיט ראובנען אויף דער שטאָט. אויפן קוימען ליגט ביי דער מאַמען דריבנע, פאַרשפּאַר איך פרעגן און נעם די ערשטע קאָפּיקע. בעסער איז, אַז מען נעמט אַ טיכעלע אויף דער האַנט: אויפן טיכעלע האַלט זיך בעסער די דריבנע און די האַנט שוויצט נישט. ביי דער מומע לאהן נעמען מיר די אַנדערע קאָפּיקע. אַז נישט זאָגט זי: פאַרלייג, איציק, כ׳וועל דיר אָפּגעבן. — פון ווענעמס וועגן איז? — פרעגט זי.

— איך ווייס פון ווענען? דיניע די פּעטשעריצע ט׳געשיקט.

—אהא — מאַכט די מומע לאה — ס׳קער זיין פון חיה־רחלס טאָכטער וועגן, פּאַר עטלען אין דער דאַלינע — זי איז געלעגן געוואָרן. די מומע לאה ווייסט פון אַלץ וואָס די וועלט אויף שטייט. אָבער מיר האָבן קיין צייט נישט זיך צוצוהערן. די שטאָט איז גרויס און מיר האָבן ערשט אָנגעהויבן. ביי פייגלען ישראל־דודס — ווייטער אַ קאָפּיקע. איצט הייבט זיך אָן אַזוי — ביי שאול־בערן דעם שוסטער — נישט, זיי זענען אַליין אָרעמע. ביי לעשען דעם קאַטשערס נישט, נאָר אַרל דער קאַטשער, וואָס מאַכט היטלען — ער וועט אפשר געבן. יאָ, ער וויל געבן, נאָר ער זאָגט,

www.libtool.com.cn

אַז מירן גיין צוריק זאָלן מיר פאַרגיין. ס'שלעכט, מירן שוין נישט פאַר־גיין. דאָס ערשטע ווייב איז פון אים אַנטלאָפן געוואָרן. וואָס איז עס פאַר אַ משוגעת? ער פלעגט זי קיצלען, אַז זי פלעגט אויסגיין אונטער זיינע הענט. איז זי איין מאָל שבת געקומען צו לויפן אין בית־המדרש אַריין מיט אַ געשריי, מיט אַ געוויין. האָט מען אויף איר גרויס רחמנות געהאַט. זי איז, נעבעך, געווען נישט קיין היגע. מען האָט אַרלען געשמיסן און מע האָט אים געגנויט, ער זאָל איר געבן אַ גט. ס'עפּעס נישט שיין אַזוי פאַר קיין מענטשן. מירן שוין צו אים צוריק נישט גיין. אָבער איצט, איצט מוז מען פאַרקערעווען פאַרביי דער באַלניצעס טויערן און פאַרביי סאָכ־יווייען אַהין אַוש צו יאָנטלען אין האַרבאַרניע אַריין. צוליב איין שטוב, אָבער מען מוז זיין. ביי יאָנטלען איז דער הויף אויך אַ גרויסלעכער, מיט אַ ברונעם אין מיטן הויף און יוכטן הענגען אויף זשערדקעס און טריי־קענען זיך. די שטוב מיט דער האַרבאַרניע זענען איינס, אָבער אין שטוב גייט מען אַריין פון רעכטס און די האַרבאַרניע עפנט זיך מיט צוויי ברייטאָצקע טירן אַזוי ווי טויערן, איז עס לינקס הינטער אַ שאָפע מיט אַ טירל אין דער דרויסן־וואַנט פון הויף. אויך אַהין אויף לינקס. דאָרט וואַרפט מען אַרויס די זדיביצע, אַז מען מאַכט זאַפאַרן. מיר האָבן זיך געישובט מיט ראובנען, אפשר איבערלאָזן אַזעלכע איינציקע יידישע שטיבער אויף נ אָ ך דער „שטאָט"? בתיה יאָנטלעכע האָט אונדז געגעבן אַ פירערל. צוויי קאָפּיקעס און נישט גענומען קיין אויסגאָב. האָבן מיר שוין עפּעס אַריינגעכאַפּט. פּאַשאָל, פּאַשאָל, פּאַשאָל. יאָנטל איז אַ בלינ־דער אויף איין אויג, ער וויל מיט אונדז שפּאַסן, אָבער ס'נישטאָ קיין צייט, מיר האָבן ערשט אָנגעהויבן. אַרויסגעטאַנצט פון דעם שטיקל שיניצע און איצט הייבט זיך אָן די ליסטווענער גאַס מיט צוויי שורות יידישע הייזער. פון שמואל־יענקל דעם שוסטערס שטוב הייבן מיר אָן. גראָשנס, קאָפּיקעס און אַ מאָל פירערלעך הויבן זיך אָן שיטן, ווו נישט ווו גיבן מיר אויסגאָב פון אַ גריוועניקע, פון אַ גילן. האָבן מיר שוין זילבער־געלט אויך; אַזוי קומען מיר צו צום מאַרק מיט די קלייטן. מיר האָבן שוין אַ ביסל אַראָפּגעלאָזן די ערשטע שעמעוודיקייט און אָפּהענטיקייט.

אין אַנדערע קלייטן גיבן מיר אַ שטעל אַוועק גיך, געשעפטלעך און

www.libtool.com.cn

טוען אַ זאָג דרייסט: — גיט עפּעס אַ נדבה. דער קרעמער אָדער די קרעמערין טוט אַ שאַר אין טישקעסטל און דערלאַנגט אַ צווייער. נישט זיי טוען אַ קוקן אויף אונדז, נישט מיר טוען אַ קוק אויף זיי, נישט באַוויזן אַרויפלייגן די קאָפּיקע אויפן טיכל, און אונדזערע פּנימער זענען שוין אויסגעקערעוועט צום אַרויסגאַנג. איצל מלכה־דינטשיקס, שרה דעם בידאס מאַן, איז געשטאַנען אין מיטן קלייט און אַזוי ווי ער שטייט, איז ער אונדז אַ בעלן געווען פרעגן: יינגלעך, וואָס וועט איר טאָן מיט דעם געלט? מיר, איך מיט ראובנען, טוען אַ קוק איינס אויפן צווייטן, דערנאָך אויפן קרעמער און איך ווייס נישט וואָס האָט עס מיך אַ שפּאַר געטאָן: — מירן קויפן — זאָג איך — בייגל מיט צוקערקעס, מירן צעלייגן אויף דער פּאַטשיילע און מירן עסן.

— אויף קיין צוקערקעס מיט קיין בייגל — ענטפערט איצל — האָב איך קיין געלט נישט.

— דאַרף מען נישט. זאָל אייך גאָט העלפן — און מיר פּאַרקערעוועט און גייען פון קלייט. — יינגעלעך, יינגעלעך! וואַרט נאָר צו, קומט נאָר אַהער! מיר טוען ווייטער אַ קוק מיט ראובנען איינער אויפן צווייטן און מיר קערן זיך אום. ער האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען איצל, אַז ס'איז עפּעס נישט גלייך און איז אַוועק צום שופלאדל, אַ זוך געטאָן און אונדז געגעבן אַ נדבה.

— זאָל אייך גאָט העלפן! — האָבן מיר ווייטער אַ זאָג געטאָן, נאָר שוין שטילער ווי פריער און מיר זענען אַרויס פון זיין קלייט און אַריין אין דער שכנישער. דאָס זענען געווען יענקל דעם זשיטאָמירער באַלעגאָלעס קלייטן שוין פון דער זייט קלויסטער. ביי וואלטשען האָט מען אונדז געגעבן אין קלייט אַ נדבה איין מאָל, און דער שטומער ביים ווערקשטאַט אין שטוב האָט מיט אַ רעש און מיט אַ פרייד אַרויסגענומען אַ לעדערן בייטעלע, אַ שמאָלס און אַרויסבאַקומען פון דאָרט אַ מטבע און זיך מיט אונדז זייער פיין צעצאָלט. איצט הייבן זיך אָן ביי אונדז ביידע דאָלינעס שטיבער אָרעמע, נאָר מען גיט. ס'איז זייער מאָדנע: אָט איז די שטוב, ווו די אָרעמע קימפּעטאָרין ליגט, מיר גייען דאָך פון אירטווועגן, דאַרפן מיר אפשר דורכלויפן גיך. מע זאָל אונדז נישט באַ־

www.libtool.com.cn


מערקן. ווען זיי געהערט ווערן ווערן זיין א חרפה: אונדז צי זיי? אט איז ישראל־מרדכי פון וואראביאיווער קרעטשמע, ביי זיי איז א שיין מיידל א הויכלעכע. זי טוט א שמייכל, דעם שמייכל טוט א נעם אויפן פנים, אזוי ווי מע טוט א גלייך די האר, אדער אזוי ווי מע טוט א ציי די בלוזקע. נאר ס'איז אויף איר שיין, דער שמייכל איז אויף איר שיין. זי האלט אין פארשפרייטן דעם טיש מיט א ריין טישטעך, דאס קלייבט זי צו אזוי אין די צימערן. — איר ווערט מיר געבן אויסגאב — זאגט זי מיט א שיינעם אנגעטאנענעם שמייכל און ווארט אויף אונדז, צוגלעטנדיק דאס פרישע טישטעך צום פריש פארשפרייטן טיש. דוכט זיך, אז זי וועט זיין אונדזערע א קרובה. איך האב זיך דערמאנט: מע רעדט זי מאטלען דעם פעטער זלמנס. זי וואקסט זיך דא. ער וואקסט זיך דארטן, דערנאך קוקן זיי אייבער אויפן צווייטן, דערנאך רעדט מען זיי איינע דעם צווייטן, דערנאך בויט זיך אויס א פרישע שטוב, א פרישער טאטע מיט א פרישער מאמע, מיט פרישע קינדערלעך. איצטער גיט זי א נדבה פון איר טאטנס שטוב און דערנאך וועט זי שוין געבן א נדבה פון איר אייגענער שטוב. און מיר קלייבן, מיר נעמען צונויף, מיר ציילן צו.

יצחק־לייב דעם קצב לעבט זיך ארעם. ער ווינט אויך אין דאלינע, נאר ער האט אונדז דערזען און איז ארויסגעגאנגען צו אונדז.

— יינגעלעך — זאגט ער מיט א ווייך קול — איר זאלט נישט אויסמיידן מיין שטוב.

מיר האבן זיך פארשעמט און נישט געוווסט וואס אים זאגן. נאר זיין גוטסקייט און זיין איידלקייט וועלן מיר געדענקען אויף אייביק. ער האט זיך צוגעזעצט אויף דער באנק, וואס לעם וואנט פון דער שטוב און ארויסגענומען צוויי איינציקע קאפיקעס און אונדז געגעבן איינ־ציקווייז.

— דאס — זאגט ער — איז פאר היינט, און דאס — לייגט ער אוועק די צווייטע קאפיקע — איז פאר פאריקס מאל, וואס איר זענט פארבייגעגאנגען מיין שטוב.

— זאל אייך גאט העלפן! — האבן מיר געזאגט שטיל, מיט ליב־שאפט און נישט געאיילט. זאל אייך גאט העלפן — האט יצחק־לייב

www.libtool.com.cn

געענטפערט. — איר זאָלט אויסוואַקסן גרויסע און זיין גוטע מענטשן און גוטע יידן! אין אַ סך הייזער שטייען אויף די פענצטער אַנטקעגן דער זון בוטליעס מיט וויינשל, באַשאָטענע מיט צוקער, בוטליעס מיט שוואַרצע יאַגעדעס אויף שוואַרצן ווישניאַק. די זון שפּיגלט זיך אין דער רויטקייט פון די וויינשל, אין דער שוואַרצקייט פון די יאַגעדעס, אין די גלעזערנע ווענטלעך פונעם בוטל. מיר זוכן אַ טרעפּל פון אַ זייטיקער שטוב, מיר זאָלן אפשר אַ צייל טאָן וויפל האָבן מיר שוין. נישקשה! — העכער אַ האַלב קערבל. די פּיס זענען אַ ביסל מיד, נאָר מען קאָן גיין ווייטער. וואָס איז אונדז געבליבן? דעם שוחטס געסל, דער שליאַך, יאָסל־חיימס געסל און די אַנטאָנאָוויטשער גאַס. נאָך אַ סך, מירן אפשר האָבן אַלע אַכט גילדן, אַ האַלב קערבל. אויף אַן עוף אפשר אַכציק גראָשן, אַ פונט צוקער אַ גילן, אַ פונט פּוטער 80 גראָשן — דאָס איז אַ קאַרג קערבל. און דאָס איבעריקע ליכט אויף שבת, עפּעס פאַר די קינדער. 8 גילן וועט זיין נישט שלעכט.

מיר באַגעגענען יידן, אויף וועלכע מיר ווייסן געוויס, אַז זיי פאַסטן, מיר באַגעגענען יידן און ווייבער, וואָס מע קאָן אויף זיי נישט דערקענען, צי זיי פאַסטן, צי זיי פאַסטן נישט. אין אייניקע שטיבער שיט מען וויינשל אין די בוטליעס. אין אייניקע הייצט זיך דער אויוון און די באַלעבאָסטע שיילט קאַרטאָפל. לעם אייניקע שטיבער שטייען שוין די בהמות געקרעמענע אויף ראַנקעס. אין חדר לערנט היינט קיינער נישט. אָט זיצט גאָלדע דער האַנטשאַרקעס און אַזוי ווי זי וואַרט אויף אונדז. — גייט אַריין — זאָגט זי — די מאַמע דאַרף אייך עפּעס האָבן. גאָלדע איז אַליין אַ מאַמע פון קינדער. איר זון מאָטל דער גאַנער לערנט זיך ערגעץ אין אַ ישיבה. נאָר זי אַליין האָט נאָך אויך אַ מאַמע, פייגע די אלמנה אָדער פייגל די האַנטשאַרקע. זענען מיר אַריינגעגאַנגען, האָט זי געזאָגט: — יינגעלעך, וואַרט צו אַ ביסעלע, וועל איך אָפּגעבן אַ נדר. און זי דערציילט, אַז זי האָט אַ נדר, וואָס ס׳האָט זיך איר עפּעס געחלומט אַ חלום, אַז ס׳זאָל אויסגיין צו גוטן. האָט זי אַ נדר געטאָן צוויי מאָל ח״י גראָשן.

דאָס איז שוין עפּעס — מיט אַ מאָל אַכצן קאָפּיקעס! און זי האָט

www.libtool.com.cn

אַרויסגענומען פון אונטער דעם איבערבעט אַ טיכעלע אַ טונקלס, אַ פּאַר־בונדנס, האָט צעגומען די קניפּלעך און אונדז אויסגעקליבן אַ גילדן מיט זעקס גראָשן. — זאָל אייך גאָט העלפן! — האָבן מיר געזאָגט, אָבער זי האָט נאָך נישט געענדיקט: — און דאָס — זאָגט זי — נאָט אייך אַ נדבה. — און זי האָט אַרויסגענומען אַ צווייער באַזונדער און האָט אונדז געגעבן אַ נדבה.

משה, דאָס קליינע שוסטערל — אַ סך יאָרן ט'ער געאַרבעט ביי יענעם, איצט אַרבעט ער ביי זיך — ער געהער צו די חריפס, ער לאָזט אונדז נישט אָװעקגיין אַזוי גיך. ער וויל מיט אונדז אַ ביסל רעדן, נאָך דעם שטיוול מיט דער פּאָדעשװע אַרויף לאָזט ער נישט אַרויס פון צווישן די פיס. ער פּאַרקלאַפּט קונציק אַ פּלעקל נאָך אַ פלעקל. ער פרעגט אונדז וואָס לערנען מיר, ווי האַלטן מיר, און אויפן סוף לאָזט זיך אויס, אַז שיינדל, דאָס ווייב זיינס, איז געווען אויפן מאַרק; אָט איז זי נאָר וואָס אַריין.

— גיב נאָר — זאָגט ער — אַ זעקסער און נאָך אַ זעקסער.

— אָט דאָס — זאָגט ער — חברה, קויף איך אויס דעם תענית. — ביי מיר איז אַ שוואַך האַרץ, איך טאָר נישט פאַסטן.

— זאָל אייך גאָט העלפן! — האָבן מיר געזאָגט. אַלע מאָל, אַז מיר זאָגן: „זאָל אייך גאָט העלפן!" פילן מיר אין יעדער שטוב, ביי יעדן זאָג זיין באַזונדער טעם. דאָ האָבן מיר געפילט, אַז גאָט דאַרף אים העלפן, דעם קליינעם משהלע, ער זאָל זיין געזונט, ער זאָל זיין אַ מאַן דעם ווייב זיינעם און אַ פאָטער זיין איינציק טעכטערל. אַ שיינינקע מיידעלע פון אפשר פופצן יאָר. זי לערנט זיך שרייבן ביי כייטשיקן ברוך אייזיקס. ער איז אַ קליינינקער, משהלע, אַ דינינקער, מיט אַ בלייך פּנים, נאָר לעבעדיקע, שיינע אויגן. אַ בערדל ביי אים נישט קיין גרויס. אַז ער קומט צו אונדז אין האַרבאַרגיע קויפן אַ יוכטל, אַ פּאָר פּאָדעשוועס, גייט ער אין אַ קאַפּאָטקע. אַז איך זע אים יום־כיפּור אין שול, גייט ער אין אַ גרויסלעכן טלית און איז בלייך, טאָקע די בלייכקייט אַליין און ער שמעקט חלש־טראָפּנס. אַ גאַנצן יום־כיפּורדיקן טאָג טראָגט ער זיך אַרום מיט די האַרבע שמעקעדיקע חלש־טראָפּנס. אַ קליינינקער גוף, דוכט זיך,

www.libtool.com.cn

נאָר אַ פּאָלנער ייִד, מיט אַ שטוב, מיט אַן אָרט אין שול, אַ גאָט אין הימל און אַ בהמה אין שטאַל. אַט אַזוי איז די וועלט, אַט אַזוי איז דער מענטש. נאָר שוואַך, מיט אַ שוואַכן געזונט.

— זאָל אייך גאָט העלפן! — זאָגן מיר. און מען פילט, אַז מיר זאָגן מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער פולער כוונה. טייערע ייִדן אַלע, זאָל אונדז גאָט העלפן!

* * *

אין חדר לערנען מיר אגדתא, אַ קמצא ובר קמצא נחרבה ירו־שלים... אַ חרב ביתר. ס׳איז הייס און ס׳איז נודנע. אַלצדינג האָט אין די אויגן עפּעס אַ געלבלעכן קאָליר. איין זאַך איז אונדז נאָר געפעלן, אַז די ייִדן אין יענע צייטן האָבן זיך נאָך געקאָנט קעגנשטעלן, זיך שלאָגן פאַרןביימעלע, וואָס מע וויל אויסהאַקן אויף אַן אָקס פון עפּעס אַ גרויסן עלטסטן וועגן פונעם שונאס פאָלק. מיר לערנען אויך איכה. כאָטש ס׳איז דער זעלבער איכה, וואָס מע זאָגט אים אין שול זיצנדיק אין די זאָקן אויף איבערגעקערטע ליגנדיקע בענק, איז עס דאָרטן אַנדערש און דאָ אַנדערש. דאָרטן זיצן ייִדן אַן עדה מיט ייִדן באַראָבעוועטע, אַפילו אין דער פרי תשעה־באב אין שול אָן טליתים. דער פּרוכת אויפן אָרון־קודש איז נישטאָ, דאָס טישטעך אויפן באַלעמער איז נישטאָ, אַלץ אָרומ־געריסן, חרוב, ס׳נעמט אָן אַ מורא. נו, אין חדר? אין חדר איז זיך אַחוץ אַז מיר לערנען וועגן די קליינע קינדער, וואָס האָבן זיך אויפגעצויגן אויף זיידנס, וואָס מ׳פלעגט זיי אַלע טאָג מעסטן און וועגן אויף וויפל זיי זענען צוגעקומען; מע האָט אַזוי געציטערט איבער זיי, זיך אַזוי געפרייט איבער זיי. און איצטער וואַלגערן זיי זיך ווי מיסט אויף די גאַסן. יענע איידעלע קינדער זענען אַלע געווען אונדזערע, דאָס טייערסטע ביי אונדז, דאָס שענסטע. זיי שרייען: איה דגן? דער נביא ירמיהו איז געווען גרויס מיט זיין געטריישאַפט, מיט זיין איבערגעגעבנקייט. ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט די טיף און די גרויס פונעם ייִדישן צער. ער זאָגט: אני הגבר ראה עני בשבט עברתו. אותי נהג ואלך חושך ולא אור, אך בי

www.libtool.com.cn

ישב יהפך ידו כל היום. ער זאָגט: מחוץ שכלה חרב בבית כמוות. איין קליינקייט! דוכט זיך, ווער איז נאָך הייליקער און דערהויבענער פון גאָט? און דאָ זאָגט ער אין גאַנצן אָפן: היה אדוני כאויב. בלה ישראל... וירב בבת ישראל תאניה ואניה. ס׳נעמט אָן אַ גרויל, אַז דער רבונו־של־עולם אַליין האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל און געהוליעט איבער די גאַסן ווי אַ יונגער צעיושעטער באַנדיט און די שונאים סווישטשען און כריוקען און קוועלן, וואָס זיי האָבן זיך זייערס דערוואַרט. רבונו־של־עולם שאַף איין פּאַר זיי דאָס, וואָס ס׳איז אונדז איינגעשאַפן געוואָרן, כדי רבות אנהותי ולבי דוי, דאַוואַי־אַי־אַי...

אַזוי ווי אויף אַן אַלטן איינגעפּאָרענעם שליאַך, אַזוי קומען ביי דער מאַמען די מאכלים צו יעדן טאָג, אַז לויטן טאָג דערקענסטו די מאכלים, לויט די מאכלים דערקענסטו דעם טאָג. ווען ס׳פּאַלט אַראָפּ אַ מענטש פונעם העכסטן און ווייטסטן אָרט און טרעפט, ווי מע מאַכט המן־טאַשן און מען מאַכט פּלעצלעך, מלכות־ברייטלעך און מען באַקט אַ גרויס־גרויסן געפלאָכטענעם קוילעטש, וואָלט ער באַלד געוווּסט, אַז ס׳איז היינט פּורים. ווען ער טרעפט ווי מען מאַכט קרעפּלעך מיט בייליק־יויך און אויפן טיש שטייען ווייסע קוילעטשן, וואָלט ער געוווּסט, אַז ס׳איז הושענא־רבה. קראַפּן — שמחת־תורה; בלינצעס — שבועות. נו, און מצות מיט כרעמזלעך, מיט רויטן בוראַק און קוואַס — דאָס וועט שוין אַפילו אַ פויער אין פּאָסטאָלעס וויסן, וואָס ס׳איז. און די מאַמעס אונ־דזערע ווייסן לויטן ריח, פונעם דרויסן, לויטן אָרט, ווו דער סידור מיטן מחזור ליגן. אין לוח? די מאַמע זאָל אַ מאָל אַ קוק טאָן אין לוח? ערב תשעה־באב פּאַר נאַכט איז דאָס עסן אין גאַנצן נישט אַזוי ווי אַ גאַנץ יאָר: אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער, לאָקשן מיט מילך און אַ האַרט געקאָכט איי מיט אַ ביסל אַש. איך זאָל זאָגן, אַז מיט אַש איז שוין גאָר געשמאַק, וואָלט איך נישט געזאָגט. נאָר גאַרבישט, דערויף איז מען דאָך יידן און דערויף איז עס תשעה־באב. אין שעה פון טרויער און פון אומגליק פלעגט מען אָנטאָן אַ זאַק אויף די לענדן און אָנשיטן אַש אויפן קאָפּ. מיר גייען גאַנץ תשעה־באב אין זאָקן, אַנדערע טוען אָן אַ פּאָר קאַלאָשן אויף די פיס און אַ טאָג אַ יאָר שלעפּט מען זיך אַרום מיט די קאַלאָשן.

www.libtool.com.cn

לערנען טאָר מען נישט. װען מען טאָר נאָך נישט רעדן אױך, איז גראַדע רעדן מעג מען און מען רעדט פֿון װאָס ס׳מאַכט זיך: פּאָליטיקע איז גוט, פֿאַררײכטן די מקװה אין שטאָט איז גוט און אַפֿילו רעדן פֿון מסחר קאָן מען אױך. די קלײטן זענען אױך אָפֿן פֿון האַלבן טאָג. ס׳גאָרנישט װאָס זײ זענען אָפֿן, מע לײזט סײ װי גאָרנישט דעם גאַנצן טאָג, סײדן אַ האַלבן פֿונט צוקער, אַ קװאָרט גאַזע אָדער מעל אױף עפּעס מאַכן צום אָפּפּאַסטן. אין קלײט, אַז מען שטײט, גײט אפשר גיכער דורך די צײט. מאַנצבילן רױכערן, װײַבער זענען פֿאַרנומען מיטן גאָרטן, מיט דער שטוב, מיט די קלײנע קינדער, און די גרעסערע קינדער גײען, אַנדערע נאָך נישט. ס׳קלײבן זיך אױף עטלעכע ייִנגלעך און מען גײט אױף די פֿאַדריזקעס אָדער פֿון יענער זײַט געליפּעס נאָך ניס. מען נעמט בײַ דער מאַמען אַן אַרבעלע און אַנדערע ברענגען אַ פֿול אַרבעלע מיט ניס. זײ זענען נאָך נישט אין גאַנצן צײַטיק. נאָר ייִאָדערן זענען שױן פֿאַראַן, גוטע יאָדערלעך, גליטשיקע פֿון דרױסן און װײַסע. מען קאָן זײ עסן װיפֿל מען װיל, אָבער תשעה־באב עסט מען דאָך נישט. צעקנאַקט מען נאָר מיט די צײן אַ ניסל, מען באַקוקט דעם יאָדער פֿון אַלע זײַטן, מען נעמט אים אַפֿילו אין מױל, נאָר מע װאַרפֿט אים אַרױס צוריק. די גרינע בלעטערדיקע שיסעלעך, װוּ די ניסלעך האַלטן זיך, זענען שײן און גלאַט אינעװײניק, אַזױ װי שײנינקע שטױסעלעך, אַנדערע זענען צונױפֿגעװאַקסן און האַלטן זיך צו דרײַ, צו פֿיר און צו פֿינף אין אײנעם. אַז ס׳איז אַ גערעטעניש אױף ניס, זענען דאָ אַ סך ניס. נאָר אײן זאַך װײס איך, אַז מיר זענען נישט אין דער הײם. אַז ס׳גײט דורך אַ שגצל צװישן די בײמלעך, אַז ער פּאַשעט די חזירים אָדער אַז ער טרײסלט באַרלעך, קלערט ער אַפֿילו נישט, אַז ער איז דאָ באַלעבאָס — מע װײסט עס פֿון לאַנג. און איך, מאַך איך נאָר אַ טראַט אױסער דער שטאָט, װײס איך, קלעמט שױן מיר דאָס האַרץ, אַז דאָ איז נישט מײנס, אַז איך דאַרף נישט גײן צו גיך, איך דאַרף נישט רעדן צו הױך — ס׳איז נישט מײנס. אַ דאַנק גאָט, װאָס מע לײדט פֿון מיר, מע טרײַבט מיך נישט, מע שרײַט אױף מיר נישט.

אַ פּאָר שוסטער קומען צום טאַטן אַזױ אַרום צװײ בײַ טאָג, אַרום

www.libtool.com.cn

דריי ביי טאָג. מע קוקט אַ יוכטל, מע דינגט זיך ווי אַלע. מע זיצט אויף די קלעצלעך אין הויף און מע רעדט פון וואָס ס'מאַכט זיך. בלייך איז מען, פריילעך איז מען נישט, נישטאָ פון וואָס צו זיין פריילעך, נאָר איך זאָל זאָגן, אַז מען איז שטאַרק אומעטיק, איז אויך נישט; איך זאָל זאָגן, אַז צו צרות ווערט מען געוווינט?

אין ארץ־ישראל לעבן אויך אַ ביסל יידן. איך וואָלט וועלן וויסן וואָס טוען דאָרט די יינגלעך תשעה־באב אַ גאַנצן טאָג? זיי רעדן דאָרט אויף לשון־קודש? און אויף אונדזער לשון קענען זיי נישט רעדן?

נעכטן אויף דער נאַכט, צו קינות איז אין קלויז געווען פינצטער. איין ליכטל ט'געברענט דאָרטן לעם חיימען רייזלס, ווו ער זאָגט פיר די קינות.

ביי אונדז איז די קינה אַ צעריסענע. איך זאָג דעם טאַטן, אַז מען דאַרף זי אָוועקטראָגן צו זרחן איינבינדן. זאָגט ער, אַז קיין קינות בינדט מען נישט איין. אָט דער־אָ געדאַנק איז אַ געדאַנק; איך וואָלט וועלן מען זאָל מיט מיר אַלע מאָל רעדן דערפון, פאַר וואָס מען בינדט נישט איין קיין קינות. איר ווייסט פאַר וואָס? ווי, איר ווייסט גאָרנישט? איי, איי, איי! טאָ הערט זשע:

יידן האָפן, אַז מע וועט אויסגעלייזט ווערן פון גלות, אין ירושלים וועט שטיין דער בית־המקדש צוריק ווי געווען, און דאַן וועט דער טאָג פון תשעה־באב פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויסן פריילעכן יום־טוב: כלי־זמר וועלן שפּילן אויף די גאַסן, אין די סעדער וועט מען טאַנצן, און קיין קינות וועט שוין קאָפּל מער נישט אויסשרייבן; קאָפּל וועט אויסשרייבן שירים אויף נאָטן. הושענה והושיעה נא, און ס'וועט זיין חי געלעבט!

אין דער פרי דאַווענען די יידן אַזוי ווי יינגלעך, נישט נאָר אַזוי ווי יינגלעך — אַפילו אָן די תפילין אויך. אוי, סאַראָ וואָכעדיקייט! און די קינדער? די קינדער האָט מען דערלויבט אַזאַ זאַך, וואָס איך וואָלט נישט דערלויבט און נישט איינגעפירט: מיט עפּעס איז עס ריכטיק און מיט עפּעס איז עס נישט ריכטיק. למשל: פּסח שפּילן אין ניס, שמחת־תורה — פאָנען, שבועות — גרינס מיט רויזן, פורים — די קאַ־

www.libtool.com.cn

ליגאַטקע מיטן גראַגער, דאָס איז אומעטום שיין און גוט און בייטיק. אָבער תשעה־באב־בערלעך מיט לייז (דאָס זענען די קערנדלעך פון אַזאַ לאַנגלעכער יאַגעדע, וואָס אַז מען שטופּט עס אַריין אַ ייִנגל אין קאָלנער אַריין, קריכן זיי אַרום די קערנדלעך אַזוי ווי לייז). איז פון איין זייט קאָן זיין, אַז אין אַזאַ טאָג פון קלאָג און פון פאַסטן מעג מען אַריינוואַרפן אַ פּאָר בערלעך אַ ייִדן אין באָרד אַריין — דער ייִד וועט זיך גאָרנישט בייזערן אויך, ווייל דאָס האַרץ איז פאַרטרויערט, דער הולך איז וואָכעדיק, אים איז גאָר ניחא, אַז ס׳זאָל דער טאָג אין זיך האָבן נאָך מינים אָפּקומעניש; פּאָר אַזאַ טאָג איז עס אַלץ אַנגעמאָסטן. די בערלעך זענען טאַקע אַ פּאַסיקער צושפּיל צום מראה פונעם גאַנצן טאָג, ווייל ס׳איז די סאַמע קויטיקע קריטעכץ, וואָכעדיק — בלייך און קלעפּט זיך צו דיר, ווי אַ מין צוטשעפּעניש. דאָס איז טאַקע אַלץ ריכטיק. אָבער... אָבער איין זאַך, וואָס מיר זענען דאָך נאָר ייִנגלעך, פאַרגעסן מיר, וואָס פאַר אַ טאָג דאָס איז און וואָס ס׳איז ביי איטלעכן אויפן האַרצן, און מיר צעהוליען זיך גאָר און ס׳גייט איבער אין אַ שטיפעריי: ווער וועט בעסער טרעפן אָנאָ אין מזרח־וואַנט מאַטלען ראַטנער אַ בערל גלייך אין דער באָרד אַריין? קומט אויס, אַז ס׳ווערט גאָר אַ שפּיל. דער חזן זאָגט ציון הלא תשאלי לשלום אַסיריך. מען זאָגט, אַז רבי יהודה הלוי אַליין האָט עס פאַרפאַסט מיט דער אמתער בענקעניש און צעבראָכנקייט פון האַרצן, דאָס זענען זיינע טיפע און הייליקע ווערטער און אַקוראַט דאָ צילעוועט זיך איין ייִנגל אַריינשטופּן דעם אַנדערן אַ פּאָר לייזלעך אונטערן קאָלנער. נאָר די וועלט האָט עס אַזוי אַוועקגעשטעלט און ס׳בישט מיין עסק זיך מישן אָדער וועלן איבערמאַכן. אָנאָ מעשייעט מיר אַליין אַ בערל ערגעץ, לעם סאַמע פּיזשאַק־קאָלנער און ס׳קראַצט מיר אין פּאַטיליצע פון דער רעכטער זייט; איך קאָן עס דערלאַנגען מיט דער לינקער האַנט און אַראָפּנעמען, אָבער אפשר זאָל עס בעסער הענגען? די ייִנגלעך וועלן לאַכן, ווייזן אַהער מיט די פינגער און לאַכן? וועלן זיי אַזוי לאַנג ווייזן, ביז זיי וועלן זיך איינמידן.

— אלי ציון — זאָגט דער חזן — ועריה. שמואליק, דער רבי אונדזערער, האָט געזאָגט, אַז ס׳איז אויך פון רבי יהודה הלוי. ער האָט

www.libtool.com.cn

געלעבט צוריק מיט אַכט הונדערט יאָר און איז אַליין פון הישפּאַניע. איך וויל זיך פאָרשטעלן ווי אַזוי ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אָט דער הייליקער גרויסער ייד אין הישפּאַניע. דערווייל בין איך שוין אין דער היים, איך שטיי לעבן די גריבלעך, ווו מיר וואַשן פרילינג שערסט; זיי זענען פאַר אונדזערע שטוב־פענצטער, די וואָס קוקן צו דער שיניצע צו. אַהינצו, עטוואָס העכער פון יענער זייט גריבלעך, גייט די אויסגע־טראָטענע ברייטע סטעזשקע, וואָס גייט הינטער יעסיפּס גאָרטן פאַרביי אונדזער גרויסן גאָרטן צווישן אוליטעס מיט קולינעס הויפן און גלייך צו די נאַזאָווקעס פון די נאַוואָזעס. פון ערגעץ גייען מיט אויסגעוואַשענע ריינע באָרוועסע פיסלעך ראַדיעווושטשיכעס מיידעלעך, אין ריינע שטאָ־טישע קליידעלעך. זי האָט זיי אפשר פינף, זיי זענען יתומות פונעם פאָטערס צד. די מוטער האָבן זיי אַ שטילע, לייטישע קריסטין. איצט וווינט ביי זיי וואָיטושעווסקי, דער אוטשיטעל מיט די גראָבע, ראָסנע געלע וואָנסעס. ער איז אַ בחור, זאָגט מען, פון אַ יאָר 40. ביי דער שטאָט איז געפּועלט, אַז ער איז ראַדיעווושטשיכעס מאַן, ד. ה. אַזוי ווי אַ מאַן, און איז איצט אַזוי ווי אַ טאַטע ביי אירע קינדער. איך קוק אויף די מיידעלעך, זיי גייען איבער דער האַרטער סטעזשקע, אַזעלכע רייניקע, מיט אויסגעפּלאָכטענע צעפּעלעך. ווען זיי זענען יידישע, וואָלט איך זיי וועלן פאַר אַ כלה, ד. ה. איינע פון זיי. אָוועלכע? זיי זענען אַלע ליבינקע, שיינע, ריינע און אין עלטער נישט קיין סך אָפּגערוקט איינס פונעם צווייטן. צו מיר קוקן זיי נישט. מעגלעך, אַז איך וואָלט צו זיי אויך נישט געדאַרפט קוקן, נאָר ווי אַזוי קאָן מען דען? איך קוק צו זיי, צו זייערע גרינע זומערדיקע קליידלעך פון בלויען ציץ און צו זייערע ריין־אויסגעקעמטע און אויסגעפּלאָכטענע צעפּעלעך מיט די קאָס־ניקעס, צו זייערע ריינע, ביז די קני באָרוועסע, דינע, שיינע פיס, וואָס טרעטן געזונט; זיי שווייגן צווישן זיך. אַזעלכע שטילע, אַזעלכע ליבע. איך בין אינעם הייסן טאָג אין גאַנצן זייערער און דער לערער וואָיטושעוו־סקי איז אַ מלאך, אַ מענטש מיט אַ האַרץ פון אַ מלאך. ער זינגט מיט די קינדער אין שקאָלע און זינגט אויך אין קלויסטער אין כאָר. ער האָט אַ קול פון אַ באַס, און ער קען אַלדאָסדינג.

www.libtool.com.cn

אפשר איז ער אַ סאָציאַליסט, זוכט נישט קיין רייכקייט, זוכט נאָר צו העלפן אָרעמע, געשטראָפטע מענטשן. איך וויל אויך, אַז די מיידעלעך זאָלן אויסוואַקסן און זיי זאָלן האָבן אַ גוט לעבן. מיין האַרץ וועט כסדר בענקען צו זיי מיט אַ גוטער בענקשאַפט און כסדר ווינטשן זיי אַ גוט לעבן און איך זאָל זיי אַליין מיט מיינע אייגענע הענט העלפן, וואָלט אויך געווען גוט. אָבער ווי אַזוי, אַז זיי רעדן צו מיר נישט, זיי זענען מיט מיר נישט באַקאַנט און זיי וועלן זיך שעמען צוגיין צו מיר.

דער טאָג לאָזט זיך שוין אַראָפּ צו ביסלעך. די מאַמע רייסט אויס עטלעכע אוגערקעס און שיקט אָפּ מיט מיר צו יחיאלן דעם מלמד; די מאַמע האָט אַ מאָל געלערנט ביי אים זאָגן עברי, ער וווינט אין דער דאָלינע. אַז איך בין געקומען צוריק, איז די מאַמע ווייטער געווען אין גרויסן גאָרטן, צווישן דער מומעס און צווישן האָנע קולינעס. זי האָט אָנגעגראָבן אַ ביסל פרישע קאַרטאָפּליעלעך אין אַן עמאַלירטער שיסל. באַלד הייצט זי איין אין אויוון און וועט עפּעס קאָכן צום אָפּפּאַסטן. אַ פּאָר אוגערקעס מיט אַ ציבלקע און אַ ביסל נייע קאַרטאָפּליעס מיט סמעטענע. איך זע, דער טאַטע קלייבט זיך שוין אין שול צו ויחל, דער־יאָג איך אים און גיי אויך מיט אים.

נאָר פאַר וואָס גייט ער עפּעס פאַר נאַכט מיטן טלית און תפילין?

אָבער ס'נישט ער איינער. אין קלויז די יידן, וואָס מיר האָבן גע־טראָפן, גייען אויך מיט טלית און תפילין. מע זאָגט קדיש, קריאת־שמע און דערנאָך זאָגט מען אשרי, מע לייענט די תורה און ערשט דערנאָכ־דעם שטעלט מען זיך שמונה עשרה. ס'איז שוין אַזוי ווי נאָכן תענית. די תורה לייענט מען שוין. די יידן האָבן דאָך געמאַכט דעם עגל, וויל זיי גאָט צוכלומרשט פאַרטיליקן. וועט דאָך משה נישט דערלאָזן אַזאַ מין זאַך! ויחל משה — ט'משה געבעטן. האָב איך ליב אַפילו דאָס איינע וואָרט, וואָס מע זאָגט: מיר גייען צו ויחל, אָדער: מע האָט שוין געלייענט ויחל. און שיין איז, אַז ווען דער בעל קורא לייענט, טוען מיר, דער גאַנצער עולם אַ הודע: „שוב מחרון אפיך והנחם על הרעה לעמך". דאָס זעלבע אין דעם צווייטן טייל — דער בעל קורא לייענט און מיר טוען אַ כאַפּ אויף אַ קול: ה'ה' אל ארך אפים ורב חסד ואמת. און מיר

www.libtool.com.cn

זענען מיט עפּעס צופרידן אַלע. אַפילו אַז מען רעדט נישט וועגן דעם אָבער די האָפענונג איז דאָ ביי איטלעכן: אפשר וועלן מיר מער קיין תשעה־באבס אויף זיך נישט האָבן ווען מירן זיין שיינע מענטשן, אַ שיין פאָלק, אַ שיינע מלוכה, אַזוי ווי די שענסטע מלוכות אין דער וועלט. דאַווענען מיר אָפּ און צעגייען זיך אַהיים. טאַקע אין די זאָקן, טאַקע אין די וואָכעדיקע קאַפּאָטעס, טאַקע אין די זיך נאָכשלעפּנדיקע קאַלאָשן. נאָר פון נעכטן אין אָונט ביז היינט אין אָונט איז אַזאַ חילוק גאָרנישט צו פאַרגלייכן. איצט גייען מיר שוין צו אַ נייעם לעבן, צו אַ שענער לעבן, צו אַ געטרייסטערטער צייט. ווייל דער שבת וואָס גייט אויף אונדז איז אפשר דער שענסטער שבת אינעם גאַנצן יאָר: שבת נחמו — וויפל תנאימס שטעלן זיך אויף דער וועלט, וויפל חתונות יידישע שפּילן זיך אין דער וועלט! און פרייטיק גייען מיר אין טייך זיך באָדן, ס׳איז שוין אַן אַנדערע וועלט און גאָר אַן אַנדער לעבן — הושיענו ה׳ אלהינו וקבצנו!

* * *

דער טאַטע אַרבעט כמעט אַ קיילעכדיק יאָר. אַנדערע זוכן זיך אָפּ אַ יום־טוב, אַ סיום אין שטאָט, אַ ברית ביי לייטן, אַ יאָריד, אַ רבי קומט צו פאָרן. מהיכי־תיתי — אַלצדינג זייער פיין. אַז מען דאַרף גיין אויף אַ ברית, לאָמיר זאָגן, אַרום ניין אַ זייגער אין דער פרי, געדענקט ער עס, דער טאַטע. ער אַרבעט אָפּ דעם פרימאָרגן, ד. ה. דעם גאַנץ פרי גוטע דריי שעה, דערנאָך וואַשט ער זיך איין, טוט זיך איבער, באַקומט צוריק אַ פּיינעם, אַ יום־טובדיקן אויסזען און גייט אַוועק אין שטאָט אַריין, לאָמיר זאָגן, צו שלמהן דעם באַראַנס אויפן ברית און איז זיך דאָרט אַ מענטש צווישן מענטשן. ער קומט אַרום צוועלף פונעם ברית, עסט ער שוין אָפּ אין איין גאַנג וואַרעמס, טוט זיך איבער און גייט אַוועק מיט די פאַרקאַטשעטע אַרבל אין האַרבאַרניע אַריין.

איצט עלטערהייט פאַרשטיי איך שוין און קאָן עס אָפּשאַצן, אַז ביים טאַטן איז אין קיין זאַך קיין קאַרגשאַפט נישט געווען און אויך נישט קיין זשעדנעקייט. אַ קאַרגער מענטש פאַרגינט נישט יענעם, פאַר־

www.libtool.com.cn

גינט נישט זיך דעם ביסן, האָרעוועט, שלעפּט אויף זיך, פּינעט און האָוועט און גייט אַרום אָפּגעריסן, דאָס שטוב־געזינד — אויך דאָס זעלבע. דער טאַטע, זע איך, האָט ליב געהאַט דער שבת זאָל זיין אַ שיינער, דער יום־טוב זאָל זיין אַ שיינער, די קינדער זאָלן גיין ריין אָנגעטאָן, און אַרבעטן, כאָטש ער האָט געאַרבעט כסדר געטריי און גוט — ער איז געווען אַן איידעלער באַלמעלאָכע, זיין אַרבעט האָבן די באַלמעלאָכעס געזוכט — האָט ער אָבער קיין מאָל נישט געהאָוועט, זיך נישט געוואָרפן און זיך נישט געפּינעט ביי דער אַרבעט. זייער רויק, זייער באַטירלעך: אויסגערויכערט אַ ציגאַר און זיך געשטעלט צום פאַלצבענקל, ווי ער האָט עס גערופן, און אָנגעהויבן פאַלצן ווען אין טרוקענעם ווערקשטאַט, ווען אין נאַסן. איז זיך די אַרבעט געגאַנגען רעגלמעסיק גוט און אין דער זעלבער צייט שפּאַרעוודיק. אַ מאָל פלעגט ער מיר זאָגן, אַז איך בין אַריינגעגאַנגען נאָך עפּעס אין האַרבאַרגניע: איך האָב שוין אָפּגעפאַלצט 16 שטיק פון די גרעסערע, ד. ה., אַז די סחורה, וואָס ער האָט געדאַרפט היינט פאַלצן, האָט ער פריער צעסאָרטירט: די גרעסערע באַזונדער, די קלענערע באַזונדער. פון די גרעסערע הייבט ער אָן, ווערט דער צווייטער האַלבער טאָג אַרבעט זיין גרינגער. און אַזוי אַלע יאָרן וויפל איך האָב אים געקענט. אַז ס'קומט אַ יאַריד אין שטעטל, אויך דאָס זעלבע. פון אין דער פרי זיך געשטעלט צו דער אַרבעט, דאָס ביסל גרייטע סחורה — טאָמער וועלן קומען שוסטער פון די דערפער — איז צונויפגעלייגט, צונויפגעפּאַרט. און אַז ס'קומען די שוסטער, גייט דער טאַטע אַריין אין שטוב, צעווישט די הענט, גיט זיי אַפּ שלום און מע רעדט, מע וויייזט, מע קלייבט אויס, מע דינגט זיך אויס און מען צעצאָלט זיך, גייט אַוועק דאָרט אַ האַלבע שעה. די שוסטער גייען זיך אַוועק און דער טאַטע גייט זיך צוריק אין האַרבאַרניע. פאַרשטייט זיך, אין אַ יאַריד־טאָג ווערט דער טאָג צעשלאָגן: אַ מאָל דאַרף מען זיך גאָר איבערטאָן און אַרויסגיין אין שטאָט אַריין אָנקוקן אַ פעקל פעל. איז אויך דאָס אייגענע, טוט ער זיך אָן און גייט. די מאַמע קומט אים עטלעכע מאָל אויסריכטן ער זאָל גיין. ביי איר קומט אויס, אַז אַן אַנדערער האַרבאַר ווערט עס נאָך אויסדינגען. די מאַמע איז אַ סך אומ־

www.libtool.com.cn

רוּקער פון דעם טאַטן. וואָס אַרט דיך — זאָגט זי — אַז אין אַ יאַריד וועסטו נישט גיין אין האַרבאַרגיע אַריין. וועסט אַ פּאָר מאָל אַרויסגיין אין מאַרק אַריין, אַ מאָל אַ פּעל ביי אַ פוּיער אויפן וואָגן, אַ מאָל אַ קונה באַגעגנט מען. און ביי דעם טאַטן קומט אויס, אַז דער, וואָס דאַרף זיין זיין קונה וועט אין ערגעץ נישט אַוועקגיין — ער וועט צו אים קומען. און טיילווייז איז טאַקע אַזוי געווען. די לוטשאַנקער שוסטער זענען פון אַלע יאָרן אונדזערע קונים. חיים־מאיר זעליקס, אַז ער קומט צו פאָרן, איז אויך מערער צו אונדז; ער האַלט זייער פון דעם טאַטנס אַרבעט. ער איז אַ הויכער, נישט שטאַרק קיין שיינער, נאָר אַ שטילער, אַן אָרנט־לעכער; ער קויפט סחורה אויף דריי חדשים מיט אַ מאָל. ער דינגט זיך כמעט נישט. אים ווערט געפעלן דער פּרייז, לייגט ער צונויף די סחורה און צאָלט געלט, אויב נישט, טוט ער אַ קלער און גייט אַוועק. ער איז נאָך יונג. ביי אים איז עפּעס דאָ אַן איסטאָריע מיטן ווייב. משה דער קאַטוניטשער, אַז ער קומט, קומט ער אויך צו אונדז. אַן ערנסטער מאַן, מיט אַ היציקער באַטור, אין גאַנצן נישט געראָטן אין קיין חיים־מאיר מיט דער הויך, מיט זיין ריינעם נייעם אָנטאָן, איז טאַקע אויך נישט איבעריקס געראָטן אין קיין שוסטער. דאָס איז אַחוץ אַ מעשה. איצטער די היגע שוסטער. די היגע האָבן מערסטן טייל נישט קיין באַשטענדיקע האַרבאַרגיע. זיי גייען לויטן אָבאָראָט נאָך, ווו מען קאָן גיכער צובאַרגן, ווו מע איז ווינציקער שולדיק און אַן אַנדערש מאָל איז ווו ס׳טוט אַ צי, ווו מען דערפילט אַ גרעסערע פּאַרטיע סחורה. ס׳טרעפט, אַז איין שוסטער טוט אַ קוק, וואָס דער צווייטער טראָגט און פון וואַנען ער טראָגט, כדי ער זאָל וויסן, צי ער איז אויך אַ בעלן אַהין צוגיין אָדער נישט. נאָר אַזוי ווי מיר רעדן פון אַ יאַריד, וועלן די היגע שוסטער אַהער קיינער נישט קומען. זיי זענען אַליין פאַרנומען מיטן יאַריד. איינער האָט אַ ביסל גרייטע סחורה, איינער האָט זיינע באַשטענדיקע קונים.

אייגנטלעך האָבן מיר צוויי יאַרידים אין סלאָוועשנע,ביידע הייסן יוריע־יאַריד — יוריע אום פרילינג און יוריע אום אָנהייב ווינטער. די איבעריקע יאַרידים האָבן מיר אין וועלעדניק, דעם באַרימטן דעסיאַטעכע־יאַריד אין אָווראָטש. אַז ס׳קומט אויס, פאָרט מען אויף פּייטער, געווענדט

www.libtool.com.cn

ווער וואָס ס׳דאַרף, ווער נאָך וואָס סע פּאָרט. צו אונדז אויף די יאַרידים קומען אויך צו פאָרן שוסטער מיט גרייטע טאַנדייטע שטיוול, שניידער מיט טאַנדייטע פּעלצן, סוויטעס און אויך זומערדיקע סחורות. ס׳קומען היטלמאַכערס, ס׳קומען הענדלער פון רויכוואַרג, חזיר־האָר, פּעלעכלעך, ס׳קומען האָרבאַרעס, ס׳קומען אויטשינעס. ס׳קומען ווייבער מיט טישלעך געבעקס: בולקעלעך, לעקעכלעך, געפּאַרבטע צוקערקעס פון טייג, פּישעלעך־צוקערקעס, הענדעלעך־צוקערקעס. ס׳קומען טישלעך מיט קוואַס, מיט פּיאַלקע, מיט ברויט־קוואַס; ס׳קומען פערד־הענדלער, פּי־הענדלער, ס׳קומען ביידלעך מיט שניט־סחורה פאַרביקע אַלערליי, ס׳קומען טעפּערס, האַנטשאַרעס, באָנדאַרעס מיט זייערע כלים. ס׳קומען ביידלעך מיט גלאָזוואַרג און אַלערליי סאַכאַרניצעס, בלומען־טעפּלעך. ס׳קומען צו פאָרן ביידלעך מיט צעלניק, סטענגעס, פּראָשוועס, בייוועלעך, קנעפּלעך, שפּיגעלעך און קעמעלעך און זאַפּינקעס אַפילו. ס׳קומען ביידלעך מיט איקאָנעס פון אַלערליי הייליקע, פון אַלערליי מאָסן מיט אַלערליי באַגילדטע און באַזילבערטע ראַמען, אַנדערע אַזוי ווי שיינע געשניצטע שאַפּקעלעך. נו, אַהין גייען מיר נישט צו, פון דער זייט כאַפּן מיר אַ קוק צו דער באַזשעמאַט, אָבער פאַר אַ יידיש יינגל פּאַסט דען לאַנג שטיין? ס׳קומען אויך מענטשן, וואָס פאַרקויפן קעמלען הילצערנע צום שפּינען און קליינע קאַמען און אויך ביינערנע קעמלען צום צוואָגן זיך. אַנדערע פאַרקויפן זיפּן און זיפּעלעך גאָר געדיכטע און נישט שטאַרק קיין געדיכטע, רעשטעס און רעשעטקעלעך, ס׳קומען אַזעלכע וואָס האַנדלען מיט רעדער, מיט וועגענער, מיט אָבאָדעס. דאָס זענען אַלץ אָנגעפּאָרענע פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך, פון גרויסע דערפער. היינט די נאָענטסטע דאָרפישע פורן, וואָס ברענגען ווער אַ פּוד מעל, ווער אַ פּוד הירזש, ווער אַ חזיר, אַן עוף, געטריקנטע עפּל און ווייַנשל און באַרן און פלוימען, ווער אייער, ווער מאָן, ווער גלאַט אַ קאָראָבקע קאַרטאָפל, אַן אַרבעלע טשערניצעס, אַ ניזקעלע ריבעס. אמת, דער פרילינגדיקער יאַריד איז אַ סך אָפּגעטיילט פונעם ווינטערדיקן יאַריד. פאַראַן אויך נישט קיין יאַרידים, נאָר גרויסע מאַרק־טעג, ערב־פּסחדיקע קראַסניטאָרגן. דאַן גייען אַפילו מיר אַרויס מיט וואָלאָקעס. דער טאַטע צעשניידט אַ גרויסע יוכט,

www.libtool.com.cn 

נישט קיין געקאַטשעטע און נישט קיין געשוואַרצטע, אַפילו נישט ביזן סוף קיין אויסגעווירעטע אויף וואַלאַקעס. וואַלאַקעס דאָס זענען פיר לאַנגע שמאַלע פּאַסן, וואָס האַלטן זיך אויף איין נישט קיין אויפגעשניטענעם ברעג; דאָס איז מערער אַ מאַרק־זאַך, ווי אַ שטוב־זאַך. אַ באַקאַנטער דאָרפישער פּויער קומט אַ מאָל אין שטוב אַריין אויך און פרעגט זיך אויף אַ פּאָר וואַלאַקעס, ווייל ער ווייסט, אַז דאָ ווערט מען אים געבן גוטע סחורה, נישט קיין אָפּגענאַרטע. פרעמדע האַרבאַרעס ברענגען אויך צו פירן וואַלאַקעס, זיי הענגען ביי זיי אויף אַ הויכן דראָנג. פּויערים גייען צו, טוען אַ מעסט די לענג פון די וואַלאַקעס. די לענג ווייסט מען, אַז מע ציט אויס ביידע הענט אין דער בריים. דערנאָך טוען זיי אַ שלעפּ אַן איינציקן פּאַסעק — דאָס פּרוּוון זיי די שטאַרקייט פון די וואַלאַקעס, טוען אַ בויג צווישן די פינגער, צי די סחורה ברעכט זיך נישט. אַ מאָל לאָזט מיך דער טאַטע אויך אַרויס מיט עטלעכע פּאָר וואַלאַקעס און זאָגט מיר אָן דעם לפי ערכדיקן פרייז פון די מיטלסטע וואַלאַקעס. די זענען שטאַרקער, פעסטער און לענגער. ער זאָגט מיר לפי־ערך דעם פרייז פון די זייטיקע וואַלאַקעס. די זענען קורצער, דינער און טאַנדעטנער. יעדערער קויפט לויט זיין געברויך און לויט זיינע מעגלעכקייטן. אַ מאָל דינגט זיך לעם מיר פּאָר איין פּאָר וואַלאַקעס אַ גאַנצע משפחה: אַ מאַן מיט אַ ווייב, מיט אַ זון און מיט אַ טאָכטער. איך רעד אויף פּויעריש לשון, לויב זיי סחורה, דינג זיך. לאָז אַראָפּ צען גראָשן פון דעם פרייז. ער גיט מיר פיר גילן, איך בעט זעקס גילן. לאַנג געדויערט ביז ער איז מוסיף און איך לאָז אַראָפּ. אָפּט גייט צו אַ זייטיקער מאַן, וואָס קלייבט זיך נישט קויפן, נאָר ער טוט אַ מעסט די סחורה און זאָגט, אַז ס'איז פעסטע סחורה. דער טוט מיר אַזוי זיך, נישט ווילנדיק, אַ טובה. אַן אַנדערער זאָגט, אַז וואָס איז עס ביי מיר פּאָר אַ סחורה — אָנאָ שטייט, ווייזט ער אויף אַ שטעל, נישט ווייט פון קלויסטער — איינער מיט סחורה. אמת, טאַקע אַכט גילן פּאָר אַ פּאָר. נאָר יענץ איז סחורה. איך בין נישט געוון פון אַזאַ מעקלער, נאָר איך שלינג אַראָפּ און לאָז אים דורך. איך גיי אַרום און פריר און לייז געלט. איך בין שוין, אויב אַזוי, אַ גרויסער, אַז איך האַנדל. און דאָ זע איך, ווי קריסטלעכע קינדער, נו,

www.libtool.com.cn

זאָל זיין אַ ביסל קלענער פון מיר, נאָר אויך קינדער, טראָגן שיינע האַרמאָשקעס בלעכענע, זיי שטעלן זיי אַריין צווישן די ליפּן און ס׳שפּילט זיך אויף אַלע קולות, אַזוי שיין, אַזוי ניי, אַ מחיה! אַנדערע לעקן די גאַנצע צייט אַ דין צוקערקע־הענדעלע; אָט איצטער איז עס שוין גאָר אַ דינס. זיי האַלטן עס פאַרן שטעקעלע און די ליפּן מיט דער צונג לעקן און לעקן.

אַנדערע קאָנען זיך נישט אָפּרייסן פונעם פערד־מאַרק. דאָרטן יאָגן זיך אַרום די ליוועראַנטלעך. מע קנאַקט מיט די בייטשן, מע יאָגט זיך אין אַ ראָד. ווער ס׳כאַפּט זיך אַרויף רייטנדיק, ווער ס׳לויפט נאָך נאָכן יאָגנדיקן פערדל מיטן אויסגעבויגענעם האַלדז. מבינים צעעפענען דעם סוס ס׳מויל און מע קוקט אים אין די ציין אַריין. איינער זאָגט 6 יאָר, דער צווייטער שרייט און שווערט, אַז פינף יאָר. איך האָב דאָרט מורא שטיין, דאָס צעדולט פערדל וועט אַ טאַנץ טאָן און נאָך מיר אָנטרעטן אויפן פוס; כ׳וועל בעסער גיין ווייטער. איך גיי מיט די וואָלאָקעס אויפן אַקסל, איך קוק מיך צו צו יעדער באַזונדער מין געשעפט, צו יעדער באַ־זונדער מין האַנדל.

— קאָזשי? — שטעלט זיך אָפּ לעם מיר אַ פּויער. שטעל איך זיך אויך אָפּ און ס׳הויבט זיך אָן אַ דינגעניש. אַז מען דינגט זיך בין צופרידן, ערגער איז, אַז יענער טוט אַ פרעג, טוט אַ קוק און גייט אַוועק.

אַז ס׳מאַכט זיך ביי עמעצן אַ גנבה אין מאַרק, האָב איך דווקא נישט ליב. דער גנב לויפט. אַן אויפגעלויף לויפט נאָך. פון דעם טרעפט אָפּט אַ היזק ביי דעם, וואָס לאָזט זיך נאָכלויפן. ווייטער, אַז מען כאַפּט שוין יאָ, אַז מע שלאָגט שוין יאָ, איז מיר גוט פון דעם? האָב איך ליב צו קוקן אויף אַזעלכע זאַכן? מיר איז שוין גרינגער, אַז די ייִנגלעך דערציילן אויף מאָרגן אין חדר, אַז זיי דערציילן מיט אַלע אותות ומופתים, איז שוין טאַקע ציקאַווע אויסהערן אַלץ ביז אַ פּיצל. אַן אַנדער קלוגער גנב, אַז ער דערפילט, ווי מע יאָגט זיך און ס׳האַלט שמאָל, לויפט ער און הייבט אָן שרייען, אַליין הייבט ער אָן שרייען: כאַפּט אים! כאַפּט דעם גנב! און דאָס העלפט אים זיך אַריינשאַרן צווישן די נאָכלויפנדיקע און בלייבן אומבאַמערקט.

www.libtool.com.cn

בעסער איז צו קוקן ווי אַזוי די בלינדע זיצן צו עטלעכע אויף דער ערד אויף איין רעדנע, זיי זינגען און שפּילן אויף דער לירע און מע שטייט אַרום זיי, פּויערטעס און קינדער שטייען אַרום זיי. מע הערט און מע וואַרפט זיי ווער אַ בייגל, אַ מענטשעלע פון אויסגעבאַקטן טייג און ווער ס׳גיט אַ גראָשן. אַלץ ליגט אויף דער רעדנע און די בלינדע זינגען. אַנדערע זינגען אַפילו שטיל און צעצויגן; זיי האָבן קיין מורא נישט, וואָס דער רעש פון יאַריד וועט זיי איבערשרייען. אויפן פרילינג־דיקן יאַריד האָב איך זייער ליב די יונגע לאָשעקלעך. אַזעלכע יונגע הערעלעך האָבן זיי.

דאָס לאָשעקל איז, דוכט זיך, הויך און גרויס, אויף הויכע, דינע, געשניצטע פיסלעך, אָבער אַלץ איז אין אים יונג: די הויכע, לאַנגאַצקע פיסלעך זענען יונג, דאָס קעפּל איז יונג. און אַז אַ לאָשעקל פאַרלירט זיך אויפן יאַריד, אוי, זאָל גאָט אָפּהיטן! אַז ס׳נעמט הירזשען און רופן צו דער מאַמען דער שקאַפּע. די מאַמע, די שקאַפּע רופט זיך אָפּ פון ערגעץ פון ווייט און הירזשעט אויך מיט אַ טרויעריק פאַרזאָרגט הירזשעריי און ס׳לאָשעקל איז ערגעץ פאַרקראָכן צווישן פרעמדע וועגענער, צווישן אַ פרעמדער געדיכטעניש, און כאָטש לייג זיך און לאַך. וואָס איז עס פאַר אַ וואָרט „כאָטש לייג זיך און לאַך?״ — ווייס איך אַליין נישט, נאָר אַזוי זאָגט מען אַלע מאָל, ווען די שפּיל איז פאַרן טייוול, ווען מע איז אין אַ שווערער לאַגע, ווען ס׳נישטאָ פון איר קיין אויסגאַנג. גיי און שריי: אני שלמה!

אַ מאָל טרעפט זיך, אַז אַ הונט פאַרלירט דעם באַלעבאָס זיינעם און די פור זיינע און איז אויך שטאַרק אויף צרות. פאַראַן אַ סך היימלאָזע הינט. יענע האָבן נישט וואָס אָנצוווערן, אָבער אַן איינגעזעסענער הונט, וואָס האָט זיך קוים איינגעבעטן ביים באַלעבאָס נאָכצולויפן נאָכן שליטן אָדער נאָכן וואָגן, און איצט: אָן אַ באַלעבאָס, אָן אַן אייגענעם הויף מיט אַ כאַזייסטווע — וואָס איז זיין לעבן אויף דער וועלט ווערט? אומגליקלעך! אויסגעשטעלט! ס׳פאַרנעמט פאַרן האַרצן, אַזוי ווי, להבדיל, אַ מענטש. געוועזן אַ מענטש מיט לייטן גלייך און פלוצעם האָט זיך אַלץ אַרויסגעגליטשט פון אונטער די פיס: נישט קיין שטוב, נישט קיין ווייב,

www.libtool.com.cn

נישט קיין אָנהאַלט, געבליבן אַזוי ווי אויפן וואַסער!... וואָס איז? ס׳טרעפט זיך נישט? הלוואי זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן?!

אַן אַנדער פויער טרעפט, אַז ער טרינקט זיך איבער אויפן מאַרק און בלייבט אַן די פערד, אָן דעם וואָגן, מיט וואָס וועסטו קומען אין דאָרף אַריין צוריק? כאַטש נעם און טו זיך אַ מעשה אָן!

פראַסיע ט׳אונדז דערציילט פון אַ פויערל, וואָס איז געגאַנגען זיך טרינקען, אָבער יענער איז נאָך געבליבן אויף אַ געשפעט. זי זאָגט, אַז ס׳איז אַן אמתע מעשה, אַז אַ פויערל ביי זיי אין דאָרף האָט באַשלאָסן, אַז מאָרגן גייט ער זיך טרינקען. האָט ער זיך מיט אַלץ צעזעגנט אין הויז; שאַ־שטיל און זאָגט פאַר קיינעם גאָרנישט. פאַרן אַוועקגיין פון דער וועלט ט׳ער נאָך באַשלאָסן זיך אָנטאָן אַ ביסל פאַרגעניגן. האָט ער זיך געקויפט אַ האַלב פלעשל בראָנפן און מיטגענומען פון שטוב עטלעכע עפּעלעך, אַ שטיקל ברויט און איז אַוועק צום טייך. ביים טייך ט׳ער אָפּגעגעסן, גוט אויסגעטרונקען, פאַרביסן מיט אַן עפּל, זיך איבערגעצלמט און זיך גענומען אויסטאָן, אַריין אין טייך ביזן האַלדז — אָט־אָט דערטרינקט ער זיך אויף אייביק. גייט עפּעס אַ שכנה פון צווייטן עק דאָרף.

— מיכייקאָ — זאָגט זי צו אים — וואָס טוסטו דאָ?

קוקט ער זיך אום:

— איך בין געקומען זיך טרינקען.

— משוגע דער קאָפּ דיינער?

— גוט — זאָגט ער — איך וועל דיר באַלד דערציילן. און ער קריכט אַרויס פון טייך, פאַרשטעלט זיך מיט אַ שטיקל מלבוש זיין נאַקעטקייט, און ער דערציילט איר: דאָס ווייב זיינס שלאָגט און באַגייט זיך זייער שלעכט מיט דער שנור מיט זייערער. דער זון איז געהרגעט געוואָרן אויף דער מלחמה און זי איז אַ שטילער מענטש און נאָך אַ יתומה דערצו. די שכנה האָט אים אויסגעלאַכט. פאַר אַזאַ מין זאַך טרינקט מען זיך דען? איז זי טאַקע גערעכט, נאָר ער האָט זיך דאָך געלאָזט קאָסטן אויף דער זאַך, און ער ווייזט איר דאָס ליידיקע פלעשל און די פאַרבליבענע עפּל. דערווייל איז ער זי מכבד מיט אַן עפּל. זי האָט גע־

www.libtool.com.cn

נומען עסן דעם עפּל און האָט אים געזאָגט מיטן פולן מויל, אַז דאָס איז טאַקע אַ ביסל אַן אויסברענגעכץ. נאָר ס׳איז אויך גאָרנישט און זי האָט אים איבערגערעדט. ער האָט זיך אָנגעטאָן און איז צוריק ווי אַ מענטש, וואָס איז געפאָרן און נישט דערפאָרן אויפן יאַריד אַוועק אַהיים. איצט ווייסט דאָס גאַנצע דאָרף פון דער מעשה, און אַז מע בעט אים דערציילט ער אַליין פון אָנהויבס. מיכאַליאַק רופט מען אים, ווייל די מוטער ווען זי האָט אים שוין אָנטווייגט און ער איז שוין געווען אַ גרויסער, האָט זי אים נישט אויפגעהערט רופן מיכאַליאַק. איז ער אַזוי געבליבן ביים נאָמען ביז אין דער עלטער אַריין.

* * *

אַ מאָל כאַפּט זיך צו אונדז אַריין מאיר דער מומע גאָלדעס אויפן יאַריד. ער איז אַ שטילער יונגערמאַן מאיר, אסתרס מאַן. ער האָט זיך נישט מורא געהאַט און חתונה געהאַט פאַר אסתרן און לעבט מיט איר און זיי האָבן שוין אַ שיינע טאָכטער מעמאַ, און ס׳טאַקע נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, און איך האָב נאָך איצט אויך מורא, אַז זי קומט צו פאָרן צו אונדז, אַז זי נעמט מיך פאַר דער פלייצע אָדער פאַרן קאָפּ — דאָס ווייל זי אַזוי אויף מיר אַ קוק טאָן. בין איך זיך מחיה, אַז זי לאָזט מיך אָפּ און גייט אַוועק אַ ביסעלע ווייטער. די מומע גאָלדע — צען ווערסט פון אונדז וווינט זי, אין וועלעדניק, זיי וווינען אויך הינטער דער שטאָט און זיי האַלטן דאָרטן אויך אַ האַרבאַרניע. איז זי איין צייט זייער פאַר־אַרעמט געוואָרן, און אסתר איז אַוועק קיין זשיטאָמיר און זיך באַשטעלט פאַר אַ דינסט. אַ היפּש מיידל, אַ געזונט מיידל. וואָס האָט זיך מיט איר געטראָפן אַזעלכעס, ווייסן מיר נישט. נאָר ס׳האָבן זיך צו איר אָנגעהויבן ווייזן פון סטעליע, פון דער וואַנט, פון קוימען צוויי יונגע־לייטלעך מיט שליאַפּקעס מיט האַרטע, און זיי פלעגן איר געבן געלט. אָבער זי שרעקט זיך, אַז זי דערזעט זיי און הייבט אָן שרייען און הייבט אָן קוויטשען ווי אַ משוגענע, און אפשר איז זי טאַקע משוגע? די מוטער ט׳געמוזט קומען און זי אָפּנעמען. אָבער זיי זענען נאָך איר

www.libtool.com.cn

נאָכגעפאָרן, דער טאַטע דערציילט עס אויף געוויס. אַז מע וויל איז זי אַ שוועסטערקינד דער מאַמעס און פייגל דעם פעטער זלמנס. איז אַ מאָל, אַז מען בעט זיי, דערציילן זיי אויך, אַז זיי ווייזן זיך פון סטעליע, זיי דערלאַנגען איר גאָלדענע קייטעלעך און זילבערנע קערבלעך. ס׳איז אַ סברה, אַז ביי דער מומע גאָלדען זענען דאָן אַוועק בעסער די געשעפטן און זיי האָבן זיך אַ ביסל געשטעלט אויף די פיס. אָבער אסתר איז דאָך אַ מיידל און ווי דו זאָלסט אַלץ נישט אויסבאַהאַלטן, נישט טיש־קעווען, ווייסט שוין דערפון די גאַנצע שטאָט און אַלע שטעטלעך אַרום. אַפילו אין אָוריטש ווייסט מען און אין איסקערעסט ווייסט מען. די דאָקטוירים העלפן גאָרנישט און קאָנען נישט העלפן; מע גייט צו גוטע־יידן. פאַר אַ גוטן־יידן איז עס גראָדע יאָ אַ שטיקל אַרבעט — מע זעט דאָך, אַז ס׳איז אַ דיבוק. אַ דיבוק זיצט אין איר. אַ פּאָר גוטע־יידן האָבן זיך געפּרוּווט אַ בריה טאָן און ס׳איז אויך אַ בוידעם. ביז דער טאַטע אונדזערער — מע האָט אים איינגעבעטן, און הערשל דער מומע גאָלדעס, אסתרס ברודער, האָבן זיך גענומען און זי אַוועקגעפירט צום אַליקן, צום מיטעלן. ער האָט נעבעך שטאַרק נישט געוואָלט, מען האָט געזען אין אים, אַז ער האָט זיך נישט געטאָרט מיט דעם פאַרנעמען, נאָר אַ יידי־שע טאָכטער און נאָך אַ מיידל, עפּעס אַ קלייניקייט, לאָזן זי זיך מוטשען! און ער ט׳זיך צו זיי גענומען. זיי האָבן געסטראַשעט און געקלאַפּט. זי האָט געשריגן און איז געווען רויט ווי אַ פייער. אָבער ער האָט איר אָנגעטאָן אַ קמיע און זיי האָט ער באַפוילן מיטן האַרבן וואָרט, און זיי האָבן זיך טאַקע אָפּגעטשעפּעט. נאָר ער, נעבעך, דער רבי אַליין, איז איבער איר אַוועק פאַר דער צייט פון דער וועלט.

אַלע ווייסן עס. און אסתר אַליין איז צוריק געוואָרן אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן און מע האָט איר גענומען רעדן פון באַזאָר אַ חתן, מאַיר איז טאַקע אַ באַזאַרער, אַ שטילער און אַ ווילער יונגערמאַן, און צי ער האָט געוווּסט און ער האָט קיין מורא נישט געהאַט, צי ער האָט פריִער נישט געוווּסט. און דערנאָך קיין בייז אויף איר נישט געזען, האָבן זיי זיך צוגעוווינט מיט דער צייט איינס צום צווייטן און פירן זיך אַ שיין לעבן. זיי האָנדלען צו מיט לעדער און האָבן אַ שיינעם נאָמען אין

www.libtool.com.cn

שטאָט ביי זיך. אַז מאיר פאַרגייט צו אונדז אין אַ יאַריד־טאָג, איז באַלד פאַר אים געגרייט דער טיש. מיר פרעגן ביי אים: וואָס מאַכט אסתר? און וואָס מאַכט מעמא? און מיר נעמען אים אויף פאַר אַ גאַסט מיטן גאַנצן הארצן. אַ מאָל קומען אין אַ יאַריד־טאָג דער פעטער לייבקא פון סקרעבעליטש מיט זיינע קינדער. אַ מאָל פאָרן צו די נאַהאַרעניער פריינד מיט זייער פערד און וועגעלע. זענען זיי אַ ביסל ביי דער מומען, ביילע איז דאָך צו זיי נעענטער, און אַ מאָל — ביי אונדז. מיט אונדז זענען זיי אויך פריינד. ביי יידן, אַ ווו דו גיסט זיך נישט אַ קער, איז מען פריינד צווישן זיך און אַזוי גייט זיך דער יאַריד. זענען מיר אין שטוב פילן מיר פון דער ווייטנס דעם יאַריד — מיט אַ גאַסט, מיט אַ דורכגייער, מיט אַן אַנגעפּאַרענעם שוסטער. גייען מיר אַרויס אויפן מאַרק, איז אהא דאָרטן איז דער יאַריד טאַקע אַ יאַריד, האַרמאַניקעס שפּילן, סטאַרצעס זינגען, די שטופּעניש איז גרויס, פּרווו ערגעץ דורכגיין דו זאָלסט זיך נישט אָרומרייבן די זייטן מיט די פּלייצעס. אַלץ גייט, אַלץ שטופּט זיך, און מען זאָל כאָטש וויסן אַוווהין? לעם שענק איז אויך פריילעך. אַנדערע קויפן און טרינקען אויפן אָרט, אַנדערע טראָגן אָפּ די פלאַש צום וואָגן. אויפן וואָגן איז אויסגעשפּרייט אַ שאַלעכל אָדער אַליידיק שטיקל זאַק, מען שניידט אָן ברויט, עטלעכע ריפּטלעך חזיר־שמאַלץ, אַ פּאָר ציבעלעס, אוגערקעס, און מען צלמט זיך איבער מיטן גוטן פאַרגעפּיל. טרינקען טרינקט מען פון פּלעשל: מען טרינקט אַראָפּ און מען גיט אַ קוק אַנט־קעגן דער שיין, צי דער חלק איז שוין אַראָפּגעטרונקען, און די פלאַש גייט איבער צום צווייטן, צום דריטן. דער דריטער גיט איבער דעם רעשט די פויערטע, וואָס זיצט אויפן וואָגן. די פויערטע טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, מיט אַ לאַך, ווי זי וואָלט זיך וועלן אָפּזאָגן, אָבער זי זאָגט זיך נישט אָפּ, טרינקט אויס דעם רעשט, טוט ווייטער אַ מאַך מיט דער האַנט, פאַרקרימט זיך מיט אַ סך פאַרגעניגן, און מען הייבט אָן עסן. דער יאַריד מעג זיך טומלען, און זיי מעגן זיך צובייסן און פאַרברענגען ברוב נחת. זיי שטערן קיינעם נישט, און קיינער — זיי.

מיר פלעגט פונעם יאַריד כמעט גאָרנישט נישט בלייבן, נאָר מעשיות

www.libtool.com.cn

און מעשיות. מערעד די, וואָס איך הער אויף מאָרגן אין חדר, ווי די, וואָס איך האָב אַליין געזען מיט מיינע אייגענע אויגן.

אַ מאָל טו איך אַ קלער, וואָס פאַרמאָגט אונדזער שטאָט? שניידערס דרייערליי סאָרטן, און אַז מע וויל איז אַפילו — פיר: מאַנצבילשע, ווייבערשע, דאָרפישע, דאָס הייסט — סוויטעס־נייער און פעלצן־מאַכער און... יוסף דער שניידער נייט נאָך אַחוץ אַלע זאַכן, תכריכים אויך. ער האָט קיין מורא נישט. קיין מאָס נעמט ער נישט אַראָפּ, און אַז מען דאַרף, נעמט ער אַראָפּ די לענג. נייען אַזעלכע זאַכן איז מן הסתם אַ גרויסע מצווה. איך קלער נאָר, מילא, לאָמיר זאָגן, אַז ער האָט נישט קיין מורא, אָבער די שטוב מיט קינדער? נאָר די ביידע האָבן זיך, ווייזט אויס, אויך צוגעוווינט.

איצט האָבן מיר אַן אַרמיע מיט שוסטער. אויך אַלערליי. כמעט אַלע נייען פאַר די פויערים פון שטאָט און פון די דערפער. איין מנחם נייט נאָר פאַר פריצים און פאַר מיידלעך. ער מאַכט טאַקע איידעלע אַרבעט, און מערסטנס פון איידעלער סחורה. ער מוז טאַקע אַראָפּנעמען מיט אַ לאַנג פאַפּירעלע אַ מאָס די לענג, די פינגער מיטן קליינעם שטיפּטעלע, וואָס ער האָט אין קעשענע, שרייבט ער אַן אויפן פאַפּירעלע „רייזל" אָדער „טעמא" אָדער וואָס און ער ווייסט שוין וועמענס ס'איז.

ביי לייזערן באַשטעלט אויך די שטאָט שיך. נאָר לייזער האָט צו איטלעכן גרויס מזל. אי ער נעמט טייער, אי ער מאַכט שלעכט, דערצו נאָך פון אָפּגעגאַרטער סחורה. דערנאָך דרייט ער זיך אויס מיט ריידעלעך, מיט ווערטעלעך, דאָס צווייטע מאָל וועט ער שוין מאַכן בעסער... טאָמער וועט זיך צערייסן, וועט איר ברענגען צו מיר. איר ווייסט דען וואָס איר רעדט? דער פוס וועט דאָך ביי מיר פּרוּער אויסוואַקסן, איידער דער שוך וועט זיך צערייסן! די באַלעבאָסטע זעט שוין נעבעך גוט, אַז אין דעם שטעקט דאָך טאַקע דער חסרון. דאָס קינד וואַקסט און מען דאַרף דאָס שיכל מאַכן אַ ביסל גרעסער, און ער מאַכט אים ענגער... מילא, אַבי דאָס קינד זאָל שוין וואַקסן געזונט, באַצאָלט זי פאַר דער אַרבעט, און ס'קומט צום צווייטן מאָל נייען פאַרגעסט זי, און גייט ווייטער צו לייזערן. לייזער האָלט, אַז דאָס גאַנצע מזל זיינס נעמט זיך

www.libtool.com.cn

ביי אים פון זיין ברכהן. אין שטאָט רופט מען זי „בלאָכע״. זי איז נישט קיין ספריטנע, און מיט שכל פלאַטשיקער. נאָר אַזוי קאָן עס זיין. וואָרום זיי זיצן אין אַ שיינער שטוב, זיי האָבן די שיינע איידעמס, אַז דער אַליקער רבי קומט צו פאָרן, שטייט ער איין ביי זיי סטאַנציע. לייזער באַהענגט זי, ווי אַ רייכן פגר, מיטן שענסטן און בעסטן.

זי איז משה אַריסעס אַן אייגענע שוועסטער. יעגער איז אויך אַ שוס־טער. איז דאָרט קריכט דער קבצן קיין מאָל נישט אַרויס פון שטוב. מעגלעך, אַז נאָך דער חתונה, בשעת ברכה האָט זיך געפּאַקעוועט, האָט זי על־פּי־טעות אויך זייער ביסל מזל פאַרפּאַקעוועט אין איינעם מיט אירן. האָט טאַקע לייזער פאַר עטלעכע זייערע, און די פריינד אירע זענען געבליבן ליידיק, אַפילו פאַר קיין איינעם נישטאָ.

שוסטערס האָבן מיר אין שטאָט לאַטוטניקעס, און אַזעלכע, וואָס אַ גאַנצע וואָך גייען זיי אין דאָרף, און אויף שבת קומען זיי אַהיים. ס׳איז פאַראַן אַפילו איינער, וואָס שלאָגט דאָס ווייב, דאָס איז נחום דער כהן. אַלע מאָל, אַז ער קומט צו אונדז עפּעס קויפן, קוק איך זיך צו אים צו, ווי אַזוי קאָן עס אַ ייד אַ באַלמעלאָכע, און נאָך אַ כהן דערצו, שלאָגן דאָס ווייב? זי איז דען אַבי ווער? זי איז דאָך אויך אַ יידישע טאָכטער! און דעם גרויסן נחת, וואָס זי האָט אין איר לעבן?! די מייד־לעךביידע דינען אין דער פרעמד. לעבן זיי זיך אין צווייען. ער אַרבעט, זי פאָרעט זיך אין שטוב. איז וואָס קאָנען זיי דאָס נישט איינטיילן צווישן זיך?! נחום דער כהן?!

ביי די שוסטער בין איך כמעט אַלע זונטיק אין שטוב. די מערסטע טייל שוסטער, אַז זיי קומען קויפן אַ יוכטל, אָדער אַ פּאָר פּאָדעשוועס, איז אַ קלייניקייט באַצאָלן זיי און אַ טייל באָרגט מען צו. פאַרשרייבט דער טאַטע ביי זיך אין דעם פירעקיכדיקן דינעם ביכל. דאָרט איז ביי אים פאַרשריבן ביי וועמען ער נעמט אַ פעל אין דער אַרבעט, און ווער פון די שוסטער איז וויפל שולדיק. דאָרטן איז אויך פאַרשריבן, ווען ער האָט אַריינגעגעבן אַ פרישן ווייקל סחורה, און וועמען ער איז שולדיק. דער טאַטע שרייבט זייער דינע און דריבנע אותיותלעך און ציפערס. אויב אַזוי דריבנע שרייבן, קאָן דאָס ביכל סטייען אויף עטלעכע דורות האַר־

www.libtool.com.cn

בארעס, און ערשט דענסטמאָל וועט אויך ס׳ביכל בלייבן אַ פּיר פּינפּטל ריין, כאָטש ס׳איז דינער פון אַ מיטעלן סידור.

זונטיק שרייבט מיר דער טאַטע אָן אויף אַ קליין צעטעלע צו וויפל שוסטער איך דאַרף אַריינגיין, און וויפל יעדערער איז פון זיי שולדיק. זונטיק קומען פויערים אָפּנעמען ביי די שוסטער די באַשטעלטע שטיוול פאַרן ווייב, פאַר די קינדער, פאַר זיך. אַ מאָל קומט אַ פויער ערשט באַשטעלן. דינגט ער זיך אויס פאַר דעם פּרייז און גיט אָן אַדערויף. אַז איך קום צום שוסטער און טרעף ביי אים אַ פּויער, בעט איך גאָט דער פויער זאָל געבן צו לייזן, וועל איך שוין אויך נישט אַוועקגיין ליידיק.

נחום דער כהן האָט מיר געגעבן אַ דריירערל, און קומען קומט פון אים פינף מיט אַ האַלב קערבל. פאַרשרייב איך אויפן זעלבן פּאַפּירל, לעם נחומס נאָמען, וויפל ער האָט מיר געגעבן, און ווער ס׳גיט גאַרנישט, שטעל איך לעם זיין נאָמען אַ פּאַסעקל.

מאָטיע דער שוסטער איז אַ מאָדנער מענטש. דאָס ווייב זיינס שרהל, זיצט נישט ווייט פון אים לעבן ווערקשטאָט. זי האָט שוין אַלץ אָפּגע־קאָכט און אויפגעראַמט און אָנגעקאָרמעט די קינדער. טוט ער זיך אַלע מאָל צו איר אַ סיקע, ווי ער וואָלט זיך מיט איר שפּילן פאַר מיר אין די אויגן. זי טוט מיט איר האַנט אים אַזוי ווי אַ שטופּ אָפּ, איינער מיינט, וואָלסט זיך כאָטש מעגן שעמען פאַר אַ ייִנגל פון אַ לייטישער שטוב, און דאָס ייִנגל אַליין זאָל לעבן און זיין געזונט, איז אויך אַ לייטישער. זי זאָגט עס נישט אַרויס אין דער הויך, נאָר איך פיל מיט דער גאַנצער פּינקטלעכקייט, אַז דאָס זענען אַלע ווערטער, וואָס זי זאָגט צו אים אין געדאַנק. עס איז אַ שטיל, ווייל ווייבל שרהל. זי איז שמואל־ייִענקלס אַ טאָכטער. איצט זיצן זיי אין דער דאַלינע ביי שמריהן אברהם־דודס אין שכנות, ביים בילינקעס ברודער. און מאָטיע אַליין איז אויך אַ ליי־טישער יונגערמאַן. ער איז לייזערס אַ ייִנגערער ברודער, נישט פון איין טאַטן. לאָכט ער פון לייזערן. אים אַרט נישט, וואָס לייזער איז דאָרט אַ גביר, נאָר ער לאַכט, וואָס לייזער ט׳זיך געקויפט אָן אָרט אין מזרח־וואַנט, און שטייט דאָרטן צווישן שיינע ייִדן, און וואָס ער קלייבט זיך לערנען ביי ישעיה־חיימען משניות. געלט האָט ער שוין, אין מזרח שטייט

www.libtool.com.cn

ער שוין, דאַרף מען נאָך קענען לערנען אויך. ס׳וועט אים העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס. ערשטנס, ווו האָט ער צייט דערויף? סיידן שבת נאָכן שלאָף. איז שבת דאַרף מען זאָגן ברכו נפשי, ווינטער און זומער — פּרק. מאָטיע אַליין גייט אַלע שבת ביי טאָג אַזש אין בית־המדרש אַריין. דאָרטן לערנט מען שבת נאָכן שלאָף. אַ מאָל לערנט ברוך־אייזיק דער שוחט, און אַ מאָל — איצל נאָטעס. מען לערנט זומער פּרק אויף טייטש. לעם די צוויי ריבעס, אין מערב־זייט, צעשטעלט מען צוויי טישן און בענק פון ביידע זייטן, איז אַ ביסל מענטשן זיצן אויף די בענק, און אַ ביסל שטייען און הערן. ברוך־אייזיק לערנט מיט אַ שיין קול און גיט צו פאַרשטיין נישט געכאַפּט. ס׳זענען פאַראַן יידן, וואָס האָבן גאָר, גאָר אַ מאָל קליינערהייט עפּעס געלערנט אין חדר, טוט זיי אַ קלאַפּ אין געדאַנק אַ באַקאַנט וואָרט: „והוא שראה גולגולת שצפה על פּני המים״. און ער, הלל, האָט איין מאָל געזען אַ טשערעפּ, וואָס שווימט איבער דעם וואַסער. זאָגט ער צום טשערעפּ אַזוי, מיט די דאָזיקע ווערטער: על דאטפת אטפוך. מן הסתם האָסטו אַ מאָל אין די יונגע יאָרן עמעצן דערטרונקען, אָדער באַראַבעוועט, אָדער אַזוי שלעכטס געטאָן. און וואָס זשע איז געווען דער סוף? אַז מען האָט דיך אויך דערטרונקען. און די, וואָס האָבן דיך דערטרונקען וועלן זיך איינרעדן, אַז ס׳וועט זיי אַזוי דורכגיין, נייערט... און אַזוי ווייטער און ווייטער. מאָטיען טוט באַנג, וואָס ער האָט נישט די מעגלעכקייט מיטצונעמען אַהער שרהלען מיט זיך. זי וואָלט געהערט אַ סך שיינע זאַכן, נאָר ער וועט איר סיי ווי אַלץ איבערדערציילן, ביי שלוש־סעודות אָדער אַפילו שבת צו נאַכטס, אין די בעטן פאַרן איינשלאָפן. ער דערציילט איר איבער אַלע זאַכן, וואָס האָבן עפּעס אַ ווערט, און גיט נאָך צו לעם יעדער שטעל זיין אייגענע מיינונג. ער, מאָטיע, האָט אַ בעסערן קאָפּ פון לייזערן. און שבת אין דער פרי, פאַרן דאַווענען, קוקט ער טאַקע אַריין אין אַ ספר מיט טייטש. אַפילו אין דעם חפץ־חיים, אויב ער איז מיט טייטש, קוקט ער אַריין אַ מינוט 15. און וויפל ער פאַרשטייט דאָרט איז אים גוט. הלמאי מאָטיע האָט אַ קאָפּ אויף געדענקען יאָרצייטן, און ער דערמאָנט אַ סך מענטשן, אַז דעם און דעם טאָג האָט דער און דער יאָרצייט נאָך דער מוטער אָדער פאָטער, און אַ מאָל, נישט דאָ

www.libtool.com.cn

געדאַכט, נאָך אַן אייגענעם ברודער. קאָן זיין, אַז ער קוקט אין לוח, דערמאָנט ער זיך, אַז כ׳ תמוז האָט דער יאָרצייט און אַ טאָג פֿאַר תשעה־באב האָט מאיר־דוד דער בּאַראָן יאָרצייט. ער האָט אַ גוטן זכרון. און אַבי ער האָט זיך אַזעלכעס אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, קוקט ער שוין נאָך דעם נאָך. אַז איך קום זונטיק צו מאָטיען, זאָגט ער: אוודאי וועל איך דיר געבן געלט, איציק, אַוודאי נאָר זיץ דערוויילי אַ ביסל.

זיצן קומט מיר אויס אומעטום צו ביסלעך, נאָר דאָ זיץ איך מיט מער חשק ווי ערגעץ אַנדערש. ער חכמהט זיך מיט מיר, פרעגט אויס, דערציילט אויס. אויב ס׳האָלט פֿאַר שבועות, פרעגט ער, צי מיר לערנען שוין אקדמות, און וועגן רותן ווייסט ער אויך נישט ווינציק. אַז ס׳האַלט אַרום תשעה־באב פרעגט ער, צי מען לערנט שוין ביי אונדז אין חדר איכהס. מען דאַרף זאָגן איכה, נאָר אַ סך ייערע זאָגן איכהס. ער זיצט און אַרבעט ביים ווערקשטאָט, שנורעוועט אַ כאַליעווע, אָדער ער ציט אָן דעם שטיוול אויפן קאָפּול, און דער קאָפּ איז אים ריין. ער געדענקט אַלץ, אי דאָס, וואָס ער טוט, אי דאָס, פון וועלכן מיר רעדן. אַז ער דערלאַנגט מיר דאָס געלט, זאָגט ער מיר אָן, אַז איך זאָל קומען אַלע מאָל, ווען איך האָב צייט, וועלן מיר אַ ביסל רעדן. ער ווינט נישט ווייט פון שענק, נאָר קיין בראָנפן נוצט ער נישט. אַ ביסל פאַרברענגען האָט ער ליב. שרהלען זיינע האָט ער אויך ליב. מען זעט עס. ער איז אַן איידעלער יונגערמאַן, מאָטיע.

דערנאָך דאַרף איך נאָך גיין. איך דאַרף נאָך גיין צו עלטשיקן דעם שוסטער אויפן שליאַך. ער האָט אַן אייגענע שטוב, עלטשיק, מיט אַ שטיקל גאָרטן, און קיין עין־הרע אַ סך, אַ סך קינדערלעך. אַלע קליינינקע, אַלע מיט פאַרשטעקטע העמדלעך, מיט באָרוועסע פיסלעך, ביז העכער די קני, ביז העכער דעם בויך. די גרעסערע גייען שוין אין חדר. עלטשיק אַליין פאַרשטייט אויך אין די שוואַרצע פינטעלעך. איך האָב פאַר אים דרך־ארץ. שבת אין דער פרי גייט ער אין מקווה אַריין און קומט מיט נאַסע פאות אין קלויז אַריין. ביי הויכע תפילות טוט ער אָן דעם טלית איבערן קאָפּ. ער פינטלט מיט די אויגן ביים דאַווענען, און ס׳קומט אויס, ווי ער וואָלט אָפן געזאָגט: אַנטקעגן מיינע שוסטער, באַלמעלאָכעס, בין איך ביי

www.libtool.com.cn

זיך נישט געהויבן, אַנטקעגן די מזרח־יידן בין איך ביי זיך נישט אַראָפּ־געפאַלן... און ס׳איז ריכטיק. מיט די שוסטער קען איך זיך גוט, כמעט בעסער ווי מיט אַלע באַלמעלאָכעס אין שטאָט.

איצט האָבן מיר נאָך אין שטאָט שמידן. מיר האָבן איינעם אַ קעס־לער, אַ סטעלמאַך, שוחטים, קצבים, האַרבאַרעס, טשינבאַרעס, קרעמער, דאָרפגייער, חזנים, שמשים, מלמדים, ליכטציִער, האָניק־קוועטשער, בראַ־קאַרעס, אָקסן־הענדלער, איין איינבינדער, איין שטריקל־דרייער, איין משפחה ציגל־מאַכער, אַ וואַקסאָבוינע, אַ וואָוונאָטשאסקע, אַ סיטשקאר־ניע, צוויי סאַרווערינס, איין בעקער, איין מיל און אַ סך האַנטשאַרעס. מיר האָבן פערד־הענדלער, רויכוואַרגער, קירזשנערס, אַ זאָקן־מאַכערין, אַ פאַבריקן־מאַכערין. ביי אונדז זענען דאָ סופרים „סתם״(ספרי־תורות, תפילין, מזוזות), פּראָצענטניקעס, קוואַסניקעס, רימאַרעס, סטאָליאַרעס, טעסלערס, קברות־לייט, נייטערינס, אָרעמעלייט, און איין רב, ער זאָל אונדז זיין געזונט. אַזאַ מין קליין שטעטעלע, און מיר האָבן, קיין עין־הרע, אַלץ, פון כל המינים, אַפילו אַ גראַמען־זאָגער אויף די חתונות. אין יעדער אַרבעט פּילן זיך אַלערליי גראַדן.

אָט האָבן מיר דריי קאַוואַליעס, לאָזער דער קאָוואַל, ברוך דער קאָוואַל און יענקל דער געלער, יענקל שרה הינדעס. איז סיי די קוזניעס, סיי דער אויסזען, סיי די תוכיקייט פון דער אַרבעט, הייסט די אויפפירונג אין שטוב, די ווייבער מיט די קינדער, שיידן זיי זיך אַלע אונטער איינס פון דעם צווייטן, כאָטש זיי זענען אַלע אָרנטלעכע, ווילע און שטילע מענטשן.

אגב, לאָזער האָט איין מאָל זומער געפּטרט זיך ביי דער אַרבעט איין אויג. ער האָט געפּראַוועט אין קוזניע עמעצנס אַ פאַרזשאַווערטע ביקס. איז עס געווען, נישט דאָ געדאַכט, אַ באַהאַלטענער מזיק. ווער וואָלט זיך גאָר ריכטן, אַז אַ פאַרזשאַווערטע, צעבראָכענע ביקס, זאָל אין מיטן דערינען, אין פייער ליגנדיק, נעמען און אויסשיסן. די גאַנצע שטאָט האָט זיך געוויגט. נאָר אַ דאַנק גאָט, ער איז געבליבן לעבן, און די אברים אַלע גאַנץ, נאָר דאָס רעכטע אויג...

איין מאָל האָט מען מיך אין חדר אָפּגענאַרט, אַז איך האָב זיך

www.libtool.com.cn

דערשראָקן אויף טויט. די ייִנגלעך פרעגן מיך, צי איך האָב שוין געהערט דאָס נייס?

— וואָס פאַר אַ נייס?

— האָסט גאָרנישט געהערט? פיר פויערים האָבן היינטיקע נאַכט געפירט ברוכן דעם קאָוואַל קוילן...

— וואָס האָבן זיי געהאַט צו אים? וואָס האָט ער זיי געטאָן?

איך שטעל זיך פאָר זיין פּנים... ביי נאַכט... איינער אַליין אין וואַלד צווישן פיר געזונטע גזלנים... און דאָס ווייב מיט די קינדער, נעבעך? דער רחמנות צעגייט זיך מיר איבער אַלע אברים. אַז איך וועל קומען אַהיים, און איך וועל אַלץ דערציילן, ווי אַזוי וועלן די שטוביקע אויף מיר קוקן.

אַז איך האָב זיך דערוווּסט, ווי אַזוי די נאַראָנים האָבן מיר אָפּ־גענאַרט, איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן, און זיי, די „חכמים", לאַכן נאָך! לאָזט זיך אויס, אַז איך האָב געדאַרפט בעסער זיך איינהערן אין דעם, וואָס זיי האָבן מיר געזאָגט. ס'איז אַ פּראָסטע זאַך: ביי נאַכט האָבן פיר פויערים, פורמאַנעס, געפירט אָדער געבראַכט צו פירן ברוכן דעם קאָוואַל אין קוזניע אַריין קוילן, דאָס הייסט, געבערענגט האַלץ־קוילן, אויף נוצן לעם בלאָזזאַק. (לאַכט, לאַכט, ס'אַרט מיך נישט. אַבי ס'איז אַ דאַנק גאָט גאָרנישט).

אין קוזניע אַריין גיי איך זעלטן, נאָר אַז איך קום נאָך עפּעס, איז מיר אי אַ מורא, אי אַ שיינקייט. אַז די פונקען צעבלאָזן זיך און הייבן זיך אויף אין גאָלדענע שנירעלעך און שטערנדלעך איבערן האָרן, ווייס איך נישט צי אמתע גאָלד איז פון זיי שענער. דאָס זעלבע, אַז ער נעמט אַרויס אַ שטיקל צעגליט אייזן פונעם פייער אַרויס, לייכט עס זיך אויף דורך און דורך. די אָפּצווענגע האַלט עס אין פּיסקל ביי זיך. אַ מאָל איז דאָס פּיסקל פון דער אָפּצווענגע אויך צעגליט. דאָס צעגליטע אייזן ליגט שוין אויפן קאָוואַדלע. די האַמערס האָבן זיך צעאַרבעט פון ביידע זייטן, זיי קלינגען אַזוי פריילעך, שיר וואָס זיי רעדן נישט. דער שמיד האָט שוין אויסגעפורעמט פונעם אייזן, וואָס עס האָט זיך געפאָדערט. דערנאָך טוט ער אַ שטעק דאָס אייזן אין דער קאָריטע מיט וואַסער,

www.libtool.com.cn


וואָס שטייט אָט דאָ ביי דער האַנט. ס׳טוט אַ זשיזשקע, און דאָס אויס־געאַרבעטע אייזערנע רעדל ליגט שוין אויף דער ערד אַ פּאַרטיקס. אָבער פּרווו זיך צורירן צו אים מיט דער הוילער האַנט?! אַהאַ!

די קוזניע איז, דוכט זיך, אַ חורבה, אַ שטיקל שטאָל צונויפגעלייגט פון אַלטע פלאַשקעס, נאָר אַז דער האַרן ברענט און דער שמיד אַרבעט, איז עס אַ פּאַלאַץ, אַ באַלויכטענער מיט לעבן. אַפילו די דאָלעטקע אויף אָפּהאַקן אייזן, אויף אויסקאַרבן דעם סערפּ, אויף דורכשלאָגן די לעכעלעך אין דער זאַוועסע, אַלץ לעבט.

ביי ברוכן אין קוזניע אַנטקעגן בריקל, קאָוועט מען אונטער די פערד. מען ציט אָן אייזערנע שינעס אויף הילצערנע רעדער, מען שמידט אויך אָן אייזערנע אַקס. אַלצדינג לעבט, אַלצדינג באַקומט אַ תיקון. ס׳גייט אַרויס פונעם פייער און פון אונטער דעם האַמער ריין און גאַנץ.

אַז אַ פויער האָט אַ פרייע האַלבע שעה, שטייט ער לעם קוזניע און שמועסט מיט די איבעריקע פויערים. זיי האַלטן פונעם שמיד און זיי זאָגן: „או קאָוואַליא זאלאטא רוקא״.

ביי די נייטערינס איז אַן אַנדער אַרבעט. זייער צייג שניידט זיך און שטעפּט זיך גרינג. זיי נייען וועש און פרויען־קליידער.

ברכה נחומס, אַליין איז זי נישט קיין שיינע, און די שטים איז ביי איר נישט קיין ווייכע, אַ קריטשענדיקע. מיינט איר, אַז זי האָט נישט חתונה געהאַט? זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַלטערן ציפּראוו. נישט פון אונדזער שטעטל. אַ געזונטער, אַ קרעפּטיקער, אַ שיינער. איר וואָלט געווען גוט, ער זאָל זיין נישט אַזאַ געראָטענער, אָבער זי וועט דאָך אים נישט אָפּגעבן ערגעץ, מען זאָל אים איבערמאַכן. זי האָט אים געהאַט קינדער, געקאָכט וואַרמעס און סיי ווי געבייט און פאַרדינט.

צוויי איידעמס זענען ביי אונדז דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן חתונה געהאַט פאַר נישט קיין שיינע, ביידע אָנגעפּאָרענע. ביידע האָבן חתונה געהאַט פאַר אַזעלכע, וואָס פאַרדינען אַליין אויף דער הוצאה. דאָס זענען אַלטער און שימשל; זיי פלעגן אַפילו זיין חבר צווישן זיך. איין מאָל זענען זיי שבת פאַר נאַכט אַריינגעגאַנגען מיט אַ פאָר חברה צו מאַשקען דעם סטאַראָסטע, וואָס פלעגט געבן געלט אויף פּראָצענט,

www.libtool.com.cn

און זיי האָבן אויפגעהויבן אויף אים אַ מעשענעם לייכטער. אָט־אָט צעפּלעטן זיי אים דעם קאָפּ. וואָס איז? מאָשקע האָט נישט געוואָלט אָפּגעבן אַן אָרעמער כלה איינער, דער פאַרשטאָרבענער מוטערס צירונג. דאָס מיידל האָט נעבעך געקלאָגט שטילערהייט. אָבער די שטאָט האָט זיך דערוווּסט, און די שטאָט האָט שטאַרק נישט געוואָלט ליידן אַזאַ זאַך. און וואָס מיינט איר? מאָשקע, כאָטש ער איז אַ סטאַראָסטע פון דער מעשטשאַנסקער אופּראַווע, האָט ער דאָך געכאַפּט אַ גוטן ציטער. פאַר אַזאַ זאַך קאָן ער אַראָפּ פון בענקל אויך, און בלייבן מיט אַ צעפּלעטן קאָפּ. דאָס איז אַחוץ... ער האָט זיך גענומען אין די הענט און געענטפערט מיט גוטן, אַז איצט איז נאָך שבת, תיכף נאָך הבדלה וועט ער אָפּגעבן אַלץ ביז אַ פּיצל, כאָטש — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטערדיק, וויינענדיק קול — כאָטש די גאַנצע שטאָט זעט, אַז מען ראַבעוועט אים אומזיסט. ער איז אַן אָרעמאַן און האָט אויך אַ ווייב מיט קינדער, און אים קומט אויך אַן יעדער גראָשן מיט בלוט.

זונטיק אין דער פרי אין חדר האָבן שוין אַלע גערעדט פון דעם. מאָשקען ט׳קיינער נישט ליב געהאַט, און מיר האָבן גערעדט צווישן זיך, אַז ס׳קומט טאַקע אָן מיט בלוט ווייל דעם וווּכער, וואָס ער נעמט ביי די אָרעמעלייט, איז אַזוי ווי ער וואָלט געזויגן ביי זיי דאָס בלוט. ער האָט זיך אָנגעזעצט אויף זיי ווי אַ שפּין און זויגט פון זיי ס׳בלוט טראָפּנווייז.

נייטערינס האָבן מיר נאָך. אַ סך שטיבער, אַפילו אָרעמע, נעמען ביי זינגערס אַגענטן אַ מאַשין אויף אויסצאָלן. און ס׳איז טאַקע אַן איינקומעניש. די מיידלעך לערנען זיך נייען. מען נייט פאַר די פּויערישע שכנות. דאָרפישע פּויערטעס קומען זיך עפּעס אויפנייען, זעט מען זיך מיט אַ לעבעדיקן גראָשן. ביי מלכה דינטשיקס נייט אַ טאָכטער, אַ מיידל נאָך. הויפּטזעכלעך נייט זי שיינע וועש. אוי, דאָס שיינקייט אירס! אַז מען דאַרף אויף אַ חתונה, פאַר דער כלה, צי פאַר דעם חתן, דעם וועש־אויסשטייער, נייט מען ביי איר. און אַליין פאַר וואָס האָט זי נאָך נישט חתונה? אַזאַ שיינע? ווייסן מיר נישט. אפשר קלייבט זי.

איין מאָל שבת צו נאַכטס זענען מיר געזעסן מיטן טאַטן ביי פּיניען

www.libtool.com.cn

לייבס אין קלייט. גיטל מלכה דינטשיקס ט׳עפּעס געדאַרפט אין קלייט פון צעלניק־זאַכן, נאָר אַזוי ווי עס איז שבת צו נאַכטס, איז מען רויִקער אַ ביסל. האָט זי זיך אויך צוגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע פון געדרייטן מעבל, און מיר האָט זי געמאַכט לעם זיך אַן אָרט, איך זאָל זיך אויך זעצן. איך האָב זייער געוואָלט לעם איר זיצן. וואָס הייסט געוואָלט? אַז דאָס חיות גייט מיר אויס! אָבער וואָס מיין פאַרלאַנג איז געווען גרעסער, אַלץ מער האָב איך זיך געשעמט. וואָס איז? מען וועט אויף מיר אַלץ דערקענען, סיי דער טאַטע, סיי פּיניע, סיי גיטל אַליין. האָב איך זיך נישט געזעצט. איך האָב געזאָגט, אַז איך וויל שטיין. אַז מיר זענען געגאַנגען מיטן טאַטן איבער דער ליידיקער, טונקעלער ליסטווענער גאַס צוריק אַהיים, זאָגט צו מיר דער טאַטע:

— פאַר וואָס האָסטו זיך נישט געוואָלט זעצן?...

האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט, אַז דער יצר־הרע האָט מיך צו־גערעדט, איך זאָל זיך זעצן, און דער יצר־טוב האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט.

דער טאַטע האָט, ווייזט אויס, געשמייכלט פון מיינע ווערטער. נאָר ס׳איז פינצטער, און קוקן צו אים האָב איך זיך סיי ווי געשעמט. דער טאַטע האָט איבערגעפרעגט:

— פון וועלכער זייט איז געקומען דער יצר־הרע?

האָב איך אים געוואָלט ענטפערן, אַז פון איר זייט. זי איז זייער אַ שיינע. אָבער איך האָב נאָר עפּעס אַ שטאַמל געטאָן, און אין האַרצן האָב איך שטאַרק געדאַנקט דעם טאַטן דערפאַר, וואָס ער האָט מיך מער נישט געטשעפּעט. אַ גאַנצן וועג, ביז שאול בערס געסל, פאַרביי פייגלס שלאָפנדיקער שטוב, און ביז מיין געלעגער אויף דער קאַנאַפּע, האָט זיך מיר נישט אָפּגעטאָן דאָס ליכטיקע געשטאַלט פונעם אויסער־געוויינלעך שיינעם מיידל אין ווייסן. אייגנטלעך, וואָס וויל איך פון איר? איך וויל זיך טוליען צו איר ווייך קלייד, און זי זאָל מיר לאַנג, לאַנג, ווי אַן אייגענער, אַ נאָענטער, גלעטן דעם קאָפּ. אוי, ווי אַזוי ס׳וואָלט מיר געווען גוט! נאָר ס׳איז מיר אַזוי אויך נישט שלעכט. איך גיי מיטן טאַטן אַהיים. דער טאַטע נעמט מיך אומעטום, וווהין ער גייט.

www.libtool.com.cn

אויפן טיש האָט פאַר מיר און פאַרן טאַטן די מאַמע איבערגעלאָזט צו גלעזלעך מילך געבריטע און צוויי קאַרזשיקלעך. דער טאַטע וועט דאַרפן אויפשטיין פרי צו דער אַרבעט, און איך וועל קאָנען שלאָפן לענגער אַ ביסל. און וואָס וועט זיך מיר חלומען? איך וואָלט וועלן, זי זאָל זיך מיר חלומען אַזוי, אַז איך זאָל זי קאָנען זען נעענטער.

* * *

אַ זאַך, וואָס האָט אַהערצו נישט קיין שייכות, וויל איך דערציילן, ווי אַזוי דער טאַטע פלעגט מיך נעמען אָפּט מיט זיך. געדענקען וועל איך עס, מן הסתם, לאַנג. מיינע יאָרן זענען געווען נאָך גאָר קליינע.

ס'איז פרייטיק פאַר נאַכט. מיר זענען לעם פּאָדאָלסקיס מיל. כסדר גייען מיר אין באָד אַריין. דאָרטן וואַשט זיך בעסער אָפּ די בלאָטע פון דער גאַנצער וואָך. נאָר דאָס מאָל האָט זיך אפשר דער טאַטע פאַרבענקט נאָכן טייך, אָדער מען האָט אין באָד עפּעס געדאַרפט איבערמאַכן. איך האָב גאָרנישט געקלערט, אַז דער טאַטע קען שווימען, און גיב אַ קוק: ער שווימט, קיין עין־הרע ער שווימט אויף אַ זייט ליגנדיק, דאָס אויער און די זייט באַרד טונקען זיך אַלע מאָל איין אין וואַסער און מיט דער רעכטער האַנט פּאַטשט ער קרעפטיק איבערן וואַסער, אַז אַ שוים שלאָגט זיך אויף אַרום אים. מיט דער האַנט שניידט ער דאָס וואַסער און צווינגט עס, עס זאָל אים טראָגן אויף זיך. דאָס איז געווען פרייטיק פאַר נאַכט, אין דרויסן האָט זיך עפּעס אַזוי ווי אָנגעכמאַרעט. אָבער אַז מיר האָבן זיך שוין אָפּגענעצט אין וואַסער, איז שוין נישט סטראַשנע. די היים זאָל נאָר זיין נעענטער.

דער טאַטע האָט זיך אויפן גרינעם ברעג אָנגעזייפט אין גאַלע מילי־נעס. ער האָט מיך אויך אָנגעזייפט פון אַלע זייטן און אָנשטאָט זיך אָפּוואַשן געוויינלעך, האָט ער זיך אַ טוק געטאָן אין טייך און זיך ווייטער געלאָזט שווימען. און איך? ווי קומט צו מיר קענען שווימען? אָבער דער טאַטע האָלט מיך מיט דער לינקער האַנט ביי זיך אויפן אַקסל, און אפשר נישט אַזוי. דער טאַטע האָט מיך גענומען צו זיך אויפן אַקסל, און איך האָב אים מיט מיין רעכט הענטל אַרומגענומען אַרום האַלדז,

www.libtool.com.cn



און דער טאַטע שווימט מיט דער איינער רעכטער האַנט. דער טאַטע פּאַטשט געשמאַק איבער דעם וואַסער. אַ ביסל בין איך אויך אין וואַסער, אַ ביסל בין איך אָפּגעדעקט, נאָר מיטן טאַטן האָב איך קיין מורא נישט. אָבער אומבאַמערקט שווימען מיר אונטער אונטער אַ בוים, וואָס איז אויסגעבויגן מיט די צווייגן און מיט די וואָרצלען איבער דעם סאַמע וואַסער. שיר, שיר, וואָס מיר פּאַרטשעפּען זיך נישט און ס'פּילט זיך, אַז פּונקט אין דעם אָרט איז שטאַרק טיף. ס'פּילט זיך אויך, אַז דער טאַטע האָט זיך דערשראָקן פּאַרן אויסגעכאַפּטן שטיקל ברעג און פּאַר דער אומגעריכטער טיפקייט. ס'האָט אפשר קיין האַלבע מינוט נישט געדויערט, און מיר זענען אַרויסגעשווומען, און מיר האָבן זיך געשטעלט אויף אַ פּליטקן אָרט. דער טאַטע האָט זיך אָפּגעסאָפּעט, און איך האָב זיך געלאָזן אַליין שווימען. דער טאַטע האָט מיך נאָר לפּנים וועגן אַזוי ווי צוגעהאַלטן בייביידע זייטלעך.

אין קיִעוו, אין אַ סך יאָרן אַרום, האָב איך זיך נישט אויף קיין טיף אָרט געלאָזן שווימען און לייגן קלאַפּטער. פּאַר מיר איז עס געווען אַ נייס, און נישט קיין נייס. נאָר איך האָב קלאָר געדענקט, אַז דאָס גייט פון יענעם, יענעם פרייטיק פּאַר נאַכט, ווען דער טאַטע האָט אין גאַנצן אומגערן זיך און מיך אַריינגעשלעפּט אין אַן אומפּאַרמיידלעכער סכנה. מיר זענען געווען אויף אַ האָר פון אַן אייביקן אומגליק, נאָר מיר זענען אַרויס. מיר האָבן וועגן דעם קיין מאָל נישט גערעדט, און דער מאַמען קיין וואָרט נישט געזאָגט.

וואָס האָט עס פּאַר אַ שייכות דער שבת צו נאַכטס ביי פּיניען אין קלייט לעם דער אייביק שיינער גיטלען מלכה־דינטשיקס? אָט דער פרייטיק פּאַר נאַכט לעם פּאָדאָלסקיס מיל אויפן טייך, דעם טאַטנס זיין אַליין מיט מיר און מיט גאָט, דער פּאַרכטיק־אַנגעדראָלענער און אַנגעכמאַרערטער הימל, די גרינע ברעגן און די סכנה פּאַר פּלוצעמדיק פּאַרשלונגען ווערן דורכן אָפּגרונט, וואָס ווען ס'טרעפט וואָלט עס שוין געבליבן אויף אייביק?!... אפשר איבער דעם, וואָס מען איז געווען אַזוי נאָענט, איינס לעם איינס, איינס אַנטקעגן איינס, אַנגעעלעקטריזירטע מיט אַ טיף־ גע־ דיכטן פּאַרוואָלקנטן הימל, מיט שעהן פון פּאַר אַ שטורעם...

www.libtool.com.cn

* * *

דער טאַטע און איך זענען די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן איבער עפּעס איינער אַן אַרבעט און אין דער פרי ווי אויף דעם גאַנצן טאָג האָבן מיר געבעטן גאָט ס׳זאָל אַלץ איבערגיין בשלום... מיקיטען דעם באַנדער פונעם קליינעם געסל האָבן מיר געגעבן אַ קוואָרט דזשעגעכץ. און סידאָר כאָטש ער איז אַ צורר, אַ צלמניק און געזונט אייזן, פאַר אים האָבן מיר עפּעס נישט איבערגעלעבט. ער נעמט זיך, ווייזט אויס, נישט צום האַרצן פון קיין האַרבע ריחות. די מעשה איז דערפון אַזאַ: איין מאָל אין אַ צייט — מעג זיין אַפילו אין צוויי יאָר אַרום — דאַרף מען אויסגיסן די זאָלעס מיטן ווייַן. פון ווייַן האָט דאָס וואַסער זייער אַ שלעכטן ריח. פון דער זאָלע — אַ האַרבן ריח. דאָס איז איינס. צווייטנס בלייבן ווייסע סמנים פון קאַלך, דאָס קליינע געסל האָט אין זיך אַ מעלה, עס איז ביי אונדז אויף אַ צוואַנציק אַרשין די לענג, אויסגעבעטעט מיט זשיוויצע, וואָס מיר וואַרפן אַרויס פון די ביטן פאַר יעדן זאַפּאַס.

אויסגיסן פרעגט זיך: ווען איז בעסער אויסגיסן, ווינטער אָדער זומער? ווינטער האָט אין זיך די מעלה, וואָס אין דער קעלט הערט זיך דער ריח ווינציקער. אָבער דאָס וואַסער בלייבט אויבן און ווערט פאַר־פרוירן. קען מען פון דעם לאַנג נישט פּטור ווערן. זומער אָדער האַרבסט, כאָטש דער ריח איז זייער שווער, אָבער דאָס וואַסער ווערט איינגעזאַפּט אין דער ערד און אין דער אָנגעבעטעטער זשיוויצע... נאָך אַ מעלה — ס׳טריקנט זיך אויס גיך.

לאַנג קלייבן מיר זיך אויף דעם שטיקל אַרבעט אָבער אָפּטאָן מוז מען עס. אַז איך בין געוואָרן גרעסער פלעג איך העלפן דעם טאַטן. פריִער פלעגט ער בעטן אַ מענטש, אים באַצאָלן דריי מאָל אַזוי פיל ווי פאַר אַ געוויינלעכן טאָג אַרבעט און מען פלעגט שפּעטער אין אָוונט אָנהייבן דאָס גנבהשע שטיקל אַרבעט, וואָס איז אַפילו זיך אַליין פריקרע. אייניקע פויערים טרייבן דורך דאָנען די פּי און פאָרן דורך דאָנען אויפן פעלד. ווער וויל עס ליידן?

אויסגיסן גיסן מיר אויס אַזוי: אָדער מיר צעשטעלן קאָרעטעס פון

www.libtool.com.cn

שאַליעווקעס צונויפגעשלאָגענע (אייגענע און אָנגעליִענע) פון האַרבאַרניע אַרויס דורכן הויף אין גרויסן טויער צום קליינעם געסעלע. דאָ הייבט זיך שוין אָן דער באַרג־אַראָפּ. לויפט שוין דאָס וואַסער אַליין. אויב נישט, טראָגן מיר דאָס שטינקענדיקע וואַסער מיט צעבערס. דאָס האָט אין זיך אַ מעלה, וואָס מיר גיסן אויס — ווו בעענטער, ווו ווייטער. מען קוקט זיך אַליין צו ווו ס'איז בעסער. אָבער אַזוי איז שווערער און ס"נעמט אָפּ מער צייט. מען נעמט אָן אומריינעם עמער, מען בינדט אין אים אָן אַ שטריקל און מיר שעפּן דאָס וואַסער פריִער פון ווייק. שטינקט מען זיך אָן געגוג. מע שווענקט אים אויס מיט אַ צעבער פריש וואַסער און מע גיסט עס אויך אויס. דערנאָך נעמט מען זיך צו די זאַלעס. דאָס האַרץ קלעמט זיך אָן געגוג. די האַרעוואַניע, ווי שווער זי זאָל נישט זיין, קען מען זיך דערנאָך אי אַרומוואַשן אי אָפּרוען. אָבער אויב אַ שלעכ־טער שכן אָדער אַן אומגעריכטער פרעמדער דורכפאָרער וועט זיך צו־טשעפּען, אָדער ס'וועט נאָך אָנטראָגן אַהערצו עפּעס אַן איינגעגעסענער סטראַזשניק, איז פון זיי וועסטו זיך שוין גרינג נישט אַרומוואַשן.

די זאַלעס דאַרפן האַלטןביידע אַ זעכציק צעבערס. דער ווייק — אַ צוואַנציק. כאַפּסטו אַלע מאָל אַ קוק צי די זשיווּיצע נעמט גוט איין די פליסיקייט, אין וועלכע ערטער האַלטן זיך פון אויבן ווייסע פלעקן פון קאַלך? אַזוי, אַז אַרבעט איז דאָ געגוג און מורא נאָך מערער. אַז מען ווערט פאַרטיק מיטן גיסן, שפּאַנט מען איין דאָס פערד און פון דעם באַרג זשיווּיצע, וואָס הינטערן הויף לעם דעם וועגטל פון דער מומעס שאָפּע, פירן מיר אַראָפּ אַ צען פורלעך זשיווּיצע און מיר צעוואַרפן מיט דער לאָפּאַטע, אומעטום צו ביסלעך. פון איין זייט ווערט דאָס געסל באַנייט און אָפּגעפרישט מיט דער טוטין־קאָלירענער זשיווּיצע. פון דער צווייטער זייט שטייט איבערן געסל און איבער די גערטנער אַ זיסלעכער געשטאַנק און אַ שווערער האַרבער ריח.

גאַנץ פריִ פאַר טאָגלעך וואַשן מיר זיך. מיר טרינקען טיי. די מאַמע האָט אויפגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר נאָך ווייס איך ווען און מיר גייען זיך אָפּרוען. דער טאַטע און מיר אַלע זענען זייער נישט רוּיק. ביי דער מומע אין שטוב האָט מען זיך ערשט דערוווסט פון דער ביי נאַכטיקער

www.libtool.com.cn

אַרבעט. דאָרט איז מען טיילווייז צופרידן, ווייל סיי זייער האַרבאַרניע, סיי אונדזערע מוזן עס אויפטאָן. זיי האָבן אָבער אין דער זעלבער צייט פאַרדראָס: לאָמיר זאָגן ס׳וועט אונדז גלאַט אָפּגיין, אָבער פון וואַנען ווייסן זיי, אַז אויך זיי וועט עס גלאַט אָפּגיין?

אין חדר און פון חדר גיי איך דורכן קליינעם געסל און קוק זיך צו ווי ס׳איז אַלץ אָפּגעמאַכט, ציי ס׳גייט עמיצער דורך... סידאָריכע גייט מיט די עמערס — אַ מאָל גייט זי אין אונדזער זייט און אַ מאָל אין בן ציון דעם האַרבערס זייט. אַהינצו, אַז זי גייט איז שוין גרינגער, ווייל ערגעץ לעם מיקיטען און לעם זיי, די צוויי פון די פיר הייזער אין קליינעם געסל, ענדיקט זיך אונדזער „גנבה״. אָבער אַז זי גייט אין אונדזער זייט פאַלט מיר אַרויס ס׳געזונט. אויפן גנב ברענט דאָס היטל.

מיטאָג־צייט גיי איך ווייטער דורכן קליינעם געסל. אַז איך באַגעגן ליוּוונקעס קינדער זיך שפּילן, קלאַפּט מיר ווייטער דאָס האַרץ, אָבער דער ריח האָט זיך שוין אויסגעוועפּט אויף אַ סך. אונטער די פּיס איז שוין אויך נישט אַזוי לויז די זדיבודע. אוי, גאָט, נאָך היינט און מאָרגן ס׳זאָל אַריבערגיין שטיל, וועט דאָך שוין זיין אַזוי גוט.

אין דער היים דערציילט מע מיר, אַז די בהמות האָבן נישט געוואָלט גיין דורכן געסעלע אויף דער פּאַשע. אַנדריס, ליוּוונס און עפּעס נאָך אַ פּאָר בהמות פון אַנהויב שליאַך. מע האָט זיי קוים דורכגעטריבן. אָבער צו קיין רייד איז עס נישט דערגאַנגען. פאַר נאַכט איז שוין געווען גרינגער.

די זאַלעס און דער ווייק זענען שוין געווען אָנגעגאָסן מיט פרישׂ וואַסער, די זאַלעס ט׳מען פאַרפראָוועט מיט פרישן אויסגעלאַשענעם קאַלך. דער קאַלך איז בעסער, אַז מען לעשט אים אין דרויסן, ווייל ער זידט און קאָכט און ס׳גייט פון אים אַ האַרבער רויך מיט אַ פּאַרע.

אין ווייקל זענען שוין דאָ פרישע פּעל. נאָך דורכשלאָפן רוּק די נאַכט און ס׳זאָל דורכגיין שטיל דער פּרימאָרגן און אַ דאַנקען גאָט.

* * *

איך בין נאָך געווען גאָר אַ קליינער ווען די מומע באַבל איז געקומען צו אונדז צו גאַסט. זי איז גאָרנישט געווען ביי אונדז. זי איז געווען ביי

www.libtool.com.cn

איר מאַמע, דער באָבע בתיהן, ד. ה. ביי דער מומע לאה. נאָר אַ גאַסט איז זי געווען איטלעכנס.

מיר האָט די מומע געבראַכט אַ שאַכטעלע מאַרמאַלאַד. דאָס שאַכטעלע איז געווען אַזוי ביי און אַזוי שיין, אַז ס׳איז מיר געווען אַ ווייטיק זיך אין אים גראָב אָנרירן און גראָב אָדער האַרטלעך האָט מען דאָך גע־דאַרפט... מען האָט געדאַרפט מיטן נאָגל אָדער מיטן שפּיץ פונעם שערל אויפשניידן דאָס פּאַפּיר, וואָס האַלט פאַרזיגלט און צוגעשמידט דאָס דעקל אָדער דאָס אייבערשטע טירל צום שאַכטעלע. די אויבערהעלפט צו דער אונטערהעלפט... אויפשניידן דאַרף מען פון דריי זייטן נאָר דאָס פּאַפּיר און די ביבולע זאָל בלייבן גאַנץ. ברכה דער מומעס האָט מיר געהאָלפן אויפשניידן, אָבער אין מיר האָט אַלץ געצאַפּלט. מיט די אויגן און אַפּילו אַ ביסעלע מיט די הענט האָב איך זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פונעם שאַכטעלע און פון דעם, וואָס עמיצנס הענט פאַרען זיך לעם דעם. אָבער אָט איז שוין דאָס „טירעלע" אָפן און ס׳איז עפּעס אַראָפּ־געפאַלן. איך האָב זיך געגעבן אַ וואָרף און עס געכאַפּט. ס׳איז א־א־א־ך — ס׳איז אַ שטשיפּצע —זאָגט ברכה. — מיט וואָס מען קאָן אָננעמען די רעדעלעך מאַרמאַלאַד. אָבער איך לאָז זי נישט, איך קאָן זיך נאָך צום מאַרמאַלאַד נישט צורירן. מען טאָר נישט. לאָזן זיך די גראָבלעכע אַבריי־קאָסן־קאָלירענע רעדלעך נאָך ליגן אויף זייער דייַנער אונטערדעק. ס׳איז נישט קיין פּאַפּיר. ס׳איז צוקערקע־פּאַפּיר. און דאָס שאַכטעלע ווי ס׳האָט זיך נאָר געעפנט, אַזוי האָבן זיך באַוויזן אַרום אַלע דריי ברעגן גע־שטיקטע שפּיצן. זויבער ווייסע אַזוי, ווי אויף מיידלשע זויבערע גאַטקעלעך און די מאַרמאַלאַדן ליגן איינס לעם איינס אַזוי ווי לעבעדיקע. אפשר עטעמען זיי נאָך אויך.

און דאָס שטשיפּצעלע איז שוין ביי מיר אין האַנט. ס׳איז נישט קיין בלעך, ניין. ס׳איז מן הסתם זילבער! און אַזאַ מין רייכקייט האַלט איך ביי זיך אין די הענט! ביידע עקן ענדיקן זיך אַזוי ווי קלייניקע לעפעלעך מיט די מיילעכלעך אינעווייניק — איינס אַנטקעגן איינס. די זייטלעך זענען אין אייניקע ערטער שיין איינגעקאַרבט... ס׳איז אַ וווּנ־דערלעך שיינע כלי. איך וועל זי האַלטן אין אונדזער גלעזערנער שאַפּקע

www.libtool.com.cn

אין איינעם מיטן נייעם שאַכטל. נאָר פֿאַרן גאַסט אַליין שעם איך זיך. אַט גייט מען נאָך וואַסער צו דער פֿאַבריקע. ס׳איז אַוודאי פֿרייטיק און ס׳הייצט זיך אויף טשאָלנט. נאָך דעם וואַסער גיי איך מיט עמיצן און דאָס פּודל צוקערקעס מיט די ליכטיקע קרוזשעוועס און מיט דער זיל־בערנער ווייכער כלי טראָגט מען מיט זיך. נאָר צוריק פֿונעם ברונעם ווילט זיך מיר נישט גיין. איך שעם זיך. איך ווייס נאָך נישט אַוועלכע די מומע באָבל איז. איך האָב זי געזען נאָר פֿון דרויסן. איך האָב געזען אַ ברייט טונקל קליידל, וואָס שפּיליעט זיך גראָב אַרום בויך. איר פּנים האָב איך נאָך נישט געזען.

* * *

דער טאַטע נעמט מיך גרינג אומעטום. די מאַמע נישט. סיידן שבת, ווען זי גייט אַ מאָל אָנקוקן אונדזערע קאַרטאָפּל.

אפשר נעמט מיך נישט די מאַמע, ווייל זי גייט נישט אין ערגעץ צווישן מענטשן. איך זאָל זאָגן, אַז זי איז אַ שעמעוודיקע, אָדער זי האָט נישט ליב פֿירן קיין שמועס גלאַט אין דער וועלט אַריין, רעדן פֿון וואָס ס׳מאַכט זיך?... אפשר מיאוסט זי זיך ביי יענעם עסן פֿון פֿרעמדע כלים, פֿון פֿרעמדע הענט...

די מאַמע איז נישט שטאַרק געגרן פֿון דעם, וואָס דער טאַטע גייט, אַז מע רופֿט אים אויף קידוש. וואָס איז עס טאָקע פֿאַר אַ גיין אָן דעם ווייב? נאָר זי סטאַרעט זיך נישט רעדן פֿון דעם קיין סך. זי איז, ווייזט אויס, שטאַרקער ביי זיך אין דער נאַטור פֿונעם טאַטן. פֿעסטער אין דעם, וואָס מען מעג ווערן אָדער מען דאַרף ווערן. נאָר ליב האָט זי אים סיי ווי. דעם טאַטן איז דאָ פֿאַר וואָס ליב צו האָבן. ער איז אַ שיינער און אַ גר־טער און האַרעוועט דעם גאַנצן טאָג, די גאַנצע וואָך, דאָס גאַנצע קיילעכ־דיקע יאָר. די שכנים זענען גוט צום טאַטן, די שטאָטמענטשן זענען גוט צום טאַטן. אויך די פּויערים — סיי די שכנים, סיי די, וואָס קומען פֿון די דערפֿער. ווען נאָך איין ביסעלע פֿעסטן כאַראַקטער. ווען נאָך איין ביסעלע ווינציקער קייען אין מויל — צי ביי יענעם ווייבל איז אַ קיי־

www.libtool.com.cn

לעכדיקער הינטן אָדער אַ שטייפער בוזעם, וואָלט ער גאָר געווען אַ מתנה פון גאָט. נאָר אַלץ אין איינעם איז נישטאָ ביי קיינעם!... מיר קינדער האָבן געזען, אַז די מאַמע האָט ליב דעם טאַטן און אַז זי איז קלוגער פונעם טאַטן. איר קלוגשאַפט פאַרגייט אַזוי ווייט, אַז ווען דער טאַטע פאַרגינט זיך אַ מאָל אָנשרייען אויף דער מאַמען אָדער ער איז שוין גרייט זיך פאַר עפּעס קריגן מיט איר, זעען מיר קלאָר, אַז ער בלייבט ביי גאָרנישט. ווייל קיינער קריגט זיך מיט אים נישט אויף צוריק. קיינער שרייט אויף אים נישט צוריק. די מאַמע דערלאַנגט צום טיש, וואָס ס׳איז דאָ און זי איז צוריק פאַרנומען מיט איריקס. אָדער פאַרלאַטעט די קינדער אַ מלבושל, אָדער אָפּשאַבן אין קיך דעם טאָפּטשאַן אָדער אויסשלאָגן די מאַסניטשקע פּוטער. און קיין קריג קומט נישט אַרויס. איין וואָרט, וואָס מיר פלעגן די ערשטע צייט נישט וויסן דעם טייטש איז געווען — „רוקאָפּ". דער טאַטע עסט די פּליאַטשקעס, וואָס די מאַמע מאַכט פון גרייפּל־מעל, און זאָגט, אַז ס׳איז עפּעס צוגעברענט, אָדער נישט גוט אויף זאַלץ און די מאַמע קוקט בעת מעשה נישט אויף קיינעם און טוט נאָר אַ זאָג: רוקאָפּ.

ערשט שפּעטער האָבן מיר פאַרשטאַנען דעם ריכטיקן מיין פונעם וואָרט: אויב דאָס עסן געפעלט דיר נישט, קאָנסטו עס אָפּרוקן. — רוק אָפּ! דאָס איז נישט קיין איין וואָרט ווי מיר פלעגן מיינען, נאָר צוויי ווערטער: — און דער טאַטע פלעגט נישט אָפּרוקן. ער פלעגט אָפּעסן און אָפּבענטשן, פאַרבייסן מיט וואָס ס׳איז דאָ און אַוועקגיין צוריק אין האַרבאַרניע אַריין. דער טאַטע קען גוט זיין אַרבעט. אַז ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל ביי דער באָבע אין ראַדאָמישלע, האָט ער שוין אויך גוט געאַרבעט. נאָר ער פלעגט האָבן שטילע פאַרדראָסן: ערשטנס, וואָס ער האָט נישט קיין פרייע קאָפּיקע אין קעשענע, צווייטנס, קיין נייעם גאַרניטער צו דער צייט.

איצט איז אים די אַרבעט צען מאָל ליבער. ווייל ער איז ביי זיך אַ בעל־הבית. אין שטאָל איז פאַראַן האָלץ. אין שאַפע קאָרע. אין שטוב אַ ווייב מיט קינדער, אין הויז אין ווינקעלע שטייט אַ העקל איז עס זיינס. וויל ער שטעלט ער זיך אַוועק פאַרן גאַנעק און טעסעט אָפּ אַ קלעצל

www.libtool.com.cn

פוןביידע זייטן. וויל ער זעגט ער אָן מיט מיר די פלאַשקעס ביי די ברעגן. איך העלף אים צו. דערנאָך גיט ער מיטן העקל אַ פּיק, פּליט אָפּ איין זייטל, דערנאָך דאָס צווייטע. האָבן מיר שוין פלאַשקע מיט צוויי גרייטע ברעגן, וואָס מיר שטעלן אַריין צווישן צוויי צוגעשלאָגענע דרענגלעך אין דער לענג, אָדער אינעם אויסגעהויבעטן שעפּיקל פונעם איינגעגראָ־בענעם ברוס. איין פלאַשקע — צוויי, דערנאָך נאָך עטלעכע און אַזוי האָבן מיר שוין אַ ווענטל. צו וואָס איז דאָס ווענטל? צו דער סוכה. דאָס וועט ביי אונדז זיין אַ שטענדיקע סוכה, נישט אַזאַ וואָס מען בינדט צו די ברעטלעך מיט שפּאַגאַט און מען צענעמט זי באַלד נאָך יום־טוב. איצט קען עס שוין זיין אַ סוכה אויף כסדר. סוכות איז זי ביי אונדז אויפגעראַמט און אויסגעפּוצט און אַ גאַנץ יאָר שטייט דאָרטן אַ פעסל מיט סיטשקע, אַ פעסל מיט פּאַלאָווע און אַ ביסל האָלץ פון דער האַנט און אַ הראַבליע מיט אַ לאָפּאַטע און אַ זאַסיק מיט קאַרטאָפליעס.

— טאַטע, ווו איז דאָס קעמל, מיט וועלכן מען קעמט די פערד?

— אין סוכה אין ווינקעלע — ענטפערט דער טאַטע. ווייס איך שוין ווו דאָס איז.

די סוכה איז צוגעקלעפּט צו איין ווענטל פון הויז און פון לינקס גייט ס׳גאַנעקל אין הייזל אַריין. און ביינאַנד איז צוגעשטעלט אַ לייטערל פון דריי טרעפּלעך, דאָס איז דאָס גאַנעקל אין סוכה אַריין.

מיר האָבן געהאַט אַ קלוגע, אַ ליכטיקע בהמה, אַ יונגע. איר קלוג־שאַפט האָבן מיר אַרויסגעזען פון אַ סך זאַכן. פלעגט זי מיט אַ האָרן נישט שלעכט אָפּדרייען ס׳הילצערנע פאַרריקערל אָדער די קלאַמקע. מיטן קאָפּ אָדער מיט ביידע אויערן אָפּעפענען ס׳סוכה־טירל און אָנהייבן נאַשן, וואָס עס איז פון די דייזשקעס אָדער פון זאַסיק, שטייענדיק מיט די פאָדערשטע פיס אויפן שוועל פון סוכה. מיר טרייבן זי אָפּ, גיבן איר אָפּט אַ שטעקן אויך, אָבער נישט אַלע מאָל וויל זי אַוועקגיין. ס׳געפעלט איר דאָ. איין מאָל שטייט זי אַזוי און עסט פון אַ גרינג דייזשקעלע האָבער — דערהערט, אַז עמיצער גייט, פאַרשטייט זי דאָך, אַז מע וועט זי אָנהויבן טרייבן, וואָס זשע טוט זי? איז זי נישט פויל,

www.libtool.com.cn

טוט אַ בויג אַ פּעסעלע צו זיך אויף די הערנער און טראָגט עס אַרויס אַהער פאַרן שוועל.

מיר זענען געלאָפן רופן די מענטשן פון שטוב און פון האַרבאַרניע זיי זאָלן אָנקוקן די חידושים, ווי אַזוי אַ פּראָסט גאָטס באַשעפעניש, אַ כשרה שיינע בהמה האָט דעם שכל אויף אַזעלכע קונציקע שטיק. פון דאַן אָן האָבן מיר זי מער קיין מאָל נישט געטריבן פון דער סוכה. אַז דו האָסט שוין יאָ שכל, טאָ עס און זאָל דיר ווויל איינגיין.

איז דאָס סוכהלע אויך דעם טאַטנס און ער האָט פון דעם הנאה. דאָס גאַנצע בעל־הבתישקייט: די קו, דאָס פערד און וועגעלע, די פעל און די זאָלעס און אין די ביטן, די יוכטן איבעם טרוקענעם ווערקשטאָט און ער ווייסט זייער צאָל און זייער צייט. וועלכע פאַרטיע סחורה מען דאַרף האָבן, באַקעוועון און פאַגעווען, וועלכע מען דאַרף געבן אַ זאַפּאַס און וועלכע מען דאַרף שוין אַרויסקאָנטשען.

דוב קלאַפּן איז אַ פּראָסטע אַרבעט, נאָר ס'איז ביי זיך, אַז מען דאַרף שפּאַנט ער איין דאָס פערד און מען קלאַפּט אויף אַ פּאָר סטעמפּ־לעך דוב.

און בויען עפּעס מיט דער האַק, מיט דער זעג, מיטן עקבויער, הובעל און דאָלאָטאָ קען ער אויך. אונטער דער הויז־שאַפּע שטייט ביי אונדז אַ קעסטל מיט אייזנס, טשוועקעס, קרוקעס, זאַוויאַסעס, פּאַררוקערס, האַקעס, און מוטערקעס און גלאָט אַלערליי געצייג. מיר האָבן אַ פּראָסט העמערל און אַ האַמער, מיט וועלכן מען קאָן קלעמעווען פּעל. ווען דער טאַטע דאַרף עפּעס אַן אייזן אָדער אַ שטיקל געצייג, איז אַבי ער זאָגט מיר — טו איך אַ שפּרונג און ברענג צו טראָגן. איך קען נאָך אַן אַרבעט, וואָס איך פאָלג דעם טאַטן. אויסער העלפן אים צעזעגן און ברענגען אַ ברעטל, אַ דרענגל, אויסער פּוצן די שיך אַלע פרייטיק, אויסער ברענגען אַן עמער וואַסער, טריקענען קאָרע, וואַשן שערסט, טרייבן מיט אים די ביטן שבת צו נאַכטס, אָדער חול־המועד, אויסער פאָלגן אַ גאַנג צו די שוסטער קען איך נאָך אָנשטאָפּן גילזן. דעם טיטון אין די גילזן, וואָס איך האָב געבראַכט פון מיכציעס קלייט צענעם איך שוין אַליין. איך פאַרשפּרייט אַ גאַזעט אויפן טיש, דעם טוטין צעפליק איך פון דער גרינג

www.libtool.com.cn

און טו אים אַ ביסעלע אַ רייב אויף דער דלאָניע. דערנאָך נעם איך דאָס פּאַרמעט־פּאַפּירל, וואָס איז געלעגן אין קעסטל פון גילזן און דאָס שטאָפּ־שטעקעלע, איך דריי אויף אינעם פּאַרמעט־פּאַפּירל ווערליק מען נעמט אויף אַ ציגאַר, מיט דער שפּיציקער זייט פיר איך אים אַריין אין גילזע אַריין. דאָס שטאָפּ־שטעקעלע שטעל איך צו מיטן גלאַטן עק צום טוטין, ער זאָל אַרויס פונעם פּאַרמעט שיידל און זיך באַזעצן אין דינעם פּאַפּי־ראָס־טייל פון דער גילזע. אָך, בין איך פריילעך, אַז דאָס פּאַפּיראָס־פּאַפּיר צערייסט זיך נישט אין ערגעץ און די גילזע איז שוין נישט קיין גילזע נאָר אַ ציגאַר.

איך שטאָפּ נישט צו שטאַרק צוליב צוויי זאַכן: ערשטנס, זאָל איך דאָס פּאַפּיראָס־פּאַפּיר נישט צערייסן, זיך אין ערגעץ נישט טאָן קיין טשעפּ. צווייטנס — עס זאָל נישט דורכשטופּן דאָס היגיענישע שטיקעלע וואַטע, וואָס געפינט זיך אין אָנהויב פון מונדשטוק. ערשט איצט טו איך אַ טאָפּ פון דעם פּאַרטיקן פּאַפּיראָס, ווי שיין ער איז. איך טו אים פון דער גרינג אַ דריי און אַ קנעט צווישן די פינגער ער זאָל זיין ווייכלעך און לייכט צו רויכערן. און כאָטש איך אַליין רויכער נישט און ס׳ציט מיך נישט צו דעם האָב איך הנאה וואָס מאַנסבילן רויכערן. דער רבי שמואליק, דער טאַטע, משה דער טאַפּאָרונער — ביי יענקלען אין הארבאַרגיע און יענקל אַליין. די גאַנצע שטאָט רויכערט. אַנדערע רויכערן אַפילו קאָרעש־קעס און מאַכאָרקע, וואָס זיי האַלטן אין אַ בלעכענער קיילעכדיקער פּושקע אין די הויזן אין קעשענע.

אַז איך שטופּ אָן פאַרן טאַטן אַ צוואַנציק פּאַפּיראָסן, זאָגט דער טאַטע — ס׳וועט זיין גענוג. און מיר לייגן צונויף אַ טייל אין זיין פּושקע, פון וואַנען ער רויכערט און אַ טייל ביי אים אין טישקעסטל אין אַ ליידי־קער פּושקע פון פּאַפּיראָסן.

* * *

די מאַמע פלעגט אונדז קיין מאָל נישט לאָזן זיך אַריינציִען אין שלעכטע געוווינהייטן. ווי זי פלעגט נאָר עפּעס באַמערקן, האָט זי גלייך

www.libtool.com.cn

עס אַראָפּגענומען פון אונדז, דער עיקר אויב איבערנעמען ביי עמעצן אַ שלעכטע מיאוסע תנועה. טאָמער האָסטו אַ מאָל געוואָלט נאָכמאַכן אַ קרומען, אַ בלינדן, אַ קאָסאָקן, אָדער אַזאַ וואָס שטאָמלט און רעדט שיפּעליאַווע, פלעגט די מאַמע אָנשרייען און זאָגן, אַז מען טאָר זיך נישט נאָכקרימען נאָך קיין געשטראָפטן, ווייל מען קאָן אויך אַזוי ווערן, און מיר פלעגן זי פאָלגן. נאָר דאָ וויל איך דערציילן אַן אַנדער זאַך אין גאַנצן. עפּעס איין מאָל איך בין געגאַנגען אין דאָלינע אין חדר, און איך האָב געהאַט ביי זיך אַ זילבערנע גריווינקע. די מאַמע האָט זי מיר צוליב עפּעס מיטגעגעבן, און איך האָב די גריווינקע פאַרלוירן.

די מאַמע האָט זיך געזאָרגט — דאָס איז איינס.

די מאַמע האָט אויף מיר נישט געשריגן — דאָס איז צוויי.

די מאַמע האָט מיך געפרעגט, ווו איך האָב זיך געשפּילט—דאָס איז דריי.

איך האָב איר געזאָגט: דוכט זיך אַנטקעגן דינה דער פּעטשערי־צערס קלייט, אינעם רויטשעקל מיטן טרוקענעם זאַמד. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז אין דער פרי וועט זי אפשר גיין מיט מיר, און מירן נאָך פרוון אַ זוך טאָן.

אין דער פרי האָב איך געדענקט, אַז די מאַמע דאַרף מיט מיר גיין. די מאַמע האָט אויך געדענקט, און האָט אָנגעטאָן אויף דער פּלייצע אַ גרינג שאַלעכל, און מיר זענען אַוועק. איך בין געגאַנגען גיך. בין איך געקומען צום אָרט, ווו איך האָב זיך געשפּילט אינעם זאַמד. איך זיץ און שפּיל זיך שוין דאָ פון ס'ניי. דערווייל איז די מאַמע אָנגעקומען. זי האָט זיך צוגעזעצט. מיר זיפּן צווישן די פינגער דאָס זאַמד דאָ און דאָרטן. דאָס זאַמד איז ריין און דין, און איז אָנגענעם פאַר די פינגער מיט זיין וואַרעמקייט. די גריווינקע איז נישטאָ און נישטאָ. אָט האָבן מיר געפונען אַ קאָפּיקע אַן אַלטע, אַ צעבויגענע, און אָטאָ, טו נאָר אַ קוק, ליגט דוכט זיך, די גריווינקע און שווייגט. אָ, ס'איז די גריווינקע! און איך האָב זיך נישט נאָר דערפרייט, מיר איז געוואָרן אַ ליכט אין די אויגן, וואָס די מאַמע האָט מיר אונטערגעזאָגט אַזאַ זאַך, און זי איז נאָך אַליין געגאַנגען מיט מיר, און מיר זענען געגאַנגען נישט אומזיסט. מיר האָבן טאַקע געפונען די זילבערנע גריווינקע!

www.libtool.com.cn

ס'זענען פון יענער צייט דורכגעגאַנגען אַ סך צענדליקער יאָרן. אַלע מאָל, ווען מיר קומט אויפן זכרון די מעשה מיט דער גריווינקע, זעט עס מיר כסדר אויס פונקט אַזוי, ווי איך האָב עס דענסטמאָל פאַרשטאַנען, נאָר איין מאָל, אויפן קיעווער געלעגער, טוט זיך מיר אַ דאַכט: וואַרט נאָר, וואַרט! די מאַמע אונדזערע האָט נישט געוואָלט, אַז אַ קינד אירס, און נאָך דאָס עלטסטע, זאָל זיך צוגעוווינען מיטן געדאַנק: אַז פאַרלוירן איז פאַרלוירן, און אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט... און... שרייען פאַר אַזאַ זאַך, וועט זי דאָך נישט. איז זי אַוועק מיט מיר רוּיק און אין דער זעלבער צייט זאַכלעך. מיר האָבן געזוכט, געזוכט, און ענדלעך טאַקע געפונען! קיין חילוק נישט, צי דאָס איז די גריווינקע, וואָס איך האָב נעכטן פאַרלוירן, צי דאָס איז געווען פונקט אַזאַ מין גריווינקע, וואָס די מאַמע האָט ספּעציעל מיטגענומען. ס'איז אַ פּעדאַגאָגיש־דערציִערישער פּערל, און אפשר נישט קיין פּערל, נאָר אַ גאַנצער אוצר. די מאַמע האָט עס פאַרמאָגט אין זיך, נאָר זי האָט עס קיין מאָל נישט צעשמירט. זי האָט זיך מיט דעם קיין מאָל נישט באַרימט פאַרן טאַטן. אונדזער מאַמע האָט געקאָנט טרעפלעך אַריינזאָגן ווו מען האָט באַדאַרפט, און זי האָט געקאָנט שווייגן, דאָרט ווו אַן אַנדער מוטער וואָלט אָנמאָלן צען זעק רייד. איר אויג און איר אויער האָבן קיין מאָל נישט דורכגעלאָזן אומבאַמערקט יעדע דינסטע ענדערונג און נישט־נאָרמאַלקייט, הן אין רעדן, הן אין לאַכן, הן אין גיין, און אַפילו אַ מאַך מיט דער האַנט, אָדער אַ וויש זיך די נאָז.

איך גיי אין חדר אין דער פרי. אין דרויסן איז נאָך נישט קיין אמתער ווינטער, נאָר דער פראָסט, וואָס פאַרגייט שוין אין דער נאַז, ליגט אויף די פאַרגעלטע גראָזן, אויף די פּלויטן. ס'איז אומהיימלעך פון אים. דעם פאַלטן פאַרשפּילעט, איך גיי שוין צו דער טיר, שטעלט מיך אָפּ די מאַמע אויף אַ רגעלע און גיט מיר אַ קאָפּיקע. איך זאָל קויפן כאַלווע. הייגט — זאָגט זי — ווערט דיר ניין יאָרעלעך. מאָרגן וועט שוין אַוועק דאָס צענטע.

קיין געבורטס־טאָג האָט מען ביי אונדז קיינעם נישט געפּראַוועט. דערום איז עס אפשר ביי מיר נישט געווען קיין געשעעניש, נאָר די

www.libtool.com.cn

„גרענעץ" איז פאַר מיר געווען אויסטערליש. ביז היינט איז מיר געגאַנגען דאָס נייַנטע, און פון מאָרגן — פון מאָרגן אין דער פרי, וועט שוין מיר גיין דאָס צענטע. אַז מע וועט מיך פרעגן: וויפל ביסטו אַלט? וועל איך שטענדיק וויסן וואָס צו ענטפערן.

* * *

ווֶעמען האָבן מיר נאָך אין שטעטל? בראָקאַרעס, באַלעגאָלעס, אָקסן־הענדלער, און מענטשן, וואָס פאָרן אויף גראַבאַרקע. וואָס איז אַזעלכעס גראָבאַרקע, ווייס איך נישט אַקוראַט. מענטשן פאָרן אַוועק, מיט דער אייגענער פור אויף דער גאַנצער וואָך ערגעץ פאַר צוועלף, פופצן ווערסט פון דער היים, קיין דובראָווקע, קיין סירינצע, קיין אוסאָוו. און וואָס טוען זיי דאָרט? ניכיי וואָלט איך וויסן! זיי פירן ערד, פירן געהילץ, אַ מאָל שטיינער, אַ מאָל שפּאָלעס, מעגלעך, אַז מען לייגט דאָרט אַן אייזנבאַן־ליניע.

ישראל־דוד פייגלס איז עפּעס אַ צייט געווען אַן טועכץ, האָט ער זיך אויך געקויפט אַ פערד פאַר 80 רובל, אַ גוט פערד, אַ פּראָסטן שטאַרקן וואָגן און ער פלעגט אַהין פאָרן אויף דער גראַבאַרקע. זיי פלעגן נעכטיקן מערסטנטייל אין דרויסן, אונטערן הימל, אָדער אין אַ שאַלאַש, וואָס זיי האָבן זיך צונויפגעלייגט פון צווייגן. זיי פלעגן קאָכן אויפן פייער, אונטערגעהאַנגען אויף דריי שטעקנס, אַ קעסעלע מיט קאַשע, אַ קעסעלע טיי, און מען האָט געגעסן בשותפות, ווער מיט וועמען ס'האָט זיך צוגעווונט, און אויף שבת קומט מען אַהיים, מען ברענגט די פּאָר רובל, און דאָס ווייב פאַרגרייט שוין די נייטיקע פּראָוויזיע אויף דער קומענדיקער וואָך, ווי אויך האָבער פאַרן פערד. דאָס פערד איז אַן ערלעכער שותף.

אויך די בראָקאַרעס זענען אַ גאַנצע וואָך אין וואַלד. זיי האָבן טאַקע אַ נייע הילצערנע קאַנטאָר, ווו מען שרייבט, מען צאָלט אויס וואָכעדיקע זייערע שכירות. אָבער אויך זיי מעסטן אויס אין וואַלד צעגנדליקער וויאָרסט אַ טאָג. זייער אַרבעט איז אַכטונג געבן ביים האַקן, זעגן, סאָר־

www.libtool.com.cn

טירן און אַרויספירן דעם וואַלד. ביידע איידעמס כיטריקס אַרבעטן דאָרטן. מיין חבר יידלס טאַטע — לייבל כיטריקס — אַ יונגערמאַן, וואָס קען גוט לערנען און געדענקט זיין לערנען. דער צווייטער, דער יינגערער איידעם, איז מרדכי־לייזער, ביילעס מאַן, אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ שיינער שטים. אַלע מאָל בעט מען אים, ער זאָל זאָגן לכו נרננה ביים עמוד. ער לאָזט זיך נישט לאַנג בעטן, טוט אָן אַ טלית און זאָגט. ער מאַכט עס אָן קונצן, נאָר זיין שטים איז אַ הילכיקע און קאַטשעט זיך גוט. איז טאַקע אַ פאַרגעניגן צו הערן, ווען ער טוט זיך אַ קאַטשע, און זיין שטים קלאַפּט זיך אָפּ אין סטעליע, און וויל נאָך גיין העכער. אוהבי ה׳ שנאו רע... ווען ער דאַוונט ביים עמוד, וואָלט מיך נישט געאַרט דאָס דאַוונען זאָל זיך ציִען און ציִען. אמת, דאָס בערדל איז ביי אים אַ לעקעלע אונטערגעגלייכט, אָבער אַ יונגערמאַן איז ער אַ פיינער, און קינדער זענען ביי אים שיינע, אי די יינגלעך, אי די מיידלעך. ביי כיט־ריקן זענען די קינדער און די אייניקלעך אַלע שיינע. כיטריק אַליין טרייבט מיט אַ שותּף אָקסן, אַזש קיין ווארשע.

אַלע פּרנסות, וואָס טוען זיך ווייט פון אונדזער שטאָט, פאַרשטיי איך אין זיי ווינציק, כאָטש אונדזערע מענטשן טוען עס, און די מענטשן זע איך אַלע מאָל אין שטאָט און אין בית־המדרש.

די וואָזאָקעס אונדזערע האָבן אויך אָן אייגן פערד און וועגעלע. זעלטן ווער פון זיי ס׳האַלט אַ פּאָר. זיי פירן אַ גאַנצע וואָך קלעצער אין וואַלד. זיי שלאָפן זומער אין אַ קוריען פון צווייגן. די פערד אויסגעפּענ־טעטע, פּאַשען זיך לעם זיי. אין זינען פון עסן קומט מען איבער די וואָך מיט וואָס ס׳מאַכט זיך.

זיי צעלייגן אַ פייער, קאָכן זיך אָפּ ווער אַ גרויפּ מיט אַ פּאָר טאַ־ראַנקעס, ווער אַ קאַרטאָפל. נו, צוקער נעמען זיי מיט זיך יעדערער אין אַ טאָרבעלע, קאָכט מען אָפּ שוואַרצע ציקאָריע און מען עסט מיט ברויט. אין אַ טעפּעלע גיט מיט דאָס ווייב אַ פונטל פּוטער, סטאַרעט מען זיך אויך ס׳זאָל קלעקן אויף דער וואָך. די נאַכט רוט מען אָפּ ווי נישט איז און מען דערציילט זיך איינס דעם אַנדערן מעשיות.

איך וואָלט מורא האָבן נעכטיקן אין אַ פרעמדן וואַלד. און אפשר

www.libtool.com.cn


ניין? מע איז דאָך מיט מענטשן אין איינעם. נאָר מיר וואָלט זיך געוואָלט כאָטשבי איין וואָך אַרבעטן מיט זיי צוזאַמען, אַרויפקייקלען די קלעצער אויפן וואָגן און אַראָפקייקלען זיי. אַהאַ! צו זיי דאַרף מען האָבן גע־זונטע ביינער און געזונטע כוחות. פון דעסטוועגן... אָט איז הערשל דער אוסאָווער טויב ווי די וואַנט. ער כאַפּט זיך אָפּט אַראָפּ צו אונדז אין שטעטל, מיט די געזונטע הענט און פעך־שוואַרצער באָרד. אַז מען פלעגט אים אַריינשרייען אין אויער אַריין: וואָס מאַכט איר, ר׳ הערשל? פלעגט ער שטענדיק ענטפערן איינע און די זעלבע זאַך: — אַבי קלעצער — געזשונט איז דאָ!

אַ מחיה, אַ פרייד, און אַ זיכערקייט אין האַרצן, אַז אַ מענטש קאָן זיך פאַרלאָזן אויף זיין ביסל געזונט. נאָר ער זאָל זיין פאַרמעגלעך, האָט מען עפּעס נישט געזען. כאָטש די פערדלעך זענען ביי אים געווען גוטע, נאָר דאָס ווייב איז געווען אָרעם אָנגעטאָן. און די קינדער אויך.

אויף ימים־נוראים פלעגן זיי קומען מיט דעם גאַנצן געזינד אין שטאָט אַריין און איבערזיין ביי עמעצן אין דער דירה.

ס׳פלעגן קומען פון אוסאָוו וואַלד־מענטשן אויך. נאָר יענע זענען געווען „פריצים״! „פריצים״ און נאָר! נאַזאַרווע פלעגט קומען מיט אַ ברייטער צעקעמטער באָרד, וואָס אירע צוויי האַלבע טיילן זענען זיך ברייט צעגאַנגען אין פאַרשידענע זייטן. ער איז געגאַנגען מיט אַ ווייסן זשילעט אַרומגעזעצט מיט קנעפּ, אין אַ געפּרעסט אויבערשט העמד אונטער דער באָרד. ער פלעגט איינשטיין ביי מרדכי ישראלן אין די הייזער און זיך דאַרטן טאַפּן מיט די מוידן. נאָר פאַר דער איינער זאַך האָט נאַזאַרווע נישט געהאַט קיין כבוד ביי אונדז אין שטאָט. דערפאַר, אַז פוקסמאַן פלעגט קומען צו אונדז אין שטאָט, אויך אַ וואַלד־מענטש, פלעגן זיי שטיין ביי מאַטלען ראַטנערס, און פלעגן פאַרברענגען מיט די ראַטנערס. אָט דאָס זענען מענטשן! אַ טאַכטער ביי זיי, אוי, האָב איך געוואָלט אויף איר קוקן! איך גיי מיט יידלען שפּאַצירן, און אַקוראַט גייען אַרויס פון ראַטנערס שטוב אַ גאַנצע קאָמפּאַניע אויך צום שפּאַציר. און צווישן זיי גייט פוקסמאַנס טאָכטער, אַ הויכלעך מיידל מיט אַ ראָס־נעם צאָפּ אויף די פּלייצעס, מיט אַזוי פיל חן און חנעוודיקייט אינעם

www.litbtool.com.cn

אַנטאָן, אינעם גאַנג מיטן ווייך און גלאַט צוגעקעמטן קאָפּ האָר. איך קען נאָר איין מיידל אַזאַ, וואָס געפינט זיך שוין פון אַ סך יאָרן אינעם „אהבת ציון", און דערום דאַכט זיך מיר, אַז אויך פאַר אָט דעם מיידל פּאַסט צו וואַקסן צווישן די בערג, צווישן די פעלדער און סעדער פון ציון. און אין איינעם אַ טאָג פלוצעם דאַרף אויסוואַקסן פאַר אירע אויגן אמנון, וואָרום נישט פאַר יעדן איינעם איז אויפגעצויגן געוואָרן די שושנת השרון *), נאָר פאַר איינעם, פאַר איר געליבטן.

אַז מיר פלעגן גיין מיט ראובנען אויפן שטאָט, פלעגט אונדז דער פאָטער פוקסמאַן געבן אַ שיינע נדבה. אַלץ הייסט אַ שיינע! אַ זילבערן האַלב קערבל אָוועקגעלייגט, און ביי אונדז שיינען די אויגן פאַר פרייד. קוים וואָס מיר האַלטן זיך איין, ביז מיר לויפן אַראָפּ פון צווייטן שטאָק אין הויף אַריין און מיר באַקוקן דאָס האַלבע קערבל פון אַלע זייטן. ס'איז אַ מטבע, נאָך איינע אַזאַ, וועט שוין באַטרעפן פונקט אַזוי פיל, וויפל מיר מאַכן אויף דער גאַנצער שטאָט. אַז ער דאַוונט מיט ביידע זין ביי אונדז אין קלויז, קוק איך כסדר אין זייער זייט. אַ שיינע באָרד ביי אים, אַ טונקל-געלע. איך דאַרף נאָך זען די פרוי זיינע. מענטשן, וואָס קאָנען זיך פאַרגינען ברענגען אויף דער וועלט און אויפציִען אַזאַ גאָלד אַ טאָכ-טער, זענען ווערט מען זאָל פון זיי וויסן.

* * *

מרדכי דער רודניער האָט אַ ריין דירהלע אויפן שליאַך אַנטקעגן ברוך דעם קאָוואַלס קוזניע. ער האָט פאַר אַ ווייב חיה שרהקע די בעהר-ניער, אַ ציכט און אַ ווירטין, וואָס די וועלט פאַרמאָגט עס נישט. ער האָט אַ פערד און וועגעלע, און פירט אין וואַלד וואָזקע שוין עטלעכע יאָר. חיה שרהקע איז אָן קינדער, אַ מאָל האַלט זיך ביי איר אויף אַ פלימע-ניטשקע אַ יתומהלע און אַ מאָל קומט זי אויס אָן איר. אין שטאָט האָט חיה שרהקע אַ נאָמען, פון וועלכן עס טוט איר שטאַרק וויי און פאַר

*) די רויז פון שרון (שיר השירים).

 www.libtool.com.cn

רחמנות ברענגט מען אים פאַרן מויל אַרויס זעלטן: „דער טשאָלנט״ — צי ס׳איז געווען אַן אמת, צי ניין, ווייסט מען נישט, נאָר מען דערציילט, אַז זי האָט אַ מאָל געדינט אין דער פרעמדער אין זשיטאָמיר טאָקע און איז אַריין אין אַן אומגליק: זי איז דאָרטן מיידלווייז נישט דאָ געדאַכט טראָגעדיק געוואָרן. ביז מען האָט זיך דערוווּסט פלעגן די קישנס דורך די נעכט ביי איר זיין אויסגעווייקט פון טרערן. דערנאָך האָט זי געפּרעסט דעם בויך מיט שטייפע האַנטוכער מען זאָל אויף איר נישט דערקענען. ביז ס׳געקומען די צייט און זי האָט איינע אַליין געהאַט ערגעץ אין אַ שטאַל, האָט זי דאָס עופהלע אין דער גיך פאַרשטופּט אין אַ גרויסן טאָפּ אַריין און האָט אים פאַררוקט אין אָנגעהייצטן אויוון אין טשאָלנט אַריין צווישן אַלע איבעריקע טעפּ. אָבער בוימל גייט אַרויף אויף וואַסער. מע האָט זיך דערוווּסט, מען האָט זי אָפּגעזאָגט פונעם אָרט. צו די משפּטים מיט די געריכטן איז עס נישט דערגאַנגען, נאָר דער נאָמען איז איר פאַרבליבן אויף אַלע יאָרן. זי איז אויך געבליבן געשטראָפט און קיין קינדער מער נישט געהאַט. זי האָט זיך דאָקטירט אויף ווייבערישע זאַכן, טשיסטקעס און וויטשיסקעס און אַקושאָרן און באָבעס. נאָר ס׳האָט איר גאָרנישט געהאָלפן. אָבער דער מאַן, פאַר וועלכן מען האָט זי חתונה געמאַכט, מרדכי דער רודניער, איז אַן ערלעכער שטילער יונגערמאַן, וואָס האָט ליב האָרעווען. זיין ווייב חיה שרהקען האָט ער געהאַלטן אין כבוד, איר אָפּגעבן ס׳פאַרדינטע געלט ביז אַ קאָפּיקע, זי געפּאָלגט אין אַלץ, אַז אַזוי ווי זי זאָגט זאָל זיין געזאָגט. און אָט אַזוי האָבן זיי זיך אויסגעבויט זייער דירהלע אויפן שליאַך. אַרייגגיין אַהין — מעג מען אַראָפּנעמען דאָס היטל, — די פּאָלן אויסגעפּאַרבט, די ווענט ווייס, אויף די פענצטער פאָרהענגלעך, דאָס גאַנעקל באַגלאָזט. איין אַריינגאַנג דורכן גאַנעקל, וואָס איז מערסטנטייל געשלאָסן און איין אַריינגאַנג פון קיך. צום הויפל צו טאָקע לעם דער סאַמע שטאַל. און מרדכי, אַז ער פלעגט קומען אויף שבת אַהיים פלעגט ער איר אָנטראָגן וואַסער אויף אַ גאַנצער וואָך, פלעגט איר אָנשפּאַלטן האָלץ. ער פלעגט אויסטאָן די שטיוול און גיין אין די קאַלאָשן ער זאָל איר נישט פאַרפּאַטשקען די אויסגעווישטע פּאָלן. און זי פרעגט אים:

www.libtool.com.cn

— נו, וואָס איז דאָרט געווען?

דאָס זאָל הייסן, וואָס איז דאָרטן ביי דיר פאָרגעקומען פאַר דער גאַנ־צער פאַרגאַנגענער וואָך?

— איך וועל שוין דערציילן — ענטפערט ער.

און טאַקע, אַז ער פּטרט אַראָפּ אַלע אַרבעטן מיטן מרחץ אין איינעם און אַז ער קומט אַ שבתדיקער פון שול און זיי עסן זיך אין צווייען ביים ריינעם שבתדיקן טיש די וועטשערע, הויבט ער איר אָן צו דערציילן מיט וועמען ס׳האָט זיך ביי אים פאַרנומען אַ קריג און פאַר וואָס, וועד פון די וואָזאָקעס ס׳האָט געהאַלטן זיין צד, ווי אַזוי דער רעכענער האָט איין מאָל שיר נישט קיין טעות געהאַט אויף אַ גאַנצן טאָג קלעצער און ס׳וואָלט געגאַנגען פאַרפאַלן, נאָר מען האָט זיך באַצייטנס געכאַפּט, חיה שרהקע קאָן זיך נישט איינהאַלטן און שילט אויס די שולדיקע. מרדכי טוט אַ מאַך מיט דער האַנט — ווי איינער מיינט — מען דאַרף זיי נישט שילטן. ס׳איז אַלץ אַרויס אויפן אמת פונעם גערעכטן... אַזוי לאַנג דערציילט ער ביז ער ווערט אין מיטן דערציילן אַנטשלאָפן אויפן אמתן היימישן גע־לעגער נאָך אַן אמתער שבתדיקער וועטשערע ביי אַ טיש מיט אַ טישטוך מיט בענקלעך און וויפל איז ווערט זיין אין שול צווישן יידן און ביי זיך אין שטוב אויסרעדן אַ וואָרט מיט איר.

און דאָ וויל איך דערציילן אַ זאַך, וואָס איך האָב אַליין געהערט, ווי אַזוי חיה שרהקע האָט דערציילט פאַר דער מאַמע. זי פלעגט אַ מאָל זיך אָנטאָן ריין און קומען צו אונדז כלומרשט ווי נאָך עפּעס. אָבער דאָס איז נאָר געווען אַזאַ אויסרייד.

עפּעס איינעם אַ פרייטיק האָט זיך חיה שרהקע פרי איינגעפּאַרעט. די סך אַרבעט מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס זי האָט דאָרטן? — און האָט זיך צוגעלייגט אויף דער הילצערנער קאַנאַפּע אַ דרימל טאָן ביז מרדכי וועט קומען. חלומט זיך איר דער טאַטע (שמערל דער בעהוניער), וואָס איז שוין לאַנג... זאָל ער דאָרטן זיין אַ גוטער מליץ פאַר אונדז. און ער איז עס טאַקע — ווי איר וועט באַלד הערן. זעט זי ווי ער שטייט פאַר איר מיטן גרויען בערדל אַזוי אין זיין וואָכעדיקן אָנטאָן און ער זאָגט צו איר: — איך האָב ערשט געהאַט מיט דיין מרדכין אַ שטיקל אַרבעט.

www.libtool.com.cn

נאָר אַ דאַנק דעם אויבערשטן. מיר זענען שוין מיט אים אויף דער זייט!...

פאַר נאַכט מרדכי איז געקומען אויסגענעצט — נישטאָ אויף אים קיין פאָדעם קיין טרוקענער, אַזוי דאָס פערד, דער וואָגן, דער שפּאַן און אַלץ מיט אַלעמען. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן די שטיוול, איבערגעביטן אויף זיך עטוואָס טרוקנס און גענומען ווי זיין שטייגער איז פאַרגרייטן אויף דער וואָך וואַסער, האָלץ אָנגעשפּאָלטן ערשט פון שול קומענדיק. ביי ווע־טשערע האָט ער איר גענומען דערציילן פונעם שלאָקס־רעגן, וואָס איז דאָרטן אַוועק מיט די דונערן מיט די בליצן, ווי אַזוי ער איז נאָך אַ פּאָר וואָזאָקעס — עלטשיק חיה רייזלס און איצל דעם יאַבעדניקס שטייען אונטער אַ גרויסן צעצווייגטן דעמב און פאַרשטעלן זיך ווי עס איז פונעם מבול. אַזוי ווי זיי שטייען — זעען זיי ווי איינער אַן אַלטער גרויער מאַן, נישט קיין הויכער, מיט אַ קליין בערדל, שטייט אַנטקעגן און ווינקט צו זיי, גאָר שטאַרק, שטאַרק. האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און גענומען איבער־לויפן איבערן וועג צו אים. ווי זיי זענען נאָר איבערגעגאַנגען אַזוי איז אַראָפּ פון הימל אַ דונער מיט אַ בליץ און דער בוים אונטער וועלכן זיי זענען פריער געשטאַנען האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ ליכט, זיך צעשפּאָלטן אויף עטלעכע שטיקער און איז אומגעפאַלן ווי אַ ריז. די וואָזאָקעס האָבן אין איינע שרעק זיך גענומען איבערקוקן צווישן זיך. אינעם אַלטן האָבן זיי אַזוי ווי פאַרגעסן. חוץ דענסטמאָל, ווען ער האָט זיי געמאַניעט מיט דער האַנט האָבן זיי אים מער נישט געזען.

דאָ האָט זיך חיה שרהקע ערשט דערמאָנט ווי דער אַלטער גע־שטאָרבענער טאַטע האָט זיך ביי טאָג צו איר געוויזן אין חלום און דערציילט וועגן מרדכין.

און דאָ האָט חיה־שרהקע פאַרענדיקט מיט אַ זיפץ:

— האַלט יאָ יאָרצייט האַלט נישט קיין יאָרצייט. נאָר פאַר די קינדער מיט מען זיך. די קינדער געדענקט מען.

* * *

איך געדענק נאָך צוויי זאַכן אַזעלכע, וואָס כ׳האָב זיי געהערט, געדענק זיי און אַלע מאָל גייען זיי ביי מיר אין געדאַנק צוזאַמען אין

www.libtool.com.cn

איין ריי און איין שורה.ביידע מיט דאָקטוירים. ביידע כמעט אַלצאיינע.

אין דער גרויסער שטאָט אין קִיעוו דערציילט מען איז דאָ אַ דאָקטער, אפשר אַ פּראָפעסאָר, זייער אַן אָנגעזעענער דאָקטער און זייער אַ פיינער מענטש מיט אַ גוט האַרץ. אַז ס׳קומט צו אים אַ חולה און דער חולה איז אַן אָרעמער סטודענט נעמט ער ביי אים קיין געלט נישט און ער פּאַרוויקלט נאָך אים אין דער סיגנאַטורקע געלט אויף קויפן די רפואה. ס׳זענען זייער ווינציק דאָ אַזעלכע מענטשן... ביי טאָג בעת ער לייגט זיך צו איז שוין פון יאָרן אָנגענומען ביי אים אין שטוב, אַז מען לאָזט צו אים קיינעם נישט אַריין. אַן עלטערער מענטש און אַזאַ מענטש, ער אַרבעט אַזוי אויך געגוג.

איין מאָל גייט ער אַרויס פון זיין פּאַרהאָנגענעם צימער נאָכן בייטאָגיקן שלאָף און זאָגט אַזוי ווי ברוגזלעך:

— ס׳איז אַ מוז געווען אַריינלאָזן צו מיר אַ מענטשן ווען איך רו אָפּ?

די שטוב־לייט און די באַדינער האָבן זיך פּאַרוווּנדערט איבערגעקוקט צווישן זיך:

— ניין, פּראָפעסאָר. ס׳איז קיינער נישט געווען, קיינער האָט זיך נישט געפּרעגט. ס׳האָט זיך אַפילו קיין טיר נישט געעפנט.

דער פּראָפעסאָר האָט מער נישט פּאַרפירט קיין רייד, נאָר ער איז אַוועק לויטן אַדרעס, וווהין די פרוי, וואָס איז נאָר וואָס געווען האָט אים גערופן. געטראָפן האָט ער צו אַן עלטערער פרוי זייער אַ שלאַפער. חוץ די שכנים, וואָס האָבן אים געעפנט און אַריינגעלאָזן, איז לעם איר קיינער נישטאָ אחוץ זי דערציילט אים טאָקע מיט איר שלאַפן קול, אַז ס׳ביי זיי קיינער נישטאָ. זי האָט געהאַט אַן איינציקע טאָכטער, לעם זיך, אַ שלאַפע, איז שוין צוויי טאָג, אַז זי איז אויסגעגאַנגען און ס׳איז אַפילו נישטאָ ווער ס׳זאָל זי באַהאַלטן...

— ווו איז די טאָכטער אייערע?

— אָן אָ, — ווייזט זי מיטן בליק אויף דער טיר אין צווייטן צימער אַריין.

דער פּראָפעסאָר איז אַריין אין צווייטן צימער אַריין. דאָרטן איז

www.libtool.com.cn

ווירקלעך געלעגן אַ געשטאָרבענע פּרוי. אַז ער האָט זיך גוט אײַנגעקוקט אין איר געזיכט איז עס געווען די זעלבע אָרעמע פּרוי, וואָס איז פאַר אים געשטאַנען ביי אים אין שלאָפצימער, ווו'הין מען לאָזט קיין זייטיקע נישט אַריין, ווען ער רוט אָפּ און ז י האָט עס אים טאַקע געבעטן קומען צו איר אַלטער שלאָפער מוטער...

* * *

נישט קיין סך וועט זיין צו דערציילן וועגן אַ דריטן ענלעכן פאַל. פון אַ צווייטן דאָקטער. דעם דאָזיקן דאָקטער איז מיר אויסגעקומען זען. ער איז אַ גרוזין, זיין פאַמיליע־נאָמען אין וואַטשנאַדזע, אויך אַ פּראָפעסאָר אַ גאַנץ געלערנטער און באַשיידענער מענטש. פאַראַן אַזאַ גרויסע שטאָט אין טיף ראַסיי אָדער אין מיטן ראַסיי מיטן נאָמען מאָסקווע. דאָרטן זענען דאָ אַ סך קלויסטערס, אַ סך רייכע מענטשן און געלערנטע מענטשן. און גלאָט אַ סך מענטשן. ס'איז אַ גרויסע שטאָט.

דער דאָקטער וואַטשנאַדזע איז נאָך געווען יינגער אַ סך און איז געפאָרן קיין מאָסקווע, ווו ס'פאָרן זיך צונויף אַ סך געלערנטע דאָקטוירים און זיי גיבן אַרויס איינער פאַרן אַנדערן זייער געלערנטקייט און דערציילן וועגן די מיטלען, וואָס זיי האָבן צוגעטראַכט אויף היילן מענטשן. דער פּראָפעסאָר וואַטשנאַדזע, ער איז נאָך דענסטמאָל געווען אַ יונגער דאָקטער, נאָר אַ פעיִקער, איז אויך געווען פאַרבעטן אַהין. זיצט ער איין מאָל ביי זיך אין האָטעל און קוקט איבער זיינע פאַפּירן, וועלכע ער וועט לייענען צווישן די פאַרזאַמלטע דאָקטוירים. ער איז רויִק. ס'איז אים גוט אויפן האַרצן פון אַזאַ מין צונויפקומעניש, וואָס טרעפט זיך נישט אַלע מאָל. ער וועט זען אַזעלכע מענטשן, וואָס זייער נאָמען הערט זיך אויף דער וועלט און מיט אַנדערע וועט ער אַפילו רעדן... דערווייל קלאַפּט עמיצער אָן אין טיר און ס'גייט אַריין אַ מאָסקווער יינגעלע פון אַ יאָר צוועלף.

— איר זענט דער און דער דאָקטער?

— איך.

www.libtool.com.cn

— איך בעט אייך זייער איר זאָלט אויסהיילן מיין מאַמע.

— אין מאָסקווע זענען דאָ גרעסערע דאָקטוירים פון מיר! — זאָגט דער יונגער וואָטשנאַדזע מיט אַ שמייכל.

— ניין — ענטפערט דאָס ייִנגל — מיין מאַמעס שלאָפקייט איז אַזאַ, וואָס נאָר איר קענט זי היילן.

— גוט — האָט דער דאָקטער געענטפערט און ווייטער געשמייכלט — איך וועל זיך אָפּרייסן צייט און קומען צו אייך. — און ער האָט פאַר־שריבן דעם אַדרעס.

די מעשה האָט אים שוין אַ ביסל פאַראַרט.

געקומען לויטן אַדרעס, וווּנדערט מען זיך. מען האָט אויף קיינעם נישט געוואַרט און קיינעם נישט גערופן.

— אָבער דאָ וווינט אַזאַ און אַזאַ?

— יאָ, דאָס איז מיין מאַמע, — זאָגט דאָס מיידעלע, וואָס האָט אים געעפנט.

— און זי קלאָגט זיך אויפן געזונט?

— יאָ, זי איז ביי אונדז אַ שלאָפע שוין לאַנג. קומט אַריין.

די שלאָפע אַליין האָט זיך אויך געוווּנדערט, ווייל זי האָט זיך אויף קיינעם נישט גערעכט. דער דאָקטער האָט זי אויסגעפרעגט און אויס־געהערט. יאָ, די פרוי איז שלאַף און ער היילט אַזעלכע שלאָפקייטן מיט אַזעלכע היילמיטלען, וואָס ער האָט אַליין אויסגעפונען. אויף דער צונויפ־קומעניש מיט די צונויפגעפאָרענע געלערנטע דאָקטוירים וועט ער וועגן דערויף טאַקע דאַרפן דערציילן. ער האָט אויסגעשריבן דער שלאָפער די רפואות און איר אויסגעמאָלט ווי אַזוי זי וועט זיך דאַרפן פירן אין דער צייט פונעם היילן זיך. אָבער זיי קענען אַלץ נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי איז ער, אַ פרעמדער מענטש, אַהער געקומען, אויב זיי ווייסן גוט, אַז קיינער פון זיי האָט פון אים נישט געוווּסט און אים אַהער נישט גערופן??!

דער דאָקטער האָט זיך באַפרייט פונעם שרייבן און דערציילן, האָט ער זיך געבומען אַרומקוקן, ווו ער זיצט — זעט ער אויף דער וואַנט הענגט אַ בילד פון אַ שול־ייִנגל.

www.libtool.com.cn

— ווער איז דאָס ייִנגל? — פרעגט דער דאָקטער.

— ס'איז מײַן סאַשאַ — זאָגט די פרוי מיט אַ טרויעריקן פּנים — שוין צוויי יאָר, אַז מיר האָבן אים אָנגעוווירן.

— איר האָט נאָך בילדער זײַנע? — פרעגט דער דאָקטער.

— אַוודאי האָבן מיר, ווי דען, מיר האָבן נישט? — זאָגט די מוטער און דאָס מיידעלע, וואָס האָט זיך דאָ די גאַנצע צײַט אַרומגעדרייט און זיי האָבן אַרויסגענומען אַ פּאַק מיט פאָטאָגראַפיעס. דער דאָקטער האָט באַקוקט די קאָרטעס.

— יאָ, — האָט דער דאָקטער אָן ווערטער אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין — דאָס דאָזיקע ייִנגל איז ביי מיר היינט געווען, האָט מיך פאַר־בעטן צו אייך און האָט מיר געגעבן אייער אַדרעס.

צי קאָן איך גלויבן אין אַזעלכע זאַכן אָדער נישט? אַז דאָס זענען נישט קיין ליגנערישע אויסגעטראַכטע זאַכן אין דעם בין איך זיכער. נאָר ווי אַזוי קאָן עס אַלץ פאָרקומען?

אַז איך וועל אויסוואַקסן און באַגעגענען אין מײַן לעבן הויך גע־לערנטע מענטשן, וועלן זיי עס מיר זיכער געבן צו פאַרשטיין.

* * *

ביי עלטשיקן חיה־רייזלס דעם וואָזאַק איז דער שוועער אַ בלינדער מיט צוויי אָפענע אויגן ווייסע אַזוי ווי מילך. אַליין איז דער ייִד אַ הויכער מיט אַ ווייסער היפּשער באָרד און אַ בלייכן אָפּגעבליאַקעוועטן זעקל, און דערצו נאָך די אָפענע ווייסע צוויי אויגן. אין ליד זינגט זיך: עוור עינים חשוב כמת. איז עס אַן אמת: ביי דעם גרויס־וווקסיקן אַלטן ייִד, אויף די קינדערס קעסט, אַ גאַנצן טאָג אויף איין אָרט איז טאַקע אַ טויט לעבן. אָטאָ זענען דאָ אין שטאָט מאיר דער בלינדער, פּסח דער בלינדער און זיידל דער בלינדער. יענע זענען נישט קיין מתים. יענע גייען פּעסט און קלאַפּן מונטער מיט די שטעקנס און רעדן הויך אויף אַ קול, ווי אַ גאַנצע שטאָט באַלעבאַטים. מאיר גייט דאָך אַרום אין זשיטאָמיר, איז אַז ער קומט צו פאָרן אַהיים האָט ער נישט קיין פּנים פון קיין בעטלער,

www.libtool.com.cn

פאַרקערט — אַ מענטש מיט אַ שטעל. אַפּילו אַז אַ פּאָרל גייט איבערן שטאָט פאַרגייט מען צו זיי נאָך אַ נדבה. איין מיידל האָבן זיי שוין גיך צו לייטן. אין שטוב איז ביי זיי שיין און ריין, די פּאָלן ציכטיקע, די פענצטער אויסגעווישטע מיט געפּרעסטע פאָרהענגלעך פאַרהאַנגען. אין אויוון הייצט זיך און דאָס עסן שמעקט שיין, ווי אין דער פיינסטער שטוב.

זיידל דער בלינדער וווינט אין דער דאָלינע, ער זעט אויס לויט זיין נידעריק געזעצטן וווקס ווי אַ פּויער. אויףביידע אויגן זענען ביי אים בעלמעס און כסדר קוקן זיי ערגעץ אַרויף. איין מאָל אין וואָך גייט ער איבער דער שטאָט. ווען מיט אַ ייִנגעלע און ווען אַליין. אים וואָלט פּאַסן גיין באָרוועס, אַפּילו לויטן לייווענטענעם אָנטאָן, אין וועלכן ער גייט.

— ר׳ נחום, — טוט ער אַ זאָג הויך און די אויגן זענען ביי אים אונטערגעהויבן — גיט עפּעס אַ נדבה.

מערסטנס איז אָבער דער טאַטע נישטאָ אין שטוב. גיט די מאַמע די נדבה, דערקענט ער זי אַפּילו אין די טריט:

— ליבקאַ, ס׳דו?

זיין זון איז איצטער אַ גוטער אינזשיניער. ער האָט געהאַט גוטן חשק צום לערנען און ער האָט אויסגעפּיעט בעסער פון אַ סך באַלעבאַטישע קינדער.

דער דריטער, נאָך גאָר אַ יונגערמאַן אפשר פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, פּסח, איז יאָסל־חיים דעם האַרבאַטנס אַן איידעם, האָדלס מאַן: אַ שיינער, אַ גרויס־וווקסיקער מיט ברייטע קנאָכנס, מיט אַ געלבלעכער יונגער באָרד און אָפענע שיינע אויגן. זיי זעען אויס אַזוי ווי אויסגעוואַשענע. ווען ער דאַוונט און ווען ער רעדט אַפּילו זענען ביי אים איינגענעמענע פייכטע ליפּן. ער דאַוונט אַלץ אויף אויסנווייניק, מעגלעך, אַז ער קאָן נישט קיין פּירוש־המלות, אָבער ער דאַוונט מיט פלייס, ווענדט זיך צו גאָרנישט אָפּ, זאָגט הויך יעדעס וואָרט באַזונדער אַזוי ווי מע ציילט ניס. זיי צעשלאָגן זיך נישט און צעבויטן זיך נישט און קלעפּן זיך נישט אָן איינס אין דעם צווייטן.

www.libtool.com.cn

פסח איז אַ געטרייער מאַן ביי זיין ווייב. ער היט אָפּ דאָס שטוב־געזינד. די יינגלעך גייען אין חדר און מען צאָלט פאַר זיי שכר־לימוד. די מיידלעך זענען אויך געראָטענע און שיינע, הויכלעכע מיט ליכטיקע האָר און לויטער לויכטנדיקע אויגן.

פסח גייט אַרום איבער די דערפער מיט אַ פּאָר טאָרבעס איבער ביידע אַקסלען און פאַרדינט זיך קיין עין־הרע שיין דאָס לעבן. ער איילט זיך נישט. ער גייט אין שול אַריין דאַווענען. ס'טרעפט, אַז מען רופט אים צו אַ בר־מינן אויפזיין, זאָגט ער זיך נישט אָפּ און דינגט זיך נישט. ער נעמט וויפל יענער באַצאָלט. ס'איז דאָ אין אים אַ סך שיינקייט אין פּסחן, איך ווייס נאָר נישט, ווי אַזוי עס איבערגעבן אַקוראַט. און לעבעדיקע זענען זיי אַלע אויסער עלטשיק חיה־רייזלס שוועד. וועגן דעם ייד איז גאָר נישטאָ וואָס צום רעדן.

* * *

די בעלי־עגלות זענען ביי אונדז גאָלד מיט זילבער. שבת גייען זיי אין שול אַריין. ביידע הייסן זיי יעקל. איין יענקל דאַוונט טאַקע און דער צווייטער רעדט די גאַנצע צייט און קאָמאַנדעוועט. ווען אַרט עס, אַבי זיי קומען אין בית־המדרש אַריין. זומער פירן זיי שבת פּאַשען די פערד אי גאַנץ פרי אי נאָך וואַרעמעס. יענקל דער זשיטאָמירער פאָרט אין ווייטע נסיעות און אָפּט טאַקע גלייך קיין זשיטאָמיר. ער פירט אַהין דינסט־מיידלעך און מלמדים, פון דאָרטן אויך דאָס אייגענע, נאָר שוין נישט אַזוי אָפּט. ווייטער פאָרן מיט אים אַ מאָל קרעמערס נאָך סחורה, מחותנים אָנצוקוקן אַ שידוך. און ווער ס'דאַרף אַ מאָל צו אַ גרויסן דאָקטער! דערפאַר הייסט ער דער זשיטאָמירער. זיינע זין אפרים און משה זענען אויך ביי פערד. יענקל אַליין האָט געקריגן בירושה אַ גרויסע שטוב אין מיטן מאַרק. איז צום שוחטישן געסל גייען ביי אים די שאָפע, די שטאַל און די שטוב־טירן. און צום מאַרק גייען ביי אים אַ דריי פיר קלייטן, וואָס קרעמער דינגען ביי אים און צאָלן דירה־געלט. איצל מלכה דינטשיקס, נחמה און ווער דאָרטן נאָך!...

www.libtool.com.cn

יענקל דעם האָספּאָדאַרס יאַזדע איז קײן אָװריטש. און יהודה בער דער בעל־עגלה, װאָס בײַ סטיסיען בײַ זײַן װײַב טרינקט מען שבת זעלצער־װאַסער און מען פאַרבײַסט מיט אַ מאַנדל, איז זיך אַ שטילער בעל־עגלה מיט גוטע פערד. און זײַן װאָרט איז אַ װאָרט, נאָר ער האָט זיך בײַ אונדז לאַנג נישט געהאַלטן, ער איז אין גיכן אַרויסגעפאָרן קײן אַמעריקע. איז טאַקע יענקל דער האָספּאָדאַר געבליבן קײסער אויף אַלע אָװריטשער פאַרשױנען. אַט דאָס איז אַ בעל־עגלה מיט אַלע פּײַטשװעקעס און אַ צינגעלע בײַ אים אויף שרױפן. אַנטקעגן אים װעסט קײן מאָל קײן װאָרט נישט כאַפּן. ער האָט געזאָגט, אַז הײַנט זענען בײַ אים אין גאַנצן צװײ פאַרשױנדלעך, אַ לײדיקער װאָגן, צום סוף איז דער װאָגן אָנגעשטאָפּט װי אַ שטײג, נישטאָ װוּ אַ פוס אַרײַנצושטעלן.

— יענקל, װאָס איז עס פאַר אַ װאָרט? װאָס איז עס פאַר אַ פאַרעכץ?

נאָר ער הערט דיך, װי המן דעם גראַגער. אַ שטופּ אַהער, דעם אַרויף, אַהער יענעם. דער עולם שטופּט זיך נעבעך צונויף און ס'װערט אַן אָרט. דערפֿאַר אַז מען פאָרט שױן, דערצײלט ער מעשיות און דער עולם לאַכט אָן אַן אויפהער.

אויף יענער װעלט — זאָגט ער — װעט אים זײַן בעסער װי דעם רב. לאַכן די יונגע לײַט און די װײַבער זאָגן:

— װען װערט מען שױן פון דיר פּטור? — זאָגן זײ — ברענג שױן אונדז גיכער קײן אָװריטש און שיט אונדז אויס פון װאָגן.

אָבער ער פאַרגעסט נישט װוּ ער האַלט.

— אַט שטעלט אײַך פאָר — זאָגט ער — אַזאַ מין סאָרט געשעפט. אויף יענער װעלט קומט דער רב און איך שטעל זיך אויך צו. װעגן דעם רב איז דאָך נישטאָ קײן רײד. אַלע װײסן, אַז ער גײט גלײַך אין גן־עדן... נײן, — רופט זיך אָפּ דער שטן מקטרג — ס'איז אים נאָך װײַט ביזן גן־עדן. װאָס איז? — באַװײַזט דער שטן מיט אַלע אותות ומופתים, אַז דער דאָזיקער רב האָט אײן מאָל שבת צעריבן מיט די פינגער אַ פלוי. און די חכמים זאָגן, אַז אַ פלוי האָט אין זיך אַזאַ קלײן בײנדעלע. האָט ער דער דאָזיקער, הײסט עס, שבת מיט די אײגענע הענט צעבראָכן אַ בײנדעלע... מען פרעגט דעם רב צי איז עס אמת?

www.libtool.com.cn


שטומט ער נעבעך ווי אַ פיש. שיקט מען נאָך דער פלוי... דערווייל גיט דאָס גלעקל אַ קלונג: נאַ אָביעד! צעגייט זיך דער גאַנצער בית־דין אויף „אָביעד”. און מיט ווּעמען בלייבט נעבעך דער רב? האַ? — מיט דער פלוי! — — — —

איצט שטעלט אייך פאָר, אַז איך, יענקל דעם האָספּאָדאַרס, קום מיט מיין עלטער־כבוד, מחילה, אויף יענער וועלט... מאַכט מען מיר די אמתע באַגעגעניש: ס׳זעצט זיך אויס דער סוד. ס׳טייטש יענקל, דאָס! און ס׳טייטש יענקל יענץ! דערצו איז נאָך דער שטן, אַ רוח אין זיין ביין אַריין, נישט קאָנטעט: ס׳טייטש ער האָט מיך איין מאָל געכאַפּט מיט אַ שיקסע.

—איך פרעג נאָר אייך! — קערעוועט ער זיך אויס צו די פאַרשווי־נען — ווער שיקסע, וואָס שיקסע?

די פאַרשווינען קייכן פאָר געלעכטער.

— אויף אים איז אַלץ צו גלויבן — זאָגן זיי.

— אַ קיצור אַ געשעפט, — מאַכט ווייטער יענקל — מען ברענגט צו מיר די „קראָסאָאוויצע” אַהער. נישקשה פון אַ שטיק, מילא אויף מיר מעגט איר זיך שוין פאַרלאָזן... נו, גוט! — איך האָב זי דערקענט... זי מיר, אויך... מיר שמייכלען אין דער שטיל איינס צום צווייטן. דער־ווייל דערהערט זיך אַ קלונג: „נאַ אָביעד”! הויבן זיי זיך אַלע אויף... אָביעד איז אָביעד. און מיך פאַרשפּאַרט מען דערווייל... מיט וועמען?...

— גיי צו אַלדע שוואַרצע יאָר! — זאָגן די פאַרשווינען.

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי — ענטפערט יענקל — אָבער מיט וועמען?

— אַזאַ יאָר אויף דיר — ענטפערט שוין אַ יונג ווייבל — מיט וועמען. מיט דיין טייערער שיקסע. די כפרה זאָלט אירביידע ווערן, רבונו של עולם!

— אמן, אַלע יידן — ענטפערט יענקל — איז אים האָט מען טאַקע אָפּגעשטעלט מיט דער פלוי און מיך מיט דער שיקסע!... איז וועמען איז בעסער?... איז מיר טאַקע אויף יענער וועלט אויך נישט שלעכט... און ער טוט אַ כוואַשטשע מיטן בייטשל, גייען די פערדלעך אַוועק לעבע־דיקער. און אַלע פאַרשווינען העצקן זיך אונטער.

www.libtool.com.cn

דבורה די האָספּאָדיניע, יענקלס ווייב, איז אַ הויכע, אַ קרעפּטיקע, אַ שטאַלטנע. כאָטש זייער שטיבל איז מיט אַ נידעריקער סטעליע האָט זי אים דאָך אָנגעהאַט קיין עין־הרע שיינע קינדער. זיי פאָרן אויף די פערד רייטנדיק, ווי די אמתע מזיקים. ווי רוחות וואָלטן זיי געטראָגן.

אַז איך זע די אויסגעשפּאַנטע פערד יענקלס וויל איך זיי פרעגן אויף אָוריטש. אַ טאָג זענען זיי אין סלאָוועשנע, אַ טאָג אין אָוריטש. אַזוי אַ קיילעכדיקע וואָך כסדר, אַ קיילעכדיקן חודש, אַ קיילעכדיקן יאָר. אין היצן און אין קעלטן, אין בלאָטעס און אין שנייען. ווען די פעלדער זענען גרין און ווען די לאַנגן זענען ווייס פאַרווייט און באַדעקט מיט שניי. זיי זעען ווען עס הייבט זיך אָן דאָס יאָר, זיי זענען אין וועג ווען עס לאָזט זיך אויס דאָס יאָר.

דבורה די באַלעגאָלטשיכע גייט זומער מיט נאָך ווייבלעך און מיידלעך אין וואַלד נאָך יאַגעדעס. ס'איז אַ ביסל אַן איינשטעלעניש אין וואַלד. אַ מאָל אַן אומגעריכטער רעגן, אַ דונער, אַ כמאַרע. און אַ מאָל אַפילו אַ שלאַנג אָדער אַ וואָלף. מאַלע וואָס דו קענסט אָנטרעפן, אַז דו פאַרגייסט טיף אין וואַלד. און פאַרבלאָנדזשעט ווערן איז אויך נישט פון די שווערע זאַכן. אָבער פאַר נאַכט, אַז מען זעט די ווייבלעך שוין גיין פון דער האָנטשאַרסקער גאַס מיט די שווערע פולע קאָרבן אויף די פלייצעס, די קאָרבן זענען איבערגעדעקט מיט אַ האַנטוך אָדער מיט אַ ריין שמאַטקעלע, די ערשטע פון פאָרנט גייט דבורה און די איבעריקע נאָך איר, מען רעדט הויך, מען רעדט און מען לאַכט, ווערט אויף איטלעכן אַ שמחה אין שטאָט. און ס'נעמט אָן אַ חשק נישט אַנדערש מאָרגן אָדער איבערמאָרגן זיך אויפקלייבן אין אַ גוטער קאָמפּאַניע און אויך גיין אין וואַלד נאָך יאַגעדעס.

אַז איך טו אַ קלער איז גאָרנישט אַזוי שלעכט, אַז מען איז זיך אַ פעסטער בעל־עגלה. מען האָט זיך אַ שטיבל מיט אַן אייגענער געזינד, אַ ווייב מיט קינדער. אַ זשאָלאָב און אַ שטאַל מיט צוויי פערד לעם זשאָלאָב, און אַ גרויסער וואָגן אין הויף. אַזאַ מענטש איז גאָר אַ נייטיקער מענטש אין שטאָט. טאָמער עפּעס, סע דאַרף עמיצער פאָרן, שיקט מען פאַר נאַכט אַ קינד צו יענקלען, אָדער יענקליכן איז עס שוין פעסט אַזוי

www.libtool.com.cn

ווי ביי זיך אין קעשענע. מאַרגן אַרום צוועלף מעגסטו זיין גרייט מיט האַק און פּאַק. ער וועט צופאָרן צום שטוב מיט די גלעקלעך און מיטן קנאַק. ס'איז גאָר אַן אַנדער לעבן. אַ מאָל קומט צו פאָרן אַ בעל־עגלה פון אָווריטש, אויך אַ יידישער. אויך מיט גרויסע פערד. זיי פאַרפאָרן צו משהלען דעם טאַרהאַנסקער אין דער גרויסער שטאַל, אַ שטאַל אַזוי ווי אַ פעלד. דאָס מאַכט זיך אַ מאָל אַ פאַרשוין, וואָס קומט פון אַמעריקע. אָדער אַזוי אַ וואַלד־מענטש, דינגט מען אַ פרישן בעל־עגלה. און די פרייז איז ווערליק פאַר עטלעכע פאַרשוין מיט אַ מאָל.

* * *

נאָך אַ פּאָר מלאכות ביי אונדז אין שטעטל. און נאָך אַ פּאָר געשעפטן, מיט וואָס מענטשן זענען פאַרנומען.

סרוליק דער בויער, דער אַלטער יענקל און זיין זון ברוך דער בויער. זיי קענען טעסען קלעצער, מאַכן וואַרצאַפּעס, פענצטער־אושאַקעס און ביישטידלעך. זיי לייגן צונויף אַ שטוב, אַז ס'איז שיין צו קוקן. ס'איז אַ פאַרגעניגן צו זען, ווי אַזוי אַ געזינד כאַטש מען ברענגט זיך אויס, נאָר מען בויעט זיך אַן אייגענע דירה. מיט אַ הויף, מיט אַ שטאַל. ביי ברוכן דעם בויער איז נאָך דאָס בערדל אַ טונקלס, אָבער הייזער און מילן האָט ער שוין פאַר זיין לעבן אויסגעבויט אַ־האָ! און דאָס ווייב מיט די קינדער עסן ביי אים ברויט מיט קוילעטש אויפן פולן מויל.

אָבער פון אַלע מלאכות אין שטעטל איז מיר איינע געפעלן, אַז איך קאָן אייך גאָר אַזוי פיל נישט אַרויסגעבן. דאָס איז נחמן דעם שטריקל־דרייערס אַרבעט. דאָס, וואָס ביי זיין יינגל איז אַ נאָמען דער איינציקער אין שטעטל — יעקל — דאָס איז פון די קליינע זאַכן. דער עיקר די אַרבעט זייערע איז מיר זייער געפעלן. ער האָט נישט קיין אייגענעם הויף. ס'וואָלט געווען גוט, ווען ער האָט אַ לאַנגע שטאַל אָדער אַ שאָפּע. נאָר פון „וואָלט איך״ — זאָלט איך קומט גאָרנישט אַרויס. אַז בסך הכל זענען זיי גאָר אַליין געזעסן ביי יענעם אין שכנות. נאָר אַזוי ווי אין שטאָט איז דאָ גענוג פרייער פּלאַץ, האָט ער אַפילו נישט געפרעגט ביי

www.libtool.com.cn

קיינעם און זיך געשטעלט אין דער לינקער דאָלינע אויך לינקס פּאַר ביי
דעם פּלויט פון פּריצישן הויף, אָנגעהויבן פון בערגל אויפן וועג צו דער
שענק צו. שטעלט ער אַוועק אַזאַ סטאַנאָק נישט קיין גרויסן, וואָס האָט
פון איין זייט ווענטל, פון דער דרויסנדיקער, אַ גרינגע הילצערנע ראָד
פון אַ גרויסן פאַרנעם. מיט אַ הענטל צום דרייען. און פון דער צווייטער
אינעווייניקסטער זייט אַ פיר הילצערנע רעדלעך יעדעס די גרויס ווי
אַ קולאַק, וואָס לאָזן זיך גרינג דרייען. אויף יעדן פון די קליינע רעדלעך
אַן אייזן־האַקן. אַז מען דרייט פון יענער זייט דאָס ראָד הייבן זיך אָן
דרייען פון דער זייט אַלע פיר רעדלעך מיט די אייזערנע האַקן פון רעכטס
אויף לינקס. די פיר רעדלעך זענען צעשטעלט אין אַ פירעק, ווי אויף
אַ שילד אין אַ גלייכן קליינעם מהלך אָפּגעטיילט איינס פונעם צווייטן.
נעמט אונדזער נחמן אָפּגערייניקטן פלאַקס און פאַרטשעפּעט פריער
צַ האַקן פון איין רעדעלע. יעקל נעמט דרייען פון יענער זייט דאָס ראָד
נישט גיך און נחמן פירט מיט אַ שמאַטקע אָדער מיט אַ הענטשקע
און גייט אָפּ פונעם סטאַנאָק אַלץ ווייטער און ווייטער און אַלע זעען
באַשיימפערלעך, ווי פון אַ מאַסע געוויינלעכן צעפּוישטן פלאַקס ווערט
אויסגעאַרבעט אַ דין שטריקעלע אַ לאַנגס, אַ לאַנגס. שיר נישט ביזן
שענק לענגאויס דעם הויפישן פּלויט. אַז מ'וויערט פאַרטיק מיט איין
שטריקעלע, לאָזט ער עס איבער און גייט אַוועק צום אָנהויבס און דרייט
אויס פון פלאַקס נאָך אַזאַ שטריקל, אַזוי ביז פיר, אַלע פיר פון איין גרעב
און איין לענג. דערנאָך טוט ער אָן אַלע פיר שטריקעלעך, יעדעס שטרי־
קעלע אויף אַ באַזונדער האַקן און ער הייסט יעקלען דרייען דאָס ראָד.
הויבן זיך אָן גיך, גיך דרייען אַלע פיר רעדלעך און די פיר שטריקעלעך
הויבן זיך אָן פאַרדרייען אין איין גראָבער געפלאָכטענער שטריק:

— יעקל שטיי.

בלייבט יעקל שטיין. בלייבן שטיין די רעדעלעך מיט די האַקן.
בלייבן ליגן די פיר שטריקעלעך. נעמט נחמן דער שטריקל־דרייער אַזאַ
גרינג האַנט־קלעצעלע, ביי דעם־אַ קלעצעלע זענען אין אַלע פיר ווינק־
לען אויסגעזעצט און אויסגעשלייפט פיר עפענונגען, יעדע עפענונג איז
גרעבער פון אַ פינגער. אַהין שטעלט נחמן אַריין אין יעדער עפענונג

www.libtool.com.cn

אַ שטריקל. די שטריקלעך גייען דורך זיי גראַם און יעדעס גייט באַזונדער.

— יעקל דריי!

הויבן זיך אָן דרייען די פיר רעדעלעך מיט די אַנגעשפּילעטע שטריקעלעך. פון די פיר שטריקעלעך ווערט איין גראָבלעכער שטריק. און נחמן גייט מיטן צוגעפּאַסטן האַנט־קלעצעלע און גיט אַכטונג ס׳זאָל זיך גאָרנישט איבערפּלאָנטערן, ס׳זאָל אַלץ גיין גלייך. דאָס האַנט־קלעצעלע פּאַרט. פון דער זייט, וואָס צו יעקלען צו, איז שוין גאָלע שטריק, פון דער זייט, וואָס צו דער שענק צו, זענען נאָך אַלץ פיר קלאָטשעגע שטריקעלעך. דאָס ראָד יאָגט די רעדלעך גיך, גיך, ס׳הודעט אַזש. און די רעדעלעך שרייען צו די פיר שטריקעלעך און צווינגען זיי:

— באַהעפט זיך. באַהעפט זיך. אין איין גראָבער, שטאַרקער נייער שטריק.

— יעקל שטיי! — הערט זיך פון דער ווייטנס. — ס׳האָט זיך דאָ עפּעס פאַרפּלאָנטערט.

אויסגעגלייכט, געבראַכט אין אָרדענונג.

— יעקל דריי!

און מיר יינגלעך שטייען און קוקן און גאַפן. מיר קאָנען זיך נישט אָפּרייסן. מיר לויפן נאָך נאָך נחמנען. ער גייט צוריקווייליעכץ צו אונדז מיטן פּנים און מיר ווילן שוין זען מיט וואָס וועט זיך עס ענדיקן. אַ שיינע, שטייפע, אַ נייע שטריק!

דעם שטריקל־דרייערס ווייב, אַ הויכע בלייכלעכע יידענע קומט אויך אַהער נאָך עפּעס. זי וואַרט ביז נחמן וועט זיך אָפּשטעלן. און מיר קאָנען נישט אָפּרייסן די אויגן פונעם ווונדער — געוועזן אַ ביסל לויזער צעדרויבלטער פלאַקס און זע סאַראַ שיינע שטריק ס׳איז פון אים אַרויס! מע קאָן זי צעהענגען איבערן הויף און טריקענען אויף איר גרעט. מען קאָן מיט איר פאַרבינדן אַ וואָגן מיט סנאָפּעס. אַ שטריק — ס׳איז אַ כלי אין דער באַלעבאַטישקייט. און דער פויער קויפט זי גערן, ער דאַרף זי האָבן. ס׳ווילט זיך נאָך נישט אַוועקגיין פון דעם אָרט אין דער דאָלינע, ביים זייט הייפל. נאָר נחמן מיט יעקלען גייען דוכט זיך אַהיים עפּעס איבערבייסן. ער וועט זיי לאָזן אַ ביסל אַ דריי טאָן דאָס ראָד?!

www.libtool.com.cn

נאָר דאָס ראָד איז פאַרהאַמעוועט מיט עפּעס אַ מאַשינקעלע און עס וועט זיך נישט דרייען ביז נחמן מיט יעקלען וועלן זיך אַהער נישט אומקערן... און די פאַרטיקע שטריק האָבן זיי מיטגענומען אַהיים. ס׳וואָלט זיך וועלן אַ טאַפּ טאָן די שטריק, צי זי איז נאָך אַ וואַרעמע...

* * *

מיר האָבן נאָך אַ וואָונאַטשאָזקע מיט אַ סיטשקאַרניע. דאָרט לעם אברהמלען חיים־ראַובנס, צווישן טביה דעם קעסלערס און משה מרדכיס שטאַלן שטייען כסדר פורן און די וועגטלעך פון דער פאַרשטויבטער שטאַל ציטערן און אַ פּאָר פויערישע פערד דרייען דאָרט אַ ראָד אַזאַ, ווי ביי אונדזער סטאַמפּ פון דוב־קלאַפּן. אַ יינגעלע טרייבט אָן די פערד. דאָ אין דרויסן זענען די פערד, דאָס ראָד און דאָרטן אין שטאַל אינעווייניק, פאַרגייען די שאַרפע לאַנגע מעסערס איינס איבערן צווייטן און בייסן און שערן אויף פּיצלעך דאָס שטרוי, וואָס מען שטופּט ווי אין מויל אַריין דורך אַ ברייטלעכער הילצערנער קאַרעטקע און אַבי דאָס שטרוי דערלאַנגט זיך צו די מעסערדיקע ציין, רוען זיי נישט קיין רגע — טשיק־טשי־טשיק־טשיק און ס׳שיט זיך אין זאַק אַריין דריבנע ליכטיקע סיטשקע. כאָטש זי איז טרוקן, נאָר זי גליטשט זיך אַרויס מיט איר גלאַטקייט פון די הענט. פון דער צווייטער זייט שיט אַ יינגעלע אָדער דער באַלעבאָס אַליין די סיטשקע אין זאַק אַריין. ער טאָפּטשעט און טאָפּטשעט מיט אַלע כוחות, ווי שטייף דו זאָלסט נישט אָנטאָפּטשען איז דער זאַק מיט סיטשקע סיי ווי גרינג. ס׳איז נישט קיין קאָרן, ס׳איז געזע־ געגע שטרוי. די סיטשקע וועט מען פאַרפאַרען דער בהמה אין פּאַילאָ אַריין און צושיטן מיט אַ ביסעלע קלייען און אַ ביסעלע צוזאַלצן. מע וועט עס אַריינשיטן דעם פערד און צומישן צו דעם אַ האַלבן עמער האָבער. אַזוי ווי מיר עסן ברויט מיט עפּעס, אַזוי עסט דער סוס — סיטשקע מיט האָבער. סיטשקע אַ סך, האָבער ווייניק.

מיט דער וואָל איז שוין אַנדערש. די פויערים ברענגען שוואַרצע, ווייסע, געמישטע וואָל אין זעקלעך אָנגעשטאָפּט, אָדער אין רעדנעס

www.libtool.com.cn

איינגעבונדן. אין שטאַל ביי אַברהמלען שטייען דראַבינעס אַזעלכע מיט דראָטן ווי מיט שאַרפע אייזערנע הערלעך אַרומגעקלעפּט.

די באַראַבאַנען דרייט מען פאַר אַן אייזערן הענטל און די וואָל קעמט זיך, צעפליקט זיך און גייט איבער פון אַ שיטערן קאָם צו אַ געדיכטערן. אַ שטויב שטייט דאָ פון דער ערד ביזן סטעליע און גאָר אַפילו אַריבער! הערעלעך פליִען אין נאָז און אין מויל אַריין. די באַראַבאַנען, וואָס דרייען זיך, הודען, אַז מען הערט קיין וואָרט נישט. אָבער אין אַ שעה אַרום באַקומט דער פויער אויסגעקעמטע ווייכע מיטלקעס וואָל, ליכטיקע, טונקעלע, שוואַרצע. דער פויער לייגט עס פאַרזיכטיק צונויף, ציילט עס אַפילו איבער צוליב מער זיכערקייט וועגן און באַצאָלט פאַר דער אַרבעט. אויפן גאַנצן ווינטער וועלן די פויערטעס ביים קאָמין האָבן וואָס צו שפּינען און צו וועבן. און ס׳וועלן זיין וואַרעמע מלבושים פאַרן הויזגעזינד, און אַ טייל אַפילו וועט מען אַרויסטראָגן אין מאַרק צום פאַרקויפן.

* * *

מיר האָבן אין שטאָט אַ זאַוואָד פון ליכט. דער זאַוואָד איז דעם רבס. די הכנסה פון די ליכט איז זיינע. ביי אַ גוטן בעל־הבית איז אַ שטעלעכל פאַר עופות אַ סך גרעסער פונעם דאָזיקן זאַוואָד. נאָר פּרוּווט פאַר דעם געפינען אַן אַנדער נאָמען? אַ זאַוואָד איז אַ זאַוואָד. גראָדע פון נייעם געהילץ צונויפגעלייגט אַ חדרל, וואָס וועט אפשר האָבן פיר אַרשין אין דער לענג, פיר אין דער ברייט. און פון דאַך גייט אַרויס אַ ציגלענער קוימען. אינעווייניק איז ביי איין זייט איינגעמויערט אַן אָפענער קעסל, פרעגלט מען אין אים חלב. ס׳צעגייט זיך פון אים אַ ריח אַ זיסער, נאָר זייער אַ נודנער. ביים זייט מויער פונעם קעסל שטייט אַ כלי פון פיר גראָבע ברעטלעך מיט אַ דנאָ, ענלעך אויף אַ מולטער, נאָר שמעלער און טיפער פון אַ מולטער. אַהין גיסט מען אַריין דעם הייסן צעשמאָלצענעם חלב פול ביז די ברעגן. און מען נעמט צווישן די פינגער פון ביידע הענט פיר לאַנגלעכע שטעקלדיקע שפּיזלען מיט אָנגעניזשעטע פעדעמער

www.libtool.com.cn

אין דער גאַנצער לענג. דאָס זענען קנויטן פון די קומענדיקע ליכט. בערל מיכאל דעם סופרס זון, טוט דאָרטן די גאַנצע אַרבעט: ער הייצט, ער קאָכט, ער שניידט אָן, פאַרשלייפט און ניזשעט אָן די קנויטן. ער גיסט אָן מיט אַ הילצערנעם טשערפּאַקל דעם זודיקן צעשמאָלצענעם חלב. די שפּיזלען מיט די יונגע סילעטע קנויטן זענען ביי אים צעהאַנגען אין אַ סדר אויף לייטערלעך אַזעלכע ביי די ווענט. נעמט ער אָן איין גאַנג שפּיזלען, טוט זיי אַ טונק צוויי דריי מאָל אין דער צעשמאָלצענער מאַסע, דערנאָך איבערן אָפּגעוואָרפענעם ליגנדיקן פּעקל טוט ער פון דער לייכט אַ שטעל די פּיסלעך פון די איינגעטונקענע קנויטן. ווען ער פּילט, אַז ס׳טריפט שוין פון זיי מער נישט, הענגט ער זיי אויף אויף די לייטערלעך אויף זייער פריִערדיקן אָרט און נעמט אַ פרישן גאַנג שפּיזלען מיט די אָנגעניזשעטע קנויטן און טונקט זיי דורך. אַז דו ווילסט זעסטו פאַר זיך אויסגעסוכאָטעטע דינינקע ליכטלעך און אַז דו ווילסט, זעסטו פאַר זיך קנויטן, באַדעקטע מיט פעטס. ווען ער ווערט פאַרטיק מיט אַלע קנויטן, דערוואָרעמט ער אַ ביסל דעם קאַסטן צעשמאָלצענעם חלב און הויבט אָן פון די ערשטע שפּיזלען מיט די דין־דרעטלדיקע ליכטעלעך. ער טונקט זיי אין קאַסטן נעמען זיי אָן אויף זיך חלב און ווערן גרעבער אויף נאָך אַ מאָל אַזוי פיל.

ער טוט זיי אַ שטעל פון דער גרינג אויף דער פלאַך פונעם אָפּגע־וואָרפענעם גראָבן ברעטל. אַבי ס׳רינט פון זיי נישט מער, הענגט ער אויף די שפּיזלען אויף זייער פריִערדיקן פּלאַץ.

אַזוי חזרט ער איבער עטלעכע מאָל ביז ס׳ווערן שוין ליכט כמעט ווי ליכט. ליכט פאַבריקירט ער גרויסע און קליינע. די גרויסע גייען, לאָמיר זאָגן, 12 אויף אַ פונט. די קליינע — 20 אויף אַ פונט. אויף די גרעסערע ליכט זענען לענגער די קנויטן. אויף קלענערע — קירצער. אויך גייען אַרויס די גרעסערע ליכט אַ ביסעלע דיקער, נו, איז טאַקע נישט שלעכט אַזאַ ליכט, אַז מען שטעלט אַריין אין לייכטער און מען צינדט אָן ברענט עס העלער.

איין מאָל האָט אַ ווייב געזאָגט צו איר מאַן: מיין טייערער, ווען דו ביסט כאָטש אַ לאָמפּ!

www.libtool.com.cn

— וואָלט וואָס געווען?

— דו ווייסט נישט, וואָס ס'וואָלט געווען? דו וואָלסט ביי מיר געהאַנגען און געברענט ליכטיק. אַנטקעגן וואָס זאָג איך עס? אַנטקעגן די גרויסע ליכט. זיי הענגען אויך און בלויז אין די הענגלייכטער און ברענען ליכטיק.

אויף אַ טאָג לאָזט בערל איבער די ליכט אויף די שפּיזלען זיי זאָלן זיך אויסקילן און פאַרהאַרטעווען. דערנאָך גייט אַריין משהקע דעם רבס. ער איז מייבער אַן עלטערער חבר און אַ לערער. ער גייט אין ברילן מיט באַגילדעטע רעמלעך. ער איז איין מאָל נאָך זיי געפאָרן אַזש קיין קיעוו. איז משהקע אַליין אָדער מיט בערלען מיכאלס אין איינעם ציִען אַראָפּ די ליכט פון די הילצערנע שפּיזלען און לייגן זיי צונויף אין קעסטעלעך. די גרויסע באַזונדער און קליינע באַזונדער. די ליכט קאָן מען פאַרקויפן אויף דער וואָג און אויפן שטיק איינציקווייז. דאָס איז דעם רבס הכנסה: פאַרקויפן דער שטאָט הייוון און ליכט. הייוון ברענגט מען דעם רב פון אָוריטש. יענקל דעם האָספּאָדאַרס, אַז ער פאָרט דאָר־נערשטיק און אַ מאָל אַפילו מיטוואָך פון אָוריטש, שטעלט ער זיך מיט אַ קנאָק לעם רבס שטוב און ער דערלאַנגט אַראָפּ פון וואָגן אַ פאַרפּע־טשאַטעוועט קעסטל הייוון.

אַנדערע צאָלן פאַר הייוון און ליכט מזומן. אַנדערע באָרגן צו און מען פאַרשרייבט אין בוך.

ביז מען דערמאָנט זיך, אַז יענער זאָל באַצאָלן, קען אַוועקגיין אַ שיין ביסל צייט, אָבער אַז מען בעט אויף באָרגן איז דען דאָ אַ תירוץ?

• • •

ביי אונדזער איינבינדער איז אויך אַ „מאַסטערסקאַיאַ" און אויך אַ שיינע מלאכה. ער האָט אויך זיינע כלערליי געציייגן. מיט שרויפן, מיט פּרעסן, מיט שאַרפע לאַנגע מעסערס, מיט שאָלן, מיט פּאַפּ. און ער מאַכט אויך שיינע אַרבעט. פריִער איז עס געווען אַ פּאַפּוש און איצט איז עס אַ ספר אַ שיינדל ליב אין די הענט אַריין צו נעמען. מיט

www.libtool.com.cn

אַ קאַלענקאָרענעם איינבונד מיט אַ לעדערנעם רוקן. אויפן רוקן זענען איינגעבויערט שיינע רייפעלעך. אויפן אויבערשטן טאָוול איז אויסגעשניטן און צוגעקלעפּט אַ קאַלירט הערצעלע.

און זרחס ווייב גייט אויך אין מאַרק אַריין און זרחס קינדער גייען אויך אין חדר אַריין.

יעדערער האָט זיך זיין פּרנסה. ווער אַ ביסל געענגט און ווער בריווח.

* * *

אַ קליין שטעטעלע סלאָוועשנע. ס׳זאָלן דאָרטן זיין צוויי הונדערט יידישע הייזער? אַ ניין: מע זאָל זיך שניצן און מאָלן וועט אַפילו קיין 150 נישט זיין. דאַרף איך זיך דען גיין קריגן מיט די, וואָס וואַרפן אויס, אַז יידן ווילן נישט אַרבעטן. אַז יידן טוען גאָרנישט? מילא. ווער ס׳וויל — זאָל ער, נאָר אַז איך נעם מיין שטאָט מיט אירע מלאכות איז פון איטלעכן דאָ אַ גנץ: מיינע בעדערס, שערער, שמשים, זאַמד־פירער און ציגל־מאַכער, מיינע קרעמערס, האַרבאַרעס, און שוסטער, און שניי־דער, און פעלצנמאַכער, און שטריקל־דרייער, און שוחטים, און ליכטציִער, און זאָקן־מאַכערס, טיקערינס, נייטערינס, סאַרווערעס, עפּעס אַ קליי־קייט מיכל דער בעקער מיט די בולקעלעך, לעקעכלעך, בייגל, אייער בייגל, און קליינע זיסע בייגעלעך?! נעמען די רימערס: וויפל כאָמוטעס, שלייעס, אופּריאַזשן, ציימלעך און סידעלקעס זיי האָבן אָפּגעמאַכט פאַר פּריצים, פויערים און יידישע פערדלעך. הייגט מיינע וואַליזקעס. גראַ־באַרעס און וואַלד־מענטשן און סטאָליאַרעס. אַ יונג פּאָרפאָלק דאַרף חתונה האָבן גייט מען צו מיכלען דעם סטאָליאַר אין עק שליאַך און מען באַשטעלט אַ פּאָר פּאָליטורענע בעטן מיט אַ שאַפע, מיט אַ טיש, מיט אַ סאַמאָוואַר־טישעלע און מיט בענקלעך. און אַזוי ווי דער שניידער מאַכט די חתונה־קליידער, אַזוי מאַכט מיכל, אָדער יענקל דער דאַליגער, אָדער נחום מלכהס, אָדער גדליה פון דאַליבע אַ גאַרניטער מעבל. און אַז ס׳זענען נישטאָ קיין חתונות, מאַכט מען פענצטער און טירן, מאַכט מען לייסטן, מאַכט מען דאַרפיש מעבל און קאַסטנס.

רבונו של עולם, יויפל פרנסות אין מיין שטאָט ס׳געפינען זיך און

www.libtool.com.cn

אַלע בעטן צו איין גאָט. און קומען איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אויפן זעלבן הייליקן אָרט.

אמת, סידורים, מחזורים, ציצות און טליתים שרייבט מען אויס פון בערדיטשעוו, שניט־סחורה פון זשיטאָמיר, וואַרשע און פון קיעוו. מעטריקעס פאַר קינדער נעמט מען אַרויס ביים קאַזיאָנער ראַבינער אין אָווריטש. קלעזמער אויף אַ חתונה נעמט מען מערסטנטייל פון וועלעדניק. און אַ שידוך טוט מען אַ מאָל פון נאַראָדיטש, באַזאַר, אושאָמיר, וויסקערמיט און אַ מאָל פון אַ נאָענט דאָרף. ס׳איז נישט נאַריש — עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות... אַזאַ מין פיצעלע סלאָוועשנע, וואָס איז ווייט פון אַ באַן און פאַרשטעקט ערגעץ אין פּאָלעסיע, וואָס האָט הלוואי הונדערט פופציק יידישע הילצערנע הייזער. אָבער פּרוווט מיר אָנווייזן אַן אָרט, ווו ס׳איז נישטאָ קיין סלאָוועשנער?! וואָס? ווען לעדניק, ביורינסקי, נאַראָדיטש, באַזאַר, אושאָמיר איז דאָ אייך גאָרנישט? ביי מיר איז עס ע פּ ע ס. וואַרט נאָר צו. אָווריטש איז ביי אייך אויך גאָרנישט? און איסקערעסט? און מילטשון? און ראַדאָמישלע? און אַכאָטניקאָוו? וויקאָוויטש?! קאָפּישטש׳? אָלייסק, זשיטאָמיר, בילאָקאָ, ראָוואַוויטש? אין זשיטאָמיר זענען דאָ אַזעלכע, וואָס ווען שוין באַלד פאַרגעסן, אַז זיי קומען אַרויס פון אונדז. און טוראָוו ווילט איר? און באָראָוואָיע און טשערניכאָוו און פּעטריקאָוו און מאַזור און לעטשוץ און קיעוו מיינט איר איז גאָרנישט? וויפל מענטשן אונדזערע קען איך אייך אויסרעכענען, וואָס וווינען שוין דאָרט פון לאַנג און פירן זיך אויפן קיעווער שטייגער!? ס׳זענען דאָרטן דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן אויך אַפילו נישט קיין מזוזה ביי זיך אין שטוב. שאַט, שאַט, און אַז איך וועל אייך אָנרופן פּייטערבאָרג קענט איר דאָך נאָך מיך פאַרשטיינערן. טאָ זאָגט זשע מיר, ווו געפינט זיך יאָסל די פּיקסעלע, נישט אין פּייטערבאָרג? און די גורעצקעס, וואָס אַרבעטן אין קאַטערינאָסלאַוו און יאָסל דעם שניידערס קינדער? זענט איר שוין פּאַרטיק? און אַז איך וועל אייך זאָגן, אַז ס׳קומען אָן בריוו פון סאָרנע, פון קאָרעץ, פון לעמבערג, פון טשיקאַגאָ, נייעראַק, פילאַדעלפיע און לאָנדאָן. „דורך האָשעוו און דורך פּאָטאַפּאָוויטש”, נאָר מע האָט זיך דערלאַנגט. איך גלויב זיך טאַקע אַליין נישט, צי איז אַלץ אמת. נאָר ס׳איז אַזוי...